STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03331

AZOY TSU ZOGN

Shlomo Warzager

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואָרזאָגער

אַזוי צו זאָגן

עסייען

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

ייִדישן שרייַבער- און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישראל
קרן תל-אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ׳
אליעזר פּינעס-פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
קולטור-פאָנד בייַם ארגון יוצאי לובלין בישראל
רייזל און דוד פאַיוס-ליטעראַטור-פאָנד בייַם י. ל. פּרץ-פאַרלאַג

שלמה וואַרזאַגער

אַזוי צו זאָגן

עסייען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ״ה — 1985

Shlomo Worzoger

AS FOLLOWS

Essays

©

I. L. Peretz Publishing House
14 Brenner Str. Tel Aviv, Israel

Printed in Israel 1985

דפוס „אורלי" תל־אביב, טל. 372062



די פרײַנד
אַברהם סוצקעווער און מרדכי צאַנין —
אַ דאַנק
פאַר זייער ממשותדיקער הילף:
אַ דערפרייענדיקער אויסדרוק
פון באַציִונג צום ייִדישן וואָרט און
מחבר

דאָס איז אַ זאַמלונג פון עסייען, מאמרים, אָפּהאַנדלונגען, געשריבן — טיילווייַז פאַרעפנטלעכט — די לעצטע צען, פופצן יאָר.

נישט מבינות, אוודאי נישט פוסק־אחרונדיק, נייַערט מיינונגען וועגן שרייַבערס און ביכער, וואָס האָבן מיך אָנגערעגט צו זאָגן עפּעס — און אַזוי ווי איך זע און הער זיי.

עסיי איז פאַר מיר נאָך אַ זשאַנער צו ליד און פּראָזע, אויף וועלכע איך בין אויך — אפשר בעיקר — שעפעריש. אַ דאַנקבאַרע פאָרעם צו לאָזן הערן אויך זיך אַליין: אַן אייגן וואָרט וועגן מהות פון דיכטונג.

אוודאי איז אָנפּניותדיקייט, אָביעקטיווקייט אַ סייג נישט עובר צו זייַן. דאָס איז מיר נישט אַרויס פון זינען.

ס׳איז רעכט ס׳אָנשאָטענען פון אַ השערה בייַ אַ קונסט־מבין, אויפמערקזאַמען לייענער בנוגע מייַן נטיה צו סוביעקטיווקייט און סופּערלאַטיוו, וואָס קענטיקט זיך, צו מאָל, אין די דאָזיקע אַרבעטן און וועקן באַוואָרעניש.

איז דאָס אוודאי לעגיטים. פון דעסטוועגן קען אָזאַ השערה נישט מבטל מאַכן די לעגיטימקייט פון מחבר, וואָס דער באַניץ מיט די־אַ אַטריבוטן איז אינטעגראַלער שרייַב־נוסח און אייגנדיק פאַר זייַן קינסטלערישן אויסדרוק.

נאָך עפּעס:

צייַט. ווי שוין אויבן דערמאָנט, ס׳אויסברייטערן די ליטעראַרישע שעפערישקייט מיטן איבערגיין צו דער עסיי — איז צייַט אוודאי אַ גורם צו עווענטועלע קוואַליטעט־שינויים און זענען אפשר מערקבאַר.

עס ווילט זיך פון דעסטוועגן גלייבן, אַז אין סך־הכל פאַרלירן נישט די עסייען פון זייער אייגנאַרט, איינהייטלעכקייט אין אויסדרוק־ניוואָ און טראָגן דעם חותם פון שרייַבער.

אָפּרופן, אָפּפרעגן שאלות — לטוב ולרע — זענען נישט נעלם פון מייַן אויג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די וואַכיקייט בייַם אָפּקלייַב פון די אַרבעטן, וואָס קומען אַרייַן אין דאָזיקן בוך.

צי דאָס איז מיר געלונגען? —

דער מחבר

אינהאַלט

11 אַ וואָרט פריִער

15 אַברהם סוצקעווער

די פידלרויז 15

דער דיכטער פון חידוש 18

לידער פון טאָגבוך 22

די ערשטע נאַכט אין געטאָ 24

כּל־נדרי 27

פון אַלטע און יונגע כּתב־ידן 34

דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן 38

44 יצחק יאַנאַסאָוויטש

פנימער און נעמען 44

אין פּרדס פון ייִדיש 48

דאָס בשׂמים־ביקסל 55

די נײַקריטיק פון י. יאַנאַסאָוויטש 60

78 מרדכי צאַנין

דער ירדן פאַלט אַרײַן אין ים־המלח 78

דער שליסל צום הימל 91

95 יוסף פּאַפּיערניקאָוו

די גרינע ראָסע 98

102 יעקב צבי שאַרגעל

קוואַלן אַרום געצעלט 102

נישט קיין רעצענזיע 104

האַרבסטיקע טרויבן 106

דיכטונג פון אַ געדעמפּטן פּאַטאָס 110

115 געזעגן אויף אַ ווײַל

121 די דיכטונג פון הירש אָשעראָוויטש

127 בינם העלער

135 די סאָנעטן פון שלמה רויטמאַן

142 פון איצט און קיינמאָל

151 דער דיכטער משה יונגמאַן

159 רבקה באַסמאַנס לידער

165 אויף ווילנער ייִדישע גאַסן

170 צבי אײַזנמאַן

174 משה גאָרין

178 רחל פישמאַן

183 שפרה ווערבערס וווּנד אין בלי

188 הדסה רובין

192 מכּוח כּוח פון אות
198 אין דער מחיצה פון שאַפער
202 משה שולשטיין
205 בנימין שלעווין
210 קלמן סעגאַל
214 בלעטער פון אַלבאָם
218 פון אַלטער און נײַער היים
223 יצחק גאָלדקאָרן
דער שרײַבער און קריטיקער 223
פון וועלטקוואַל 226
229 ישראל קאַפּלאַן
235 אַ קרוג מיט ווײַן
239 אַ בוים אין פענצטער
245 מאיר יעלין
250 אַ שליטן מיט ייִשובניקעס
253 שטערן פאַלן לײַכטנדיק
256 לייענענדיק מאַלטינסקיס לידער
259 שמחה פּאָליאַקעוויטש
265 מאיר זימל טקאַטש
269 אברהם רייזען
275 יעקב גלאַטשטיין
278 משה וואַלדמאַנס פון אַלע ווײַטן
283 דער דיכטער פון פרומע לידער
286 פאָלקסטימלעכע לידער
290 אליעזר אַלעי
3טער באַנד „די גאַרבער־גאַס" 290
אויף פרעמדער ערד 294
298 אָשר שטשוטשינסקי
304 יוסף שטשאַווינסקי
308 הינדע דעמבאָלעצקי
312 אין פּשוטער ווערטער
316 לייב פאַפּיק — מענטש און דיכטער
320 דוד שטאָקפיש
323 לייב רובינליכט און זײַן ליד
328 פיר בענד ירושלימער אַלמאַנאַך
336 קאַפקאַ
344 דרײַ פּראָזאַיקערס
359 די מערכה פון ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע

אַ וואָרט פריִער

ווי אַזוי ווערט געבוירן אַ ליד, דערציילונג, אַ ראָמאַן? עס איז, ווי אַ שטייגער, ס׳אויסטראָגן, געבוירן אַ קינד — ווייטיק, צער, פרייד און ליבשאַפט.

ליבשאַפט און אויסדויער. צייַט. אַרבעט. דו ביסט פאַרקנעכט צוביידע. יצירה איז עבודת־כפּים, וואָס ווערט געטאָן מיט דער פען.

נישט איין מאָל איז דער שרייַבער אַ סיזיפוס, קאַטשעט און קאָלערט דעם שטיין. אַ שטיין, וואָס דער שרייַבער דאַרף אים שפּאַלטן מיט זייַן האַמער — די פען.

אַרבעט. אפשר גאָר אַ שפּיל. אַ שפּיל מיט פייַער. הייליק פייַער פון באַשאַף. ס׳אַ שפּיל מיטן לעבן. צו מאָל — מיטן אייגענעם לעבן.

קענסט נישט שאַפן, מחדש זייַן זיך, די אייגענע וועלט, אָן אַקט פון פרישה. פרישה לשם דערנענטערונג, ווידערבאַהעפטט.

אין דער אַ שפּיל, אין דער מיפולער אַרבעט פון קונסט, געפינט דער שאַפער חיות — אַפט מער ווי אין לעבן.

אָנהייבן הייבט זיך אָן דאָס ליד, די דערציילונג, פון אַ וואָרט, פון אַ וואָרט־צירוף, פון אַ שורה, אַ געדאַנקען־בילד, וואָס גיט פּלוצעם אַ העל אויף. עס איז אויפשטראַל פון אַן אינערלעכער וועלט, אַן אויס־געטראַגענער, אַן אויסגעוואַרעמטער, ווי דאָס געבוירלינג אין דער מאַמעס אינגעווייד. אַן אינערלעכער ליכטפּונקט. ליניעס. פאַרעם. פאַרב. אַנונגען. פנימער. געשטאַלטן. אַ ניסתרע וועלט — מענטש און גאָט־קיום.

יצירה איז נישט נאָר גאָט־קיום, נייַערט אַ טייל פון אים. אַ טייל פון דער געטלעכער שלמות, וואָס איז — אַז מען וויל — העכערע מענטש־לעכקייט. די אַזוי גערופענע — דינאַמישע פונדאַמענטאַלקייט.

דער שאַפער וויל, בכן, משלים זייַן דאָס, וואָס דער בורא האָט אין די זעקס טעג נישט אויסגעפייעט צו טאָן.

רעדט מען שוין פון בורא — אַזוי ווי גאָט דאַרף דעם שטן, אַזוי דאַרף דער מענטש דעם יצר־הרע. היפכא מסתברא איז די דינאַמאָ, דער

פּלוס־מינוס־שטראָם, װאָס שלאָגט אַרויס ליכט, כּוח, אויסשטראַלונג: דער מאָטאָ און מאָטאָר פון לעבן.

אָנעם יצר־הרע אין מענטש האָט דער רצון נישט װאָס צו טאָן. יצירה איז אַרויסשלאָגן ליכט פון פינצטערניש. כּידוע, איז פינצטערניש נישט קיין קערפּער פאַר זיך. פינצטערניש איז טונקעלער חלל, װוּ ס'ליכט איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען.

די מחשבה, אַז ס'ליכט װעט אַדורכשלאָגן דעם חושך; דער געדאַנק, אַז דאָס לאָזט זיך טאָן — גיט כּוח, אויסדויער צו גיין אויף דעם װעג.

גאָט חלומט אין פּאָעט, דענקט אין פילאָסאָף און דרימלט אין יעדער אַנדערן מענטש — האָט געזאָגט, אויב כ'האָב נישט קיין טעות, פּעטער אַלטנבערג און איך חזר עס איבער דאָ נאָך אַ מאָל.

די גדולה און גדלות פון שרייבער איז אין דער אידענטיפיקאַציע: אויפװעקן דעם דרימלענדיקן גאָט אין מענטש, אין קונסט־געניסער.

אידענטיפיקאַציע ברעכט אויף, װאַרפט אָפּ די מחיצה צװישן קינסט־לער און דער דרויסנדיקער װעלט. פאַראייניקט דורך דער בדידות, דורכן נייגער, דורך דער זוכעניש — שפּאַנען בײדע, דער שרײַבער און דער לייענער, אַריבער די גרענעץ פון רעאַליטעט, עקסיסטענציאַנאַליזם — צו דער װעלט פון חושים און עולם־הרוח.

ליבשאַפט צום מענטש, צו די געשילדערטע געשטאַלטן, קאָן מען דערגרייכן דורך צװיי װעגן: א) אינטעלעקטועלע סובלימאַציע, ב) אינס־טינקטיװע פעיִקייט, סגולה, אַריינלעבן זיך אין דער װעלט פון צװייטן; איבערנעמען זיך מיט יענעמס פרייד, ליידן, פּחדים.

ביידע װעגן זענען לעגיטים אין דער קונסטשאַפונג, בתּנאי — אַז ס'איז קונסט.

װאָס שייך דעם חומר:

אויך דער אָפּקלייב פון חומר צו אַ דערציילונג, ראָמאַן, ליד — איז אַ טייל פון דיכטער־מהות, טאַלאַנט. מ'קאָן אָנשרייבן אַ גוט ליד װעגן אַ בלום, אַ װאָלקנדל, אַ שמייכל פון אַ קינד און אַ שלעכט ליד װעגן — פרייהייט. רעװאָלוציע.

די סיבה איז נישט פון פעלן פון פּאָעטישקייט אין פּאָעט, אלא — ס'פעלן פון פּאָעזיע אין דער טעמע.

אזוי צו זאָגן

✶

עכטע יצירה מיינט: דערגרונטעווען זיך צום שורש, צום אמת פון דער אַנדערער זײַט פון די זאַכן — צום גורל פון די העלדן, וואָס ער פירט אַרויס און צו דער לאָגיק פון זייער טראַגישער פּילבאַרקייט און איבערלעבן אמת. נישט נאָר אויפכאַפּן, מאָלן בילדער, געשעענישן גע־זעענע, נאָר אויך, און בעיקר, בילדער, געשעענישן, וואָס זענען היפּאָ־טעטיש מעגלעך צו ווערן ווירקלעכקייט.

קונסט קאָן נישט, דאַרף נישט קומען אויפן אָרט פון אמונה. זי דאַרף אָבער האָבן אין זיך אַלע אַטריבוטן פון אויסלייזונג, אויפלייזונג. זי דאַרף אויפקלאָרן אַלע ניסתּרע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה, ברענ־גען טרייסט, ליבשאַפט — אַ קעגן־משקל צו זינד, פּחדים, יסורים. זי דאַרף טראָגן אין זיך דאָס געפיל, די שפּירונג פון דואַליזם אין מענטש־מהות:

— עפר אתה ואפר

— בצל אלוהים נברא האדם.

צום בולטסטן איז אָט דער מיין, די צווייִקייט אין דער קונסט, וואָס מיינט אויך מאָלערײַ, סקולפּטור, מוזיק — געקומען צום אויסדרוק אין דער תּקופה פון רענעסאַנס, וואָס נעמט זיך, אייגנטלעך, פון רעליגיעזן מקור — תּחיה: ווידערגעבורט.

די קונסט, וואָס דאַרף דינען סײַ דעם מענטש, סײַ גאָט, דאַרף דעריבער זײַן — הומאַניסטיש. עס מיינט: געבן נײַעם און פרײַען תּוכן, ממשות דער מענטשלעכער מחשבה און התנהגות און גלײַכצײַטיק נישט אָפּלייקענען די עקסיסטענץ פון גאָט: גאָט אין ברייטערן, פּאַנטעיִסטישן זין. ווײַל דער מענטש איז נישט קיין אַנאָנימער איינס. ער איז אַ יש, וואָס זוכט עקשנותדיק סײַ זײַן אָרט, סײַ זײַן תּיקון אין דער בריאה.

✶

די הויכע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען, פון איין זײַט, און פון דער צווייטער — די אוממעגלעכקייט צו לייזן די טאָג־טעגלעכע, געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען: הונגער, שינאה, קעגנזײַטיקער מאָרד — האָבן דערפירט דעם מענטש צו איבעווייניקסטער צעריסנקייט, צו אומבאַהאָלפנ־קייט, תּיסכּול.

איך טייל נישט די מיינונג פון די באַיאָער און נישט פון די פאַר־נייגער פון דער דאָזיקער דאָקטרינע. איך גלייב פון דעסטוועגן, אַז דאָס פעלן פון אַ באַלדיקער לייזונג פון די פּראָבלעמען — איז נאָך נישט סוף־פּסוק.

איז אפשר, מיין איך, די ברכה אין ספק — פאַר וואָס ספק? ווײַל דער ספק האָט לכל־הפּחות די מעלה, וואָס ער היט אויס דעם מענטש פון אַרײַנפאַלן אין... יאוש.

בלײַבט איבער צו ווינטשן זיך:

— אשרי המאמין... בספק.

אַברהם סוצקעווער

די פידלרויז

געלייענט איין מאָל, נאָך און נאָך אַ מאָל, און ווידער — איבערראַשט געוואָרן. וועגן אַ. סוצקעווערן האָט מען אַ סך געשריבן, האָבן אַ סך געשריבן און כמעט כולו — סופּערלאַטיוו.

טאַקע דערפאַר, מיין איך, איז אויך די סכנה פון נאָכזאָגן, איבער־חזרן עמעצן — געשטאַנען פאַר די אויגן.

יאָ, ווידער שבחים. נו, און אַז די שבחים זענען פאַרדינטע?

אַז דו שטייסט צום וויפלטן מאָל מיט חידוש און פאַרגאַפונג פאַר אַ נאַטור־דערשיינונג: ניאַגאַרער וואַסערפאַל. דאָס עפענען און פאַרמאַכן זיך פון אַ מימאָזע. דער אומבייט פון טאָג און נאַכט.

פאַר וואָס קען אַזאַ דערשיינונג נישט זיין אין דער קונסט? אין דער אויפנעם־ און אויסדרוק־וועלט פון קינסטלער?

תמיד ווען כ׳הער בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע „דער גורל קלאַפּט אין טיר״ איז די איבערלעבונג אַן ערשטמאָליקע. באַוואונדער ווידער און ווידער זיין קינדישע התפעלות, אינערלעכע צעשטורעמטע שימחה. אָפט פאַרציט זיך איבער דער שימחה אַ מעלאַנכאָליע: צער און טרויעריקע גוטסקייט. אומגעזעטיקטער הונגער נאָך שיינקייט.

אַלע דריי דימענסיעס — ברייט, לענג, טיף, — אויך די פערטע דימענסיע (דערווייל בגדר השערה) — צייט — קומען צום אויסדרוק, ווו מער, ווו ווייניקער, אין דער דאָזיקער זאַמלונג.

„אָרט און צייט״ — אַ ליד ווו דער דיכטער זעט זיך אומגעריכט לעבן אַן אַכצן־יאָריק מיידל אין אויטאָבוס — „אַ בינשטאָק״...

אויף מענטשן־לשון זשומען זיי. מיר שטייט ניט ביי דער זכות:
אַן אָרט צו זיצן וועל איך ניט געפינען.
— —

פאַרקלעמט אין קלאַמערס און באַנומען הער איך מיין גזר־דין,
עס וואַקסט מיר אויס אַ באָרד אַ קילאָמעטער.
כ׳ווער עלטער פון אַ קיזלשטיין אין וויסטעניש. איך בין
אַ שאָטן פון אַ בער. נאָר זאָג איר שפּעטער:

ער דאַנקט איר, דער דיכטער, פאַרן אָפּטרעטן אים איר אָרט און „פאַרן ווייטיק":

איך לאָז דיר פרײַ מײַן צײַט, אויב דיר איז נייטיק.

(„די פידלרויז", פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", ת"א 1974, ז' 59)

אָדער, למשל, דאָס ליד „פאַרברענטע צײַט":

פאַראַן. בין דאָ. ווי לאַנג האָב איך געדרימלט?

איך ליג אַן אויסגעטרוימטער אויפן דעק פון אַ ווולקאַן.

ס'איז גליִענדיקער חושך. אויבן הימלט.

ווי לאַנג האָב איך געדרימלט? כ'הער אַ קול:

„ס'איז צײַט פאַרברענט — —"

(דאָרט, ז' 29)

און נאָך צוויי שורות פון אַ ליד:

דערלויב מיר צו דערציילן ווער איך בין,

— —

אַ ביניקער דאָס מיינט: איך בין אי הײַנטיק, אי אַלצײַטיק.

(דאָרט ז' 30)

לכאורה — פשוטע ווערטער. אָפּט אויך — נישט אָן כוונה — אַלטמאָדיש. עס איז אָבער אַ מאָדערניזירטע מאָדיפיקאַציע פון אַלטמאָדיש־קייט מיט נײַעם, אייגענעם געזאַנג, פּרעציזיע, מיט ריטעם פון צײַט און אָרט.

סוקצעסיווע נײַ־וואָרטיקייט, אויסדרוק־באַנײַונג האָבן זייער אייגענע אויסמעסטונג און פאַרוואַנדלונג. דאָס זעלבע קען מען, מעג מען זאָגן וועגן זײַן אויסגעברייטערטער פּאָעטישער טעמאַטיק.

סוקצעסיווע וואָרט, וואָרט־ווערטיקייט (נישט ווי אַן אויסערלעכער אַטריבוט, נײַערט ווי אַן אינערלעכער מאַגישער שאַפונגס־כוח, אַן אידעיִש־אָרגאַנישע נוסח־בויטוועגדיקייט) איז סײַ סימבאָליש, סײַ ממשותדיק. סימבאָליש — אין אויסדרוק, ממשותדיק — מיט דער דערנענטערונג צום עסענץ פון לעבן.

אַן אייגענע וועלט פון זען, שפּירן, דעשיפרירן שטימונגען, רעמיניס־צענצן פון סביבה, צײַט און — דורכויס אייגענע טראַנספאָרמאַציע־פאָרמען, מיטלען, בילדער. אַלע געוווּנטשענע ליד־עלעמענטן זענען גלײַכע שותּפים צום געזאַנג־פעסטיוואַל פון זײַן פּאָעטישער שאַפונג.

נישט הערמעטיש.

אויפנעמען סוצקעווערס וואָרט־ און בילד־אַנגעלאָדנקייט איז נישט אַזוי שווער, ווי ס׳דאַכט זיך בעתן ערשטן מאָל לייענען זײַן ליד. די אינערלעכע קלאָרקייט — אַפילו ווען ס׳פירן צו איר געדרייטע, שטאָלצע טרעפּ — ווערט בײַם צווייטן, דריטן מאָל לייענען אויך די נחלה פון לייענער.

קלאָרקייט מוז נישט זײַן זעלבסטפאַרשטענדלעך. ס׳איז אַ מעטאַפיזי־שער אמת. אַ שטייגער: בריאת־העולם, וואָס איז סײַ סוד, סײַ רעאַליטעט. ס׳איז אינערלעכע ליכט, לאָגיק.

ובכן, דער קלאָרקייט־אַנוווקס ווערט מיט יעדן מאָל לייענען העלער, היימישער. און דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער ווונטש, דער ציל פון דיכטער.

איך באַמי זיך, וואָס אַן אמת, באַגיין אַן ציטאַטן, מחמת זיי קענען מחטיא זײַן מײַן קורצע אָפּהאַנדלונג און מוז דאָך — כאָטש בצימצום — זיך אַרויסהעלפן מיט ראיות פון מקור:

צווישן קלאַנגען־סודות וואָס איך האַלט זיי אויף אַ ריגל,
סודות פון בני־אָדם, שטיינער, אײַנוווינער מיט פליגל,
— —
אַלע יאָרן זוך איך פאַר זײַן אוי אַ דריטן אויער,
אַז דער ווידוי זאָל ניט גיין פאַרלוירן און קאַפּויער.
אפשר וועל איך אים אַ מאָל געפינען אין גן־עדן
ווו די ריידעוודיקע שטומען און די שטומע ריידן.

(דאָרט, ז׳ 9)

דער „אוי" פון שטומען מיינט נישט דווקא דעם שטומען בפועל־ממש, נײַערט דעם פּשוטן מענטש באשר הוא אדם, בעיקר דעם פערטן פון דער אגדה „ואחד שאינו יודע לשאול".

דאַרף מען נישט שלעכט פאַרשטיין סוצקעווערס „אויסטערלישע ווערטער", ווו ער דריקט זיך אויס:

ווען ליכטיק איז געוואָרן מיר בתגלה,
אַז איך, אַברהם, אַנדערש בין ווי אַלע:
איך דאַרף שוין ניט צעזעצן תּרחס געצן,

שלמה וואַרזאַגער

וואָדען? איך דאַרף גאָר בויען די געזעצן
פאַר אויסטערלישע ווערטער. זייער פּיקעניש
אין האַרצן, איז מײַן רוחניות און דערקוויקעניש.

(דאַרט, ז' 12)

טאַקע אַ דאַנק זײַן אַנדערשקייט, און מיט זײַנע אויסטערלישע ווערטער, דערגרונטעוועט זיך סוצקעווער צום סוד און צו די יסודות פון מענטשלעכן קיום: צו דער טיפעניש פון זײַן נישט־אויסגעשריגענעם „אוי״.

די גרויסקייט פון סוצקעווערס שאַפונג באַשטייט נישט נאָר אין דער מלאכת־מחשבה און פּאָעטישער שיינקייט, נײַערט אין איר סגולה פון אויפדעקן, עפענען אַ טירל צו דער דיכטערוועלט, צו דער שעפערי־שער פּערזענלעכקייט.

✶

די לעצטע פופצן־צוואַנציק יאָר מערקט זיך אַ געוואַלדיקע ירידה אין דער השפעה פון ראָמאַן, ליד, וואָס איז גראָד צווישן בײדע וועלט־מלחמות און עטלעכע יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ ווירקנדיקער כוח אין גײַסטיקן, מאָראַלישן לעבן.

אין לעצטן צענדליק יאָר איז בכלל פאַרקירצט געוואָרן דער אורך־רוח פון יעדן קונסטווערק.

די מאָראַליש־דערציִערישע, עטישע ראָלע פון ראָמאַן, ליד, דראַמע — האָבן שוין פון לאַנג „אָפּגעשפּילט זייער ראָלע״.

איז גוט צו דערמאָנען אַצינד, לייענענדיק סוצקעווערס „די פידל־רויז״, דעם זאָג פון איטאַליענישן שרײַבער קאַטאַניאַ:

„...אַל דאָס גוטס און שלעכטס וואָס ווערט געטאָן אויף דער ערד און אויפן הימל וועט אָנהאַלטן נאָר אַ דאַנק דעם אויסבאַהאַלטן זיך פון אלף־בית צווישן די קנייטשן פון פּאַפּירוס״.

דער דיכטער פון חידוש

דאָ האָט אונדז סוצקעווער ווידער פאַרוווּנדערט. און גראָד מיטן היפוך — נישט מיטן געשליפענעם פּערז, נישט מיט זײַן ביז ווײַטיק

געמאָסטענעם גאַנג אין „געהיימשטאָט". ער האָט אויסגעטאָן פון זיך די גורלדיקייט, אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּייַנענדיק־שייַנענדיקע פּנים און אַרייַן אין זייַן אורגעשטאַלט — דזשונגל.

און ווי באַלד דזשונגל — איז אַוועק מיט די שטאָטישע מאָסן און שיינקייטן. די אייבערהאַנט איבער אַלעם באַקומט די סטיכיע: יענער אורדראַנג נאָך שיינקייט, איידער דאָס וואָרט איז נאָך געבוירן געוואָרן. נאָך איידער דאָס וואָרט ליבשאַפט איז געווען אויף די ליפּן פון אַ מענטשן. אַלץ ווערט דזשונגלדיק־נאַטירלעך. אין אָט דער אַטמאָספער דערשייַנט אויך אַנדערש זייַן לידקלימאַט.

אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפן.
אונטער זיבן שטראָמען שלאָפט די שרעק.

— —

אין די אויגן צוויי וואָס זענען אָפן —
אויגן צוויי פון גאָט וואָס זענען אָפן.

(„העלפאַנדן ביַי נאַכט" [„נסיעה איבער אַפריקע"],
פּאָעטישע ווערק, באַנד צוויי, פ"ג „די גאָלדענע קייט",
ת"א 1963, ז' 175)

אין דער אָ שרעקיקער דזשונגלוועלט זעען די אויגן (פון גאָט צי פון דיכטער) אַן „ער", וואָס יאָגט אַ „זי" ביַי נאַכט אין וואַלד. און „טויטערהייט איז פול מיט אים דאָס לעבן". די ליבשאַפט פון חיה צו חיה דווקא אין דער ווילדעניש, אין די „ציין פון דזשונגל", אין דער לייבן־און העלפאַנד־ממשלה, אין דער אָפּגעפרעמדקייט פון מענטשלעכן מין — ווערט דאָ אַזוי נאָענט, טיף מענטשלעך.

דערבאַרעם זיך און שיק דייַן צונג — דעם וואָלקן —
און באַצאָל מיט זילבערגעלט פון וואַסער.

(דאָרט, ז' 178)

דאָס זענען צוויי שורות פון אַ ליד „רעגנטאַנץ". אַ לייב ברומט צום גאָט פון רעגן שאַנגאָ, אַזאַ ליריש געזאַנג פון אַ לייב, אַ האַרץ פון אַ לייב, וואָס „ברומט און ברומט". דער צער פון דער מעכטיקער חיה, וואָס איז אַזוי אוממעכטיק קעגן גאָט פון רעגן שאַנגאָ. דער לייב וויינט ווי אַ קינד און ענדיקט, אַז אויב מען וועט אים טויטן, וועלן זייַנע טרערן טאַנצן „וואַסער, וואַסער".

לייב, טרערן, גאָט, דזשונגל — ווי כּאַאָטיש די באַגריפן און ווי נאַטירלעך, מענטשלעך־טראַגיש זייער צוזאַמענהאַנג. די מענטשלעכע טענה פון דער שטומער צונג רופט זיך אַזוי בולט איבער מיט דעם בילן פון דער מוטערהונט צו דער לבֿנה (יעסענין).

אוּן איצט: נאָר פיר שורות פון אַ נייַן־שורהדיק ליד:

מיט מעסערס בלישטשענדיק פון בלוט
שוואַרצזילבערדיקע לייַבער —
טאַנצן אויס נקמה קעגן הויכקייט:
— —
הויכקייט איז די נאַרישקייט, וואָס וויל דערגרייכן גאָט.

(דאָרט, ז׳ 180)

סאַראַ קאָלאָריט, סאַראַ טראַכטונגען אין בילדער, סאַראַ קלאַנגיקייט אין זייער טאַנץ. טראַכטונגען — האָב איך געזאָגט. נישט אין סאָציאַלן מאָמענט גייט דאָ. על־כּל־פּנים, מיין איך, אַז אויך דעם דיכטער גייט נישט אין דעם. הויכקייט מיינט מען דאָ: גאָטדערגרייכונג, אייראָפּעיִשקייט, קולטור, ציוויליזאַציע, וואָס וויל ברענגען חורבן דער דזשונגל־פרייַהייט. דער אינסטינקטיווער פּראָטעסט קעגן די „הויכקייטן". וואָס פּאָר אַ צאָרן, וואָס פאַר אַ מעטאָדן קעגן וועלן פאַרדאַרבן זייער היימלאַנד; סאַראַ פּראָטעסט קעגן די „ווילדע" הויכקייטן פון יענער זייַט וועלט.

אַזוי פיל אמת, רעגנבויגיק־שיין, בליציק, אַזוי מענטשלעך. ווו ליגט דער כּח? דער כּח ליגט אין דער באַווירקנדיקער סטיכיע פון וועלכער ער אַליין, דער דיכטער און דאָס פּינטעלע אמת אין דיכטער שטאַמען: פון וואַנען ס'שטאַמט „זייַן הויכקייט" וואָס איז אפשר נישט מער ווי אַ מאַסקע. זיי — די דזשונגל־ברידער — טראָגן נאָך דערווייַל זייַן אורגע־שטאַלט. און ווי באַלד דזשונגל, איז דאָך אַ דיכטערס האַרץ אויך נישט מער ווי בלוט און פלייש. און דערפאַר אַזאַ רויִע, ברוטאַלע ליבע.

ליבעלידער זענען נישט אַזוי אייגנטימלעך אין סוצקעווערס שאַ־פונגוועלט. און גאָר אַזאַ שורה:

סייַדן ווערסט אַ לייב צו אונדזער חתונה מיר ברענגען

דאָס איז דער ווונטש פון דיכטערס כּלה, וואָס גרייט זיך ווערן זייַן ווייַב, וועמען ער האָט „אַ מאָל געליבט אומענדלעך" (ווידער אור־אַסאָציאַציעס).

ווי מאָדנע עס זענען די פאַרלאַנגען פון פאַרליבטע אין דזשונגל: נישט קיין טויטע זילבערפוקסן אויף די אַקסל, נאָר אַ לעבעדיקער לייב. און ווי אַזוי פּראָוועט מען אַ ליבענאַכט? אין אַ דאָרף „צוזאַמען מיט די שטערן". די אינערלעכע געפילוועלט פון קינסטלער אידענטיפיצירט זיך פולשטענדיק מיטן אומגעקינצלטן דרויסן.

היינו, וועלכער האָט מער ווי סוצקעווער זיך אויסגעליבט אין דער פּאָעזיע, האָט זיך נישט אַזוי ברוטאַל אויפגעפירט. און דאָס דאַרף געזאָגט ווערן גראָדע צום שבח פון סוצקעווערן. אַ דיכטער, וואָס ווייס צו דער־ציילן פון אַ דונער, וואָס רעקאָמענדירט זיך ווי אַ חתן צו אַ וואַלדמיידל, און דאָס מיידל „באַדאַנקט" אים און שדכנט אים צו אַ כוואַליע פון טײַך טוגאַלאַ; אַ דיכטער, וואָס וויל זיך פאַרקנסן צו אַ כּלה־בוים און „זי זאָל אים אַ ביימעלע געבוירן" — אַזאַ מין דיכטער קאָן אַנדערש נישט ליבן, ווײַל סוצקעווער איז נישט „קראַנק פון ליבע". ער איז באַווירקט פון דער סטיכיע, וואָס שמעלצט צוריק איבער מענטש אין נאַטור, און — פאַרקערט. ווען דזשונגל ווערט מענטשלעך, מוז מענטש ווערן — דזשונגל. און דערפאַר סוצקעווערס נאַטירלעכקייט אין די אומנאַטירלעכע ליבע־ראָמאַנסן. דערפאַר דער נייער חידוש, די פרײַקייט, די שורות מיט ריטעם פון לייבנטריט אין וואַלד. אַדרבא, לייענט, די העלפאַנדן:

— — זיי שפּאַנען
איינציקווײַז דורך ווייַנענדיקע וועלדער

דאָס האָט אַ שלאַנג
טאַטוירט איר אײַפערזוכט אין שיינעם באַנטו־נעגער.

[פייגל] שימערן מיט פאַרבן, וואָס אַ מענטש איז זיי נישט ווערט,
(דאָרט, ז' 188, 182, 183)

דאָס זענען אָפּגעריסענע שורות, אָבער זיי דערגאַנצן דאָס אויבן געזאָגטע הן וועגן דער פאָרעם, הן וועגן תּוכן.

דער פאַרהעלטענישמעסיק קליינער ציקל „העלפאַנדן בײַ נאַכט" איז פול מיט געזאַנג, מיט בענקשאַפט, מיט פאַרביקער קלאַנגיקייט פון אַ קדמונים־וועלט, וואָס רײַסט זיך און ווײַזט זיך דורך דער מענטשלעכער, סובטעלער, אינטימסטער דיכטערוועלט פון אַ. סוצקעווער.

שלמה וואַרזאַגער

לידער פון טאָגבוך

נײַע לידנאָרמעס און טראַדיציאָנעלער שטייגער. מאָדערניזם אין קלאַסישן זין פון וואָרט. ניין. קיין שום „איזם" איז נישט חל אויף אַברהם סוצקעווער. אַלע שולעס זענען פאַר אים — שאַלן. אַזאַ יאַדערדיקע דיכטער־פּערזענלעכקייט וואַקסט אַרויס און אַריבער אַלע שולעס.

יאָ, געווען, פאַראַן גרויסע פּאָעטן אַבער אַ. סוצקעווער איז תמצית פון אַלע פּאָעטישע סגולות. דערקלערן? —

דערקלערן? ווי אַזוי דערקלערן?
די זון איז ניט געוואָרן קעלטער,
נאָר שמעלצן קאָן זי ניט קיין טרערן
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

(„לידער פון טאָגבוך", פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", ת"א 1977, ז' 34)

איז גוט וואָס די קינדהייט אין סוצקעווערס רײַפער פּאָעזיע ווערט נישט עלטער.

סוצקעווערן ציטירן מיינט קאָפּירן — אין דעם פאַל — אַלע זיבן און זיבעציק זײַטלעך פון קליינעם־גרויסן לידערבוך.

איז שוין בעסער אַ משל: אַ שדכן איז געקומען רעדן אַ שידוך. זאָגט צו אים די מאַמע פון דער טאָכטער, אַז דער חתן דאַרף זײַן שיין און קלוג און רײַך און פון אַ מיוחסדיקער משפּחה. מײַן ליבע פרוי — ענטפערט איר דער שדכן — איך מאַך פון דעם עטלעכע שידוכים.

קאָן מען, בכן, פון אַזאַ ברכהדיקן דיכטער מיט אַזוי פיל פּאָעטישע אַטריבוטן „מאַכן" מער ווי עטלעכע דיכטערס און יעדער איינער — פון ניט קיין קליינער קוואַליטעט.

געגנוג אַ בליק כאַפּן אויפן אויסערלעכן אויסזען פון לידערבוך: אַ ליד — אַ זײַטעלע. אַלע אונטער איין נאָמען — דער קאָפּ פון בוך. די אינהאַלט־פאַרצייכעניש — לויט דער ערשטער שורה פון ליד. דרײַ מיניאַטור־אויטאָפּאָרטרעטן — קויל — די צעטייל־און פאַרבינד־ווענט־לעך פון די דרײַ אָפּטיילונגען. נישטאָ קיין דאַטע אונטערן ליד. איין דאַטע פאַר אַלע — 76־1974.

איז אָט די צורה, בוכפאָרמאַט, נישט ניַי, אָריגינעל — נוסח סוצקע־וער ?

יאָ, אויך צורה איז, אויב נישט אינטעגראַל, מרמז אויף תּוכן — אָוודאי און אַוודאי ביַי סוצקעווערן.

דאָס גליַיכן איז ביַי סוצקעווערן נישט קיין נאָווינע: צו זיַין תּוכנדיק, קאָנקרעט אין דער אַבסטראַקטקייט און אַבסטראַקט אין דעם קאָנקרעטן. ביידע דערפירן — פּאָעטיש־ניַי — צו רעאַליטעט, צו קלאָרקייט, אָן אָנגעזאָפּטער מיט סוגעסטיע פון אינעווייניקסטן לעבן.

„גאָט דענקט אין פילאָסאָף, חלומט אין פּאָעט און דרימלט אין יעדער צווייטן מענטש" — האָט ווער געזאָגט. איז אַ דיכטער מסוגל אָט דעם „דרימל" געבן אויסדרוק, שייַנקייט און וואָרהאַפטיקייט — ווערט ער נאָענט יעדן צווייטן מענטש. ער ווערט זייער אויער, זייער אויג, זייער מויל: די צונג פון אַלע „שטומע צונגען". — זיי, די אַנאָנימע, ווערן זיַין סינאָנים און — דער בונד איז געשלאָסן.

ס'דערנענטערט זיך די וויַיט. נאָך אַלע ריַיזעס, אַוואַנטורעס
און לייגן קלאַפּטער אויף פּאַפּיר ביַים שאָטן פון אַ שפּאַרבער,
לאָז איבער צוויי (ווי טאָג מיט נאַכט) צונויפגעגראַמטע שורות
און זאָלן זיך מיט זיי צעטיילן דיַינע יונגע אַרבער.

(דאָרט, ז' 7)

ראַפינירטע שפּראַך־עשירות. טאַנאַלע סימפאָניע. מיט קלוגער פּשטות פירט ער דיך אַריַין אין זיַין אייגענער (וואָס ווערט אויך דיַין) רעאַליטעט פון עמאָציאָנעלער בילדערישקייט: געדאַנקען־פּאַרטיפונג און לירישע שפּאַנונג.

אָוודאי דאַרף מען האָבן אַן איידל אויער, אַן אינערלעך אויג צו דער וואָרטמוזיק. זיַין גראַם — אַ פינקטלעכער, אַ נאַטירלעכער: גליַיכמאָ־סיק, ווי אַ ווינקל פון אַ צעפּערטלטן קריַיז. קיַילעכדיק, ווי די זון. בויגעוודיק, ווי די לבנה אין מיטן חודש.

„און צווישן וואָרט און וואָרט אַ שוויַיגן, וואָס די האַנט און צונג שאַפט" (אַ גראַם צו „יונגשאַפט"), איז דאָס אַ „דימענטן שוויַיגן", „וואולקאַן פון שטילקייט".

„...אַז פידלען זאָלן שפּילן פון די שטיקער", אָדער: „...צו ליב האָבן ביז לעצטן טראָפּן שינאה..."

אין דאָס האַרמאָניע פון קאָנטראַסט. דורך איפכא־מסתבראַדיקייט — צו שלימות, אחדות, דורך אַבסורד — צום אמת.

אין דאָס עסטעטישע הנאה פון אַ פּאָעט, רעאַליסט־ראָמאַנטיקער, וואָס זוכט, און געפינט, שיינקייט אין דער אידעאַליזאַציע פון סתירות: טרייסט אין דער חדווה פון יסורים.

די ערשטע נאַכט אין געטאָ

סוצקעווער איז שטאַרק אין זײַן טרויער, אין געזאַנג און אין זײַן תפילה. אין אַלץ „גיסט זיך שוין די פולע מאָס אַריבער". די מאָס איז אָבער קיין מאָל נישט אויסשעפּלעך, ווײַל „עס איז קיין מאָל נישט שפּעט צו דערפרייען מײַן ליבשאַפט".

סוצקעווערס קינסטלערישער כוח דערהייבט אים צו דער אַטמאָספער פון עסטעטישקייט און כולו־טוביקייט, אַפילו ווען „אין דײַן אייגענעם לײַב איז פאַראַן אַזאַ מאַכט / דו זאָלסט קוואַלן מיט פּײַן ווי דער דרויסן מיט נאַכט" („די ערשטע נאַכט אין געטאָ", פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", ת"א 1979, ז' 28).

סוצקעווער האָט דערגרייכט דעם באַוווסטזײַן פון אייגענע געפילן און שפּירונגען און דורך דעם — די יכולת צו דערקענען דעם אינעווייניק און אויסנווייניק פון אַנדערע מענטשן, פון דער נאַטור, פון דומם.

סוצקעווער קומט צום סימבאָליזם מיטן וועג פון טיפער געדאַנקלעכקייט און סובטעלער איבערלעבונג. אָט דער געבענטשטער זיווג קומט צום אויסדרוק אין דער אויסגעפורעמטקייט פון וואָרט, פון דער שורה און אינהאַלטלעך — אין האַרמאָנישן בילד. זײַן געשליפן וואָרט, וואָס גלאַנצט און וואַרעמט, איז געגליכן צו אַ דינעם, פרישן שנייפּראָסט, וואָס הינטער אים שפּרודלט קוואַליקער, קרישטאָלענער שטראָם.

ווי ברוכשטיקער פון אַ צעבראָכענער קרישטאָל־וואַזע פינקלען די סימבאָלן. אין יעדן שטיקל זעסטו די שיינקייט פון אַ גאַנצער וואַזע. דרײַצן לידער. פאַרשידנאַרטיק אין פאָרעם, ריטעם, משקל און מאָס. ביאָגראַפישע דאַטעס און דאַטעס פון היסטאָרישע געשעענישן, אייגענע

און צוגעאייגנטע איבערלעבונגען, איבערשטאַרבונגען פון אַ דור, דעם דיכטערס דור, שטויב פון צײַט און שיכחה פאַרטונקלען די געשעענישן. דער דיכטער ווישט דעם שטויב פון שפּיגל — צײַט — און דערווישט פון די טיפסטע גרונטן די טראַגישע און שוידערלעך־שיינע וויזיע. האַלוצינאַציע און ווירקלעכקייט.

אַלע צײַטן, פאַרגאַנגענע און קומענדיקע, וווינען אין די לידער, אין די ליד־וואַריאַנטן פונעם קליינעם ביכל. „אַש פון געוועזענעם לעבן", „פאַרליאַפּען" דעם זכרון פון דיכטער. פון דעסטוועגן געדענקט ער און ווייסט, אַז „דאָס האָט דער האַר פון לײַדן מיר באַשאַפט / די גרויסע קראַפט" (דאָרט, ז' 22).

פאַראַן דאָ אייניקע לידער אין פרײַען פערז: ברייטע שורות מיט אַ מוזיקאַלישקייט, וואָס דערמאָנט אין רויש פון אַ הויכן וואַסערפאַל. לידער ווו דער כוח ליגט גראָד אין טיפאָטעמדיקן, שטאַרקן וואָרט — נביאיש און הייס־תּפילהדיק. ווערטער, וואָס קײַקלען זיך ווי שטיינער פון אַ באַרג, וואָס אַ שטורעם איז איבער אים אַריבער, און זייער אָפּקול איבער טיפע טאָלן איז ווי דער עכאָ פון צעהוידעטע גלעקער.

זאָג מיר, ברודער מײַנער, זאָג,

— — —

ווער זענען מיר?
וואָס איז דער זין פון אַלע אונדזערע לײַדן?

(דאָרט, ז' 6)

אַזאַ אָפן לשון מוז האָבן אין זיך דעם שטורעם, וואָס צעטרייסלט בערג. אונדזער באַרג טרויער. אַזעלכע שורות רודערן אויף דעם ים ביזן אָפּגרונט, אונדזער ים פון צער און ווייטיק. אָט די פּראָסטע, פּשוטע ווערטער און זייער דירעקטער ווענד ציטערן אויף אונדזערע געמיטער און זכרונות מיט זייער אמת, מיט זייער שוידערלעכער שיינקייט. שלאָגן אָן אַ טאָן אַן אַלט־נײַעם, באַקאַנטן:

שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום!
קום, גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דײַנע אויגן

(ביאַליק)

איז עס אַ קול פון אַ דיכטער, וואָס האָט אין זיך סטיכיע, נבואה, שטראָפרייד און תּפילה. כּדאַי דערבײַ נישט פאַרגעסן, אַז די לידער זענען געשריבן געוואָרן אין די חורבן־יאָרן 1941—1944 פון אַ פּאָעט, וואָס איז קוים אַריבער די שוועל פון דרײַסיק יאָר. איז עס אַ יונג, רײַף קול, אַ ייִדישער אויסגעשריי און אַ תּפילה פון אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס גייט אָפּ אין טויטאַנגסט:

— מאַמע, בין איך נאָכגעלאָפן, מאַמע,
לאָז מיך זײַן אַ קרבן פאַר דײַן ליבשאַפט,
לאָז מיך פאַלן אויף די קני און קושן
די שטויבעלעך אַרום דײַן הייליק־צאַפּלענדיקן שוך
און אָנטאָן אים פאַר אַ של־ראָש
ביים אָנרופן דײַן נאָמען!

(דאָרט, ז׳ 24)

דאָס אויפהייבן דעם שוך צו אַ של־ראָש איז אַ וויזיאָנעריש־סימבאָליש בילד. דער דיאַמעטראַלער אַנטקעגנשטעל דערהייבט דעם של־ראָש ביז די טיפסטע תּהומען פון ייִדישן וויי־און־וויינד. דאָס גלײַכן — הייליקט עס די טריט פון דער מאַמעס פיס אויף גאָטס זינדיקער ערד. טריט פון אַ לאַנגן, לעצטן יסורים־וועג. מיט שיך און אָן שיך: מיט און אָן של־ראָש, טלית, אָבער תּמיד מיט גאָט אין האַרצן. דער ייִדישער גאָט, וועמענס לופטיק געביין האָט גענידערט צוזאַמען מיט די קרבנות אין קבר אַרײַן „פאַרחתמעט מיט אַ הויפן ערד".

עטלעכע שורות פאַר דער דאָזיקער שורה זאָגט דער דיכטער אין ליד „דער צירק": „אַנטלאָפן זענען אַלע שיינע ווערטער". ניין, נישט די שיינע ווערטער זענען אַנטלאָפן. דער דיכטער איז דאָס מאָל אַנטלאָפן צום ליד, וואָס איז „בלויז אַ וויעז": צום וואָרט דעם קלאָרן, אָפענעם, באַלאָדן מיט זינען, מיט טיפע ליידן און ממשותדיקייט.

אינעווייניקסטע פּראָצעסן און אויסערלעכע ווירקונגען יאָגן דעם מײַסטער־פּאָעט צום נאַטירלעכן, אַלמעכטיקן, אומגעצוימטן וואָרט און דראַמאַטישן זאָג, ווײַל אויך די ווירקלעכקייט, דער הײַנט — פּעריציק יאָר נאָכן פּינצטערן נעכטן — „...האָבן פאַרמען זייער מאָס פאַרלוירן /

און תהומען האָבן אויסגעגלײַכט די הויקערדיקע קערק / פאַרדעקנדיק די ניט־באַרוטע שאַרבנס פון די דורות / מיט האָפונג —"

מיטן כּוח פון דער האָפונג זינגט ער:

שטאַרקער פאַר נקמה אין די מערדערס פון דײַן מאַמען
זאָל זײַן דײַן ליבשאַפט צו דײַן מאַמעס האַרץ,
ווען מעס קערנער טראָגן זיך ווי פרילינגדיקע ריחות
און וועלן בײַ דײַן מידבר־שוועל,
פון ביינערדיקע זאָמדן,
אַרויסבליִען פאַר דיר אין שעה פון ביטערקייט
אַ גלויבן!

(דאָרט, ז' 20)

צום סיום, נאָכן איבערלייענען דאָס וווּנדערלעכע ביכעלע לידער, בעט זיך פאַראַפראַזירן עפּעס פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן זשאַן קאָקטאָ: „ער האָט געלערנט פון פּיקאַסאָ לויפן גיכער פון דער שיינקייט".

סוצקעווער האָט אין געטאָ, אין פּאַרטיזאַנקע, געלערנט לויפן גיכער פון דער טויטגעפאַר. דערפאַר לײַכטן זײַנע לידער מיט טראַגישער שיינ־קייט און מיט — אייביק לעבן.

כּל־נדרי

(געשריבן אין ווילנער געטאָ, פאַרענדיקט דעם 6טן פעברואַר 1943)

אַ מעשׂה שהיה, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע.
און אפשר אַן „איוב"־לעגענדע?

קאַגאַן, דער הויפּטהעלד, דערשײַנט, וואָלט איך געזאָגט, ווי אַ גײַס־טיקער יורש פון איוב.

איובס ווייטיקן, עינויי גוף ונפש, פון גאָט, צי פון טײַוול אין מענטשן־געשטאַלט צוגעשיקט. די טענה פון קאַגאַנען „פאַר עמעצן אַ באַענטן": „אויב אמת, אַז דו דאַרפסט אַזוי, טאָ ווער באַדאַרף דײַן אמת" („לידער פון ים־המוות", תל־אביב 1968, ז' 163) — איז אַזוי ווי אַרויסגענומען פון איובס מויל.

דאָס איז אפשר דאָס תּמציתדיקע, וואָס מאַכט „כּ ל ־ נ ד ר י" איוב־דיק, וואָס מאַכט דאָס רעאַלע „דערציילט פון אַ לעבן־געבליבענעם" — צו לעגענדע.

ביידע — טראַגיש־גרויס אין זייערע ליידן און גלויבן.

פּערזענלעכע ליידן, וואָס מיטן אויפנעמען און רעאַגירן אויף זיי גייען זיי אַריבער די גרענעצן פון א י ך און ווערן די נחלה פון אַ קאָלעק־טיוון „איך".

גלויבן, נישט ווי אַ דערהויבענע מידה — רעליגיע, גאָט, אָדער ליבע צום לעבן, צום מענטש — אלא, ווי אַ פײַער, אַן אינערלעך־לײַטערנדיק פײַער, וואָס צעוואַרעמט און ברייטערט אויס די נשמה־סובסטאַנץ, דאָס האַרץ.

ביידע ווענדן זיך אָפּן, דירעקט, צו דעם אומגעזעענעם כּוח. אין דער ווענדונג גופא איז דאָך דער גלייבן אין זײַן עקסיסטענץ: אין זייער פאַרצווייפלטן גײַסטיקן קאַמף פאַר אייגענער עקסיסטענץ.

דאָס איז אַ באַװאָוגג פון א י ן ־ ס ו ף אויפן ראַנד פון אייגענעם סוף:

„אָ, ראַטעווע! — און הונדערט מאָל בין איך דאָך גרייט צו שטאַרבן" און „— דו ביסט אַ רשע! אַל דײַן גנאַד און גוטסקייט איז אַ ליגן!" אָדער: „האָסט ווידער זיך געזעטיקט מיט מײַן יאָמער דעם געהיימען" (דאָרט, זז' 175, 176).

אָט די אַלע הכנעה־פלעמלעך און צאָרן־שׂרפות, וואָס האָבן אַרויס־געפלאַקערט פון „טויטנטאַל", צווישן אַ צונויפגעקלעמטער עדה, און די גוטסקייט, די גרייטקייט מוחל צו זײַן, די פיקסאונפאַרטיקייט פון איבער־בעטן זיך, איבערשמעלצן ווייטיק אין ליבע — נאָך אַ שטורעם פון קללות און מרידה־רייד — זענען דאָך און דורכויסיק ייִדישלעך, טראַגיש־ייִדיש און מענטשלעך: שטראָמען פון האַרץ און מויל פון מאָדערנעם איוב.

קאַגאַן איז גרויס, ווײַל אין פײַערגאַנג, אין דער „ריי צו דער מיתה", האָט ער נישט געבעטן בײַם רבונו־של־העולם „שטיקלעך טעג און ברעקלעך מזל".

אין דער כּל־נדרי־נאַכט, אויפן בית־עולם, צווישן נישט־טויט און נישט־לעבעדיקע ברידער־ייִדן האָט קאַגאַנען באַגלייט אַ חלום:

אזוי צו זאָגן

...באַלד וועט געשען מיט דיר וווּנדער,
גלײַך דו וואָלסט זיך איבערגעקליבן
אין אַ דירה אַ צווייטער,
וואָס האָט אַן אַרויסגאַנג
צו עפּעס אַ רויִקן, צײַטיקן גאָרטן...

(דאָרט, זז׳ 166—167)

איז דאָס אַ חלום מיט אַ מעכטיקער יחזקאל־זעונג: „דער זקן אין טלית״, וואָס הערט דעם גאַנג פון מלאכים און אַ בחור, וואָס זינגט: „דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער״ (דאָרט, זז׳ 168, 169).

מען הערט שוין נישט דעם ווי פון פּערזענלעכע לײַדן. קאַגאַנס לײַדן ווערן אַ טראָפּן אין ים פון צער און צאָרן, וואָס שטורעמט זײַן האַרץ, זײַן געמיט.

די טויט־מורא, וואָס האָט אין איר ריזיקער נעץ פאַרשפּינט די גאַנצע עדה ייִדן — טרעט בײַ קאַגאַנען אָפּ דאָס אָרט פאַר אַ מעכטיקער נביא־זעונג, וואָס שמעלצט זיך אין אַן אויסגעשריי, רעוואָלט:

ייִדן, די אײַזערנע ווענט זענען שפּינוועבס.
ייִדן, אַקעגן דעם טויט — אַ פאַרשווערונג!

(דאָרט, ז׳ 168)

און קאַגאַן איז שוין נישט מער אַליין: „אין איטלעכס לײַב בין איך בלוטיק פאַרקנאָטן״. קאַגאַן ווערט דער קאָלעקטיווער א י ך. ער איז די טונקעלע שויב דורך וועלכער מיר זעען אַלע ייִדן־שאָטנס אין זייערע לעצטע רגעס. זייער נשמה־אויסהאָרך ווערט אַ נײַער כּוח־אַרײַנהאָרך אין זקן און דאָס גיט אים גלויבן־ענערגיע, גײַסטיקע גבורה צו דערקלעטערן צו די הייכן פון אייגענעם באַרג לײַדן און צו רעוואָלט.

אין פּאַליש, אין דער פינצטערער בהלה, ווען יעדער האָט אין גאַנג צו דער שחיטה געוואָלט ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, איז קאַגאַן צו צום אָרון־קודש „און אַנשטאָט די תּורה — באַהאַלטן דאָס קינד״ (ז׳ 166).

אַן אויפטו, וואָס איז אַוודאי העכער פון „אויב נישט נאָך העכער״.

נאָך העכער, מחמת דאָס איז אויך אַ נקמה־אַקט — און בײַ אַזעלכע טײַוואָלאָנישע באַדינגונגען — און אויך אַ צו־להכעיס דעם וועמען ער

האָט אַזוי ליב, גלייבט אין אים און שליידערט אַזוי עקשנותדיק זיינע טענות.

טענות און — אמונה: אויף די צוויי שטאַנגען הענגט איובס געצעלט. קאַגאַן, זיין יורש פון מיט קנאַפּע דרייַ טויזנט יאָר שפּעטער — מאָנט באַלדיקע הילף, אויסלייזונג. אַז אויך די קליינע, נאָמענלאָזע איובס זאָלן אויף אַ ממשותדיקן אופן דערפילן גאָט.

אָט די איובס, וואָס לעבן אין דער גרויזאַמער רעאַליטעט פון מוסר־השכל־איוב — אפשר לא היה ולא נברא — האָט סוצקעווער דורך קאַגאַנען געטרייסט מיט דעם בחור וואָס זינגט: „דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער". דער זקן אין זיין פאַרדאַוונטקייט טרייסט זיך מיטן הערן „דעם גאַנג פון מלאכים".

אַ קנאַפּע טרייסט כאָטש אַ צווייערלייִקע: „גאַנג פון מלאכים" און „דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער"...

ס'איז זיכער נישט קיין צופאַל ביי סוצקעווערן, וועלכער האָט דורך די קאַנאַלן פון „געהיימשטאָט", אויף אַ נאַכט ערב יום־כיפור — אַרויס־געפירט פאָליען מיט רב נתנען דעם פּרוש אויף איין וועג. דער וועג פון „מיט באָמבע געהיים זיך פאַרברידערט".

✶

ווען גאָט נעמט זיך עמעצן פאַר „אַ צילבערעט" האָט ער ליב „שפּיגלען זיך אין ווונדן" דורך אים אַליין געמאַכטע.

און דאָ קומט אַזאַ מין „שפּיגלען" זיך שוין אויף גאָר אַ רעאַלן, ברוטאַלן אופן, וואָס שאַפט זיך איבער אין אַ לעגענדע, אין אַן אומגלייב־לעכן פאַקט, וואָס קלינגט לעגענדאַריש (נישט ווייניקער — דראַמאַטיש): אויפן בית־עולם צווישן נישט־טויט נישט־לעבעדיקע מענטשן־מתים מער־קט דער אַלטער פאָטער זיין זון — יאָמע. יאָמע דער רויטאַרמייער, וועלכער האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אים פאַרלאָזט, אַוועק העלפן די באָלשעוויקעס פאַריאָגן פּעטלורען. יידישער גורל, גרויליקער גורל האָט דעם זון צוריקגעבראַכט צום פאָטער. אפשר כדי נאָך איין מאָל אים זען, צו קענען רויִק שטאַרבן. ווייל...

אַזוי צו זאָגן

ווײַל פאַראַן אַזאַ פרייד, אַזאַ סמיקע פרייד,
וואָס מיט איר אין פאַרגלײַך איז אַ שפּילכל יסורים.

(דאָרט, ז' 171)

דאָ קומט אַ דיאַלאָג פון טאַטע מיט זון, וואָס דערמאָנט אין איובן מיט זײַנע פרײַנד. נישט וועגן טרייסטרייד רעדט זיך דאָ. פאַרקערט: וועגן אומבייגזאַמען גלויבן פון קאַגאַנען, וואָס דאַרף, אַזוי צו זאָגן, פאַרגרינגערן דעם זונס (און אויך זײַן) לאַגע, כאָטש עס הערן זיך קלאַנגען פון אַ ליד „דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער...״

קאַגאַן זאָגט:

און איר, — זײַט שטאַרק, ניט יאָגט אַוועק דעם ווילן:
...
און וואָס עס וויל דער מאָרגן,
דאָס איז אַ סוד,
וואָס מאָרגן ווייס אַליין ניט.

(דאָרט, זז' 171—172)

וואַרטן אויפן מאָרגן אין אַט דעם טויטנטאַל, ווו דער הײַנט, די מינוט איז נישט פּעוּונע. געדולדיק ייִדיש וואַרטן: אויף וואָס?

איז דאָס נישט דער צוגעזאָגטער נס, וואָס טראָגט אין זיך געדײַונג ביז אויסאָטעמונג פון נשמה?

און אַז דער נס קומט נישט, נעמט קאַגאַן זיך אַרומטאַפּן: „אפשר זענען אָנגעוואַקסן פליגל״ — וועט ער פליִען (אין געדאַנק) צום נס אָדער ער וועט די פליגל אַוועקגעבן זײַן זון. נאָר אַנשטאָט נס באַווײַזט זיך.

...אין ברוינער אוניפאָרעם
...
מיט ערבקרייצן אויפן רעכטן אָרעם
...
אַ קאַלבנפיסל מיט אַ לאַנגן עק

(דאָרט, ז' 177)

מעפיסטאָפלשער געלעכטער. איראָניע פון גורל. איראָניע פון גלויבן. קאָן נאָך זײַן אַ געלונגענער כאַפּן בײַ דער האַנט, אויף דער הייסער מינוט — גאָט אַליין? גאָט אין זײַן צביעות, אין זײַן לוסטשפּיל מיט זײַן גלויבנסקנעכט קאַגאַן? גאָט אין אוניפאָרעם פון אַ געסטאַפּאָוויעץ — אַבסורד. אפשר — רעאַליע.

דער געסטאַפּאָוויעץ מיטן „קאַלבנפּיסל" אין האַנט איז אפשר דער אמתער אויסלייזער...

ווי בײַ איובן, אַזוי בײַ קאַגאַנען, דערשײַנט אָפּט גאָט ווי אַ דעמאָן, אַ טײַוול אָדער ווי איינער, וואָס „האָט געשלאָסן שותפות מיטן קאָט".

אין שווער־געפּרוּווטן קאַגאַן, גערייצט פון גאָטס לוסטשפּיל, צעפלאַ־קערט זיך ווידער אַ העליש פײַער. פלאַמיקע ציינגער פון תוזק פאַרצערן, צעפרעסן זײַן האַרץ, וואָס ווערט געגעבערט און גענאַרט פון גלויבן. אמונה מאַכט איעדער דורכגעפאַלענעם נס — פאַר אַ נײַעם נסיון... אַ נײַער פּרוּוו — פון געפּרוּווטן. וואָס מער דאָס העלישע פײַער ברענט אין האַרץ — אַלץ געשליפענער זײַן מוח, שפּיציק־שפּיזיקער זײַן צונג: „טו ראַטעווען מײַן קינד — אַניט וועל איך אים דאָ דערשטעכן".

ווי אַנדערש קען אַ בן־אָדם פּראָטעסטירן קעגן גאָט? מיטן ברענגען דעם זון מיט די אייגענע הענט פאַר אַ קרבן — וואַרפט ער גאָט דעם „גט" אין פּנים אַרײַן. איז דאָס נאָך אַ פּרוּוו פון וועקן, ווירקן אויף גאָט־געוויסן?

איז אָט דאָס אויסטענהן זיך מיט גאָט — מיט נײַע, מאָדערנע ווערטער און וועגן — נישט קיין איוב־טענה: איובדיק אין זין פון אַ פילאָסאָפישער, רעאַלער לעבנס־טראַגעדיע? פילאָסאָפיש, ווײַל ער, קאַגאַן, וויל מיטן אייגענעם שכל דערגרונטעווען זיך צום שײַכות צווישן אים און גאָט: גאָט, ווי די פאַרקערפּערונג פון אַלע נאַטור־כּוחות פון וועלכע ער אַליין איז אַ טיילעכל, אַ זעמדל.

צוזאַמען מיט קאַגאַנען וואַקסט אויך אויס די פּערזענלעכקייט פון קינסטלער מיטן אַוועקשטעלן אַזאַ העלד־אַנטיהעלד, אויף וועמעס „פּליי־צעס" ער קאָן אַרויפלייגן אַזאַ גרויסן פּאַק מיט טענות — ערלעך, שאַרף, פילאָסאָפיש־באַהאַרצט.

אַזוי צו זאָגן

✶

דער מחבר אָדער מחברים פון איוב האָבן דעם „העלד״ אַרויסגערופן צום לעבן מיטן כּוח פון סובלימאַציע, אָנגעהאָנגען אויף אים פון פאָרויס באַשטימטע תּכלית־אידעען, פּסיכיש־גײַסטיקן באַגאַזש און עטיש־מאָראַלישע צילן.

דער מחבר פון „כּל־נדרי״ האָט זיך געשלאָגן מיט אָט די אַלע כּוחות אין זיך, מחמת מורא נישט פאַרשטראָמט צו ווערן פון דער טראַגישער שײַנקייט און יאָמערלעכן געזאַנג אין אמת פון די פאַקטן: פון דער שוידערלעך־שײנער רעאַליע מיט דער „שפע״ מערדערײַען, אויסגעפּירט מיט אכזריותדיקער געניקייט און געטלעכער קאַלטקייט.

איז מיר שוין אַ קנאַפּע נפקא־מינה צי איז איוב אַ מעשה־שהיה, צי איז די מעשה־שהיה — אַן איוב.

איז די געשטאַלט קאַגאַן נישט אַ לאָגישע אָדער פּסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענץ פון די מאָראַליש־ווירקנדיקע כּוחות אין דער לעגענדע איוב? אַ קינד פון איובס אייביק־לעבעדיקן, ווירקנדיקן גײַסט?

צי וואָלט געקענט געבוירן ווערן — אַפילו אין דמיון פון קינסטלער — אַזאַ געשטאַלט ווי דער „מאַן קאַגאַן״, אויב מיט קנאַפּע דרײַ טויזנט יאָר צוריק וואָלט נישט געווען — זאָל זײַן אַן אויסגעדמיונטער — „מאַן מיטן נאָמען איוב?״

דער מוראדיקער אמת, וואָס האָט נישט פאַרגונען סוצקעווערן די רו (אויף וויפל אַזאַ זאַך בכלל קאָן פאַרגינט זײַן אַ קינסטלער) — האָט דעם מחבר נישט געלאָזט וואַרטן אויף געווינען צײַט, דיסטאַנץ, פּערספּעקטיוו: וואַרטן ביז די קאָכעדיקע רעאַליע וועט זיך „אָפּקילן״ און שפּעטער מיט ווייטיקלעכער הנאה זיך גיסן אין די פאַרגרייטע „קינסטלער־כּלים״. סוצקעווער האָט, ווי זײַנע גרויסע פאָרגייערס — לייוויק, לעיעלעס, גלאַטשטיין און נאָך אייניקע — געטרונקען דעם קאָכעדיקן זיס־סמיקן „ווײַן״ ביזן דנאָ אָדער — פון דנאָ ביזן „אויג״: געטרונקען און געטרונקען די פּען אין דער טאָגכראָניק פון חורבן און גבורה — גײַסטיקער און פיזישער — און אָן מורא צו האָבן דערלאַנגט מיטן כּל־נדרי שטיקער רעאַליע אויף הויכער קינסטלערישער מדרגה.

שלמה וואָרזאָגער

פון אַלטע און יונגע כּתב־ידן

אַברהם סוצקעווערס אַלטע כּתב־ידן האַלטן, כּידוע, תּמיד אויף די יונגשאַפּט — סימן מובהק פון עכטער קונסט. בין איך דעריבער מחולק אויפן נאָמען. וואָרעם צו וואָס אַ ל ט ע ? זאָגט דאָך סוצקעווער אַליין אַזוי שיין אין זײַן ליד „געטלעכע קאָמעדיע":

אַבי עס ציִען זיך צום קוואַל
די מײַלכעלעך פון מײַנע פינגער
און יעדער קאַפּליע אין מײַן לײַב
אַנשטאָט זיך עלטערן, ווערט יִינגער.

(„פון אַלטע און יונגע כּתב־ידן", פאַרלאַג „ישראל־בוך", ת"א 1982, ז' 88)

הײַנט זײַן יונגקייט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך די יוירנדיקייט פון „אַ באַיאָרטן", ווי ער זאָגט עס אין זעלבן ליד: „און אַז איך וועל דער־לעבן ביז / דער קינדהייט, אוי וועט זײַן אַ סעודה", משמע: די כּתב־ידן, ווי דער פּאָעט, זענען יונגערהייט אַלט. אַלט, רײַף אין בעסטן זין פון וואָרט. דאָס גלײַכן — „געדולדיקע כּתב־ידן". איז פאַראַן אַזאַ זאַך? לשם צניעות זאָגט דער דיכטער „געדולדיקע". דער מיין איז — אײביק־דויערנדיקע, וואָס וועלן פאַרהיטן און אָפּגעפּונען ווערן אַפילו ווען —

— — — בלײַבן וועט אַ טראָף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פידלרויז לכּבוד זיך אַליין,
זיבן גראָזן פון די גראָזן וועלן זי פאַרשטיין.

(דאָרט, ז' 134)

וועלן בלײַבן די כּתב־ידן, ווײַל זיי זענען „דער נשמהס טינט און פּראָצע" און: „— — יעדער בלעטל ענלעך / צום פּנים דעם געוועזענעם געבויגן איבער טישן" און אַ שורה, צוויי ווײַטער: „אַ שורה זיגלט זיך פונאַנדער און עס בליט אַ זומער, / אַ נאָמען, ווי אין ווינט אַ מאַנבלום, רייטלט זיך מיט יונגשאַפט", וואָס גראָמט זיך מיט אַ ניי־געבוירענעם גראַם, וואָס איז בײַ סוצקעווערן שוין נישט קיין רבותא און וועקט דאָך בײַם לייענער אַ פּליאה — „צונג שאַפט" (דאָרט. ז' 153).

תיכּף דערטאַפּט דער לייענער די סוצקעווערישע אייגנאַרטיקייט, די אמתע פשטות, וואָס לייגט זיך, אַזוי צו זאָגן, אויף דער צונג.

וועט דאָ ווי אָנגעמאָסטן זיין דאָס ציטירן עטלעכע שורות, וואָס זענען, צווישן אַנדערן, געזאָגט געוואָרן וועגן אַן אַנדער גרויסן פּאָעט — אָסיפּ מאַנדעלשטאַם — און זיינע לידער: „פּערפעקטע, שיינע. קלאָר אין קלאַנג און אין פאָרעם. אַזוי אמתדיק, אַז ס׳דאַכט זיך מע קען נעמען יעדן וואָרט אין האַנט אַריין, פילן די וואָג דערפון איידער מען פאַרפילט דערמיט צוריק דעם חלל מיטן אַרויסנעמען עס פון שורה״. (ענציקלאָפּעדיע „ספרות העולם״, ז׳ 311).

אַברהם סוצקעווער איז נישט קיין מיסטיקער, נישט קיין פילאָסאָף. איז אויך נישט עוסק, במחשבה תחילה, אין פּסיכאָלאָגיע. אָבער די דאָזיקע עלעמענטן זענען בנימצא אין זיינע לידער. אויך מחשבות וועגן טויט אָדער אומטויט זענען פאַראַניק אין „אָ הויפן ערד״ (ז׳ 20, דאַטירט 1936), „נאָכן חורבן״ (ז׳ 30, 1946), „עלעגיש״ (ז׳ 78):

די מתים לעבן אין אַן אַנדער געגנט
און איך בין זייער צייט. איך זאָג: עס רעגנט. און עס רעגנט.
— — —
איך זאָג: ניטאָ קיין טויט. איך הער אַ יאָמער:
דער טויט איז אומדזער לעבן, איז קיין לעבן אויך ניטאָ מער?
איך זאָג: מיר זענען איינס, געזעגנט זיך צווייען.

(דאָרט, ז׳ 78)

די טויט־מחשבות שרעקן נישט דעם דיכטער. ער האָט נישט קיין מורא, וויל אונדז מאַכן גלייבן, אַז ער האָט נישט קיין מורא. אָבער די אוממורא, דאָס וועלן אַפּלייקענען די מורא — באַשטעטיקט דעם פאַקט, די בנימצאדיקייט פון אַזעלכע מחשבות.

פּנים־אל־פּנים שטייט דער דיכטער פאַרן פענאָמען ט ו י ט, אָדער, ווי ער זאָגט אויף זיך, ער איז דערוויַיל „אומדאָרטן״ אין ליד צום אָנדענק פון אַהרן צייטלין, וואָס איז „אומדאַיִק״ אוןביידע וועלן „באַגע־גענען זיך אינעם זעלבן גאָרטן״ (ז׳ 129).

און דאָך, און אָבער, הייבט זיך דער דיכטער אַריבער איבער דער טויט־מחשבותדיקייט און וועקט אונדז צום לעבן:

פאַרוואַנדלען וועל איך צײַט אין רוחניות, אַט איז מײַן אידעע!
פאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן; איך, דער לאַנג־פאַרלענדטער.
פאַרוואַנדלען וועל איך גראָזן אין אַ קאָסמישער אַלעע,
פאַרוואַנדלען וועל איך זיך אַליין, אין מענטש וואָס מיר איז נענטער.
(דאָרט, ז׳ 151)

פילאָסאָפישע מעדיטאַציע, דינער הומאָר, קלוגער שמייכל און בקיאות אין די רזין דרזין, אין דער מיסטעריע פון מעשה־יצירה און — אַ שעפערישער מוח, וואָס קערעוועט די אומפּולסן: חוש פאַר אויסגעאיידל־טער עסטעטיק און אינטעלעקטועלער תשוקה.

דער דיכטער איז איבער און איינצײַטיק אין תוך פון זאַכן, געשעע־נישן פון סאָציאַלן און אַסאָציאַלן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. פּונקט אַזוי איז ער דמיונדיק און רעאַל, איז ער ייִדיש־שורשדיק און אוניווערסאַל, און בײדע זענען אין מהות איינס. ער איז תמציתדיק, אָפּגערייניקט פון אַלע איבעריקייטן ביז דער דירעקטער שײַכות און פאַרבינדונג פון פּאָע־טישער גאַנצקייט.

זײַן ליד פליסט, שטראָמט מיט קינסטלעריש־פאַרוויקלטע און ניי־געפלאָסטערטע סטעזשקעס און הין־און קריק־וועגן — פאַרויס צו עפּעס אַ ממשותדיקס אומדאַיִקס, צו אַ ווײַטן בליציק־בלענדיקן ליכטפּונקט, וואָס אין האַרץ, אין דער וויזיע, נישט נאָר פון דיכטער, אלא אויך אין יעדן בן־אָדם.

ער איז ענג און שטרענג געפאַרעמט אויך אין ווײַסן פערז און נייטיקט זיך נישט אין אויסערלעכן ריטעם.

פאָרעם און אינהאַלט איז בײַ אים אָרגאַניש. פון דאַנען דאָס פײַערלעכע און ערדישע אין זײַן ליד. פון דאַנען דעם דיכטערס כוח פון דמיון און חלום אויף דער וואָר און די נטיה צו שאַפן נײַע בילדער אין כסדרדיקן גאַנג פון טראַנספאָרמאַציע, נײַע וואָרטבילדער. נאָכן אַרויס־באַקומען די וואָרטפערל פון זײַן שעפערישער ים־טיפעניש שײַנט אויף זײַן מחשבה־זון און ס׳הייבן אָן אַרויספינקלען זײַנע דימענטענע ווערטער־בילדער: דער שליף פון דער שורה און איר נאַטירלעכע שיינקייט.

הײַנט זײַן הומאָר און לײַכטע איראָניע, זײַן שאַרפזין. צוויי כמעט ווידעראַנאַנדיקע עלעמענטן: דער סימפאָנישער אויסשפּיל פון רעיונות, דער פּאָעטיש־באַחנטער אַרײַנוועב פון אַזעלכע פּראָזאַישע ווערטער, ווי:

מיסטעריע, סימבאָל, באַריקאַדעס, קאַפּריזן, לאַבאָראַטאָריע. און די פאָלקס־טימלעכע אויסדרוקן, די אידיאָמען.

אַוודאי ווילט זיך, בעטן זיך ציטירן נאָך און נאָך שורות צו באַאָמתן דאָס געזאָגטע. עס ווילט זיך אָבער, ווי דער דיכטער, זײַן קנאַפּוואָרטיק:

ווינציקער ווערטער.
ווינציקער, ווינציקער טראָפּנס:
באַלד און דער בעכער וועט אויסגיין
בײַנאַנד מיטן ווײַן.

(דאָרט, ז׳ 74)

לייענסט די שירה פון אַברהם סוצקעווער און בלײַבסט שטיין אַ פּאַרגאַפּטער, אַ פאַרבליפטער. מיט זיך אַליין שטייסטו, ווי דער פּאָעט, אין עצבות, אין מנוחהלאָזיקייט אין מיטן פון אַ וועלט פון מענטשלעכע און מיסטעריעזע קולות: אַ געוויש פון ביימער, וועלדער, אַ רעש פון ימען, טײַכן, וואָסערפאַלן. פאַר מעשה־בראשית שטייסטו: קאָלירפולע שיינקייט, אימה און מאַכטיקע קראַפט.

אַ ניסתרע און ניגלה ליכטיקייט ביז די טיפסטע נשמה־טונקלקייטן און אַ שטומע פרייד צום לעבן כאַפּט דיך אַרום: רגעס פון גליק, פון טרויער און באַדויער. אַ געפיל פון האָפענונג און דערוואַרטונג יאָגט פונאַנדער דעם נעפל און די ספקות — מנת־חלקו פון יעדן בן־אָדם.

ווײַל: „די דמיון־פליגל פון גרויסע קינסטלערס פאַרטראָגן אונדז צו פאַנטאַסטישע פּלישפּיצן און לאָזן אונדז אַראָפּ צו די צער־טיפענישן פון איוב" — זאָגט ערגעץ מאַרטין בובער. און דאָס לאָזט זיך זאָגן אויך אויף אַברהם סוצקעווערס שאַפן בכלל און אַוודאי אויף די „אַלטע און יונגע כתב־ידן". דאָ איז דער כּוח, דער סוד און יסוד פון סוצקעווערס דיכטונג. דער דיכטער איז פּעווגע, אַז דער לייענער איז נהנה פון זײַן ליד. פון דאַנען ס׳ווענדן זיך „צום שטענדיקן מאָנער":

איכ׳ל צאָלן מײַן וועקסל, איך בין דיר מבטיח,
אין דער זעלביקער שעה ווען ס׳וועט קומען משיח.
און אַז אָנקלײַבן וועט זיך ביז דעמאָלט פּראָצענט
וועל איך צאָלן מיט מײַנע לאַנגיעריקע הענט.

(דאָרט, ז׳ 79)

אַודאַי וועט ער צאָלן. ווער דען?

✶

די צייכענונגען פון באַרימטן קינסטלער יאָסל בערגנער באַשיינען און באַחנען דאָס בוך לידער.

און אָט, ווי עס דריקט זיך אויס דער דיכטער אינעם ליד געווידמעט יאָסל בערגנערן:

דער דאָזיקער ביים טישל, זאָגט די פרוי, איז אַ לעגענדע.
אַ פעניקס־מענטש געבוירן פונעם אַש פון שײַטער־הויפן
(דאָרט, ז' 232)

דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן

איך זוך אין מײַן וואָרט־אוצר און אין די רעזערוואַרן פון קינסט־לערישער פּראָזע אין אַנדערע ליטעראַטורן אַן ענלעכקייט צו אַזאַ שרײַבקונסט.

צוועלף דערציילונגען. אַ דינער פּאָדעם פון מיסטעריע, חלום און ווירקלעכקייט פאַרבינדט זיי. דיכטער־דמיון, וואָס איז מסוגל אַ פּלי צו טאָן אין פאַנטאַסטישע עולמות, וואָס שפּרייטן זיך ביז די טיפסטע גרונטן. כּוח־המחשבה און רעאַליטעט. און דערלאַנגט ווערט עס מיט עקספּרע־סיון מהות. אינעווייניקסטע געשלאָסנקייט און קאָנדענסירטקייט פון בילד.

דאָס איז אַן אייגענע מעטאָדיק פון איבערלעבן און איבערגעבן זכרו־נות פון אַ תקופה — אומקום און חורבן — ווו רויע כראָניק איז דערוויַיל (ווער ווייסט ווי לאַנג דער „דערווײַל" וועט אָנציִען) דער העכסטער קינסטלערישער אויסדרוק.

סוצקעווערס פּראָזע באַוועגט זיך אָבער בשום־אופן נישט אין גרענע־צן, אויף צײַטשפּאַן פון חורבן און אומקום. זי איז אַ סך אַרומנעמיקער, טיפער. טויט און טויטגעשפּענסט דערשײַנען אין זײַנע דערציילונגען ווי המשך פון לעבן.

טויט איז דאָ נישט קיין סימן — סוף. ער איז אַן אויסדרוק פון מענטשלעכן מהות: — „כ'האָב שוין פאַר גאָרניט און פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט אַחוץ פאַר דער ברייטהאַרציקייט פון מײַן באַשעפער:

אַז נאָך מײַן אומלעבן וועל איך אויפשטיין תחית־המתים"... „אַזוי גערופענער טויט געדויערט אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן, און אַז דער מענטש ווערט אויסגעלאָשן, הייבט אָן דער טויט זײַנער ווידער געבוירן צו ווערן" („דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן", ישראל־בוך, ת"א 1979, זז' 38־39).

די גײַסטער און נשמות זענען בײַ סוצקעווערן, בכן, לעבע־דיקע מענטשן, דרייען זיך אַרום אויף דער ערד און אין הימל כּבתוך שלהם. דער דיכטער איז אַ בן־בית אין בײדע וועלטן. אַ תּושב „אויפן העכסטן גאָרן פונעם העכסטן מויער אין דער שטאָט" און „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן". די אינטויִציע און דער דיכטער־באַוווסטזײַן האָט, ווי בײַ יעדן עכטן קינסטלער, סוצקעווערן אונטערגעזאָגט, אַז צוגיין צו דער חורבן־טעמאַטיק דירעקט, איז אַזוי גוט ווי גיין גלײַך אין פײַער אַרײַן, אָדער — מיטן פּנים קעגן חשכות. מען צעקלאַפּט זיך ס'געלענק און מען בריט זיך אָפּ די פינגער. ווי זאָגט עס סוצקעווער ?

— מײַן צונג איז טאַקע אָפּגעבריט.

איז גוט וואָס דער דערציילער קומט דורך אַ הינטערטיר, דורך בילדערטרעפּן, באַלויכטן פון אַ „מאַגישער נאַכטזון". ער קומט דערפאַר אַרויס אָן אויסגעקלאָרטער פון די תּהומיקע וואַסערן. קומט מיט פולע זשמעניעס פּערל — פּראָזע פון אַ דיכטער.

אויב עס גייט אין האַנדלונג קאָן מען, למשל, אין דער דערציילונג „דער שטיוול און די קרוין" איבערגעבן די אַקציע אין געציילטע שורות. מען קאָן זיך אויך צעשרײַבן אויף צענדליקער זײַטלעך. סוצקעווער ווייסט אָבער דעם מיטנוועג. איז ווו איז דער סוד ? צימצום ? — מער ווי דאָס. עס איז קאָרגשאַפט פון אַן עושר, אַן אדיר.

מאַכט דאָס, בכן, די דערציילונגען אינהאַלטלעך רײַכער, געשפּאַנטער, ווירקעוודיקער.

הײַנט דער אומיסטנדיקער מײַסטערישער באַנוץ, מיט אַ געמיש פון אַלטמאָדישע ווערטער, אידיאָמאַטיק, אַפּאָריזמען און מאָדערניזירטן אויס־דרוק — דאָס איז נישט נאָר באַחנטקייט, ווילקלאַנג, אלא דערצייל־קונסט פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און מדרגה.

הײַנט דער שמייכל, דער דין־דינער הומאָר, וואָס הייבט זיך אַרויס־אַריבער דער טראַגעדיע ? משמעות אַז דער געהיימער קוואַל ווו סוצקע־ווער שעפּט זײַן הומאָר איז נישט די שׂימחה נאָר דער טרויער.

סוצקעווערס אינספיראַציע־קרײַז איז אַ דורכויסיק אייגענער, ווי אייגן ס׳איז זײַן אויסדרוק־פאָרעם, וואָרט־וואַריאַנט און סטילאַרט. דאָס איז, קאָן מען זאָגן, דער צד־השווה פון זײַן פּאָעזיע און פּראָזע. ער איז אין ביידע — אַן אַליינגייער און פאָרויסגייער, וואָס האָט (ספּעציעל אין דער יידישער פּראָזע) נישט קיין גלײַכן צו זיך, סײַדן — צו זיך אַליין.

ס׳איז אַ דרייסטער, דערפינדערישער גאַנג צווישן רעאַליע און סימ־באָליק, אייביקייט־טעמע און צײַטמאָטיוו, מיט אַ געצײַטיקטן סטיל און לשון.

די געשטאַלטן זענען סײַ פון בלוט און „פליישׂ״, סײַ פון עולם־הרוח, דערציילט מיט אַ קינסטלערישער קלאָרקייט אין וועלכער דאָס אַבסורדאַלע וואַקסט אויס צו אַווירקלעכן אמת.

ס׳איז אַ שרײַבן מיט „האַרצשריפט״ און געדעמפּטן ווייטיק. לײַכטע איראָניע אָן אויפהייבן ס׳קול. בלויז דאָ און דאָרט אַ „ביינערדיקער שמייכל״, וואָס טרויערט זיך אַרײַן אין זײַן, אַזוי צו זאָגן, רייד־לשון.

סוצקעווערס הומאָר — אַ דינער אײַנזדעק. ברעכסטו אים אײַן — גיט אַ שטראָם אויף דיר הייסער טרויער און אַ מעסערדיקע ליבשאַפט, בענקשאַפט און צער אויפן גורל פון אַ פאַרשניטן יידיש לעבן, וואָס איז געוואָרן כולו „לופטיק געביין״.

דאָס לעבן איז צעשטיקלט און צעבראָכן געוואָרן. פון שטייגער — אומשטייגער, אומלעבן. די אַ בראָכשטיקער פון לעבן, צײַט, אָרט ווערן דערלאַנגט, לכאורה, פראַגמענטווײַז. די לאָגיק פון אינערלעכן כראָנאָלאָ־גישן אמת פון געשעענעס, דער אמת אין דער טראַגישער פילבאַרקייט פון די געשילדערטע העלדן: דער באַזונדערער אופן פון דערציילן, שפּירעוודיקייט און שפּאָרעוודיקייט פון וואָרט, זאַץ — שטעלן צוריק צונויף דעם צעבראָכענעם „שפּיגל״ פון לעבן. די אַזוי צו זאָגן אָפּגעריסענע שטיקלעך וואַקסן אויס צו אַ גאַנצקייט, צו אַ פולדיק בילד, וואָס איז דעם דיכטער אַוודאי געשטאַנען פאַר די אויגן בעתן שרײַבן.

אין גאַנג פון פולדיקן צום פּרט, ניואַנס, פון ניואַנס צום פולדיקן — קלאָרט זיך אויס דאָס סיפור־המעשהדיקע, צווינגט זיך אַרויף אויפן לייענערס געמיט און מחשבה: צינדט אָן אין אים, ווי אין דיכטער, אַלע קוויטן פון די אויסגעלאָשענע לעבנס.

אויב פּראָזע־לשון מיינט שטיין פון דער ווײַטנס, אַזוי צו זאָגן,

כּדי בעסער צו זען די מעדיומס, מאָדעלן — מאַכט פּאָעטיש לשון דעם וועג פון אַ „פּאַרמיטלער" צו אַן עיקר.

אַברהם סוצקעווער ווייסט דאָס ווויל.

דאָס וואָס זײַן שפּראַך אין דער פּראָזע איז אַ פּאָעטישע — מיינט נישט פּאָעטישע פּראָזע, ווי מאַנכע טייטשן אויס, — ס'איז פּראָזע של ממש, מיט פּאָעטישער פּאַראַניקייט.

אמת, דאָס האַמעוועט אַ ביסל דעם שטראָם, דעם לויף פון דער דערציילערישקייט, וואָס איז ביז גאָר וויכטיק אין פּראָזע. איז דערפאַר אָבער דער פּאָעט־פּראָזאַיִקער מוסיף אַ דינע פּילבאַרקייט, אַ וואַרעמען פּלוס, וואָס דער לייענער אָטעמט אַרײַן אין זיך. דאָס פאַרגיטיקט אים מיט אינטימיטעט און אינערלעכער שיינקייט, וואָס נישט יעדע פּראָזע איז געבענטשט דערמיט.

✶

כּדי אַרויסצוברענגען גאַנצע בילדער פון יענער צעריסענער צײַט: יִיאוש, שפּירונג פון מענטש, ייִד, וואָס דרייט זיך ווי אַ שאָטן צווישן און אויף די חורבות פון אייגענעם לעבן — מוז דער קינסטלער אַרויס־העלפן זיך מיט פאַנטאַזיע, סימבאָלן, אַבסורד.

אַלץ וואָס געשעט איז דאָך אַבסורד, אומסדר. פאַרקרומטקייטן, פאַר־שוועכונג און פאַרשווערונג.

אָפּגעפּרוירענע אברים, למשל, קאָן מען דערוואַרעמען מיטן פײַער פון — שנייִ.

מוז דעריבער דער דערציילער אין וועמען עס ברענען אַלע קנויטן פון די אויסגעלאָשענע לעבנס — אומקערן זיך צום אַבסורד.

מיטן אויסגעקרימטן פּרצוף פון כּעמע דעם הויקער („דאַרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן") מיט זײַנע אומראַלע רייד און מעשׂים, ווי אַ שטייגער, „זאַלבן אים פאַר אַ משוגענעם" מחמת מיטן כּוח פון משוגעת וועט ער „משוגע מאַכן דעם שונא און אַלעמען ראַטעווען" — געלינגט דעם מחבר „גלײַכשטעלן", מאַנטירן, מחיה־מתים זײַן די צעשטערטע, איבערגעקערטעווירקלעכקייט.

אַט, למשל, דריקט זיך אויס דער דיכטער דורכן מויל פון הויקער (אויף הויקער איז סימבאָל): „בלויז דאָס ניט־מעגלעכע האָט נאָך אַ זינען".

דאָס גלײַכן — מאַנעסקע דער שנײַדער מיט זײַן „בייניקן געלעכטער", מיט זײַן שבועה: „אַלצדינג איז אמת"... „זאָל איך אַזוי לעבן".

אַזוי זאָגט דער טויטער מאַנעסקע דער שנײַדער, וואָס קומט צו חלום זײַנע דרײַ טעכטער אין פּאָרעם פון אַ דאָרן־געוויקס באַלויכטן פון אַ יאָרצײַטליכט: דער שנײַדער, וואָס איז „געווען אַ פריילעכמאַכער אויך אין דער באַהעלטעניש אויפן בוידעם".

דערמאָנט עס נישט אין טוביה דער מילכיקער מיט זײַן הומאָר און כּוח־הקיום? טוביה — אין אַ סך שטאַרקערער, טרויעריק־טראַגישער סיטואַציע — אין אַ נײַער אויפלאַגע. דערפאַר איז אויך די פאָרעם — גראָ־טעסק. דאָס איז עלעגישע מאַרשמוזיק אויף דער לוויה פון לופטיקן געביין (סוצקעווערס אַן אויסדרוק) פון אַ פאַרשניטן לעבן — צעטראָטן פון ברוטאַלע שטיוול אין רעשיק־ווילדן שדים־טאַנץ.

✶

אוודאי איז שווער צו צעקײַען מיט איין מאָל אַזאַ פּראָזע. צעקײַען און דערפילן דעם טעם — מוזסטו לייענען מערערע מאָל, אַזוי ווי עס געשעט מיט זײַן פּאָעזיע. אַזוי ווי עס געשעט מיט אַ מוזיקשטיק, וואָס ערשט נאָכן הערן עטלעכע מאָל ווערט דיר אַלץ קלאָרער, רעליעפער.

בײַ סוצקעווערן איז פאָרעם און אינהאַלט נישט קיין צווילינג, נײַערט „אַ שלימותדיקער איינלינג" — ווי ער דריקט זיך אויס אין דער דערציילונג „דער הויקער".

אויף אַ לעגענדע פון משוגענער שיינקייט ווערסטו איבערטראַנסמיסירט אויף יענער זײַט לעבן, אין יענער צײַט, „וואָס מענטשן רופן זי אַצינד: פאָרן מבול". ווערסט אַדורכגענומען פון יענער שטיקנדיקער לײדיקייט, פון יענעם שטומען ווייגעשריי, וואָס לאָזט דעם דיכטער נישט רוען. ס'איז אים „שווער צו שווײַגן". ווי קאָן איך שווײַגן, אַז... „אַ זעונג האָב איך געזען איבערן טײַך פון מײַן היימשטאָט יאָרן צענדליקער נאָך דער געשעעניש: דער צאָרנדיקער פרילינג אויף דער קוים־זשיפּענדיקער ערד איז ניט ענלעך צו קיין שום פרילינג וואָס האָט ווען געפרילינגט. מיט זײַנע פינצטערע, טאַפּנדיקע נאָזלעכער דערלאַנגט ער בײַם אויפטאָג אַ פּאָרסקע, אַ בלאָז איבערן אײַזדעק פון טײַך און דער פאַרקאַלטנטער אײַז ווערט אָראָפּגעשליפן ביזן גליענדיקן בלוי פון זײַן צעשפּאַלטענעם שפּיגל" (דאָרט, ז' 99).

אַזוי צו זאָגן

ציטירן סוקצעווערן איז ווי אַרויסנעמען אַ ציגעלע פֿון אַ גאַנצן בנין. אָבער פּטור בלא כלום קאָן מען נישט — איז כאַטשבי די אויבן געבראַכטע עטלעכע שורות — אַ כזית, וואָס האָט אין זיך דעם טעם פֿון גאַנצן.

און צום סוף — בלויז נאָך עטלעכע ווערטער אויף טשיקאַוועס:

אויסטראַכטן — אויס טראַכטן.
האַנטשריפט — האַרצשריפט.
ענלעך צו זיך, ווי צוויי טראָפּנס גאַל.
טרערן זענען פינקלדיקע ווערטער פֿון די אויגן.
אויסבעטלען אַ פּאַרציע טויט.
קאָנסט קיין מאָל ניט וויסן, וואָס אַ מענטש איז — ניט.

קאָנסט באמת קיין מאָל נישט וויסן, ווען, ווו און ווי אַזוי וועסטו בלײַבן פאַרבליפט, פאַרבלענדט פֿון וואָרטבליץ, פֿון פילאָסאָפישן זאָג, פֿון פלוצעמדיקן ווענד: פֿון דער טראַגישער שיינקייט פֿון וועלכער דו שלאָגסט אַרויס אַ ווייטיקלעכע הנאה.

אַ שיינקייט און ווייטיקלעכע הנאה, וואָס באַגלייט דיך ביזן לעצטן פֿון די הונדערט און פופציק לופטיקע, ליכטיקע זײַטלעך פֿון דאָזיקן אָריגינעלן בוך דערציילונגען.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

פנימער און נעמען

ס׳איז גוט וואָס אַ פּאָעטפּען ווערט געפירט, נישט אָן הצלחה, ניט נאָר אויף איין געביט, בײַערט פּאַרקערט; די געדאַנקען־און אידעען־וועלט טרײַבט דעם דיכטער פון די ענגע, שטרענגע לידראַמען אויף פרײַערע וועגן און שליאַכן.

וואָס איז אייגנטלעך עסיי, אויב נישט ליד אין פּראָזע? סוביעקטיוו־עמאָציאָנעל, סטילקאָמפּאַקטקייט, וואָרטמוזיק.

ס׳איז אַן אוממיטלדיק געפיל פון אָבסערוואַציע פון אַ קונסטגעניסער און קונסטקענער. אַ פערזענלעך אַרויסזאָגן זיך וועגן אַנדערע, מיט אַ מיין צו לאָזן הערן זיך אַליין. נישט איין מאָל ווערט דער באַהאַנדלטער דיכטער — אַ מעדיום. די עסיי ווערט, בכן, אַ שאַפונג אַליין און פאַר זיך, וואָס איז לויט פּאָל וואַלערי — „מיסטישע באַהעפטונג מיטן אַבסאָלוטן".

אוודאי איז די באַצייכענונג אַ ריכטיקע, ווען מיר רעדן פון אַזאַ ראַסאָוון קריטיקער ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש. עס דאָמינירט בײַ אים סײַ דאָס עמאָציאָנעל־איראַציאָנעלע, סײַ די לאָגיק, אָפּשאַץ, פאָרמולע. ס׳איז אַ סימעטרישער בנין פון געפיל און באַוווסטזײַן.

כ׳בין זיך מודה, אַז ווען כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין דער רשימה (אויף דער הילע פון דעם עסייען־בוך „פנימער און נעמען") פון די מחברים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן יאַנאַסאָוויטשן — בין איך געוואָרן געפּלעפט, כ׳בין געוואָר געוואָרן ווי ווײַט כ׳האָב דאָס נישט געוווּסט.

איז אָבער דער חסרון — אַ מעלה: כ׳בין פטור פון פחד טאָמער וועל איך איבערחזרן אַ שוין געזאָגט וואָרט, אַ מיינונג, אַ זאַץ פון עמעצן, וואָס מען אייגנט זיך צו און ס׳ווערט, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אַרײַנגענומען אין אייגענעם וואָרטבאַניץ.

ער בלענדט נישט מיט וואָרטבליץ, דונערט נישט מיט סופּערלאַטיוון־

מעטעאָרן אויפֿן ליטעראַרישן האָריזאָנט, וואָס ציבדן זיך אָן און... פֿאַלן אַראָפּ. ער גייט מיטן ברייטן שליאַך פֿון באַריידעוודיקייט, אָבער קיין מאָל נישט צו לאַנג און נישט צו פֿיל. די פּרצוף־פּנימער פֿון די באַהאַנדלטע שרייַבערס זענען בולטע, קלאָרע און נישט — ספּעקולאַטיוו־פּראָפֿילמע־סיק. דאָס סאַמע וויכטיקסטע דערבײַ איז דאָס נישט איבערחזרן זיך. אויב רופֿן זיך ערגעץ ווו איבער דעפֿיניציעס, אַקסיאָמעס, זענען זיי אַרויסגעבראַכט נײַ־געזען און מיט נײַעם וואָרט־וואַריאַנט. מ'דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז עס רעדט זיך וועגן דרײַסיק שרײַבערס פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנערס.

הײַנט זײַנע עסייען און פּעליעטאָנען וועגן ליטעראַטור, קונסט און „נאָך עפּעס", ווי יאַנאַסאָוויטש רופֿט עס אין זײַן בוך „אָן אויסרוף־צייכנס" ? דער „נאָך עפּעס" מיינט, אייגנטלעך, פֿילאָסאָפֿישע מעדיטאַציע און פּאָפּולאַריזאַטאָרישע שמועסן מעניני־דיומא און וועגן ענינים שברומו של העולם. אָבער וועגן דעם בוך, און בכלל וועגן זײַן פּאָעטיש שאַפֿן — אַ צווייט מאָל.

י. יאַנאַסאָוויטשעס סטיל איז געצוימט און געצימצומט. פּשוט און נישט פּשטותדיק, וואַרעם, ווייך, טראָץ (און אפשר צוליב) דער באַריי־דעוודיקייט. ס'איז אַ פּרוכטיק לשון, אַ קאָלירפֿולס, וואָס פֿליסט, געלײַ־טערט און געלאָסן, ווי אַ ברייט צעפֿלאָסענער טײַך.

זײַן וואָרט איז, בכן, נישט נאָר די כּלי, דער אינסטרומענט, נײַערט אויך די מוזיק. אַ שפּראַך פֿון אַ בעלעטריסט־עסייִסט מיט אַ לירישן אינ־טערמעצאָ, שטימונג, געמיט־צושטאַנד.

גוטע קריטיק איז ווי דער ברייט אַרומנעמיקער ראָמאַן, וואָס געש־טאַלטיקט פּערסאָנאַזשן, לעבן, כאַראַקטערן אויפֿן פֿאָן פֿון סאָציאַל־גײַס־טיקער לאַנדשאַפֿט, און ווײַל זײַן אַרט שרײַבן איז פֿאָלקסטימלעך, ייִדיש־אוניווערסאַל און מאָדערן, געהערט ער, בכן, צו דער פּלעיאַדע קריטי־קערס — די לעצטע און איינציקע אין אונדזער דור — פֿון אַ ש. ניגער, בעל־מחשבות, ד"ר מוקדוני, א. קאַראַלניק א"אַ.

י. יאַנאַסאָוויטש איז היימיש אין דער ייִדישער און אַלגעמיינער וועלט־ליטעראַטור און איז אַ גרינטלעכער קענער פֿון ייִדישן שטייגער־לעבן. ווי אַ קריטיקער פֿאַרמאָגט ער דעם כּוח פֿון צוימען אַנטציקונג, איבעררעשונג; איבערשמעלצן עקזאַלטאַציע אין ניכטערן וואָרט; הייסן,

רויען געפיל־נעפל — אין קלאָרן געדאַנק, פאָרמולע. ער איז דעריבער אין מהות אַ מיטשאַפער, אַ דיכטער.

פון דעסטוועגן פילסטו ווו און ווען ביַי י. יאַנאַסאָוויטשן דאָמינירן סובלימאַציע־מאָמענטן: ווו ער האָט ווייניק וואָס צו זאָגן און לאָזט רעדן דעם שריַיבער אָדער זיַין סיפור־המעשה, — און ווו דער קריטיקער שריַיבט מיט דער האַנט ביַים האַרץ. ער איז אוממיטלדיק עכט און גערעכט בעת ער שריַיבט צ״ב וועגן סוצקעווערן, באַשעוויס, גראַדע, אַ. קאַגאַנאָוויטש, צאַנין. ער אָטעמט מיט דער לופט, מיט דער מוזיק, מיט דער אָריגינעלער שיינקייט און שריַיבקונסט פון די אַ מיַיסטערס.

ער האָט אויך דעם מוט, און עס איז לעגיטים, אַפילו מחייב יעדן ערנסטן קריטיקער, אַנצומערקן אומגעלונגענע שטעלן אויך ביַי די דיכטערס, שריַיבערס, וועלכע ער האָט נאָר וואָס, ווי מען זאָגט, געלויבט און געריממט, ווי צ״ב וועגן ח. גראַדע: „גראַדעס ערשטע פּראָזעזאַכן האָבן געליטן פון פּאָעטישע מיחושן... ס׳איז אין זיי געווען אי אַן איבערפלוס פון פּאָעטישער רעזאָנירונג, אי אַ צו גרויסע געדיכטעניש פון פּאָעטישן בילד״. אָדער: „דער שאגת־ארי, וואָס איז אין זיַין דיכטונג אַ מעלה איז אין דער פּראָזע געוואָרן אַ חסרון״ („פּנימער און נעמען״, פאַרלאַג „קיום״, ת״א 1977, ז׳ 68).

אַזוי אויך וועגן באַשעוויסן: „אין פיל פון די גרעסערע ראָמאַנען און אַפילו אין טייל קלענערע דערציילונגען חזרט זיך באַשעוויס צו פיל איבער און כמעט אַלע זיַינע העלדן, מיט זייער פילאָסאָפיע זענען איינער נאָכן אַנדערן וואריאַציעס פון עוזר העשלען״... „זעט אויס, אַז דאָס איז דער ציגדז, וואָס פיל שריַיבערס מוזן צאָלן דער אומקונסט״ (דאָרט, ז׳ 36).

י. יאַנאַסאָוויטש טוט עס, ווי געזאָגט, חוץ פון קריטישער בויטוועגדיי־קייט, מיט באַהאָוונטקייט, ווי אַ גוטער ווייסער און אויסטיַיטשער, און דער עיקר — מיט טאַקט לגבי דעם שריַיבער און געשריבענעם וואָרט.

אָט אַזוי האָט געשריבן זיַין שעפערישע עסיי י. גלאַטשטיין, מינקאָוו, יחיאל האָפער און אין אַ געווּיסער מאָס — ראַוויטש. זענען דאָך די אַלע (און ענלעכע צו זיי) געווען דיכטערס, פּאָעטן, פּראָזאַיקערס און עסייִסטן.

אָט האָבן מיר עטלעכע (פון אַ סך) יאַנאַסאָוויטשעס דעפיניציעס: —

„אין קונסט איז נישטאָ קיין פאַרגאַנגענהייט. יעדעס לעבן איז אין

דער קונסט תּמיד קעגנוואַרטיק"... „מען מעג, דעריבער, ווי גוט רעפּערירן געשעענישן, סיבות, פּסיכישע קלימאַטן און ליידנשאַפטן, האָט מען נאָך דערמיט נישט דערגרייכט די אמתע מדרגה פון קינסטלערישער שאַפונג". „די מדרגה פון קונסטשאַפונג דערגרייכט מען דעמאָלט, ווען די אַלע מאָמענטן גייען פאַר אונדז אויף מיט זייער אָריגינעלער דינאַמיק און הייבן אָן ווירקן מיט דער אילוזיע פון לעבן" (דאָרט, ז' 48).

✶

י. יאַנאַסאָוויטש קומט צו דער עסיי קודם־כּל ווי אַ דיכטער, אַ פּאָעט. אַלץ וואָס די געזעלשאַפט, די דרויסנדיקע וועלט, מענטש און נאַטור באַזיצט, דאַרף דער שעפערישער פּאָעט געפינען אין זיך גופא. פון זיך דאַרף ער שעפּן. דורך זײַן א י ך — ווי דורך אַ גלאָז (אַ געשליפן גלאָז) — דאַרף אַל דאָס דרויסנדיקע אין אים זיך אָפּשפּיגלען, איבער־קאָכן, אָפּקילן. מיטן בלוט וואָס אין זײַנע אָדערן דאַרף עס פליסן דורך דער פען אויפן פּאַפּיר. און צום פּאַפּיר דאַרף ער קומען אָן אָנגעלאָדענער מיט מחשבה, געפיל, פּראָפּאָרץ, מאָס און וואָג. מיט אַן אויג פאַר ליניע און שיינקייט, מיט דינעם געהער און ווייטיקדיקן פריידגעפיל. און אָנגורטן דאַרף מען זיך מיט אַ סך כּוח צו אַרבעט, און מיט אַ סך תּפילה צו דעם, וואָס אָן זײַן ברכה איז די אַרבעט אַרויסגעוואָרפן. —

עכטע שאַפונג איז מלחמה. און ס'האָט שוין ווער געזאָגט: „די מלחמות זענען אין די הענט פון מענטשן. די נצחונות — בײַ גאָט".

ס'איז אויך כּדאַי צוצוגעבן: י. יאַנאַסאָוויטשעס עסיי איז פלאַנמעסיק אויפגעבויט. זי איז געשריבן מיט טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעטאַלן און מאַכט כּוללדיקע רעזומעס.

לסוף — אַ מערקווערדיקע עובדא: בײַ די מחברים, וווּ דער קריטיקער איז מלא שבחים און שרײַבט, ווי געזאָגט, מיט דער האַנט בײַם האַרץ — פאַרגינט ער זיך אָנווײַזן אויף די שאָטנזײַטן. דאַקעגן, וווּ ער רעדט מיט אַ פאַרעווע, סובלימירט לשון, לאָזט ער אונדז באַטראַכטן, אַז שוין דער טיטל פון זײַן בוך „פנימער און נעמען" איז, קאָן מען זאָגן, אַ רמז אויף דער מידה פון אָביעקטיוויזירן זײַן סוביעקטיוון צוגאַנג צו די פּ נ י מ ע ר און צו די נ ע מ ע ן.

שלמה וואַרזאַגער

אין פּרדס פון יידיש

דאָס בוך עסייען פון יצחק יאַנאַסאָוויטש איז אַ געלונגענער, דרייסטער פאַרמעסט — מיט דער פאַרנעמיקייט און גרונטיקייט — אַריינצודרינגען אין מהות פון דער יידישער ליטעראַטור, פון אירע ראשונים ביז דער נייער צייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט מענדעלע מוכר־ספרים און גייט ביז דער חורבן־ליטעראַטור און איר שליחות פאַרן פאָלקסלעבן.

ס'איז אַ גרויס, איכותדיק ווערק. היסטאָריאָסאָפישע, באַלערנדיקע, קריטישע אַרבעטן וועגן שרייבערס און ביכער, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם ספּעציפישן, יידישן פאָלקס־כאַראַקטער: דאָס אינדיווידועלע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט.

י. יאַנאַסאָוויטש איז קלאָר אין זיינע קריטישע מאָסן, אין זיינע דעפיניציעס. זיין וואָרט, וואָרטבאַגריף איז אָפט בילדעריש און באַהויכט מיט פּאָעטישער אַנאַלאָגיע.

ווען ער רעדט, למשל, וועגן בערגעלסאָנען, לייענען מיר אַזאַ שורה:

„די בערגעלסאָנישע פיגורן, וואָס באַוועגן זיך ווי הינטער אַ פאַר־רעגנט גלאָז" („אין פּרדס פון יידיש", עסייען און אָפּהאַנדלונגען, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1980).

אַ שלל נייע פאַקטן, אייגענע דימענסיעס, טרעפן מיר בעתן פאַר־גלייכן דעם ראַציאָנאַליסטישן תורה־פאַרשער רבי משה בן־מימון און דעם מיסטישן גאָטזוכער דעם אר"י הקודש: „דער מענטש און די וועלט זענען אַ חלק אלוקי־ממעל, אַ טייל פון דער גאָטהייט, אַ פאַרוואַנדלונג פון דער גאָטהייט, ווי דער דאַמף איז אַ פאַרוואַנדלונג פון דעם זידנדיקן וואַסער און ווי דאָס וואַסער איז אַ פאַרוואַנדלונג פון די צונויפגעטראָפענע מאָלעקולן" (דאָרט, ז' 137). ס'גלייכן ווען ער רעדט וועגן שמעון דובנאָוו, דעם גרויסן יידישן געלערנטן און זיין ליבשאַפט צו דער יידישער פאָלקס־קעגנוואַרט, וואָס האָט „דעם יידישן עבר פאַרבונדן מיט דער יידישער קעגנוואַרט און יידישער צוקונפט און ער האָט פון אַלע דריי פאַזעס פאָקסלעבן סינטעזירט איין שיטה פון נאַציאָנאַלער קאָנטינויטעט" (דאָרט, ז' 107).

רעדט זיך דאָ, בכן, נישט נאָר וועגן קריטישער יכולת, ערודיציע, נייערט וועגן אַ קריטיקער, וואָס האָט היפּשן שרייבערישן מוט צו זאָגן

אַ ביַי וואָרט, אַ ניַיעם געדאַנק, אַרויסברענגען אַן אייגענעם פּאַראַלעל בעת ער פאַרגליַיכט אַזעלכע צוויי גרויסע יידישע פּאָעטן און זייערע גאָטלידער, ווי אהרן צייטלין און יעקב פרידמאַן: — „פרידמאַנס גאָט איז אַ טייל פון זיַין פּאָעטישער עסטעטיק... צייטלינס גאָט איז דער גאָט פון געליַיטערטן, יידישן גלויבן" (דאָרט, ז' 139). קאָן מען זיך דערלויבן פעסטצושטעלן, אַז אַזאַ אַרט קריטיק איז שוין גאָר נישט שכיח אין די לעצטע פיר צענדליק יאָר פון נאָכן גרויסן חורבן.

שוין אָפּגערעדט פון אַרויסטיַיטשן, דעשיפרירן, אינטערפּרעטירן אַזעלכע ווערק, ווי „די גאָלדענע קייט" פון י. ל. פרץ („די רעהאַביליטאַציע פון שוואַרצן פּנחס"), „פון ,קליינעם מענטשעלע' צו דער גרויסער יידן־געשטאַלט", ביז צו די איינציקע, באַשעוויס, גראַדע, סוצקעווער.

פון דעסטוועגן, אויב עס גייט אין אינטערפּרעטאַציע פון מחבר בנוגע דער ספּעציעלער ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, איר לשון, וויַיל „קיין שום שעפערישקייט ביַי יידן, אויף אַלע אונדזערע הייליקע און וואָכעדיקע שפּראַכן, איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי דירעקט צו דער אַנטפּלעקונג פון דעם טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן, ווי די יידישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור אין יידישן לשון" (ז' 10) — נעם איך, הקטן, זיך די העזה מחולק צו זיַין אויף דער דעפיניציע, אַז נ אָ ר די יידישע ליטעראַטור האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף ד ע א ת ע צ מ ך (ז' 28) אין דעם זין פון מאַניפעסטירן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, יידישן אינטעלעקט, כדי „צו ברענגען צו אונדזער דערקענטעניש דאָס וועזנטלעכע כאַראַקטער־פּנים פון פאָלק" (דאָרט, ז' 15).

פאַר וואָס נ אָ ר די ליטעראַטור אין יידישן לשון? איז דען די העברעיִשע ליטעראַטור, תּמיד אָדער ווען עס איז געווען לחלוטין אָפּגעפרעמדט פונעם יידישן לעבן און זיַינע פּראָבלעמען?

אַז מען איז מעין אין דער דיכטונג פון דער נאַציאָנאַלער ליריק אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, סיַי אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַניע, סיַי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פון נאָך דער השכלה־עכאָפּע — טראָץ און אפשר אַ דאַנק דער השפּעה פון אייראָפּעיִשן ראָמאַנטישן רעאַליזם און נאַטוראַליזם — געפינט מען אויך, נישט ווייניקער ווי אין דער יידישער ליטעראַטור, „וואָכעדיקע" הלכה: כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט. מיט איין וואָרט:

גלות־ליטעראַטור אין העברעיש, בעיקר פּראָזע, גיט אונדז אַ פול בילד פון יידישן לעבן, יידישן הווי און העוויה. אָט דאָס שטייגערדיקע וואָס איז שפּעטער — פאַרפונדעוועטער, קינסטלעריש־שלמותדיקער, באַפרייט פון השכלה און מליצה — אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די יידישע קלאַסיקערס. די תקופה פון די ראשונים: וואָלפסאָן, עטינגער, א. מ. דיק, אַקסנפעלד, לינעצקי ביז מענדעלע, ווי אַן אָפשליסער פון אַ באַשטימטן היסטאָרישן אָפשניט אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן.

אַ סך קינסטלערס, שרייבערס האָבן געשעפּט און שעפּן עד־היום פון די אגדה־ברינעמער. די אגדה, וואָס איז, אייגנטלעך, אַ זאַמלונג פון פאָלקס־מעשיות, פון מיינונגען פון אמוראים, עלטערע און יינגערע יידישע געלערנטע — די פונדאַמענט־לייגערס פון גרויסן אוצר פון יידישן געפיל און אומגעצוימטער פאַנטאַזיע, מחשבה.

אַלע האַרבע סוגיאָס האָט די אגדה געמאַכט פאַרשטענדלעכער, פּאָפּולערער, גערעדט צום האַרצן און געפיל פון פּשוטן ייד. דאָס גלייכן — דער תלמוד. ער האָט גענומען פון פאָלק, געלערנט דעם פאָלק גוטע מידות און שיינע מעשים, אויסגעאיידלט זיין כאַראַקטער. דער תלמוד, ווי די אגדה, איז געוואָרן דער מורה־דרך אין לעבן־שטייגער פון ייד אין גאַס, אין שטוב, צווישן אייגענע און צווישן פרעמדע.

אויך דאָס וואָס אַ גרויסע צאָל אמוראים, רבנים האָבן נישט געלעבט בלויז פון תורה, אלא פון מלאכה: שניידעריי שוסטעריי, האָלצהעקעריי און ערדאַרבעט — איז געווען פאַרן ייד הלכהדיקע ממשות און במילא געטראָגן אַ דערציערישן כאַראַקטער. עס האָט געהאָלפן געשטאַלטיקן דאָס עטישע און סאָציאַלע לעבן פון די יידן אין יענער צייט.

די אגדה האָט אַזוי אַרום — אין יענער צייט און אויף איר שטייגער — געשפּילט די זעלבע ראָלע, קאָן מען זאָגן, וואָס די ליטעראַטור, מיט אירע ראָמאַנען, נאָוועלעס, דראַמע און ליד, שפּילט היינט צו טאָג.

עד־היום איז איר השפעה קאָנטיק אויף דורות קינסטלערס אין אַלע צווייגן און זשאַנערס, אין העברעיש און אין יידיש.

דאָ וואָלט מען געקאָנט אָנציילן אַ סך נעמען פון העברעיִשע שרייבערס אין וועמענס ווערק עס שפּיגלט זיך אָפּ יידישער גורל און גרויל, הווי און וויי, יידישע נשמה אין העברעיִשן לבוש. גענוג צו דערמאָנען ז. פייערבערגן מיט זיין „לאן?" (וווהין?) און י. ח. ברענער מיט זיין

„מסביב לנקודה" („אַרום אַ פּינטעלע") א"אַ, כּדי צו באַאמתן דאָס אויבן געזאָגטע. אמת, אין זײַן אַרײַנפיר זאָגט טאַקע דער מחבר, אַז „ליטעראַטור בײַ ייִדן האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט מענדעלען, מיר פאַרמאָגן אַ ליטעראַטור־געשיכטע נישט פון הונדערטער, נאָר פון טויזנטער יאָרן" (דאָרט, ז' 10).

וואָס שייך די רעהאַביליטאַציע פון „שוואַרצן פּנחס", איז ביז גאָר אָריגינעל די עסיי וואָס לייגט דעם טראָפּ אויפן עיקר־ווערק, די דראַמע „די גאָלדענע קייט", און וואָס פאַר אַ גרויס אָרט זי פאַרנעמט אין י. ל. פּרעצעס שאַפן. „אַ ברייטע גאַמע פון רמזים און נישט־דערזאָגטקייטן, אַז זי איז, ווי עס איז דער שטייגער פון אַלע גרויסע ווערק, געוואָרן די קאַנווע פאַר כּלערליי פּירושים און אפילו חידושים" (ז' 37). ווילט זיך זאָגן, אַז נישט נאָר אַ גאַמע פון רמזים. דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער דראַמאַטישער געראַנגל פון אָבות ובנים, וואָס איז אַזוי שכיח אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער ליטעראַטור. אָט דעם קאָנפליקט טרעפן מיר בײַ דוד פּינסקי אין „פאַמיליע צבי", בײַ ש. אַש אין „משיחס צײַטן", בײַ אָפּאַטאָשו „אין די פּוילישע וועלדער" און טאַקע אויך בײַם גרויסן שלום־עליכם: „טוביה דער מילכיקער", „צעזייט און צעשפּרייט".

און ווי אַנדערש און אייגנאַרטיק דאָס שפּיגלט זיך אָפּ בײַ י. ל. פּרץ. עס איז ווירקלעך דאָס עסענציאַנעלסטע און וועזנטלעכסטע פון פּרעצעס שעפערישן גײַסט און אינטעלעקטועלער אינדיווידואַליטעט, ווי דער מחבר זאָגט עס.

מען דאַרף נישט לאַנג זוכן אויך אין דער נישט־ייִדישער ליטעראַטור — דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, קאַמי — כּדי צו געפינען אַנאַלאָגיעס אין סאָציאַל־פילאָסאָפישן זײַן און אײן זײַן פון אייביקן וויכוח: גוטס און שלעכטס, צווייפל און האָפענונג, גאווה און שפלות, און סימבאָליק אין לעבן — אַזוי ווי עס קומט בײַ י. ל. פּרץ צום אויסדרוק אין „די גאָלדענע קייט".

די בונטאַרע געשטאַלט, די פּערזענלעכקייט ר' שלמה נגיד, וואָס איז סײַ ייִדיש, סײַ אוניווערסאַל, דערמאָנט, רופט אַרויס ענלעכע געשטאַלטן אין די ווערק פון די אויבן דערמאָנטע נישט־ייִדישע שרײַבערס. און בײַ נאָך און נאָך.

דאָס איז דאָך דאָס אוניווערסאַלע יושר־געפיל פון ה ב ל, פון א י ו ב

איבער אַלע צײַטן און אײביקײטן. װאָס עס הײסט בײַ פֿרומע ייִדן גאָט, הײסט בײַ פֿרײַע ייִדן און ניש־ט־ייִדן, — אינטעלעקטואַלן, קינס־טלערס, פֿילאָסאָפֿן — געסדרטע קלוגשאַפֿט. מיט אַנדערע װער־טער: „די געזעצמעסיקײט פֿון דער האַרמאָניע" אָדער: „די האַרמאָנישע שײנקײט פֿון געזעץ" (שפּינאָזאַ).

בײַ ר' שלמהן זענען דאָס ייִדישע ספֿקות, אָדער ספֿקות, רעװאָלט פֿון אַ ייִד בנוגע זײַן ייִדישן גאָט. בײַ ר' שלמהן פּאָרט זיך יושר־געפֿיל מיט צלם־אלוקים, מיט געטלעכער קדושה. בײַ ניש־ט־ייִדן — מיט װעלט־גאָט, מיט געװיסן.

ר' שלמהס בונטאַרישקײט מיטן ניש־ט װעלן מאַכן הבדלה (און װיל דערמיט אײַנהאַלטן דעם אײביקן שבת) איז, װי י. יאַנאָסאָװיטש זאָגט אַזױ ריכטיק „דער סימבאָל פֿון יעדן קאַמף קעגן די דאָמינירנדיקע, מאָראַלישע פֿאַרהעלטענישן און קעגן די עקסיסטירנדיקע סאָציאַלע באַדינ־גונגען אין װעלכע מיר לעבן".

גײען מיר אַ װײַלע צום „קלײנעם מענטשעלע", צו דער עסײ, װוּ דער מחבר אַנטװיקלט דעם געדאַנק, אַז „װאָס בנוגע דער דערקענטעניש פֿון דער ייִדישער מענטאַליטעט פֿאַרדינט די ייִדישע ליטעראַטור דעם גרעסטן שבח, מחמת זי איז געװאָרן דער בולטסטער שפּיגל פֿון אונדזער פֿאָלקס־כאַראַקטער".

פֿרעגט זיך װידער:

פֿאַר װאָס לאָזט זיך דאָס ניש־ט זאָגן אױך אױף ניש־ט־ייִדישער ליטעראַטור?

עס איז דאָך קלאָר באַװוּסט, אַז אױך אַנדערע ליטעראַטורן שפּיגלען אָפּ דאָס װעזנטלעכע כאַראַקטער־פּנים פֿון פֿאָלק, פֿעלקער: שעפֿן פֿון פֿאָלקס־ברײנעמער, פֿון „קלײנעם מענטשעלע" און פֿון אינטעלעקטואַלן פֿילאָסאָף. אױב דאָס לעבן איז אַ טונעל, װי דער מחבר דריקט זיך ריכטיק אױס, טרעפֿט מען דעם פּשוטן מענטש אַרײַן־אַרױסגײן פֿון „טונעל" מיט לײדיקע הענט — בעת דער פֿילאָסאָף גײט אַדורך דעם „טונעל" מיט דער „לאָמטערן פֿון גײַסט". בײדע, אַזױ װי זײ קומען — אַזױ גײען זײ אַרױס. אַ סברה, פֿאַר דעם מיטן „לאָמטערן פֿון גײַסט" איז דער גאַנג שװערער, פֿײַנלעכער, פֿול מיט פּחדים און ספֿקות... דער פֿילאָסאָף איז אפֿשר קליגער אָבער ניש־ט גליקלעכער.

און דאָס איז דער גאַנג אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט בײַ אַלע פעלקער: אַרויסברענגען די פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן אינעווייניק — דורכן אַרײַנקוקן אין די פאַרשטויסענע, ענגע טונעלן און קאַנאַלן פון לעבן מיט אַ טיפן אַרײַנדרינג אין די נשמה־קנייטשן פון „קליינעם מענטשעלע", מחמת ס'איז אין גרויסן ים נישטאָ מער ווי דאָס, וואָס איז בנימצא אין די קליינע טראָפּנס.

י. ל. פּרץ האָט געלעבט אין אַ צײַט ווען חסידות האָט אויפגערודערט דאָס רעליגיעזע געפיל, וואָס האָט געהאַלטן בײַם פאַרגליווערט ווערן. עס האָט אָנגעהויבן אויפוואַכן די סאָציאַלע אידעע און דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס מיינט: פון פאָלקספּאָטענץ צו נאַציאָנאַל־באַוווסטזײַן. נאַציאָנאַל־באַוווסטזײַן איז אַ העכערע מדרגה פון גײַסטיק־קולטורעלע באַדערפענישן און זעלבסט־דערקענטעניש־געפיל, וואָס דערהייבט דאָס פאָלק צו אַ נאַציע.

פּרץ האָט באַשײַנט די גראָע וואָר, די רעאַליטעט מיט חסידישע מעשיות פון עבר, פון הווה און חזיון פון אַ שבת־יום־טובדיקן מאָרגן. ער איז אפשר נישט געווען דער מײַסטער פון סוד־הריכוז, פון קאָנצענטרירטער בילדערישקייט, האָט אָבער זײַן צעריסנקייט פאַרגאַנצט די גרויסע אומרויִקע, בונטאַריש־זוכערישע פּערזענלעכקייט.

העכערע נאַציאָנאַל־סאָציאַל־באַפרײַערישע אידעען, שטרעבונגען און שטרעמונגען זענען תמיד געווען און זענען עד־היום דער סימן מובהק פון ייִדישן פילן און דענקען. און די דאָזיקע צוויי כּוחות — סאָציאַלע אידעע און נאַציאָנאַלער באַוווסטזײַן — ראַנגלען זיך אין באַנטשע שווײַג. צוויי צדדים זענען דאָס און נישט קיין צוויי פּנימער, ווי אונדזער מחבר וויל האָבן. דורך באַנטשע שווײַג, ווי דורך „די קליינע מענטשעלעך" — רעדט פּרץ, זוכט דורך די סימבאָלישע געשטאַלטן נײַע וועגן צום ייִדישן שבת און צום וועלט־שבת, דעם סאָציאַל־באַפרײַערישן געדאַנק.

האָב איך אפשר אין די ענגע ראַמען פון אַן אָפּהאַנדלונג גערעדט וועגן פּרצן צו לאַנג, אָבער נישט צו פיל. מחמת נישט וועגן איכות פון די אַרבעטן, וואָס קומען אַרײַן „אין פּרדס פון ייִדיש" רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן מחברס אויבן דערמאָנטער פעסטשטעלונג, „אַז קיין שום ליטעראַרישע שעפערישקייט בײַ ייִדן — — — איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי

דירעקט צו דער אַנטפּלעקונג פון דעם טאָג־טעגלעכן ייִדישן לעבן, ווי די ייִדישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור אין ייִדישן לשון" (דאָרט, ז׳ 10).

מיטן בעסטן רצון צו דערגרונטעווען זיך צום מחברס כוונה, איז מיר שווער די דאָזיקע מיינונג צו פאַרדייַען, מכל־שכן — באַיאָען.

✶

אין בוך קומען אַרייַן נאָך אַ סך וויכטיקע עסייען. צווישן אַנדערע: „מדינת ישראל און די ייִדישע פּאָעזיע" און, ווי שוין דערמאָנט, וועגן דעם שאַפן פון יעקב פרידמאַן, אהרן צייטלין, שמואל האַלקין, יצחק באַשעוויס־זינגער און אַחרון, אחרון חביב — אַברהם סוצקעווער.

איז דאָס אַ קינסטלערישער קאַלײדאָסקאָפּ פון שרייַבער־געשטאַלטן, ליטעראַרישע עפּאָכעס און ריכטונגען, געזען מיט די אויגן פון אַ קינסטלער פון הויכער מדרגה. י. יאַנאַסאָוויטש איז אין דעם זשאַנער א י י ג ע ר, אפשר דער איינציקער, הייַנט צו טאָג, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַלע אַטריבוטן פון אַן אָריגינעלן עסייִסט־קריטיקער. ער איז לאַגיש, קלאָר און קרעפטיק. זייַן געדאַנקען־בנין איז געבויט — אידעיִש און שפּראַכלעך — לויטן בעסטן מוסטער אין דער ליטעראַטור־קריטיק. זייַן לשון אין דער עסיי איז ווי אַ המשך פון זייַן פּראָזע און זייַן ליד. אין זייַן וואָרט ליגט כוח פון טיפן אמת און אַ פּילפּנימדיקע משמעות. ער איז אָנפּניותדיק בייַם באַהאַנדלען אַ ווערק, אַ שרייַבער. זייַן מיינונג איז געבויט און געשטיצט אויף אייגענע מאָסן און מבינות. ער שליסט אויף און שליסט אָפּ די עסיי, דעם מאמר — מיט אייגענע שליסלען.

י. יאַנאַסאָוויטש האָט כוח און מוט — מענטשלעכן און שרייַבערישן — אָוועקצושטעלן אַ שרייַבער, אַ ווערק, אין אָביעקטיוון ליכט — אַזוי ווי ער לייענט אים און פאַרשטייט אים — מעג דער באַהאַנדלטער שרייַבער אָדער דאָס בוך אַנדערש געשאַצט ווערן פון ווילבאַקאַנטע קאַפּאַציטעטן־קריטיקערס. אַלע, אָדער כמעט אַלע קריטישע אַרבעטן זענען אָנגעפילט מיט פּאָזיטיוויזם. ליטעראַטור איז פאַר י. יאַנאַסאָוויטשן נישט נאָר אַ מעדיום פון זעלבסטאויסדרוק, נאָר אויך, אפשר בעיקר, סאָציאַל־עטישע פליכט און געזעלשאַפטלעכע שליחות, נישט נאָר פון אַ קריטיקער נייַערט אויך — ליטעראַטור־פאָרשער. דערמיט האַלט י. יאַנאַסאָוויטש אויף די טראַדיציע סייַ פון דער דערציילקונסט, סייַ פון קריטישן געדאַנק — לויטן אויסערלעכן פאָרנעם און אינעווייניקסטן ווערט.

מען פילט די געהעמטקייט אין וואָרט, טראָץ דער ברייטאָטעמדיקייט פון זאַץ און זאָג. ער איז אויסגעהיטן פון גוזמא און סופּערלאַטיוו, אַפילו ווען ער רעדט מיט באַגײַסטערונג, איבערלעבכער איבערצײַגונג וועגן אַ ווערק, אַ שרײַבער.

י. יאַנאַסאָוויטש איז אַ שעפער פון די טיפע יידישע גײַסטבריגנעמער. אויך די מקורות פון דער וועלט־ליטעראַטור זענען פאַר אים נישט פאַרהוילן. ער איז אַ בריה אויף שעפן און איבערגיסן, באַגרינדן אַן אייגענעם געדאַנק, באַגריף, אַן אייגענע השערה, מיינונג.

דער עסייִסט־פּאָעט־פּראָזאַיִקער יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט זיך פאַר־וואָרצלט אין באָדן פון דער ליטעראַריש־יידישער גאַס. ער איז אַרײַן „אין פּרדס פון יידיש" ווי אַ זוכער און אַרויס אַ געפינער, אַ געווינער.

דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען

גרויסע פּראָזע־מײַסטערס קומען אויפן זינען לייענענדיק די דערציי־לונגען, מעשׂיות, גרויס אין אַלזײַטיקן באַנעם, אין טיפן באַלײַכטן דווקא קליינע געשעענישן, אייניציקע מענטשן, געשטאַלטן, אָפּט — שטיללעבן — אומוויכטיקע, מינדערווערטיקע.

די קליינע מענטשעלעך וואַקסן אויס צו סימבאָלן, און אַז מען וויל זענען דאָס צויטן, דרימען פון אַ גאַנץ געוועב, אַ לײַוונט, אַ לעבן, וואָס איז געוואָרן כּחרס הנשבר. אַ צעוויקלטע מגילה פון אַ וואָרהאַפטיקייט, וואָס דער מחבר וויל צוריק מחיה־מתים זײַן מיט דער הילף פון די שברים — מעשׂיות און מעשׂהלעך.

מיטן שילדערן טרום־החורבן פּרוווט ער און ס'געלינגט אים דער־לאַנגען — חורבן, אָדער עפּעס פון דעם גרויזאַמען און שוידערלעכן אמת וועגן שקר. יענע גיהנום־ווירקלעכקייט, די אַנאָמאַליע, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסברענגען מיט נאָרמאַלע, לאָגישע שרײַבמיטלען.

חלום, אײַנגלייבעניש, פאַנטאַזיע ווערט דאָס מעשׂה־בוך פון אַ לעבן, פון אַ יש וואָס איז געוואָרן אַ י ן. און פון אַין, דעם נעגאַטיוו — צום פּאָזי־טיוו. אייגנטלעך זענען דאָך די מעשׂיות, לעגענדעס — יידישע רעאַליטעט, אַ פאַרוואָרצלטע אין סימבאָליק, פּסיכאָלאָגיע, אידעאַל, אַזאַ סטאַטישע דינאַ־מישקייט. העראָיִק, שטילע גבורה פון אַנטי־גיבורים, אַנאָנימע אייִנסן

פון אַ גרויסן ציבור — גאַנץ אין זײַן צעריסנקייט. ייִדיש לעבן מיט נס, מיט ווונד און וווּנדערלעכער עקשנות פאַר קיום. די דערציילונגען: „מצות", „אַ מישפּט צווישן לאַנדסלײַט", „צוויי מעשיות וועגן יורשים", „דער קידוש־בעכער", „גילוי אליהו" און אַנדערע, דורך אַט דעם מ ו ע ט ברענגט דער שרײַבער אַרויס צום לעבן די מ ר ו ב ה; שיינע ייִדן מיט אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, שטיבלעטן, שטרײַמלעך, און ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, הענדלערס אין מאַלאַנשענע כאַלאַטלעך און באַלמעלאַכעס וואָס ציִען חיונה פון האַנט צום מויל. פרומע ייִדן און ייִדן חלשים — געשטאַרקטע פון בטחון און תעניתים...

י. יאַנאַסאָוויטש לעבט אויף פאַר אונדז צוריק ייִדיש פאָלק און פאָלקסטימלעכקייט: העוויה און לשון, אויטענטיש רייד־לשון מיט זײַן פּשטות, ווייכקייט און באַהנטקייט. בריהשאַפט און געניטקייט פון אַ בכיוונדיקער, אַזוי צו זאָגן, סטיללאַזיקייט, וואָס לייענט זיך ווי אַ געראַדט לשון, אַ לאַ שלום־עליכם.

י. יאַנאַסאָוויטש קומט נישט מיטן כּוח פון שווערן וואָרט, וואָס לייגט זיך ווי בלײַ אויפן געמיט פון לייענער, נײַערט מיט דער קלאָרקייט פון גרינגן וואָרט, פון פאָלקסהומאָר. דאָס איז דאָס צעשמייכלטע, וואַרעמע וואָרט, וואָס לאָזט זיך, ווי אַ זונענשטראַל פון אויבן אַראָפּ, אַרונטער: ערשט פון אונטן אַרויף נעמט עס וואַרעמען.

אַדורכדרינגלעך־דראַשטשענדיקע וואַרעמקייט. אַ זיסער טרויער. היי־מישקייט מיט אומהיימלעכן טראַגיזם. נאַכטראַכטעניש און נאַכוויי, חשבון־הנפש: — וואָס איז געווען און וואָס איז געוואָרן פון דײַנע שטעטלדיקע ייִדן?

„די מומע גיטל האָט געציילט אירע אָבות ביזן צענטן דור, און צווישן זיי אַלע איז נישט געווען אַפילו איינער מיט דער קלענסטער פּגימה. זיי זענען געווען די יוסטע בויערס פונעם שטעטל און אַלע זענען זיי אין זייער צײַט געזעסן צווישן די שבעה טובי העיר — — — דער דאָזיקער ערשטער ייִד אינעם שטעטל האָט געהאַט אַ שולשלת היחסין ביז צו רש"י און פון רש"י אַזש העט ביז דוד המלך. נאָכן טויט פון איר מאַן, דעם רײַכן וואַלד־סוחר און למדן, האָט די מומע גיטל מער נישט חתונה געהאַט, כאָטש זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער מענטש"

(,,דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען", פאַרלאַג ,,קיום", תל־אביב 1979, זז' 148—149).

אויטענטיש רייד־לשון האָב איך געזאָגט. ס'קאָן זיך אין פלוג דאַכטן, אַז ס'שרײַבט זיך אַליין. אַזוי באַקומט זיך אויך בעתן לייענען למשל שלום־עליכמען, אַ יחיד־במינו, וואָס האָט געשריבן אין אַן אויטענטיש רייד־לשון.

שלום־עליכם האָט געהאַט צו טאָן מיט לעבעדיקע ייִדן. מיט מעשׂים און נישט — מעשׂיות וועגן אַ לעבן, וואָס לעבט נישט מער. שלום־עליכם האָט געלאָזט זײַנע ייִדן פאָרן אויף באַנען — און טאַקע לאַנגע נסיעות — ס'זאָל זיי סטײַען צײַט אויף צו דערציילן לאַנגע מעשׂיות, אַ מעשׂה אין אַ מעשׂה, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל נישט אויס.

י. יאַנאַסאָוויטשעס ייִדן זענען שוכני־עפר (אפשר שוכני־שמים) און דער מחבר גופא איז אַן אוד מוצל מאש. דעריבער לעבן־אויף יאַנאַסאָוויטשעס ייִדן ווי סימבאָלן. די אייניקע, ווייניקע, געראַטעוועטע ייִדן פון די טויטע שטעטלעך — פאָרן מעבר־לים. אויך דער מחבר איז עוקר מיט אַ רײַכן ,,באַגאַזש" — חלומות, פאַנטאַזיעס, אײַנגלייבענישן, לעבעדיקע מעשׂיות פון טויטע ייִדן.

✶

צײַט, יאָרן — זענען אויך שטח. און די פּערספּעקטיוו איז אַ געפּלעטע. דער דערציילער ווענדט אַן דעם ,,נעגאַטיוו" פון זײַן קינסטלעריש אויג און ברענגט אַרויס דעם ,,פּאָזיטיוו" (מיט אַלע נעגאַטיוויקייטן). אויך דאָרטן, אין דער ווײַטער פרעמד, מיט זײַן באַזעצן זיך אין אַרגענטינע, ,,באַזעצן" זיך אין דער נשמה, אין געמיט פון שרײַבער די שארית־הפליטה־ייִדן, וואָס זוכן, פּרווון זיך גרונטפעסטיקן אויף פרעמדן באָדן. די שיפן האָבן זיי דאָ איבערגעלאָזט צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט. — און סאַראַ ווונדער: אויך דאָ, אין דער פרעמד, איז י. יאַנאַסאָוויטש אין דער היים. דאָס נײַע לעבן, דער אַלט־נײַער שטייגער שפּיגלט זיך בולט אָפּ אין די ,,אַרגענטינער מעשׂיות", וואָס כאַפּן אַ היפּשע טייל פון די צוויי הונדערט און פופציק זײַטן פּראָזעבוך. דאָ, אין אַרגענטינע, לאָזט י. י. רעדן זײַנע מענטשן: ,,אין די טאַלגאַרער בערג", ,,דער זשורנאַליסט", ,,מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט". די אַ העלדן, כאָטש אַנדערש געקליידט און אַנדערש אין זייערע פּירעכצער, זעט מען אָבער פּאָרט אין זיי די

זעלבע ייִדן. מען דערקענט זיי אין דער העוויה, אין לשון, אין פּנים־גרימאַס און אַפילו אין זייער שווייַגן. מיט זייערע חלומות, פאַנטאַזיעס און בענקשאַפטן, אין זייער וויטאַליטעט — רופן זיי זיך איבער מיט די ייִדן וואָס זיי האָבן געלאָזט מעבר־לים און זענען אַפילו צו קיין קבר־אָבות נישט געקומען. דער דיכטער־פּראָזאַיִקער ווערמען דער נשמה־עלנט פון די אַ ייִדן איז אַזוי נאָענט און אייגן — שילדערט זיי פּאַר אונדז מיט יענער דערהויבענער לײַכטקייט אין וואָרט, אין ווילקלאַנג, אין הומאָר און איראָניע, וואָס דערמאָנט, ווי שוין געזאָגט, אינעם גרויסן מײַסטער אונדזערן שלום־עליכם.

ס'קאָן זיך אָפּט דאַכטן, אַז דער שרײַבער לאָזט די ייִדן רעדן מער וויפל מען באַדאַרף. לייענט מען זיך אַרײַן, אָדער הערט מען זיך גוט צו צום „מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט" (אַגב, אַ שעדעווער אין דער ייִדי־שער פּראָזע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה), פאַרשטייט מען די וויכטי־קייט און ווערטיקייט פון די רייד:

„מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק בין איך געווען אַ ייִדישער אַקטיאָר. געשפּילט ייִדיש טעאַטער. הײַנט בין איך שוין נישט בײַם ייִדישן טעאַטער. הײַנט שפּיל איך אויף דער שפּאַנישער בינע. מײַן נאָמען איז הערשל חזן, אָבער אויף שפּאַניש רופט מען מיך: הערנאַנדאָ טשאַסאָן" — — „איך האָב אין מײַן אָפּגעריסנקייט פון ייִדן פּשוט פאַרשלאָפן אַ וועלט־אונטער־גאַנג". — — „אַזוי אָפּגעריסן צו ווערן פון ייִדישן טעאַטער, פון ייִדישע חברים" (דאָרט, זז' 105—106).

אָפּגעריסענע זאַצן, צו מאָל — ווערטער, ציטיר איך, מחמת פון אַזאַ בוך אַרויסנעמען שטעלן, איז אַזוי גוט ווי רײַסן אבר מן החי. ס'ווילט זיך בלויז אָנווײַזן אויף דער צעריסנקייט אין ייִדישן לעבן, ווי אין דער אַלטער היים, אַזוי אויך אינעם נײַעם לאַנד. די פרעמדקייט שרײַט אַרויס, אַראָפּ פון ייִד ווו ער זאָל זיך נישט געפינען: אַרגענטינע, אורוגווײַ, פּאַראַגווײַ — אומעטום דער זעלבער ייִדישער גורל, דער ייִדישער ווײ.

איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס י. יאַנאַסאָוויטש לאָזט רעדן אַן אַקטיאָר. אַן אַקטיאָר איז גרינגער ווי אַ געוויינלעכן בשר־ודם אַרויפצוציען אויף זיך אַ... מאַסקע. און הינטער דער מאַסקע? הינטערן גרים? — —

אין אַרגענטינע טריבקט מען מאַטע. אין דער אַלטער היים האָט מען געטרונקען טיי. מע האָט געקנאַקט סעמיטשקעס. אין דער היים —

אַ בשׂמים־ביקסל, אַ קידוש־בעכער. דאָ, אין אַרגענטינע — קונציק אויסגעאַרבעטע גואַטש־מעסערס, נאַקעטע פיגורלעך פון בראָנדז, אַ בודאַ.

✶

יצחק יאַנאַסאָוויטש גייט מיטן ברייטן וועג — אין דער פּראָזע, ווי אין דער עסיי. די פּראָזע, ווי די דיכטונג, איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זײַן שאַפונגסוועלט. עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ פּילזשאַנערדיקן קינסטלער וואָס „לײַדט" פון שפע (און נישט פון דלת, פון דורכפאַל, ווי עס טרעפט מיט אַ שרײַבער אויף אײן „פּראַנט", וואָס גראָבט זיך אין נײַע "אָקאָפּעס", כּדי אויפהאַלטן ס׳קינסטלערישע חיות), עס איז אים צו ענג אויף איין, אָדער צוויי געביטן. ער רײַסט זיך פון ענגשאַפט און בענקשאַפט און — הונגער — צו נײַע פאָרמען, מיטלען, קינסטלערישע וועגן אַרויסצוברענגען דעם אינערלעכן ויתרוצצו, אַ רײַכע, אינהאַלטספולע, קאָלירקע געדאַנ־קען־וועלט, געפילן־וועלט, וואָס זוכט מרחקים און מרחבים.

דאָס מערקווערדיקסטע דערבײַ איז, וואָס אַלע זשאַנערס לעבן בײַ אים אין גוטער שכנות. גוטע שכנות פון טאָלעראַנץ און קעגנזײַטיקן כּבוד. און אַלע זשאַנערס, אין וועלכע י. יאַנאַסאָוויטש איז שעפעריש — און אַלע פון הויכן ניוואָ — דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן, זענען אויף זיך משפּיע צום גוטן.

אמתע פּראָזע דאַרף האָבן אין זיך סײַ דאָס נאַראַטיווע, סײַ פּאָעטישן אָטעם. פּונקט אַזוי ווי ס׳איז נייטיק דער עלעמענט פון געדאַנקלעכקייט, פון טיפן אַנאַליטישן אַרײַנבליק אין מענטש־מהות. און דאָס נעמט י. י. דער דערציילער בײַ י. י. דעם עסייִסט. דאָס גלײַכן — קומט אין זײַן עסיי צום אויסדרוק י. יאַנאַסאָוויטש דער פּאָעט, דער פייטן מיטן ריטמישן וואָרט, הערמעטישן זאַצבוי און מוזיקאַלישקייט פון דער שפּראַך.

אויב מען קאָן, מען מעג קוואַליפיצירן אַ שרײַבער פון אַזאַ מדרגה ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש, איז ער קודם־כּל אַ פּאָעט. — אַזוי ווי לייוויק איז קודם־כּל אַ פּאָעט, נאָך דעם — דראַמאַטורג. אַזוי ווי גלאַטשטיין — עסייִסט און נאָך דעם — פּאָעט־פּראָזאַיִקער. ס׳איז שווער אָוועקצושטעלן „גרענעץ־סלופּעס". די פונאַנדערטיילונג איז, בכן, מיט ברייטע דורכגענג און איבערגענג.

מ׳קאָן, פאַרשטייט זיך, אויסרעכענען נישט ווייניק שרײַבערס אין דער נישט־יִדישער וועלט, וואָס זענען טעטיק אויף מער ווי איין געביט.

כ׳מיין די שרײַבערס, קינסטלערס, וואָס זייער פילאָזאָפיע ווערט יפן זיי פון
היוכן ביוואָ און נעמט זיך סײַ פון שפע, סײַ פון, ווי געזאָגט, הונגער
צו נײַע תוכנס און פאָרמען פון שאַפן.

ערגעץ ווו טרעפן זיי זיך, רופן זיך איבער, די גרויסע מײַסטערס.
ווײַל עכטע קונסט איז, ווי דער אמת, אומצעטיילבאַר. עכטע קונסט באַריירט
תמיד דאָס אמת אינדיווידועלע, וואָס איז כלל־מענטשלעך, אוניווערסאַל,
אַלזײַטיק. — ערשט די מענטשהייט טיילט זיך אין אומות, אין עטנישע
גרופּעס מיט גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישער דיפערענציאַציע, ביז — פונאַנדער־
גלידערונג אויף יחידים. יחידים — איינסן אין אַ קאָלעקטיוו.

קינסטלערישע אויפנעמען זאַכן קומט אפשר תמיד אין זכות פון
השפעות פון דער אָפענער וועלט, סביבה, געשריבענעם און געהערטן
וואָרט. יעדער איינער נעמט וואָס ער איז ביכולת און דערלאַנגט צוריק
אויף זײַן שטייגער, ווערדליק זײַנע כוחות.

דער עיקר איז די שפירונג און ווי אַזוי דער באַוווסטזײַן פון קינסטלער
זעט דעם אמת, זײַן אמת.

די הויכע מדרגה פון שרײַבער, אין אונדזער פאַל, באַשטייט אין
דעם וואָס ער איז ביכולת אויפצונעמען און מוסיף זײַן צום אַבסאָלוטן
אמת, זײַן אמת, אַזוי ווי ער זעט אים.

די נײַקריטיק פון יצחק יאַנאַסאָוויטש

(„אַברהם סוצקעווער, זײַן ליד און זײַן פּראָזע״)

ווען י. יאַנאַסאָוויטש דעם פּאָעט, פּראָזאַיקער, עסייִסט, קריטיקער
און פּובליציסט האָב איך געשריבן מער ווי איין מאָל. נאָר ווען איך לייען
אַ נײַ בוך פונעם זעלבן מחבר ווער איך פאַרשטראָמט פון אַ סך מחשבות,
אַקסיאָמעס און פון דער וווּנדערלעכער טרעפלעכקייט און נײַ־באַנײַטן
אופן פון ברענגען דאָס צום אויסדרוק. ס׳כאַפּט דיך אַרום אַ געפיל
פון... קינאה. אייגנטלעך זענען עס דאָך מײַנע מחשבות, מײַנע אמתן:
ליגן אויפן שפּיץ צונג און עמעצער אַן אַנדערער האָט דיך מקדים
געווען...

איז דאָס חל, ראשית־כל, אויפן מחבר פון דעם וווּנדערלעכן עסייען־
בוך: „אַברהם סוצקעווער, זײַן ליד און זײַן פּראָזע״, וועגן וועמען איך

איך האָב מער ווי איין מאָל געשריבן. פון דעסטוועגן, אַז דו לייענסט זיך אַרײַן, אַן אָפּגעקילטער פון ערשטן באַוווּנדער, גייט די „קינאה" איבער אין אַ גײַסטיקער באַפרידיקונג, אין אַ פאַרגיטיקונג. ס'טוט דיר הנאה, וואָס נאָך עמעצער — ובפרט דער מחבר פון אָט דער עסיי — שלאָגט אָן אייגענעם טאָן און אייגענע ראיות, איז מפרש און מפרט תמצית־דיק אברהם סוצקעווערס יצירה, זײַן וואָרט און וואָרטגיואָנס: „יעדעס ליד זײַנס, יעדער פערז זײַנער איז אַ מין אַראָפּטונקען זיך צו די אונטער־ימיקע פעלדזן, וואָס באַווירקן די שטראָמען אויף דער אייבערפלאַך".

אָדער — ...„דאָס מגלה זײַן דורך אַ רמז, דורך אַן אָנווונק פון ווערטער און בילדער, וואָס אין פלוג איז צו מאָל שווערלעך צו דערכאַפּן זייער פשט־שײַכות. דאָס איז אָבער נאָר אין פלוג אַזוי, ווײַל אין דער אמתן איז פאַראַן אין זײַן וואָרט די קלאָרקייט פון אַ דימענט, וואָס פאַרטונקלט זײַן אייגן בלענדיק ליכט כדי זײַן שטראַלנדיקע שײַן זאָל אונדז אויפגיין דורך דער פאַרביקער פריזמע פון שאָטן" („אברהם סוצקע־ווער, זײַן ליד און פּראָזע", ישראל־בוך, ת"א 1981).

נאָך אַזאַ בילדערישער שפּראַך פון אַ קריטיקער פון וועמען די מלאכי־שרת פון דער שירה טרעטן נישט אָפּ, נאָך אַזאַ לערנען מיט אונדז „פּאָעטישע מסכתא" — גייט די הנאה איבער אין אַ דאַנקבאַרקייט צו אַן עלטערן קאָלעגע פון וועמען מען קאָן נאָך אַ סך, אַ סך לערנען.

דער תלמוד זאָגט: „כל דיין שדן דין אמת לאמיתו כאילו נעשה שותף לקב"ה במעשה בראשית" (מסכתא שבת י'). און ווײַל יאַנאַסאָ־וויטשעס אויפקלערונגען און אויסקלאָרונגען זענען זײַן אמת און דער אמת פון סוצקעווערס שאַפן — קאָן מען פאַראַפראַזירן דעם דאָזיקן מאמר, אַז דער עסייִסט איז אַ מיטשותף צו דער מעשה־בראשית פון סוצקעווערס שאַפן.

איך שעם זיך נישט מגלה צו זײַן אַז אַ סך פאַרהוילענישן, אומפאַר־שטענדלעכקייטן, אַ סך ניסתרע אמתן אין סוצקעווערס „דימענטענער" פּאָעזיע און פּראָזע ווערן פאַר מיר נתגלה בעתן לייענען יאַנאַסאָוויטשעס עסייען, ווו ער צעקײַט און לייגט אין מויל אַרײַן דעם סוד פון וואָרט, פון שווערער סוגיא, בינדט אויף אַלע פאַרקניפּטקייטן.

און וואָס דו באַנעמסט נישט מיטן שׂכל — דערטאַפּסטו מיטן חוש.

יאַנאָסאָוויטשעס שרײַבאַרט, זײַן אייגנאַרטיקער שאַצמעטאָד לאָזט קיין ספק נישט, וואָס אַזוינס עס איז ריינע, עכטע פּאָעזיע און וואָס עס איז די אַזוי־גערופענע מאָדערנע, אומפאַרשטענדלעכע פּאָעזיע, וואָס רעפלעקטירט צו זײַן עכט מחמת איר אומפאַרשטענדלעכקייט. עכטע, מאָדערנע פּאָעזיע קאָן אַ מאָל זײַן אומפאַרשטענדלעך אָבער אומפאַרשטענדלעכע פּאָעזיע איז נישט קיין ערובה אויף עכטקייט.

י. יאַנאָסאָוויטש אין זײַן מבינות איז ווי דער מײַסטער־מומחה אויף גאָלד: זײַן וואָרט פאַרמאָגט די קראַפט און שאַרפקייט פון יענעם טראָפּן זאַלצזויער, וואָס מיטן פאַלן אויפן גאָלדשטיקל — פּאַלט די דעציזיע — עכט אָדער געפעלשט: ריינער 92ער אָדער אָפּגעגילדט. אָריגינעל אָדער אימיטאַציע.

מיר ווייסן דאָך וויל, אַז אַפילו דער גרויסער ליבהאָבער פון פּאָעזיע, פּראָזע, איז נישט בהכרח אַ גרויסער מבין. צינענער קלאַנג פון פאַלשער מטבע איז ער קאַפּאַבל אָנצונעמען פאַר עכט גאָלד.

נאָר אַ קריטיקער פון אַזאַ שיעור־קומה, ווי דער קינסטלער וואָס ווערט פון אים באַהאַנדלט, פּלוס דיכטער, פּלוס איראַציאָנעלע און עמאָציאָנעלע שׂכלדיקייט — קאָן אַזוי אַרײַנפירן דעם לייענער אין „פּרדס" פון סוצקעווערס ליד און פּראָזע: איז מסוגל דערגרונטעווען זיך צום סאַמע דנאָ פון קינסטלער־פענאָמען, אַרויסשעפּן פון דאָרטן, ווי שטערן פון אַ ברונעם, קלאָרע פּאָרטרעטן פון דיכטערס „אויסטערלישע ווערטער", אויפקלערן דעם שײַכות צווישן „ליד און לײַב" פון אַברהם סוצקעווער.

דו ווערסט דורכן מאַגישן כּוח פון י. יאַנאָסאָוויטשעס וואָרט אַרײַנגעצויגן אין דער אַטמאָספער פון קריטיקערס און דיכטערס וועלט. אין וועלטבילד פון ביידע ווערט דיר נענטער, אָפענער דעם קינסטלערס פּרצוף־פּנים און דער מהות פון די „צײַטיקע פּנימער".

ווערסט מיט אַ מאָל העכער, דערהויבענער. ס'עפענען זיך פאַר דיר נײַע האָריזאָנטן, ספערן, ספירות. הייבסט אָן אָטעמען מיט די ריטמען פון קאָסמישן וווּנדער פון זײַן און פון שאַפן, מיט חידוש פון שעפערישער מיסטעריע.

גייסט צווישן צוויי בערג — עסייִסט און דיכטער. אָטעמסט מיט דער פרישער, געזונטער באַרגלופט. ווי פאַר אַ ווונדערלעכער נאַטור־

דערשײַנונג שטייסטו. פאַררײַסט דעם קאָפּ צו די שפּיצבערג און אין האַרץ — אַ תּפילה, וואָס דו באַרגסט דערווײַל אויס בײַם פּאָעט:

שענק מיר ווערטער וואָס געשאַנקען האָסטו זיי ניט קיינעם,
ווערטער ניט פון דאַנען, דײַן־געאַדערטע קול־דממהס.

צווישן צוויי בערג גייסטו און אָטעמסט די גלאַשענע פּײַערלעכקייט פון די „אויסטערלישע ווערטער", וואָס דער עסייִסט פּאַרפּשוט זיי.

דאָס איז די סגולה פון י. יאַנאַסאָוויטשעס פּשטות. דאָס איז די נאַטירלעכע, דערהויבענע פּשטות. די שפּיצבאַרגיקע אייגנפּאַכקייט, וואָס קומען קומט מען צו איר מיט אַרויף־אַראָפּיקע וועגן, מיט געשלענגלטע, קרומע טעראַסעס, מיט שפּיציקע, געדרייטע שטיינטרעפּ, שמאָלע סטעזשקעס פון סטיל־בלאָנדזשעניש: מיט שפּראַכריטמען, וואָרטמוזיק, געצאַמטע אַקאָרדן פון אָפּגעהיטענע טריט. טריט נאָך אַ שכלדיק האַרץ און אָפענע אויגן, אויסגעקלאָרטע אונטער זוניק־פּאַרנעפּלטע הימלען פון מחשבה, אויגן פול מיט התפּעלות פון אינערלעכע זעונגען, שפּירונגען, זוכענישן, פּלאָנטערנישן צווישן וויזיע אוןווירקלעכקייט.

✶

יאַנאַסאָוויטשעס עסיי איז אונדז גוט באַקאַנט. דאָך ווען דו לייענסט אים נאָך און נאָך אַ מאָל זעסטו אים, דו זעסט דעם דיכטער וועמענס ווערק ער באַהאַנדלט — נײַ און ערשטמאָליק.

רעדנדיק וועגן אַ. סוצקעווערס אַנדערשקייט, זײַנע פּאַרעם־און שפּראַך־נײַקייטן, זײַן נײַע פּאָעטישע לעקסיק מיטן „איבערשמעלצן ווערטער", מאַכן זיי זאָלן אויפשטיין תּחית־המתים — גיט דער קריטיקער אַזאַ פּאָעטישן זאָג: — „סוצקעווער איז טאַקע פון זײַן אָנהייב־אָן געווען דער וואָס האָט מחיה־מתים געווען יענע אויסגעלאָשענע יִדישע ווערטער פון דער פּאָעטישער שפּראַך דערמיט וואָס ער האָט אין זיי אַרײַנגעברענגט דעם רוח־החיים פון נײַע אינהאַלטן. ער האָט זיך באַצויגן צום פּאָעטישן וואָרט, ווי דער סקולפּטאָר צום רויען שטיין, ד״ה נאָר ווי צו אַ שטאָף, אָבער בשום־אופן ניט ווי צו אַ פּאַרטיק בילד פון זײַן וויזיע".
(דאָרט, ז׳ 17—18).

איז אַזאַ דעפיניציע בישט נאָר מבינות און ווילקענערײַ, אלא — דערפינדערישקייט פון אַ דיכטער־עסייִסט מיט אַ באַזונדערן אייגנאַרטיקן

כּוח פון אַרייַנקוק און אַרויסזאָג און דערבײַ — אַזאַ פאַרשטענדלעכקייט, אַ פּשטות השווה לכל נפש: פאַר יעדער „שטומער (און נישט שטומער) צונג".

יאַנאָסאָוויטשן איז פרעמד דאָס מליצהדיקע בליצן מיט באָמבאַסטישע ווערטער און דאָס גיין אַרום און אַרום. ער איז גראָד, פּראָנטאַל, ווי ס'זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: „וואָס אויף דער לונג — איז אויף דער צונג". ער דולדעט נישט דאָס זײַטיקלעכע, פּראָפּילמעסיקע ברײַען און נישט דערברײַען, זאָגן און נישט דערזאָגן.

און ווידער אַ קליינער ציטאַט: —

„ער (אָ. סוצקעווער) האָט דעם קאָשמאַר פון דעם געטאָ־פּלאָנעט פאַרמירמלט אין פּאָעטישע סטאַטועס, אין בילדער ווי וואָרטסקולפּטורן. ער האָט אונדז געגעבן די פינצטערניש פון די ‚זיבן געסלעך' באַלויכטן מיטן פּאָעטישן שײַן פון דעם נסימדיקן יידישן געזאַנג, מיט וואָס ער האָט, ווי ער אַנטפּלעקט עס אין זײַן ליד, מנצח געווען דעם טויזנטגעשטאַל־טיקן טויט" (דאָרט, ז' 55). אַזוי ווערסטו פאַרהיימישט מיט די פּירקאָנ־טיקע אותיות און מופתים פון אַ פּאָעט, וואָס אין זײַנע אָדערן שלאָגן „די בלוטן פון אַ דור" (אויך פאַרגאַנגענע און אפשר קומענדיקע דורות).

י. יאַנאָסאָוויטש איז אָפּגעהיטן און אויסגעהיטן פון גוזמא. זײַן גאַנג און צוגאַנג צו אַ בוך, צו אַ שרײַבער, איז אָנפּניותדיק. ער איז ווײַט פון פּאַטעטיק און פּאַטאָס. טרעפט, אַז ס'רײַסן זיך דאָ און דאָרט אַרויס הויכע טענער פון התפּעלות און באַוווּנדערונג — זעסטו באַשײַמפּערלעך, אַז אַנדערש קאָן מען נישט, לאָזט זיך נישט שרײַבן וועגן אַזאַ קינסטלער־פּערזענלעכקייט ווי אָ. סוצקעווער.

דאָס איז אַן ערנסטע און סאָלידע פאָרשערישע אַרבעט, וואָס דאָרף דעם עסייִסט, און מיט זײַן הילף — דעם לייענער, העלפן צעקײַען דעם דיכטערס ליד, אַ שײַטל פּראָזע. עס איז, בכן, אַ געוואָגטער און געלונגענער פּאָרמעסט פון אַ געטרײַען און באַגלייביקן נאָכפּאָלגער, קרי־טיקער, אין די פוסטריט פון אַ שעפער, וואָס — ווי דער קריטיקער דריקט זיך אויס — „איז איינער פון מײַנע סאַמע נאָענטסטע און באַליבטסטע פּאָעטן".

ער בויט זײַן עסייִסטישן בנין פון חצוניותדיקער שיינקייט און פּנימיותדיקער גאַנצקייט מיט ליכטיקע פּענצטער־מחשבות, מיט וויזיעס:

מיט טירן און אייגענע שליסלען צום אַרײַן־און־ אַרויסגיין — אָן רעש און „סקריפּ", מיט טרעפּ צו אַלע שטאָקן און חדרים פון אונטערערדישן קעלער, דורך טונקעלע פּרוזדורן און ליכטיקע „קוקווינקלען" ביז אַרויף צו וואַלקן־קראַצערישע הייכן אונטערן פּאָעטישן הימל. אַ מאָדער־נער אַרכיטעקטאָנישער בנין אויף אַ פאַרשעריש־וויסנשאַפטלעכן יסוד און סוד פון לומדות און ערודיציע.

אמת, דער גרעסטער טייל פון בוך, שפּירט מען, איז געשריבן מיט איין מאָל, אין איין אָטעם, דאָך מערקט זיך אָפּט דאָס מחבר־זײַן באַזונ־דערע קאַפּיטלען וועגן אַ. סוצקעווערס ביכער, וואָס זענען דערשינען אין פאַרשידענע צײַטן.

מען שפּירט אָבער אין אַלע עסייען אַן אייגהייטלעכקייט, אַן אחדות אין געדאַנק, אין שרײַבאַרט, אין דער מיליע, אין טאָן און אין תּוכן.

עס שפּירט זיך דער רצון, און דאָס קאָנען דערלערנען, פאַרשטיין דעם דיכטער און זײַן שאַפן. דער רצון צו באַקענען דעם לייענער מיטן קינסטלערס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור, זײַן ראָלע און זײַן השפּעה אויף פּאָעטן, פּראָזאַיקערס בני־דורו און זייער ליבשאַפט צו אים.

איינער, און דער סאַמע אָנגעזועענסטער פון זיי איז טאַקע מיודענו י. יאַנאַסאָוויטש, וואָס האָט אַ דאַנק דער ליבשאַפט און געטרײַשאַפט צום דיכטער דערגרייכט צו אָט דער קלאַסישער עסיי.

✶

אויף זײַט 80 זאָגט י. יאַנאַסאָוויטש:

„די גאַנצע מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע שטעלט דעם טראָפּ אויף די פריִע איבערלעבענישן און באַווירקונגען ווען עס גייט וועגן דעם גורל און כאַראַקטער פון מענטש און איבערהויפּט פון קינסטלער און דערפאַר זוכט אויך די ליטעראַטור־קריטיק דעם סוד פון שאַפן אין די ערשטיקע איבערלעבענישן פון דעם שרײַבער".

איז אויך דאָס, אַ סברה, דער מעטאָד פון י. יאַנאַסאָוויטש. ער זוכט דעם סוד פון שאַפן אין די ערשטע און שפּעטערדיקע איבערלעבונגען פון אַ. סוצקעווער.

ער הייבט אָן פון דער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. שטעלט זיך אָפּ אויף דער גרויסער ליטעראַרישער געשעע־ניש מיטן אָנקום פון ווילנער פּאָעט, מיטן דערשײַנען פון זײַן ערשט

לידערבוך, זײַן אײגענעם אָריגינעלן ליטעראַרישן גאַנג און קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, זײַן באַזונדערקייט און זײַן אויסטײלן זיך פון דער עלטערער פּלעיאַדע פּאָעטן מיט זײערע אַלטע פאָרמען פון ליריזם און אײַנגעשטעלטן נוסח. ער פירט אונדז אַרײַן אין סוקצעווערס פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע, אַנטפּלעקט פאַר אונדז זײַנע יכולתן און דערגרייכונגען ביז זײַנע נײַסטע „נײַע לידער" אויף אַלט־נײַער, צײַטיקער און אַלצײַטיקער טעמאַטיק: אַ לאַנגע רשימה פון לידער, פּאָעמעס און פּראָזעביכער, „גרינער אַקוואַריום" און „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן" — אַ רשימה וואָס איז אַוודאי גוט באַקאַנט דעם לייענער.

אויסגעמײַסטערט העכער הונדערט זײַטן עסיי מיט ראיות אויך וועגן דער פילמאַטיוויקייט פון אברהם סוצקעווער אויפן סמך פון העכער צוויי צענדליק ביכער — ליד און פּראָזע — פּאָרוואָרפט י. יאַנאַסאָוויטש אַ גערדאַנקען־בריק צו „גרויסער פּאָעזיע" און פרעגט: „וואָס איז אַזוינס פּאָעזיע בכלל און גרויסע פּאָעזיע בפרט". דער קריטיקער ווייסט ווויל, אַז אַזאַ פראַגע לאָזט זיך אַזוי לײַכט נישט פאַרענטפערן. פּרוווט ער דאָך געבן אַ תשובה:

„גרויסע פּאָעזיע איז אין דער אמתן אויך גרויסע פילאָסאָפיע". נישט מחמת דעמאָנסטרירן ערודיציע פרעגט ער און ענטפערט, אלא ווי אַ גוטער לייענער און ווייסער פון דער וועלט־ליטעראַטור זוכט ער אַן ענטפער פאַר זיך און פאַר אונדז אין די כתובים פון די פילאָסאָפן. ער דערמאָנט אונדז, אַז „פון זינט פּלאַטאָ און אַריסטאָ אַמפּערט מען זיך וועגן דעם ענין", „אַז די שיינקייט פון שיר־השירים, קהלת איז סײַ שירה און סײַ פילאָסאָפיע".

ער רעדט וועגן שיינקייט בכלל און וועגן באַגריפן פון גוטס און שלעכטס. וועגן „ווערטער־סימבאָלן" — סימנים פון מענטש־דערקענטעניש מיט וועלכע מיר קאָמוניקירן זיך. וועגן סינאָנימען מיט וועלכע דער לעגענדאַרער גריך האָמער האָט זיך באַנוצט און מיט וואָס פאַר „אַ וואָרטסימבאָלן, אימאַזשן מען באַנוצט זיך הײַנט צו טאָג: וועגן דעם גרונטיקן ניואַנסן־אונטערשייד פון אַ מאָל און הײַנט".

*

און י. יאַנאַסאָוויטש קומט צום אויספיר: „גרויסע פּאָעזיע שטעלט שאלות העומדות ברומו של העולם". „גרויסע פּאָעזיע ברענגט מיט זיך

די אַ אַנדערשקייט און דערמיט רעדט זי צו דעם דור און דערמיט רעדט דער דור דורך איר" (דאָרט, ז' 105).

רעדנדיק וועגן דער פּולוועריקייט פון אַ גרויס קינסטלערישן ווערק שטעלט זיך דער מחבר ברייטער אָפּ אויף דער פּאָעמע גע ה יי מ ש ט אַ ט. ער הייבט ווידער אויף די דיסקוסיע וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט ביז הײַנט צו טאָג (נאָך אונדזער לעצטן חורבן אַוודאי) נישט פאַרלאָרן די אַקטועלקייט: — „צי מע קאָן שאַפן קונסטווערק פון דעם חורבן־גרויל, וואָס אונדזער דור האָט אָקערשט געהאַט איבערגעלעבט(?)" מיט עטלעכע אָפּזאַצן ווײַטער איז ער מוסיף: „ווייסן מיר דאָך, אַז קונסט פאַרשאַפט גענוס, אמת טאַקע, דעם איידלסטן, דעם רוחניותדיקסטן גענוס" (ז' 72). דער מחבר ברענגט באַווײַזן פאַר און קעגן ווי, למשל, לויט י. גלאַטשטיין איז אַפילו די איכה ישבה בדד־קינה געשריבן געוואָרן אין קלאַסישע פאָרמען פון דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע. דאָס גלײַכן — די קינות און סליחות פון די פייטנים זענען געוואָרן געשריבן אין פּאָעטישע נאָרמעס פון יענער צײַט.

און קעגן:

„חיים ליבערמאַן און אַנדערע וואָס זענען געגאַנגען אין זײַנע פוסטריט האָבן געהאַלטן אין טענהן, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו שאַפן פון חורבן־שטאָף ליטעראַטור".

לאָזט זיך די שאלה נישט אַזוי איינפאַך אַוועקשטעלן און אַוודאי נישט פאַרענטפערן, און ס'איז בכלל שווער צו קומען צו אַ טאָלק. מען דאַרף די פראַגע שפּאַלטן אויף צוויי:

א. די שיעור־קומה פון פּאָעט, פּראָזאַיקער;

ב. עס ווענדט זיך ווער ס'איז דער לייענער.

וואָסער סאָרט קונסט־אָפּנעמער זעט פאַר זיך דער קינסטלער. ווערדליק ש. ניגער — ווי י. יאַנאַסאָוויטש וויל האָבן — וואָס האָט אַ מאָל די טעמע באַרירט, האַנדלט זיך וועגן שעפערישן שותפות צווישן שרײַבער און וועגן דער הערמעטישקייט פון פּאָעזיע און פון... לייענער, אָדער באַשטימטער מין לייענער, וואָס איז פּערמאַנענט אָדער צײַטווײַליק הער־מעטיש „לגבי געוויסע מינים קונסט צוליב די אָדער אַנדערע פּסיכישע צוימונגען און שטערונגען" (דאָרט, ז' 73).

נישטאָ, לפי־דעתי, אין דער קונסט בכלל, און אין דער ליטעראַטור,

קיין אָסור און קיין מותר. יעדע טעמע איז חומר. דער קינסטלער, דער יוצר טראָגט אַרײַן סדר, אָטעמט אַרײַן לעבן: געשטאַלטיקט דעם חומר אין פאָרעם, קלאַנגען, פאַרבן.

ווען מיר לייענען, למשל, איוב און זײַן טענה צום כּביכול — דער מקור פון אַלע זײַנע געברענטע צרות — האָבן מיר פון דעסטוועגן הנאה. דאָס גלײַכן לייענענדיק די קינות „על נהרות בבל". יאָ. פאַראַן אַזאַ באַגריף — פײַנלעכע הנאה. במה הדברים אמורים? ווען די געברענטע צרות ווערן דערלאַנגט אין אַ הויך קינסטלערישער פאָרעם; ווען מען איז די נאַקעטעווירקלעכקייט, די ברוטאַלסטע, מלביש ערומים אין סימבאָל, וויזיע, מעטאַפאָר, אַלעגאָריע, אַבסורד. יאָ, אַבסורד. מיט איין וואָרט: אין לבוש פון אַ קינסטלערישן אמת, וואָס וואַרפט אַ פיל־דימענסיעדיקע שײַן, אַן אויסשטראַלונג — ווערט די הערמעטישקייט פון לייענער געעפנט.

„צו דערפילן די אייגענע ווונדן און צו האָבן פון זיי אַ ווונדיקע הנאה"...

„צו קאָנען לעבן האָט מען געמוזט אָטעמען דעם טויט" — זאָגט אַברהם סוצקעווער אין „גרינעם אַקוואַריום" (זז' 127־128).

דער גרויסער טאַלאַנט, דער בעל־סגולה איז באַשאָנקען מיט דער יכולת פון דערקענטעניש־געפיל און פון כּוח די הימלישע אויסשטראַלונג אַראָפּצוּנידערן צום קערנדל אמת אין דער מענטשלעכער עמפּינדונג: באַלײַכטן און באַפרוכפּערן דאָס „קערנדל" אַזוי, אַז דער בן־אָדם זאָל אַרויסשלאָגן דערפון אַ פײַנלעכע הנאה. דער מענטש ווערט העמאָלט אַ מיטשותּף צום דיכטער, וואָס ווייסט דעם סוד „פון פײַן, וואָס מוז פאַר־וואַנדלען זיך אין שײַן".

דאָס גלײַכן, לייענענדיק דעם נײַצײַטיקן „איכה" פון קאַצענעלסאָן „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק": „ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען דאָס מויל" — הערט מען נישט קיין שירה? שירה דורכן מויל פון פאָעט: „פון די לעצטע ייִדן אויף אייראָפּעס ערד". שוין דער אַך־און־וויי־געשריי „ווי קען איך זינגען" — איז געזאַנג.

דער דיאַלאָג „זינג", ווי דער מאָדערנער איוב, קאַצענעלסאָן, שטעלט זיך קעגן דער מוזע, ווי איוב קעגן זײַנע טרייסטערס — איז אַ זינגען פון אַ גרויסער יללה מיט אַ ווונדיק־וויזיאָנערישער דיכטער־סובלימאַציע.

צי האָט מען, צי מעג מען הנאה האָבן פון אַזאַ שירה? וואָס אַזוינס איז אין דעם פאַל הנאה?

אַ טיף רוחניותדיקע איבערלעבונג, וואָס מעסערט זיך אַרײַן אין „פלייש" פון ציפור־הנפש: אַ גײַסטיק־כעמישער פראָצעס, וואָס שמעלצט שוידער אויף שיינקייט און — פאַרקערט. אַ דערהייבונג אָדער אַ דער־נידעריקונג ביז אַ תשוקה לקבלת־הצער, עינוי עצמי.

די פײַנלעכע הנאה נעמט זיך נישט דווקא פון פאַרפיקסירן די טראַגישע געשעעניש, נײַערט פון הצלחהדיקן פרווו צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָרטניואַנס, אימאַזש, עכטן אויסדרוק אויף אַרויס־צוברענגען די געשעעניש, דערלאַנגען אַזוי די „געברענטע צרות", אַז דער לייענער זאָל דערשפּירן אַז דאָס מיינט מען אים און זײַנס גלײַכן.

דאָס עצם זען זיך, זײַן טראַוומאַטישע איבערלעבונג, אין שפּיגל — אין קרומען שפּיגל (אַבסורד) פון צײַט און אָרט — פאַרשאַפט אים די אַזוי־גערופענע פײַנלעכע הנאה. ווילסטו, איז עס אַ קראַצן די ווונדן. אוודאי טוט וויי. אָבער ס'מאָמענטאַלע פאַרלײַכטערן די ווונד בשעתן קראַצן — איז מהנה.

דער אָריגינעלער עסייִסט י. ראַפּאַפּאָרט ברענגט אַ טשיקאַווען פּרט ווי אַזוי דאָס לייענען אַ מהנהדיק בוך האָט אים פאַרגעסן געמאַכט אין... צאַנווייטיק.

נישט דאָס פאַרגעסן וויל איך דאָ באַטאָנען, נײַערט — דעם כוח פון גײַסטיקער הנאה בעתן שפּירן פיזישן ווייטיק.

גייען מיר, בכן, אַרויס פון דער הנחה, אַז די אַ פראַגע קאָן מען נישט פּסקנען חד וחלק. מען דאַרף און מען מעג צוגעבן: דער עכטער קינסטלער טאָר זיך נישט און דאַרף זיך נישט אָפּשרעקן פון שאַפן אויף דער חורבן־טעמאַטיק.

ער דאַרף די „שטראָף" טראָגן שטאָלץ, ווי איוב זײַנע ווונדן. דער קינסטלער טראָגט אין זיך, מיט זיך, דעם סוד פון שאַפן און איבער־שאַפן. ער איז פרײַ אין זײַן בחירה סײַ ווי אַ מענטש, סײַ ווי אַ קינסטלער. ער איז נישט געבונדן צו אָרט און צײַט. צײַט, רוים, מרחק זענען נאָר אָפּשטעל־צייכנס אין זײַן אָדלערפלי איבער עפּאָכעס פאַרגאַנגענע און עפּאָכעס קומענדיקע, איבער שטחים אומבאַקאַנטע, אומבאַטראָטענע.

דאָס עכטע קונסטווערק איז, דאַרף זײַן צוגעגלעדט פאַר אַלעמען. פאַר איינעם פריִער, פאַר איינעם שפּעטער. די פראַגע איז אין דער אויפנעם־אָדער אומאויפנעם־פעיִקייט פון לייענער מחמת זײַן הערמעטיש־

קייט „לגבי געוויסע מינים קונסט אָדער אַנדערע פּסיכישע צוימונגען און העמונגען" — ווי עס זאָגט ריכטיק דער מחבר.

קערן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אום צו דער פּאָעמע „געהיימשטאָט". אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט און די פולווערטיקייט פון דעם ווערק? ווײַל עס איז, ווי דער קריטיקער זאָגט, אין אַ געוויסן זינען אַלעגאָריש, אָבער דער עיקר — סימבאָליש. ווײַל אמתע סימבאָליק האָט אין זיך די וואָרהאַפטיקייט, דאָס קערנדיקע פון רעאַלן, פוןווירקלעכן, אָפט — אַפילו דאָקומענטאַרן.

מיט דער סימבאָליק און אַלעגאָריע איז דער דיכטער מסוגל צו דערהייבן די גרויזאַמע רעאַליטעט צום פאַנטאַסטישן, אַפּאָקאַליפּטישן. גראָד דאָס אַבסורדאַלע, דאָס אומלאָגישע אין דער געשעעניש אָדער אין מענטש גופא — דערנענטערט די בני־אָדם.

אין דער קאַנאַליאַדע „אַ פאַלק זאַלבע צען" מאַכט דעם שטאַרקסטן רושם — דאָס סימבאָלישע. עס מאַכט „ציטערן די הערצער מיט ניגונים פון יענער זײַט לעבן, מיט דער מיסטיק פון ייִדישן זײַן, מיט דער מיסטעריע פון דער עקזיסטענץ".

אויב מיר פאַרגלײַכן דאָס בוך עסייען צו אַ שפּרודלדיקן לויף פון אַ טײַך, טרעפן מיר זיך אָן אין אַ סך ערטער אויף אויסגעברייטערטע, פאַרטיפטע שטעלן, וואָס ס'איז „שווער" זיי אַריבערצושווימען. —

בלײַבסט שטיין אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרכאַפּטער פון דער שפּראַכשיינקייט, פון סטיל, וווּ פּשטות און טיפזיניקע מחשבה זענען אַזוי גראָטן פאַרזיווגט: אַ פילאָסאָפיש־עמאָציאָנעל אַרײַנדרינגען אין גרויסן וועלט־סוד פון זוכן אַ זין אין לעבנס־כאַאָס. לייענענדיק קומט דיר אויפן זינען דער גורל פון הײַנטצײַטיקן מענטש — אָן אָפּגעפרעמדטער און אָפּהענגיקער, באַצוווּנגען, פון איין זײַט, דורך טאָטאַליטאַריש־אַכזריותדיקער גרויסמאַכט, פון דער צווייטער — פון אַ געפעלשטן, מאַכטלאָזן ליבעראַליזם. אַ „געוואָרפענער" אין דער וועלט אַרײַן איז דער בן־אָדם „פאַרמישפּט" געוואָרן צו פרײַער בחירה: — זײַן עקסיסטענץ באַוועגט זיך, ווי אָן אומרו פון אַ זייגער, צווישן זיכערן פּחד און האָפענונגלאָזער פרײַהייט.

קומען דיר אויפן זינען שפּינאָזאַ, איינשטיין מיט זייער „געסדרטער קלוגשאַפט"...

י. יאַנאָסאָוויטש ציטירט „דעם אַלטן מה יתרון לאדם מכל עמלו״ (דאָרט, ז׳ 104) און פּרוּווסט פון דעם דאָזיקן פּסוק ציִען אַ פּאַראַלעל צום עקסיסטענציאַנאַליזם פון זשאַן פּאָל סאַרטער וועגן מענטש און זײַן גורל, וואָס איז גורס: „דער מענטש איז צווישן דעם וואָס ער איז און וויל זײַן״. און: „יעדער איינער זעט זיך ווי אַ סוביעקט בעת אין די אויגן פון צווייטן איז ער — אָביעקט״. פירן דיך אָט די אַלט־נײַע שאלות, אַקסיאָמעס אויף די שפּורן פון מענטש־ און גאָט־דערקענטעניש. וועקן אויסטערלישע וויזיעס: אַ וויבּרירן פון אַסאָציאַציעס, רעפלעקסן, געט־לעכע מיסטעריע.

קאָן מען די פראַגע, וואָס אַזוינס איז גרויסע פּאָעזיע, פּאַראַפראַזירן:

— וואָס אַזוינס איז גרויסע קריטיק?

לייענען מיר י. יאַנאָסאָוויטשעס אַ פּרוּוו זיך אַליין קלאָר צו מאַכן אָט די סוגיא:

„טונקל און סודותדיק זענען די לאַבּירינטן פון דער דאָזיקער נשמה. פּײַן מישט זיך דאָרטן מיט פרייד. טויט ראַנגלט זיך מיט לעבן. די שאָטנס פון זכרונות וויקלען זיך אַרום דעם אויפגייענדיקן ליכט פונעם איצט. אין דער פּריזמע פון דער אָ נשמה האָט זיך די וועלט איבערגעבראָכן. אין איר קרישטאָלענעם שפּיגלגלאָז האָבּן זיך אַנטפּלעקט נײַע ליכט־קאָמבּי־נאַציעס. זאַכן האָבּן באַקומען... אַנדערע אויסמעסטונגען און אַפילו אַן אַנדערן תכלית. חלום און וואָר זענען פאַרפלאָכטן. רעאַליטעט און פאַנטאַזיע זענען אויסגעמישט. דער אַמאָל און דער הײַנט זענען איינס. פאַר־גאַנגענהייט און איצטיקייט זענען פאַרפלאָנטערט. עס אָטעמט מיט ערב בראשיתדיקן כאַאָס, מיט דער אורקראַפט פון תוהו־ובוהו״, (דאָרט, ז׳ 26).

„סוצקעווער ראַנגלט זיך מיט דעם כאַאָס דורך דעם, וואָס ער אַנט־פּלעקט אים״ (דאָרט, ז׳ 26). אויך דער קריטיקער און לייענער ראַנגלען זיך. עס בּרייטערט אויס דעם מחשבה־קרײַז. איז דער מענטש אַ זעמדל און נישט מער? אַ באַוועגלעכע פּראָטאָפּלאַזמע? אָדער — עפּעס אומשטער־בלעכס, אייבּיקס אין אַנגייענדיקער פאַרוואַנדלונג און גילגול־הנפש?

פירן טאַקע אָט די שאלות און דאָס וועלן פאַרענטפערן אָט די ווער־טער־באַגריפן, ווערטערבריקן צום ברייטן טראַקט, צום פעלד פון דער

אוניווערסאַלער און ייִדישער ליטעראַטור, צו די געצעלטן פון בר־סמכא־קריטיקער, קריטיקערס — זיילן אין דער ייִדישער ליטעראַטור: ש. ניגער, י. ראַפּאַפּאָרט, י. האָפּער, נ. ב. מינקאָוו, י. גלאַטשטיין. צו די לעצטע דריי איז י. יאַנאַסאָוויטש — יבדל"א — זייער מקורבדיק, מחמת זיי געהערן צו די אַזוי גערופענע שעפערישע קריטיקערס. — די מייסטע זענען שעפעריש אויך, אָדער בעיקר, אויפן געביט פון פּראָזע און פּאָעזיע.

יאַנאַסאָוויטש קומט צו דער עסיי ווי אַ דיכטער. ווי אַזעלכער האָט ער זיך קונה־עולם געווען מיט זיינע ביז איצט דערשינענע זעקס ביכער לידער, אַ פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל" און מיט זיין פּראָזע. י. יאַנאַ־סאָוויטשעס עסיי איז אַ צווייג — אויב נישט די הויפּטצווייג — פון צוואָק־סענעם, טיף פאַרוואָרצלטן בוים אין גאָרטן פון אונדזער ליטעראַטור.

אָן ספק געהערט ער צו די פּאָעטן־קריטיקערס וועמען ס'איז ליב די זיסע מי און די פיינלעכע חדווה פון שאַפן. איז אפשר גערעכט דער ענגלישער שרייבער־פילאָסאָף אַרטור סאַימאָנד, וואָס זאָגט: „די ווערט־פולע און עיקרדיקסטע קריטיק איז געשריבן געוואָרן דורך שעפערישע שרייבערס, ס'רוב — פּאָעטן". ביי די שעפערישע קינסטלער־קריטיקערס איז דאָס פילזשאַנערדיקע לטובה און למזל־ברכה.

ס'טרעפט אויך, אַז די פילפּאָרעמדיקייט איז אַ שטער: צעשפּליטערט די מאַנאַליטישע קינסטלער־פּערזענלעכקייט, רייסט אבער מן החי פון איר און דערפירט אָפט די שעפערישקייט צו... עקספּערימענט. ביי י. יאַנאַ־סאָוויטש איז עס אָבער, ווי געזאָגט, אַ ברכה. די קעגנזייטיקע השפּעה פון פּאָעט־פּראָזאַיקער אויפן קריטיקער און פאַרקערט — איז מוסיף צו יעדער שאַפונגס־פאָרעם באַזונדער און אַלע צוזאַמען פּערפעקטירן, פאַר־שלמותן די פילפּנימדיקייט פון מחבר, געשטאַלטיקן זיין מאַנאַליטישקייט.

אויף זייט 84 שטעלט זיך דער מחבר באַזונדער און ברייטער אָפּ אויף דער פּאָעמע „צו פּוילן". אַברהם סוצקעווער פאַרלאָזט פּוילן נאָך וואַלד, פּאַרטיזאַנקע, עדות־זאָגן אויפן נירנבערגער משפּט. ער האָט „פאַרויסגעפילט, אַז די געשיכטע פון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע האָט אונדז געזאָגט דעם ביטערן עד־כאן" (ז' 85). יאַנאַסאָוויטש דערמאָנט אויך דעם פּוילישן פּאָעט אַדאַם מיצקעוויטש מיט זיין באַרימטן זאָג „איך בין אַ מיליאָן". קומט מיר אויפן זינען אַן ענלעכער זאָג פון אַלעקסאַנדער בלאָק

וועגן אַפּאָלאָן גריגאָריעוו* „ווי קאָן ער זײַן אייגזאַם, אַז ער איז אַ גאַנצער לעגיאָן".

אַ. סוצקעווער איז אַ לעגיאָן אויסגעקוילעטע לעבנס.

שוין אין די ברייטע שורות אין דער פּאָעמע „צו פּוילן" זעען זיך סימנים פון פּראָזעטריט. אין רעפריין „סמוטנאָ מי באָזשע" — הערט זיך שוין עפּיש־עלעגישער קלאַנג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די שפּעטערדיקע פּראָזעווערק: „גרינער אַקוואַריום", „דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן". די פּאָעמע צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט איר מעטריש־לירישן געזאַנג, סימעטרישע שורות, וווּ פון טיף ייִדישן ווײ עכאָט אָפּ גרויסער וועלטווײ. ייִדיש־יחידישער ווײ, וואָס איז אַלגעמיין־מענטשלעך. לאָמיר עס זאָגן מיטן לשון פון דיכטער־פּראָזאַיִקער בעת ער שילדערט עטלעכע לעבן־געבליבענע אַסירים נאָך דער גרויסער שחיטה:

די מענטשן־קייט איבערן אָפּגעגאָלטן ברוק פון דער שטאָט — — איז געווען צוגעשמידט אין פרײַע נאָכהענגענדיקע רינגען — — די קײַלעכדיקע פרײַהייט פון די רינגען איז געווען די איינציקע פרײַהייט פון די אַסירים. — — — פּאָרויס פון דער מענטשן־קייט האָט געשפּאַנט זײַן עקסעלענץ דער מלאך־המוות — — און הינטער אים — אַ שורה קלימפּערדיקע נולן" („צײַט־לעגענדע", אין בוך פּראָזע „דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן", ז' 73).

אָט די קייט פון קלימפּערדיקע נולן בינדט, פאַרבינדט אַ. סוצקעווער, דעם „איך בין אַ מיליאָן" געפּלט אויף זעקס מיט אַ צולאָג פון זעקס נולן. —

איז כּדאַי ציטירן כאָטש עטלעכע שורות, וואָס יאַנאַסאָוויטש זאָגט וועגן סוצקעווערס פּראָזע:

„...דאָרטן וווּ די וואָר שטײַגט איבער די פאַנטאַזיע, דאָרטן קאָן די וואָר, די רעאַליטעט באַנומען און דערקענט ווערן נאָר ווען מע ווײַזט זי אין ליכט פון פאַנטאַסטיק, אין ליכט פון מיסטעריע, אין ליכט פון יוצא־דופן" (דאָרט, ז' 114).

רעדן מיר וועגן אַ. סוצקעווערס פּראָזע, וווּ ס'איז אפשר ווייניקער ווי עס דאַרף גערעדט ווערן — בעט זיך צוגעבן: וויפל מאָל האָבן מיר

*איינער פון די רוסישע שרײַבערס־פּאָעטן־פילאָסאָפן פון 19טן יאָרהונדערט.

געהערט די ווערטער „קרעמאַטאָריום״, „גאַזאָויוונס״, „אַרויס מיטן רויך״. ברוטאַלע שפּראַך פון דער צײַט. אַברהם סוצקעווער האָט זײַן אייגענע שפּראַך, זײַן אייגענעם קינסטלערישן אופן פאַר דער ברוטאַלער צײַט. סימבאָל. מעטאַפאָר.

נישט קיין רויך, אלא לעבעדיקע מענטשן רעדן צווישן זיך („צווישן צוויי קוימענס״). קורצער דיאַלאָג. ליבעווערטער. אַפילו אײפערזוכט: —

„— ניין, צאַלקע, שטערן זענען קאַלט און די פונקען — הייס, נאַדלדיק. הייס ווי קושן, יע, נאָר אַ סך געפערלעכער.

— שיינדעלע, וועמען האָסטו אין זינען, לאָמיר זײַן אָפנהאַרציק. כ׳האָב אַליין געזען...״ („גרינער אַקוואַריום״, ז׳ 20).

האָט ווער ביז אַברהם סוצקעווער אַזוי געזען, אַזוי דערלאַנגט אומקום? חורבן?

דאָס גלײַכן — „דער פויער וואָס האָט געזען גאָט״. דאָס אויפהויבן די בײַטש איבערן קאָפּ פון דער זקנה מיט חנה־מירעלען אויף די אַקסלען, דאָס לאָזן זי הענגען אין דער לופטן — האָט אויף אַ ווײַלע אַ געדאַנקען־בריק פאַרוואָרפן און מיך אַריבערגעפירט פון אַברהם סוצקעווער צו אַברהם אבינו בשעת ער איז געשטאַנען מיטן פאַרהויבענעם שלאַכטמעסער איבער יצחקן.

דאָרטן, אויפן הר־המוריה, ווי דאָ, אין אַ פאַרוואָרפענעם עק דאָרף, נאָענט פון הר־הרוגים, פילסטו דאָס שוועבן פון גוטן מלאך, וואָס האַלט אָפּ די פאַרהויבענע האַנט איבערן קרבן.

ווער האָט געשיקט דעם מלאך? —

„שוועבט אַרום אַ געשטאַלט און ציט אויס צום פויער אַ לאַנגן, בליציקן פינגער״. ווער האָט געשיקט די געשטאַלט מיטן „בליציקן פינ־גער״? דער זעלבער וואָס האָט געשיקט דעם מלאך, דער גאָט, „וואָס דער פויער האָט געזען״ בעת קעגן אים איז געשטאַנען די זקנה מיט חנה־מירעלען אויף די אַקסלען.

אָט די סימבאָלישע, אָפּט סורעאַליסטישע זעונגען דערלאַנגט אונדז דער דיכטער בלשון־הפּרוזה מיט אַלע אַטריבוטן פון דערציילקונסט, מיט אַן אידיאָמאַטיש פאָלקס־לשון, ווערטער און אויסדרוקן, וואָס וואָרצלען אין יידישן שפּראַך־אוצר. ווערטער מיט נאַטירלעכן ריח און נאַטוראַליס־

טישן אָטעם: אָפּט — אַפּילו אויטאָביאָגראַפישער, צערפּולער הומאָר — וואָס גיט אַ ביז גאָר נײַעם מימד דער וווּנדערלעכער פּראָזע.

הײַנט די געשפּאַנטע ענערגיע, דער לירישער איכות ועל־כולם — די באַזונדערע דימענסיע אין תּוכן און אין פאָרעם. אַ דימענסיע, וואָס האָט נישט אירס גלײַכן אין דער פּראָזע פון נאָכן חורבן.

גיבן מיר צו דאָס דאָמינאַנטע פּינטעלע ייִד, ייִדישע גוילדיקייט, קיום און אומקיום; אומקום, — יענע אַכזריותדיקע חורבן־יאָרן — אַ תּהום, וואָס ווער ס'איז אינעווייניק קאָן נישט אַרויס, און די פון דרויסן, קאָנען נישט אַרײַן — איז אַזאַ פּראָזע איינע פון די געוואָגטסטע און געלונגענסטע פּרווון פון דערלאַנגען אַזוינס און אַזוי, ווי עס קומט קינסטלעריש־באַגלייביק צום אויסדרוק אין „גרינעם אַקוואַריום" און „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן".

אויב י. באַשעוויס ברענגט אונדז מעשׂיות פון שטייגער־לעבן, ברענגט אונדז סוצקעווער מעשׂיות פון אומלעבן, אומקום. אין באַשעוויסעס מעשׂיות איז פאַראַן אויך אמת, ווי אין יעדער מעשׂה. אין סוצקעווערס אמת פון דערציילן — פאַראַן אויך סיפּור־המעשׂה.

פון דאַנען די אַטמאָספער אין סוצקעווערס פּראָזע אין וועלכער — ווי עס דריקט זיך אויס י. יאַנאַסאָוויטש — „מיר לעבן איבער נישט בלויז דעם שוידער, נאָר אויך דעם אַבסורד פון דער געשעעניש".

מיט דעם אַבסורדאַלן אמת ווי, למשל, מיטן אויסגעקרימטן פּנים („דער הויקער"), מיט זײַנע אומרעאַלע מעשׂים און רייד, וואָס דער פּראָזאַיִקער לייגט אים אַרײַן אין מויל („זאָלבן אים פאַר אַ משוגענעם (כּדי) משוגע מאַכן דעם שׂונא און אַלעמען ראַטעווען") — ווײַל דער מחבר, אַ. סוצקעווער, גלײַכשטעלן, מאַנטירן, מחיה־מתים זײַן די צע־שטיקלטע, איבערגעקערטעווירקלעכקייט.

סוצקעווערן געלינגט די פּסיכישע פאָרמאַציע פון אַ דעפאָרמירטער רעאַליטעט — וואָס לאָזט זיך לעת־עתּה אין קינסטלערוואָרט־נעץ נישט כאַפּן — געבן אַ נײַ־דימענסיעדיקן קינסטלערישן אויסדרוק: ער דער־לאַנגט אונדז דערציילעריש־אָביעקטיוו סוביעקטיווע זעונגען, שפּירונגען מיט נאַראַטיוון אימפּעט און אין אַ שטרענג און ענג פערזענלעכן טאָן און פערפעקטן וואָרטבילד.

אַ. סוצקעווערס שפּראַך פון געפיל, זין און געדאַנק, ווערט דער סובטילער פאַרמיטלער פון צווייווירקלעכקייטן.

זײַן פּראָזע איז נישט נאָר אַנדערשדיק אלא אויך נײַ־מוסטערדיק. ער איז ליד־און פּראָזע־מײַסטער, אין ביידע זשאַנערס ברענגט ער צום אויסדרוק די אייביקע טראַגיק פון דער עקסיסטענץ, פון מיסטישן באַהעפט פון נאַטור און לעבן.

ער איז אַנטפּלעקער פון דער שווײַגנדיקער חכמה פון לעבן, וואָס ווערט ריידעוודיק דורך זײַן וואָרטמעדיום, וואָס ער ציט אַזוי ווילקענעוו־דיק — המשך פון גרויסע קינסטלערס — פון זײַנע טיפע נשמה־רעזערוון. און דאָס אַלץ ברענגט אַרויס יצחק יאַנאַסאָוויטש אין זײַן קריטיק.

דאָס געשטאַלטיקן חלום־קאַשמאַר דורך אומרעאַלער פאַנטאַסטיק — ווי עס זאָגט זייער ריכטיק י. יאַנאַסאָוויטש — מאַכט נישט פּאַעטישער אַ. סוצקעווערס פּראָזע, ווי טייל ווילן מיינען, אלא — שטעלט אים אַוועק אויפן פאַרפאַסטן פון אַ נײַעם דערפינדערישן דערציילסטיל, וואָס איז, קאָנטיק, אומבאַדינגלעך אין דער פּראָזע בעתן צוריקן זיך צו דער חורבן־טעמאַטיק.

קנאַפּע פערציק יאָר „וואָרט" די חורבן־טעמאַטיק אויף איר אויס־לייזער אין דער פּראָזע, כדי אַרויסצוברענגען שטיקער רעאַליטעט, בילדער פון יענער צײַט, וואָס מענטשן רופן „פאַרן מבול".

עמעצער האָט דאָך געמוזט זײַן דער ערשטער.

אָן ערשטער און — אפשר נישט צופעליק — פון די איינציקע, ווײַניקע קינסטלערס פון דעם קאַליבער, צוריקגעקומענע פון דאָרטן: אַ מאַן וועמענס האַרץ — צעוואָרעמט און אויסגעברייטערט פון גיהנום־פײַער — אָטעמט דעם קוילנשטאָף פון אַ משוגענער, פאַנטאַסמאַגאָרישער רעאַליטעט, וואָס עס איז שווער און אוממעגלעך צו באַנעמען מיט די מענטשלעכע חושים, מיטן שכל־הישר פון אַ מיושבדיקן דור.

דער דור פון דיכטער־פּראָזאַיִקער אברהם סוצקעווער, וואָס איז „פאַרמישפּט" געוואָרן — צום לעבן.

קאָן, מען, דאַרף מען, בכן, רעדן נישט וועגן סוצקעווערס פּאָעטישער פּראָזע, נײַערט — אברהם סוצקעווער דער פּראָזאַיִקער.

אַ פּראָזאַיִקער, פונדאַמענט־לייגער פון אַ נײַעם נוסח און סטיל. אַ נײַעם איכות.

אזוי צו זאָגן

— זענען מיר נישט צו נאָענט די דערשײַנונג צו באַנעמען?
— האָבן מיר די קינסטלער־כּלים די דערשײַנונג צו מעסטן?

✶

צו אַלע מעלות־טובות פון יצחק יאַנאַסאָוויטשעס עסייען־בוך — און נישט אַלע זענען דאָ אויסגערעכנט געוואָרן — האָט דאָס בוך אַ גאָר באַזונדערע מעלה: מ׳קאָן עס לייענען פון סוף און פון מיטן, אַ שטייגער, ווי דו קוקסט אויפן מאָנאַ־ליזאַ־פּאָרטרעט פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. עס רעדט צו דיר פון אַלע זײַטן, פון אַלע זײַטלעך — הונדערט און פינף און דרײַסיק זײַטן פון ברייטן אַלבאָם־פאָרמאַט.

אַז מ׳וויל, איז עס אַ דאָפּלט־פּאָרטרעט: צוויי קינסטלער־פּנימער שטראַלן אַרויס — סײַ דער מײַסטער־מאָלער, סײַ דער געמאָלטער.

ביידע — ראַסאָווע שרײַבערס, דיכטערס, צו וועמען דאַרפסט פאַר־רײַסן דעם קאָפּ.

איך וויל לסוף ברענגען איין פּאַראַגראַף פון י. יאַנאַסאָוויטשן וועגן סוצקעווערס פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס מ׳קאָן מיט אַ קליינעם „תּיקון" — אַנשטאָט „פּאָעזיע" — „עסיי" — צושרײַבן אויך דעם קריטיקער, יאַנאַ־סאָוויטשן: —

„ווי אין זײַן פּאָעזיע איז אויך סוצקעווער אין זײַן פּראָזע אַ גייער אויף נײַע וועגן, אַן אַנטדעקער פון נײַע קונסטמיטלען און אַן אויסגעפינער פון נײַע, אייגענע וואָרטמעדיומס" (דאָרט, ז׳ 117).

ווי געזאָגט, מיטן אויבן דערמאָנטן „תּיקון" — קאָן מען אָן ספק צושרײַבן י. יאַנאַסאָוויטשן די דאָזיקע מעלות נאָכן איבערלייענען דאָס וווּנדערלעכע עסייען־בוך.

פּ. ס.:

מיטן כּסדרדיקן פּאַרעפנטלעכן אָפּהאַנדלונגען, קריטישע עסייען, מיט די אָפּטע אַרויסטריטן וועגן אַ. סוצקעווערס שאַפן, מיט דער תּורה שבעל־פּה וועגן אים, מיטן התמדהדיקן שטודירן, פּאָרשן, קאָמענטירן, מסביר זײַן און ס׳געלונגענע דערגרונטעווען זיך צום שורש פון דיכטערס יצירה — דערמאָנט אונדז י. יאַנאַסאָוויטש אין גרויסן ש. ניגער מיט זײַנע באַלערנדיקע, מײַסטערהאַפטע קריטישע אַרבעטן במשך אַ סך יאָרן — וועגן שלום אַש.

מרדכי צאַנין

דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים־המלח

א

כ׳בין זיך מודה, אַז כ׳האָב די ערשטע פּיר בענד פֿון צאַנינס פּינפֿבענדיקן „ייִדישן ראָמאַן" — חוץ געכאַפּט שיריים דאָ, דאָרט, אַ קאַפּיטל, אַ שטעל — נישט געלייענט. איז עס נישט נאָר אַ בושה, נײַערט אויך אַ שאָדן. אַלץ וואָס איך זאָג דאָ איז אויפֿן סמך פֿון ראָמאַן „דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים־המלח" (לייוויק־פֿאַרלאַג, ת״א 1981).

וועל איך זיך נישט אַרײַנלאָזן אין היסטאָריאָסאָפֿישע חקירות, אָבער געזאָגט ווערן באַלד אין אָנהייב דאָרף פֿון דעסטוועגן: דער ראָמאַן איז געבויט אויף אַ הויפּט־מחשבה מיט אַ טיפֿן היסטאָרישן קוק, מיט אַ ברייטער, אַרומנעמיקער יריעה פֿון צײַט און שטח. דאָס איז אַ כּלל־בילד, וואָס שורשט אין ווײַטן עבר פֿונעם ייִדישן פֿאָלק מיט אַן אַרײַן־און־אַרויסבליק אויפֿן עתיד און אָטעמט מיט עקסיסטענציאַנאַליזם.

מ. צאַנין איז נישט נאָר מאָלער פֿון גרויסע לײַוונטן, מענטשן, גורלות, סביבה, ער איז אויך אַ בריה אויף צונויפֿפֿירן אַ פּערסאָנאַזש, געבן יעדן איינעם ס׳געהעריקע לשון אין באַשטימטע סיטואַציעס, וואָס ער אַנטוויקלט און וויקלט פֿונאַנדער. ער איז אַ רעאַליסט־ראָמאַנטיקער מיט אַ סעלעקטיוון קוק אויף דערשײַנונגען פֿון יחידישן, כּללישן, מלוכה־מדינהשן כאַראַקטער: זייער אינערלעכע דינאַמישקייט, אויסערלעכע עפֿעק־טן און קעגנזײַטיקע השפּעות.

מרדכי צאַנין זעט די ריסן אין דער גאַנצקייט און דאָס גאַנצע פֿון דער צעריסנקייט. זײַן צוגאַנג און וועלטבאַנעם איז אַ הומאַן־דעמאָקראַ־טישער, וואָס וואָרצלט אין ייִדישן מקור און שטראָמט פֿון אייגענער דער־פֿאַרונג. ער האַלט נישט פֿון נאַציאָנאַלן מאָנאָפּאָל אויף גערעכטיקייט. ער איז פֿאַר לאַנגזאַמער פֿאַרבעסערונג אין לעבנס־סטאַנדאַרט פֿון אַ פֿאָלק

און נישט דורך מלחמה. ער איז אַוודאי און אָודאי נישט פאַר מחלל זײַן די קדושה פון מענטשלעכע לעבנס אויפן מיזבח פון — מאַכט־קדושה. ער איז אין זײַן דערציילקונסט פּרטימדיק ביז דער דינסטער ניוואַנסירונג אין אויפכאַפּן די וועלט פון חושים, געדאַנקען, עמאָציעס, בעתן געשטאַלטיקן כאַראַקטערן.

אין זײַנע גרויסע, עפּישע שילדערונגען ווייסט ער ווי אַזוי אויס־צושיילן דעם עיקר פון טפל, אָפּיאָגן די פּלעווע און זאַמלען די קערנער. דערלאַנגען אַלץ מיט היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, ווי ער גופא, דער מחבר, וואָלט געלעבט און דאָס מיטגעמאַכט מיט צוויי, דרײַ טויזנט יאָר צוריק: ווידער־אויפגעקומען, כדי צו סאָרטירן, שלײַפן, רײַפן, די אַקטואַליע, אַרײַנבלאָזן טעמפּעראַמענט און געבן איר אַ דויערנדיקן, גע־דײַענדיקן אויסדרוק.

נישטאָ בײַ צאַנינען קיין שפּראַך־אָרנאַמענטיק, סטילקנייטשן. קלאָר און קרעפּטיק איז זײַן וואָרט, זײַן אימזאַש. ער זאָגט און זינגט אַרויס דעם ווייגעשריי, דעם תענוג און דעם טעם פון עקסיסטענציאַנאַליזם פון ייִד צווישן ייִדן און אין זײַן אומייִדישער סביבה — פון אַלע צײַטן, אַלע דורות, אין זייער צעשפּרייטקייט, קורצע און לענגערע סטאַנציעס אויפן וואָגל־ און וואַקל־וועג ביז דער לעצטער סטאַנציע — ישראל.

אַ קנאַפּע נפקא־מינה, צי דו לייענסט אַ היסטאָרישן ראָמאַן און שפּירסט די רעאַליטעט, צי דו לייענסט אַ הײַנטצײַטיקן ראָמאַן, וואָס רופט אַרויס אין דײַן זכרון, אין געדעכעניש, היסטאָרישע רעמיניסצענצן, בילדער, פאַקטן, פּאַראַלעלן. אַלץ־איינס, מחמת דאָס זענען רינגען און רינגלעך אין איין קייט פון געשעענישן; רינגען און רינגעלעך, וואָס פאַרלירן זיך, ווי נאָכן וואַרפן אַ שטיין אין וואַסער און פאַרלויפן זיך צוריק אויף דער אייבערפלאַך — דער פליסיקער טײַך פון לעבן.

מ. צאַנין איז נישט דער שרײַבער פון רמז, וואָס איז מרמז אויפן פשט. ער איז נישט קיין „פּרדס". אַ וואַלד איז ער. אַ מענטשנוואַלד, אַ רווישיקער. אַז מ'וויל איז ער אַ בוים. איין מעכטיק אויסגעוואַקסענער בוים מיט צווײַגן און אָפּצווײַגן: אַ בלעטערקרוין, אַ שטאַם און וואָרצלען. אין זיי — אין די וואָרצלען — דער כוח פון וואַקסן און די שטאַנדהאַפטי־קייט פון בוים. אַוודאי איז גרינגער — און נישט ווייניק פּראָזאַיקערס טוען עס — אָנכאַפּן זיך אין אַ בלאַט, זיך אָנהענגען אין אַ צווײַג און

פון אַ זײַטיקן קוקווינקל שילדערן, מאָלן, באַשרײַבן דאָס גאַנצע בילד. אָבער מרדכי צאַנין זעט קודם־כּל דעם גאַנצן בוים, שפּירט דאָס פּולסירן פון גרינעם בלוט אין זײַנע אָדערן ביזן וואָרצל. פון אָט דער גאַנצקייט — צום בלאַט, צום קנאָספּ און צום שורש. צום שורש פון זאַכן.

די רבותא פון צאַנינס אַרט שרײַבן איז דאָס נישט־מורא־האָבן צו גיין אויף און אין די וועגן און שליאַכן פון גרויסע פּראָזע־מײַסטערס און נישט זײַן קיין נאָכגייער, מיטגייער, אָלאַ — אַליינגייער. ער שיילט זיך אויס, טיילט זיך אויס מיטן אייגענעם כּוח פון טיפער אָבסערוואַציע, אייגענעם אימאַזש, און דערלאַנגט שטיקער לעבן און לעבנס־געשיכטע אַזוי ווי ער זעט, באַנעמט און וויל זיי זאָלן אויסזען און באַנומען ווערן פון אַנדערע.

צאַנינס געוואַגטקייט באַשטייט אויך אין נישט־מורא־האָבן צו זײַן אַ מחבר פון גראָב־בענדיקע ראָמאַנען, לויט דער בעסטער טראַדיציע פון שטייגער־ראָמאַן, וואָס שרײַבערס און קריטיקערס האָבן זיי שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. אַרויס פון דער מאָדע — טענהן זיי. אפשר גאָר פאַרקערט: עס איז אַן אָנהייב, אַ ווידערגעבורט פון שטייגער־ראָמאַן, און צאַנין איז איינער פון די ווייניקע אויף דער ייִדישער גאַס, אַזוי ווי אויף דער נישט־ייִדישער סאָלזשעניצין, וויליאַם פאָלקנער, הײַנריך בעל, גינטער גראַס, וועמענס גראָב־בענדיקע ביכער געפינען אָפּזאָץ און אָפּ־קלאַנג בײַם הײַנטיקן בעסערן לייענער־עולם.

אַדרבא, דאָס איז אַ באַווײַז אויף דער גוטוועטדיקייט פון אָט דער קלאַסישער פּראָזע — די אויפלעבונג פון ברייט יריעהדיקן ראָמאַן אין זײַן באַרג־אַרויף אויף דער נישט־ייִדישער גאַס איז אומבאַדינגלעך אויף דער ייִדישער גאַס נאָכן בלוטיקן שניט אין לײַב און לעבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור נאָכן חורבן.

און ס'קאָן אַנדערש נישט זײַן, מחמת אָן דעם אַרט שרײַבן קאָן קיין ליטעראַטור אין ברייטן, טיף נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זין נישט האָבן קיין קיום.

מרדכי צאַנין איז דערווײַל פון די כּמעט אײנציקע וואָס גייען אויף דעם וועג און האַלט הויך דעם קאָפּ איבערן וואַסער פון... דער מיטלמעסיקייט.

ב

צווישן די אַכט־ניַין הויפּט־און ביַי־געשטאַלטן — חוץ די אַנדערע פּערסאָנאַזשן — איז דער מחבר דער צענטער און אין צענטער פון בוך — אַ רואה־ואינו־ניראה־געשטאַלט. ער איז דער צענטראַלער נערוו אין פולסירנדיקן אָרגאַניזם פון ווערק. ווען אליעזר אַרטאַפּאַנוס און די אַנדערע עיקר־געשטאַלטן וואָלטן נישט עקסיסטירט אין דער ווירקלעכ־קייט — וואָלט זיי דער מחבר באַדאַרפט אויסטראַכטן, מחמת אַ לעבעדיקער היַינטציַיטיקער ייִד דאַרף אַזוי אויסזען, פילן, רעדן, מיתנהג זיַין באשר־הוא — ייִד.

„ניין, פעטער, איך ביז נישט קיין פרעמדער אין ירושלים — — אַז מען פאָרט אַוועק פון דער היים און מען קומט צוריק נאָך צענדליקער... נאָך... הונדערטער, און ווער שמועסט נאָך, נאָך טויזנטער יאָרן... ווער קען דערקענען די שטאָט, די גאַסן, די היַיזער און ווו אַלץ איז געווען?” (דאָרט, ז׳ 51).

אַזוי רעדט אַ ייִד וואָס קומט צוריק אין לאַנד נאָך אַ לאַנגן גלות און שיבעה־מדורי־גיהנום־וועג. ווער עס רעדט נישט אַזוי — מיינט אַזוי, דענקט, אַנט אַזוי. אַרטאַפּאַנוס איז, בכן, דער פּראָטאָטיפּ. ער איז פּאַראַניק. ער געדיַיעט דאָ מיט אונדז, אין אונדז, וויַיט פון אונדז: ווו ער איז און וואָס ער איז — איז ער ייִד.

דער שריַיבער האָט אים נישט באַדאַרפט אויסטראַכטן, באַשאַפן. ער האָט אים בלויז אַנטדעקט. אַזוי אָ פירט אים צאַנין פון דער שיף, דורך יפו, קיין ירושלים. אַרטאַפּאַנוס רעדט צו אַ היגן תושב, וואָס ער טרעפט דאָ „אין געפלאָנטער פון געסלעך און לייקעס אין דער אַלטשטאָט”.

דאָ קומט אַ שטעל וועגן ירושלים, וואָס איז „טיף באַהאַלטן אין זיַין זכרון און איז געבליבן דאָס ירושלים פון ליכט און שיינקייט און מיידלשער ציכטיקייט” (דאָרט, ז׳ 48). קנאַפּע צוויי זיַיטן האַלט די שטעל, און אַ שאָד וואָס צוליב באַגרענעצטקייט פון אָרט לאָזט זיך נישט אַלץ ציטירן.

עטלעכע זיַיטלעך פריִער (ז׳ 41) רעדט אַרטאַפּאַנוס מיטן זון און איז אים מזכיר די נשמות פון זיַין מאַמען, שוועסטער און אַ ברודער, וואָס זענען אומגעקומען. ער זוכט זיי, ד״ר אַרטאַפּאַנוס דער פּאַנטעיִסט, אין „קליינעם בער”: „דער, אויבן, דער סאַמע ליכטיקסטער, איז דער פּאָלאַר־

שטערן. געדענקסט דער מאַמעס פּנים ווען זי איז געווען אויפגעלייגט? — — — דײַן פּלאַץ איז נעבן איר, רעכטס פון דעם אונטערשטן אָרעם פון דעם קוואַדראַט. — — — איצט גיי פון דעם פּאָלאַר־שטערן אַראָפּ צו און דו וועסט געפינען: ,אביגדור׳, ,נחמה׳, ,רפאל׳ און ,רחל׳, איבער דיר״.

דער שרײַבער, וועמען מיר קאָנען אָנגעמען פאַר ארטאַפּאַנוס, און אַרטאַפּאַנוס פאַרן שרײַבער, מחמת זיי זענען פון איין טייג געקנאָטן — פורעמט אַ העלד, גײַסטיק און פיזיש, פון העכער דרײַ־פיר טויזנט יאָר, זינט אַברהם אָבינו עד־היום: אַ „היום״, וואָס ווערט ערשט פאַר אים אַ נײַער בראשית. אויפן פּאַן פון היגן נײַעם, שווערן לעבן קומט ער אויף, ווי אַ נייער חוני המעגל נאָך אַן עטלעך־טויזנט־יאָריקן שלאָף — שוין איין מאָל אַ שלאָף. — און זעט, אַז ס׳איז נישט אַזוי ווי ער האָט געמיינט. רעדט ער צו די שטערן פון „קליינעם בער״. זוכט בײַ זיי טרייסט. ציילט זיי, ווי אַברהם האָט געציילט די שטערן „כמיספר הזה יהיה זרעך״ און זוכט דעם „מיספר״ פון זײַנע קינדער און ווײַב, וואָס זענען פון דאָרטן נישט צוריקגעקומען. זוכט זיי אויפן הימל, ווײַל ער געדענקט מסתמא פון חדר דעם פּסוק: „לזרעך אתן את הארץ הזאת״. דו פילסט דעם שײַכות פון געראַטעוועטן אַרטאַפּאַנוס מיט... אַברהם אָבינו. דער עצם פאַקט פון אַרטאַפּאַנוסעס נישט אויפגעבן די האָפענונג, זײַן ווענדן זיך צום הימל — איז יידישער מהות.

ד״ר אַרטאַפּאַנוס סוגעסטירט, אימפּאָנירט, וועקט און רופט אַרויס מחשבות, עמאָציעס בײַם לייענער. ער איז סימבאָל. אַזוי אויך דוד, דודס ווײַב יוכבד, אירע ברידער און איר פאָטער בערל, די קבלנים, ווי מיר וועלן שפּעטער זען. יעדער אויף זײַן שטייגער סימבאָליזירט אַן אידעע, אַן אומאידעע, אַ לעבנס־סטיל. זיי זענען סימבאָלן, ווײַל זיי זענען רעאַל. און ווײַל זיי זענען רעאַל — זענען זיי סימבאָלן.

דאָס עצם אויפבויען אַזאַ ראָמאַן־בנין אויף אַ ווערנדיקן, יוירנדיקן באָדן, גרונטפעסטיקן אים אויף אַזעלכע עמודי־תווך־געשטאַלטן, צוזייגע־נען זיי פעסטע לעבנס־סטאַנדאַרטן, וויטאַליטעט, בטחון, דורותדיקע, גע־דײַענדיקע געדולדיקייט, וואָס שורשט אין יידישן מהות — איז שוין גאָר אַ גרויסער אויפטו פון אַ פּראָזאַיקער.

ג

מרדכי צאַנינס סטיל איז אייגנאַרטיק דערמיט וואָס ער גייט, ווי געזאָגט, אויף אַלטע דרכים פון שטייגער־ראָמאַן מיט נײַע, דורך אים אַליין אויסגעטראָטענע וועגן. זײַן פּראָזע־בנין איז געבויט לויט מאָדער־ניזירטער סטרוקטור פון רעטראָספּעקציע: פענצטער און פענצטערלעך, פּאַראַדנע טירן אויף אַרײַן און אַרויסצוגיין. אַנשטאָט גאָרנס געדרייטע, טונקעלע טרעפּ — אַ ווינדע אויף בליציקע ווערטערשנורן, מיט אַ ליכטיק־לײַכטן אַרויף און אַראָפּ — פון טיפער געדאַנקלעכקייט ביז וואָלקנקראַצע־רישע הייכן: פּרעציזע געפילן־אַנטענעס, וואָס זענען מסוגל אויפצוכאַפּן די ווײַטסטע און שטילסטע לופט־וויבראַציעס.

זײַן שרײַב־נוסח — קלוגע באַריידעוודיקייט, אַ פּאָלקסטימלעכקייט השווה לכל נפש. אַ דאַיִקע שטייגערישקייט פון אײַנגעזעסענע יישובניקעס פון זכרון, ראָש־פּינה, גדרה, חדרה, ראשון־לציון, וואָס האָט פריִער געהייסן נחלת־ראובן, און דער שטייגער פון דאָרטן, פון דער אַלטער היים, וואָס קומט אַזוי פאַרביק, אידיאָמאַטיש צום אויסדרוק דורך דער באָבע פעסע מיט אירע בראָדעווקעס און חן־פעפערלעך; דער רירעוודי־קער, ניכטערער בערל, דער האַלבער סאַברע און אַ גאַנץ גוט פעטלעכער, מיטל־יאָריקער מענטש מיט אַ באַלעבאַטיש בײַכל, מיט געזונטע הענט און אַ קאָפּ אויפן קאַרק — אַ טיפּיש היגער וותיק — אַן אַרויפגעאַרבעטער גרויסער קליינבירגער פון נײַעם, היגן שטייגער. זײַן ווײַב, די באַחנטע אסתר, די יידישע מאַמע, וואָס דער בעסטער פּאַנסיאָן — זאָגט זי — „איז אין דער היים. זי איז נישט מחויב צו הערן, ווי בײַ אַ צווייט טישל צמאָטשקעט עמעצער די ביינדלעך פון אַ שלעכט געקאָכטער הון" (ז' 364). אָט דאָס נאַטירלעך־פּאָלקישע איז געמישט און געווירצט מיט אַ דינעם, דעליקאַטן אינטעלעקטואַליזם און צעלייגט אויף טעלערלעך, אַז יעדער קאָן אַ נאַש טון.

און דאָס אַלץ איז קוים אַ שפּיץ פון אַ פולער, שווער געלאַדענער „אײַז־קריִע" — טיף פאַרשטעקט אין שוימיקן, קוואַליקן ים פון וויסן. די טראַכטענישן, די מעשׂים, אויך די רעפּליקעס און מאָנאָלאָגן — אַלץ וואָס ווערט דערלאַנגט אינעם ראָמאַן פון העכער פיר הונדערט אַריבער־פערציק־שורהדיקע זײַטן זענען נישט איבערוואָגיק און איבערמאָסיק און נישט איבער די אינטעלעקטועלע כּוחות פון די העלדן און אַנטיהעלדן.

אויך דעם מחברס רייד, רעמיניסצענצן, זענען — אַ דאַנק דעם הייסן אָטעם און געצאַמטן אימפּעט און ווילקלאַנג — בעלעטריסטיק פון העכערן גראַד.

קאָן מען אזאַ פּראָזע מעסטן מיט קאָנווענציאָנעלע מאָסן? צו קורץ דער געוויינלעכער צעראַטעגער מעטער.

✶

מרדכי צאַנין איז נישט מסכים מיט האַלבע אמתן און גאַנצע ליגנס, וואָס מען לאָזט דאָ הערן פון „הויכע פענצטער" און פון הינטער געשלאָסענע טירן: מיט קרומקייטן, באַהאַלטענע און אָפענע, וואָס ווערן דאָ אָפּגעטאָן אויפן גלייכן וועג. ווייל, „דאָ, טאָמער איז מען נישט מסכים מיט אַ קאָנווענציאָנעלער נאַרישקייט, ווערט מען באַלד געשטעמפּלט ווי אַ ייִד פון גלות" (דאָרט, ז' 106).

צאַנין איז נישט נאָר אַ בריה אויף צונויפפירן מענטשן, לאָזן זיי רעדן און אויפדעקן, צעקנעפּלען זייער לייב און לעבן, ער ווייסט אויך ווי אַזוי אַרויסדאַביוועןפון זיי דאָס מענטשלעכע, ריין נשמהדיקע און דאָס אייטלדיקע, די קרומקייטן, דעם שקר. ביידע, דאָס מיאוסע, וואָס רופט אָפּט אַרויס ווידערווילן, עקל, און דאָס שיינע, דערהויבענע אין מענטשלעכן כאַראַקטער און אין זיינע פירעכצן — זעט צאַנין. היינט די אַרכיטעקטאָנישע גאַנצקייט: דאָס אָרגאַנישע פאַרבינדן די עקן, מיטנס און סופן פון אַקטן, האַנדלונגען פון מענטשן, וואָס זענען ערגעץ ווו געבליבן שטעקן און מיינסט, אַז דער שרייבער האָט זיי פאַרגעסן — דערשיינען ווידער צו דער צייט און אָרט, ווו זיי זענען „נעלם געוואָרן".

אַזוי פירט צאַנין צו די „צופעליקע" באַגעגענישן פון טאַטע און זון, פון די צוויי ברידער, דוד (סטעפאַן) און אַביגדור, נאָך אַ לאַנגן, פינצטערן, תהומיקן נישטזיין פון די דריי געראַטעוועטע — אַ העלפט פון דער משפחה אַרטאַפּאַנוס.

אַזוי פירט ער צוזאַמען איינציקע און גאַנצע משפחות פון פאַרשיידענע געגנטן, אַרטשאַפטן, היימען. אַ „קיבוץ־גליות" פון טעמפּעראַמענטן, ליידנשאַפטן, התנהגות, אידעאָלאָגיעס און דאָס פעלן פון אידעאָלאָגיע, חלומות, דאַכטענישן אוןווירקלעכקייטן — נעכטיקע־הייַנטיקע — אויף אַ קליינעם שטח (שטאָט, קיבוץ) פון אַ קליינער, יונגער מדינה מיט אַ גרויסער גייסטיקער טעריטאָריע און לאַנגער היסטאָריע און איר איצטיק

געאָגראַפיש־פּאָליטיש־עטנישן פּרצוף־פּנים. פּירט צונויף און געשטאַלטיקט קינסטלעריש די מאָדעלן, זייער גייַסטיקע וועלט, עקאָנאָמישן מעמד אין דער געזעלשאַפט, פּאַרטיי, אומפּאַרטייִישקייט. לאַנדשאַפט פון געמיט פון יונגן און אונטערוואַקסנדיקן דור, פון מיטעלן דור, פאַרמישונג פון קלאַסן־דיפערענצירונג. ס׳פעלן פון אידעאַלן. די גלייַכגילטיקע, אָפט — ציניש באַציִונג פון געשוואָרענע און געוואָרענע מנהיגים צו אַלטע ווערטן, פאַרניינונג פון גלות. דאָס יאָגן זיך פון יונגע מענטשן צו קאַריערע, צו פעטע פאַרדינסטן און ניִשט צו פיל צערייַסן זיך דעם לעטניק. מיט איין וואָרט: די פּראָבלעמאַטיק פון היגן לעבן. דו לייענסט און פילסט אָפט ס׳בייַטשן פון די הייסע ווערטער: ווערטער־ריטער, וואָס ווילן אַפּירבע־זעמען דאָס מיסט פון אונטערן דיוואַן.

מיר לייענען מרדכי צאַנינס כּוונה וועגן דער מכלומרשטער „איבער־שיכטונג” און „איבערבויונג” פון ייִד, ייִדישן פאָלק אויף אייגענער ערד, אין אייגענעם לאַנד. ער ווייַזט אונדז באַשייַמפּערלעך די איבערגעקערטע איבערשיכטונג: דעם היפּוך פון ציוניסטישן חלום־מאָנומענט, וואָס קרישלט זיך אונטערן אימפּעטיקן אָניאָג פון קלעפּ פון היסטאָרישע געשעענישן פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער — פון אינעווייניק און פון דרויסן; דעם היפּוך פון ציוניסטישן אידעאַל און ערלעכע כּוונות פון דור־החלוצים אויפן היפּער־בטחון פון יונגע מענטשן, ייִדן, קינדער פון אַן אַלטן אתּה־בחרתּנו־פאָלק, וואָס טראַנספאָרמירט איבער גייַסטיקע גבֿורה אויף פיזישער מאַכט. אַ דערנענטערן זיך צום סוף פון אַן אידעאָ־לאָגישער תּקופֿה, ווו פּראַגמאַטיזם איז געוואָרן אידעאָלאָגיע.

מיר זעען אויך דאָס פעלן פון קאָמוניקאַציע צווישן טאַטע און זון: מלחמת אָבֿות־ובֿנים. ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט געחלומט אַ חלום צוריקצוקומען אַהיים „אוועקלייגן מייַן קאָפּ אויף אָט דער ערד, וואָס איך בין זי, די ערד, און אייַנשלאָפן מיט אַ געפיל, אַז איך בין צוריקגע־קומען אַהיים אַ זאַטער מיט בענקשאַפט און מיט נסיון. און דער שלאָף אויף תּמיד וועט מיר זייַן אַ זיסער, וואָרעם נאָר די בענקשאַפט איז רעאַל — מער גאָרנישט”.

אויך דוד, זייַן ייִנגסטער זון, וואָס רופט זיך אויך סטעפאַן (אויפן גויִישן נאָמען בעתן טויפן אים), וואָס „צוויי געטער פאַרפליכטן מיך” — „און שיצנדיק אים, האָט דער קלויסטער אויך מיך אַרונטערגענומען אונטער

זײַן שאָטן" (ז' 118). אויך אין אים באַווײַזט זיך צאַנין מיט זײַן אייגנאַר־טיק רעליעף מאָלן. סאַראַ מעכטיק און מוטיק לשון. סאַראַ פײַער־לאַווע נישט פון פאַרלענד, נײַערט פון אויסברענען דעם שקר. בײַסיקייט. סאַ־טירע. סאַראַ עכטער, גערעכטער גראָטעסק.

נישט צופעליק זענען זײַנע הויפּט־געשטאַלטן (אויך די קלענערע און ווייניקער וויכטיקע) אינטעליגענטע מענטשן. נישט נאָר מחמת מיט זייער מויל קאָן דער מחבר רעדן, נאָר — און בעיקר — וואָס גרעסער דאָס געשטאַלט — אַלץ שטאַרקער די טראַגעדיע, עמאָציאָנעלער די איבערלעבונג.

צאַנינס הויפּט־געשטאַלטן זענען דעריבער ראַציאָנאַלע מענטשן און פון הויכער מאָראַל: מענטשן מיט כאַראַקטער, הומאַנע געפילן און אינ־טעלעקטועלער טראַדיציע.

פון דאַנען די אידענטיפיקאַציע פון מחבר מיט זײַנע געשילדערטע העלדן, אפשר מער ווי בײַ אַנדערע שרײַבערס, וואָס גיבן אין זייערע ראָמאַנען דעם אידעאַליזם, וואָס זיי אַליין האָבן נישט.

דוד־סטעפאַן איז נישט ווי זײַן פאָטער געקומען אַהער „אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף דער ערד און אָפּגעבן דעם באַשעפער די נשמה". דוד וויל גיין מיט זײַנע פיס אויף דער ערד און האָבן דעם באַשעפער אין דער נשמה. אַ גאָט אין האַרצן וויל ער האָבן. ער האָט אַ געליבטע און ליבנדיקע פרוי, יוכבד, אַ קינד, צוויי קינדער. ער איז אַפילו אַריבער פון באַאַמטער אין מס־הכנסה אויף אַ שותפות מיטן שווער, בערל, און שוואָגער, צבי — גרויסע בוי־אונטערנעמערס, קבלנים, ער האָט עס נישט געוואָלט, דוד, דאָס האָט ער צו ליב געטאָן זײַן שיינער, רייצנדיקער פרוי — אַ סאַברע. זי האָט ליב איר מאַן אָבער זי וויל לעבן שענער, בעסער ווי ס'לעבט אַ פרוי פון אַ באַאַמטן.

דוד איז צעצווייט און זײַן נשמה איז צעריסן. ער ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיך. זײַן היים וואָלט געקאָנט זײַן אויך אויסער די גרענעצן פון לאַנד. ער קלערט אַפילו פון ירידה. אויך דאָ קומט צו אַ שיינעם און תוכיקן ווערטער־אויסטויש צווישן פאָטער און זון: „צו וואָס און פאַר וואָס זאָל איך זײַן באַטייליקט אין אָט דעם אַלעמען?" (ז' 270), צו וואָס דער בונד מיטן יידנטום — פרעגט ער ערגעץ דעם טאַטן,

און אַרטאַפּאַנוס ענטפערט: „בײַם ברית מיט גאָט, צי בײַם ברית מיט מענטש — אַ ייִד מוז בלוטיקן".

און ווידער שפּרודלט מיט אָריגינאַליטעט, מיט אײַנפאַל און אויסדרוק, שרײַבערישן כּוח פון תּמצית. כּוח פון צימצום פון אַ באַריידעוודיקן פּראָזאַיִקער.

מיט איין קורצער פראַגע און נאָך קורצערן ענטפער עפּנט ער און שליסט דעם וויכּוח פון יונגן, אינטעליגענטן דוד־סטעפאַן, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ספקות. עס זאָגט אַרטאַפּאַנוס:

„פאַרנעפּלטער הימל איבער מײַן אַלט־אַלטער היים, פון דײַן ערד בין איך אויפגעגאַנגען און אַוועק פון דיר אַ ליידיקער. אַ ליידיקער בין איך אַוועק אויך פון גלות־רוים. מיט מײַנע קינדער האָב איך פאַרזייט די רוימישע ערד. אויף מײַן וועג צו גלות־אשכּנז האָב איך פאַרזייט מיט מײַן ערשטער באַשערטקייט, מײַן ווײַב; מיט מײַנע אייגענע הענט דעם קבר פאַר איר געגראָבן. אויך פון גלות־אשכּנז בין איך אַוועק אַ ליידיקער. אויך יענע ערד פאַרזייט מיט מײַן בלוט, און אויך גלות־פּוילן. איך בין געבליבן אויסגעליידיקט און ווי אַן אביון צוריקגעקומען צו דיר, כּדי זיך ווידער צו פרייען מיט פולקייט — — — וויפל נסיונות דאַרף איך ווידער דורכגיין אויך דאָ, וווּ מײַן וויג איז געשטאַנען?" (דאָרט, ז' 200).

אָכט, נײַן שורות סך־הכּל, און מיר האָבן דעם לאַנגן לעבנס־און ליידן־וועג פון ייִד. סאַראַ גבֿורהדיק און גביריש לשון. סאַראַ שטראַלנדי־קער טרויער. סאַראַ שווידערלעכע שיינקייט. לייענט זיך נישט די דאַזיקע שטעל, און אַ סך אַנדערע צוואָרפענע אויף די בלעטער פון בוך, ווי ליד אין פּראָזע? איז דען אַ גוט שטיקל פּראָזע נישט קיין פּאָעזיע? וווּ איז די גרענעץ צווישן ביידע? איז דען בכלל פאַראַן אַ גרענעץ?

די רייד פון אַרטאַפּאַנוסן מיט זײַן זון זענען נישט קיין פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס. אַוודאי נישט קיין רייד לשם תּפארת־המליצה. דאָס איז די פילאָסאָפיע פון לעבן: אַ ויתרוצצו פון אַ דור, פון צוויי דורות אויף דער שוועל צווישן דאָ און דאָרטן, צווישן נעכטן און הײַנט און מאָרגן.

מיט גרויס ליבשאַפט, מיט געדאַנקלעכקייט און מיטגעפיל, רחמים און נבֿיאישן צאָרן שילדערט, מאָלט מרדכי צאַנין די שיינקייטן און אומשיינקייטן פון לעבן, פון אַ סך לעבנס, וואָס זענען על־כּרחו — דאָ ווו זיי זענען. על־כּרחו פירן זיי זיך אַזוי און נישט אַנדערש. אין עצם

שילדערן דאָס כּלל־בילד מיט אַלע שאָטן־און זון־זײַטן ליגט דער ענטפֿער אויף די פֿאַרדראָסיקע שאלות פֿונעם מחבר.

איינע, און נישט פֿון די איינציקע זײַנע פּערל, איז אַברהמל דער קיבוצניק. ס'רוב פֿון זײַנע טעג, יאָרן, איז ער אין שטאַל. דער מחבר שלעפּט אים איטלעכס מאָל אַרויס, שענקט אים אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט און — אַ סך בלעטער אין בוך. מיט גרויס װאַרעמקייט שטעלט ער אים פֿאָר אין זײַן צעקנייטשטן הולך, אין זײַן שטומער ליבע צו יהודיתן — יוכבֿדס עלטערער שוועסטער — די אלמנה נאָך אַביגדורן, וואָס איז געפֿאַלן בעת אַ לויערונגס־אַקציע מיט די פֿאַדאַין: אַביגדור — דער ברודער פֿון דודן. אַ שטומע ליבע און אַ געטרײַשאַפֿט פֿון אַ שטוב־חיה. רוי און האַמעטנע אין לשון איז אַברהמל, אָבער נישט פּרימיטיוו. ער ווייסט, אַברהמל, אַז יהודית לעבט מיטן זכרון פֿון איר מאַן, דעם העלדישן רעזערוו־אָפֿיציר. זי איז געבליבן מיט אַן אונטערוואַקסנדיק ייִנגל, דני. יהודית זעט אין אַברהמלס נישט צו שיין פּנים, וואָס איז אַ סך שענער ווי עס זעט אויס — ווי עס שטראַלט אַרויס מיט אומבאַגרענעצטער געטרײַשאַפֿט צו איר.

אַ תּמיד פֿאַרטוענער אין שטאַל בײַ די בהמות, וואָס קוקן אויף אים און אויף זײַן יעדן באַוועג מיט די בהמש־גוטע אויגן, מיט נישט ווייניקער ליבשאַפֿט, ווי ער אויף יהודיתן — געפֿינט ער תּמיד צײַט אויף באַהילפֿיק זײַן און באַדינען זי. ער איז איינער פֿון נישט ווייניק אויף וועמען דער קיבוץ בויט זײַן יסוד, און ווי יעדער יסוד — ליגט ער אין דר'ערד...

ד

אביגדור, דודס עלטערער ברודער, איז באַלד פֿון אָנהייב געוואָרן אַ היגער. אַ רעזערוו־אָפֿיציר. ער ווערט אָפֿט גערופֿן אין מיליטער און פֿאַלט צופֿעליק אַרײַן אין שטוב אויף אויסטאָן די שווערע שיך, אויף אַ קאַלטן טוש און עטלעכע שעה שלאָף. ער איז אַלע מאָל געגאַנגען. איין מאָל שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און — געפֿאַלן. באַערדיקט געוואָרן אונטער עטלעכע ביקסנשאָסן און — שטענדיקע טרערן פֿון זײַן ווײַב יהודית.

אַביגדור איז געגאַנגען דעם גראָדן גאַנג פֿון אַ מענטש, וואָס האָט דאָ געפֿונען זײַן היים: אין דער היים — אַ ווײַב, אַ זון.

דוד־סטעפאַן, דאַקעגן, האָט דאָ זײַן היים, וואָס איז צופעליק ישראל. נאָך העכער צוואָנציק יאָר זײַן דאָ זענען „טייל פון מײַנע וואָרצלען געבליבן אין יענעם באָדן. אָבער פאַרוואָרצלט דאָ — בין איך נישט״ (דאָרט, ז׳ 269).

פּרעציז און מיט טיפער פאַרשטענדעניש און מיט אַ סך נשמה־דינקייטן שילדערט צאַנין אַן איבערשמועס פון אַברהמלען מיט יהודיתן. דער אופן פון איבערגעבן אין אַ שטומען שמועס די געפילנוועלטן פון צוויי קיבוץ־מענטשן, איז אַ טיפּיש־שטייגערישע, ווי אין די קלאַסישע ראָמאַנען. יאָ, אַן „אַלטשטייגערישע״ ליבע. נשמהדיקס. גײַסטיקס. די דינסטע סטרונעס פון אַ פאַרליבט האַרץ (אַברהמל) רירט עס אָן. אַ ליבע נישט פון דער־וועלט. פאַרב, ריח און נאָכקלאַנג פון נישט־דער־זאָגטע רייד, ווי „אַלטמאָדישע״, אַמאָליקע: ריינע, געלײַטערטע ליבע. און דאָך — אַזוי פיל יונג־באַנײַטע שיינקייט, פרישער אָטעם און דינ־דינע ביואַנסירונגען: און ווי עכט און אָרגאַניש עס פּאַסט זיך אַרײַן אין דער אַטמאָספער און אין תוכן פונעם ראָמאַן.

איז גוט וואָס עס פעלט נישט דער ליבע־עלעמענט אין ראָמאַן. אַפילו נישט עראָטישע סצענעס. זיי ווערן אָבער דערלאַנגט מיט אַ סך איידלקייט און אינערלעכער אויסשטראַלונג, ווי למשל, די ליבע צווישן דודן און זײַן שיינער, רייצנדיקער פרוי יוכבד. פולבלוטיקע, מוטיקע, מענטשלעכע ליבע. געמאָלן קלוג און מײַסטעריש: פאַרבראָקט און גע־ווירצט מיט אַ זיס מייערל און ביטער פעפערל — אַ גוט באַטעמט מאכל. עס שמעקט מיט שיינקייט, דערהויבנקייט. פול מיט נשמה־לעכצונג זענען די זשעסטן און תנועות פוןביידע. הימל־ווײַט פון די שפּלע און טפלע עראָטישע סצענעס אין די הײַנטצײַטיקע ראָמאַנען, וווּ נאַקעטקייט „רעדט״ מיט שדיש־פּרעכע רייצונגען.

ליבע־און נאַטור־שילדערונגען טרעפן מיר אויף אַ סך זײַטן פון דעם בוך און, ווי געזאָגט, אַ שאָד, וואָס אין די ראַמען פון אַזאַ אַרבעט לאָזט זיך קיין סך נישט ציטירן. ווען מיר זיך באַגנוגענען מיט צוויי שטעלן:

א. וועגן ליבע:

„דוד האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן יוכבדן פון זײַנע אָרעמס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט די לויטערקייט פון זײַן געמיט זאָל נישט נעלם ווערן. מיט די פינגער האָט ער געקעמט אירע האָר און געזאָגט שטיל:

„איך וואָלט וועלן אַ מאָל דערגיין ווער אָדער וואָס האָט מיך באַוויגן צו דער באַשערטקייט מיט דיר" (דאָרט, ז' 378).

און נאָך עפּעס זאָגט מרדכי צאַנין דורכן מויל פון דודן:

„אַ פרוי האָט מען ליב ווײַל מען וויל זיך מיט איר צוזאַמענגיסן אין איין גוף, זי זאָל זײַן אין אים און ער — אין איר" (דאָרט, ז' 379).

ב. אַ נאַטור־שילדערונג:

„ער האָט ליב די וויסטעניש (מידבר — ש. וו.), די קאַרבירטע ווענט פון די בערג וואָס צו מאָל זעען זיי אויס ווי געשניטענע, פאַרביקע טאָרטן, און אַנדערע זעען אויס ווי חרוב געוואָרענע פּאַלאַצן, אין וועלכע עס באַהאַלטן זיך סודות. יעדע שעה אין טאָג ענדערן די בערג זייער אויסזען. אַ מאָל זענען זיי ראָז און פּילן אָן דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט דערהויבנקייט, און אַ מאָל ווערן זיי טונקל־גראָ — — אַ שאַרף אויג דערזעט דעמאָלט די בלישטשענדיקע קרישטאָלפּונקטן און שעמערירנדיקע פאַרבן (דאָרט, ז' 319).

און עס ווילט זיך דערמאָנען דעם קליינעם דני, אליעזר אַרטאַפּאַנוס' אייניקל. זײַן פיזיש און גײַסטיק וואַקסן און אונטערוואַקסן — דריטער דור באַרץ. צו זעכצן יאָר איז ער מיט זײַנעם אַ חבר, אין זײַן עלטער, אַוועק פרײַוויליק זיך צושטעלן צו אַ מאָביליזאַציע־פּונקט בשעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

מיט פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער פאַרשטענדעניש און באַנעם שילדערט צאַנין די נאַיווע, אָפענע און גלײַכצײַטיק הערמעטישע וועלט פון צוויי יוגנטלעכע אויפן פאָן פון קיבוץ־לעבן און סביבה. באַזונדערש דני, אַ זון פון אַ רעזערוו־אָפיציר, וואָס איז געפאַלן אין אַ רעוואַנזשאַקציע. בהדרגהדיק: פון יינגעלע — אַ יינגל, אַ בחורל, וואַקסט ער און אַנטוויקלט זיך מיטן וואַקסן און שטײַגן פון ראָמאַן־בנין — העכער, פולער, פאַרעמדיקער. דאָס איז, אגב, אַ קינסטלעריש־אָריגינעל מיטל אונטערצוזאָגן די צײַט און די צײַט־ענדערונגען, וואָס זענען אַזוי וויכטיק פאַר דער באַוועגלעכקייט פון דער דערציילקונסט: פאַרן לויף פון געשעענישן אין דינאַמישן לעבן פון ראָמאַן, אין זײַן קינסטלערישער פּלאַנירונג און פאַרפולקומונג. פון דניס הויכגעוויקסיקייט און שיינעם פנים לייענען מיר אַראָפּ, ווי פון אַ ציפערבלאַט, דעם גאַנג פון צײַט.

איז עס יאָ און נישט קיין ווונדער, וואָס דעם מחבר פון פינף גראָב־

בענדיקע ביכער — זײַן „יידישער ראָמאַן” — איז געלונגען מיטן דאָזיקן בוך „דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים המלח” דערלאַנגען אַ מאָנומענטאַל פּראָזעווערק פֿון הויכער קוואַליטעט און קינסטלערישער, היסטאָרישער גרויסוועכטיקייט.

דער שליסל צום הימל

„אומאָפּהענגיק פֿון זײַן אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג שטייט דער מענטש אַ פֿאַרלאָרענער אַנטקעגן דער וועלט און זײַן אייגענער באַשטײַ־מונג” — זאָגט דער מחבר אין זײַן דרײַצן־שורהדיקן נאָכוואָרט צו אָט דעם בוך „דער שליסל צום הימל” (תל־אביב 1979).

מרדכי צאַנין פֿאַרנײַנט נישט און באַיאָט נישט דאָס וואָס מען רופֿט אײַנגלייבעניש. ער ברענגט די מעשׂיות, זאַבאַבאָנעס, כּישוף, אָפּשפּרעכע־נישן וכד׳ ווי אַן עובֿדה. דאָס שטײַן „אַ פֿאַרלאָרענער אַנטקעגן דער מיסטעריע” — מיינט ער נישט נאָר דעם ייִד, נײַערט דעם מענטש בכלל און דאָס וואָס עקסיסטירט אין דער מענטשלעכער עמפּינדונג עד־היום.

כּדי אונדז באַגלייביק מאַכן, דערלאַנגט אונדז דער מחבר צוועלף דערציילונגען, וואָס שליסן טאַקע נישט אויף און נישט אויס דעם קיום פֿון אַזאַ אומרעאַלער רעאַליטעט: אינו־ניראהיקע באַשעפֿענישן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען (גייען נאָך אפֿשר אַרום) פֿראַנק און פֿרײַ צווישן די לעבעדיקע און זענען אויך צו מאָל משפּיע אויף די מעשׂים און פּירעכצער פֿון די לעבעדיקע.

רעאַל איז אַלץ אין וואָס מ׳גלייבט — זאָגט מ. צאַנין אין דער הקדמה צום בוך.

גלויבן און אײַנגלייבעניש, שדים, כּישוף באַגלייטן דעם האָמאָ־סאַפּיענס.

דער פּחד פֿאַרן בליץ, דונער און אַנדערע געהיימע נאַטור־כּוחות האָט דעם מענטש אַרײַנגעשרויפֿט אין אַ וועלט פֿון כּישוף און ספֿק, טראַץ — און אפֿשר מחמת — זײַן דעראָבערטער חכמה פֿון בײַהילפֿיק זײַן זיך מיט מיליאָנען שרײַפֿלעך און עלעקטרישע דרעטלעך, וואָס טראָגן אים צו דער לבֿנה, צו די שטערן. ער שטייט נאָך אַלץ פֿאַרן זעלבן פֿענאָמען, וואָס ער רופֿט מיט נײַע, מאָדערנע נעמען: — פֿאַנטעזיזם,

מאַגנאַטעזם, פאַנטאַסמאַגאַריע. אַנשטאָט אַ פעל טראָגט דער מענטש אויף זיך אַ בגד. אַנשטאָט אַ פינצטערע, פייכטע הייל און פייער אַרויס־געשלאָגענעם פון שטיין — אַ געראַמע וווינונג און אַ קוועטש אויף דעם עלעקטרישן קנעפּל. אָבער אונדזער מחבר האַלט, און מיט רעכט, אַז: נאָר פיזיש איז חרוב־ונחרב געוואָרן דאָס דאָזיקע לעבן; גייסטיק־פסיכאָלאָגיש שטעקט דער מענטש נאָך טיף אין פּאַרצייטנס.

פון שטיקלעך און ברעקלעך, מעשיות און מעשהלעך, אמתע און אויסגעדמיונטע, איבערגעלעבטע און געהערטע פון אַנדערע, פון שאריות פון אַ פאַרשרפעטן בנין (און קנין) פון אַ יידיש לעבן — שטעלט מרדכי צאַנין צוריק אויף אַ „בנין" פון השארות־הנפש — אַן אור־אור־ירושה פון קדמון־מענטש — וואָס איז נאָך דאָמינאַנט אין היינטצייטיקן, ציוויליזירטן לעבן.

פון דאַנען דאָס בכיוונדיקע שילדערן דעם עבר „אַזוי ווי ער שטייט און גייט". צאַנין האָט אויסגעקליבן דעם איינפאַכן גראַדן וועג פון שילדערן דאָס קרומע און גראָטעסקע אין יענעם יידישן לעבן. ער רעדט פון אינעווייניק, ווי אַ באַטעטער, אַן אייגענער, מיט אויטענטיש לשון און העוויה. איז אָט דאָס דאָזיקע טאַקע — דאָס אינדיווידועל־פּערזענלעכע — אַן אומבאַדינגלעכער עלעמענט אין יעדן קונסטווערק. אין אויפהייבן, אַרויסהייבן די גבורה פון די שוואַכע: די גרויסקייט פון די קליינע.

אָט, קליינקייטן, ביז טריוויאַליטעט:

„יעדער קנאַל פון אַ ביקס האָט אָפּגעשלאָגן אין איר, ווי זי וואָלט דורכגעגאַנגען חיבוט־הקבר" (דאָרט, ז' 22). און אַ ביסל ווייטער:

„אַזוי איז ליבע־גיטל געגאַנגען פון איין טויטן צום צווייטן און געזוכט יידן, כדי זיי זאָלן זוכה זיין צו קומען צו קבר־ישראל — — — און אַ שטראָם פון כוח האָט זיך אין איר צעגאָסן".

און פון טריוויאַליטעט צו טראַגיק. טראַגיק און גבורה פון מוראַשקעס, וואָס טראָגן אויף זיך אַ משא זיבן מאָל שווערער ווי זייער אייגענע וואָג. ס'איז אַ טראָגן באהבה דעם טראַגישן גורל, דעם עול־פּרנסה פון יידישע ווייבער, מיט בטחון צו ווערן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַ פוסבענקעלע אין גן־עדן ביי זייערע מענער די וויל־לערנערס.

ווייל: —

„אַדורכבּרעכן די טויערן פון הימל איז מילי־מיליאָסן מאָל שווערער, ווי אַרײַנבּרעכנגען אין שטוב פּרנסה".

ווײַל: —

„דאָס לעבן פאַרגייט און דאָס לערנען באַשטייט".

דאָס איז די אומגעקינצלטע קונסט פון מאַכן אַ נורעק ביזן דנאָ אין ים פון ייִדישן לעבן. אויפקלײַבן די פּערל פון צווישן די זאַמדן און שטיינדלעך. ווײַל ייִדיש לעבן אין די אַלטע היימען איז געבויט אויף... זאַמד; אויף שטיינער און ביינער פון ייִדישן אומקום; אויפן וואַסער איז געבויט דאָס ייִדישע לעבן מעבר־לים. פּערל אַסאָצייִרן זיך מיט ייִדישע טרערן. טרער און טרויער, איראָניע און הומאָר, טערפּקע־זיסער, ביטער־לעכער הומאָר — דינער זאַמדשטויב פון אונטער אַ באַרג־חורבן.

די קאָמיש־טראַגישע געשטאַלטן ווי, למשל, יונה דער שינדל־מאַכער, שמערל דער בעל־תשובה, „וואָס וויל וויסן אַלץ, וואָס טוט זיך אויף יענער־וועלט. וועגן דער־וועלט ווייסט ער, אַז זי טויג אויף תשעים־נײַנציק כּפּרות" (ז' 45). דאָס גלײַכן — הערשעלע ליקעווער, „וואָס האָט דווקא יאָ ליב צו הערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער־וועלט און וואָס דער קייסער עסט, פּוטער־קוכן אָדער הינערשע לעבערלעך". אַ מעשׂה מיט כּילקע מלמד, מיט אַ קיטשע, מיט לייגנדיקע הינער, וואַרעמע אייער, וואָס זענען אַ היילונג צו קראַנקע אויגן. אַ פעלדשער אין שטעטל, וואָס היילט מיט קרײַטעכצער פון טײַכברעג, מיט אָנגעברענטן ציבל, מיט אָנגעקלאַפּטן טאַטאַראַק, אַ יונגער־מאַן, אַ חסיד וואָס איז עוסק אין זײַן אמנות, ווי אַ מוהל, בלײַבט שטיין אַ פאַרכישופטער בעתן דערזען אַ נאַקעטע ברוסט פון אַ קימפּעטאָרין און ווערט בעת־מעשׂה ניכשל. פון גרויס פּחד מורמלט ער צו זיך: „בורא מיני בשׂמים"...

אויך וועגן אַ מיידל פון אַ באַלעבאַטיש הויז, וואָס ווינט „באַ וויאַרע" מיט אַן אַפּטייקערס אַ זינדל. דאָס איז אַ מעשׂה בתוך אַ מעשׂה אַ לאַ שלום־עליכם, ווו דער אָנהייב איז אַ מיטן און דער סוף — אַן אָנהייב, וואָס האָט קיין סוף נישט.

ס'איז נישט מעגלעך, אויך נישט נייטיק, זיך אָפּשטעלן בפּרוטרוט אויף אַלע מעשׂיות אין בוך פון צוויי הונדערט און צוואַנציק זײַטן, גרויסער פאָרמאַט, וואָס אין פלוג קאָן זיך דאַכטן אַז דאָס זענען אַלטע, באַקאַנטע

מעשׂיות און זענען שכיח אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און ס׳איז אמת. ס׳איז אָבער פֿאַראַן נאָך אַן אמת:

דאָס אײַנזאַמלען אָט די פּרטי־פּרטים, דאָס צו מאָל עפּיזאָדישע און כאַראַקטעריסטישע פֿאַר יענעם לעבן, וואָס איז געווען און נישטאָ מער: דאָס געבן אונדז אַ גאַנץ, כּוללדיק בילד, די סבֿיבֿה, דעם באָדן, דעם בוים מיט אַלע זײַנע צווײַגן און אָפּצווײַגן, זײַן געדײַען און פֿאַרשניטן ווערן, דאָס אויפֿלעבן דאָס פֿאַרצײַטישע אין אונדזער געדעכעניש און דערמאָנען, אַז דאָס איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פֿון ייִדישן דאָזײַן — איז פֿון גרויסן קינסטלערישן ווערט, פֿון ייִדישער און אַלגעמיין מענטשלעכער ווערטיקייט.

מרדכי צאַנין איז אַ גרויסער קענער פֿון יענעם לעבן און אַ גרויסער קאָנער אין אַרויסברענגען עס אין שאַרפֿע, קאָנקרעטע פֿאַרבן און קאָנטורן: אין געשטאַלטיקן זײַנע מאָדעלן און אַרײַנבלאָזן אין זיי קינסטלעריש לעבן.

צאַנין גופֿא איז אַ צווײַג פֿון יענעם בוים אויף וועלכן עס האָבן געגעסטיקט אויך פֿייגל פֿון דער ווײַטער, ברייטער ייִדישער וועלט, מיט גרינע בלעטער און צווײַגעלעך אין זייערע שנאָבעלעך.

גרינע בלעטער פֿון אַ יונגער, אויפֿגייענדיקער וועלט, פֿון אַ זון, וואָס האָט אויך אָנגעהויבן אַרײַנגלײַכטן אין די קעלער־און בוידעם־שטובן פֿון די פֿינצטערע, ענגע הייף.

אַ זון, וואָס האָט געוואַרעמט די נעסטן, ווו ס׳האָבן זיך אויסגעפּיקט שוועלבעלעך, שוואַלבן און פֿייגל מיט לידער פֿון אַ נײַ־אויפֿגייענדיק לעבן.

און ווײַל צאַנין שטאַמט פֿון יענעם שטאַם, פֿון יענע נעסטן — איז ער אַליין אַ נעסט, וואָס וואַרעמט ייִדישע ווערטער: איז מלבּיש־ערומים די נאַקעטע, אָפּגעברענטע ייִדישע ווערטער מיט יונגע פֿעדערן און פֿליגל, וואָס דאַרפֿן אָפּווישן דעם שטויב פֿון זכּרון פֿון אונדזער צעטומלטן דור, און די דורות וואָס דאַרפֿן קומען.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

אַ סך איז וועגן יוסף פּאַפּיערניקאָוון געזאָגט און געשריבן געוואָרן. נאָכזאָגן ווילט זיך נישט. איבערחזרן זיך — אַוודאי נישט.

ס׳ווילט זיך פון דעסטוועגן מוסיף זײַן: יוסף פּאַפּיערניקאָווס לידער לייענען זיך גרינג און ס׳דאַכט זיך, אין פלוג, אַז זיי שרײַבן זיך אויך גרינג.

אַזאַ געפיל האָט מען אויך לייענענדיק אַ. רייזענען, שלום־עליכמען.

דאָס איז דער כּוח און וואונדער פון דער פשטות. און זי האָט אַ סך נאָכמאַכערס די פשטות.

אַזוי גרינג ווי עס איז נאָכצומאַכן — אַזוי אומפאַרמײַדלעך איז דער דורכפאַל.

ס׳איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס בײַם לייענען פּאַפּיערניקאָוון קומען אויפן זינען אַזעלכע דיכטערס ווי מאַני לייב, אַברהם רייזען; אויך די פריערדיקע: ווינטשעווסקי, ראָזנפעלד און אויך זײַנע מיט־צײַטלערס — ד. האָפשטיין, א. פעפער מיט זייער לײַכטן ריטעם און עלעגישן טרויער.

נישט וועגן השפּעה רעדט זיך דאָ — אפילו אין גוטן זין פון וואָרט — נײַערט פון פּאַפּיערניקאָווס עכטע דיכטערישע עלעמענטן, וואָס רופן זיך איבער מיט די דאָזיקע שרײַבערס.

איז, הייסט עס, פּאַפּיערניקאָוו איינער פון זיי, פּלוס — ישראלדיקער אַראָמאַט, ליבשאַפט צו לאַנד, ערד, הימל, וואָס איז „בלויער פון בלוי״, צו אַרבעטערס, בויערס פון אַ נײַ לעבן אויף אייגענער, היימישער ערד.

אין אַ ליד דאַטירט 1927 לייענען מיר אַזעלכע שורות:

וואָס כ׳פיל דאָ, איז דעם הייליקן געבורט,
דעם אומרו פון דערוואַרטונג אויף אַ גרויסן נס.

נײַנצן זיבן און צוואַנציק, העכער צוויי צענדליק יאָר פאַרן נס, — די אַנטשטייונג פון דער ייִדישער מדינה.

אַדער אַזעלכע שורות:

און נעמען די פרײַהייט אַרום מיט די אָרעמס
און ציִען אין טאַנץ אויך די פעלדזן און בערג.

נישט נאָר זכות־ראשונים, וואָס איז, אַגב, אַ גרויסער זכות — טיילט, שיילט אויס פּאַפּיערניקאָוון פון אַנדערע פּאָעטן, זײַנע מיטצײַטלערס. מען דאַרף האָבן אַ גוואַלדיקן כּוח מיט אַ רויִק־ריטמישן, זינגענדיקן טראָט צו טראָגן „היימווי" דווקא דאָ, אויף אייגענער ערד, ווו ער פילט זיך „נישט איין מאָל פרעמד".

העכער פופציק יאָר פאַר פּאַפּיערניקאָוון — און ביז הײַנט צו טאָג — „זיצט" דאָ ייִדיש ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט בײַ אַ זאַטן טיש פון אַ רײַכן פעטער. און אויב ייִדיש לעבט דאָך און פאָרט — און אפשר מיטן כּוח פון פרעטענסיע — האָט י. פּאַפּיערניקאָוו אין דעם נישט קיין קליינעם חלק.

פון סאַמע האַרץ פון פאָלק ציט פּאַפּיערניקאָוו די ניגונים. ער לײַטערט זיי מיטן דיכטערישן באַוווּסטזײַן. געצאַמט אין זייער פרייד און אין זייער ווייטיק — קערן זיי זיך צוריק אום צום מקור, צום פאָלק, עלעהיי קינדער פאַרבענקטע פון ווײַטע מקומות קומען צוריק אַהיים.

איז טאַקע דאָמינאַנט אין זײַן שאַפן — דאָס פאָלקישע, סאָציאַלע: דער וואָכעדיק־שבתדיקער ניגון, וואָס קומט פון די טיפענישן פון ייִדישן לעבן.

דאָס איז זײַן פּאָעטיש־פילאָסאָפישער וועלטבאַנעם. פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת איז ער פּאָעט. יעדער דויער איז בײַ אים ליד. ער איז אַ גרויסער מײַסטער פון קליינע לידער און פון, אַזוי צו זאָגן, טעגלעכער טעמאַטיק.

בײַ וועמען קליינע לידער זענען אַן אויסדרוק פון האָבן ווייניק וואָס צו זאָגן, בײַ פּאַפּיערניקאָוון איז עס פון וועלן צו פיל זאָגן און נאָך מער מצמצם זײַן זיך. בײַ אים איז די מוזע נישט קיין „גאַסט", ער לעבט מיט איר: ער מוז זי האָבן.

צוליב דער אַזוי גערופענער „פאַרגענגלעכקייט" פון דער טעמאַטיק איז זי פונדאַמענטאַל און דויערנדיק. און ווײַל זי איז דויערנדיק —

איז זי אויך מאָדערן. ניין. נישט מאָדערניזם. אויף אים זענען נישט חל קיין שום „איזמען", וואָס האַלטן אָן קירצערע אָדער לענגערע צײַט־אָפּשניטן אין דער ליטעראַטור־ און קונסט־געשיכטע און ווערן אָפּפרעגלעך און פאַרגענגלעך.

מיטן כוח פון התמדה האָבן זײַנע לידער „געשפּאָלטן" דעם „פעלדז" פון שתיקה, פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד צו ייִדיש דאָ אין לאַנד.

ווי געזאָגט, זענען פּאַפּיערניקאָווס לידער, ס׳רוב, קליינע און רעלאַטיוו גאַנצע לידער. פּאַפּיערניקאָוו האָט זײַן דיכטערישע גאַנצע וועלט.

דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, די סגולה פון עכטע דיכטערס: דער סוד, וואָס דער גאָט פון שירה רוימט אײַן אין אויער פון געבוירלינג (אפשר בשעת ער איז נאָך אין עמבריאָן) — איידער דער מלאך גיט אַ שנעל אונטערן בעזל.

אין „סוד" איז דאָ עפּעס פון דעם אמת, וואָס יעדער ווערט מיט אים געבוירן און נאָר יחידי־סגולה זענען מסוגל דעם אמת אַרויסברענגען אָדער טיילן, שפּליטערס פון אָט דעם גרויסן, געטלעכן אמת.

מיטן כוח פון התמדה, האָבן מיר געזאָגט. מחמת אָביעקטיווע סביבה־סיבות זענען דאָ די האָריזאָנטן פון ייִדיש שמאָל און פאַרצוימט.

כמעט אין דער זעלבער צײַט — צווישןביידע וועלט־מלחמות — זענען אין אַמעריקע אויפגעקומען די „יונגע". יעקב גלאַטשטיין ז"ל דערמאָנט ערגעץ — כאָטש קוריאָזיק און פון אַ גאַנץ אַנדערן אַספּעקט — אַז בשעת די אָפּטע צוזאַמענטרעפן פלעגט מען זיך נישט איין מאָל אַמפּערן, און נישט אָן גדלות האָט איינער געוואָלט אויפווײַזן, אַז ער האָט ווייניקער לייענערס פון צווייטן. געזען אין דעם אַ סימן־מובהק פון אַ פּאָעט פאַר ווייניקע, פאַר געציילטע.

בשעת־מעשה האָט יעדער איינער פאַרזשמורעט נאָסטאַלגיש די אויגן און געוואָלט זען וואָס מער ווייניק־לייענערס.

אוודאי האָט דאָ, ווי דאָרט, ייִדיש נישט געהאַט קיין גינסטיקן באָדן. אָבער צוליב דער ספּעציפישער סיבה — די שפּראַכן־פראַגע — איז דאָ די מערכה אַ באַזונדערש שווערע.

י. פּאַפּיערניקאָוו פאַרזשמורעט נאָסטאַלגיש די אויגן און ס׳גייט אים אויס ס׳חיות צו זען — וואָס מער און מער ייִדיש־לייענערס.

פּאַפּיערניקאָוו איז געוואַקסן אויפן באָדן פון אָרעמקייט. פון איר

שעפּט ער כּוחות און אויסדויער. ער וויל נישט און קען זיך נישט באַפרייַען פון זייַן אָפּשטאַם, אַפילו ווען זייַן קולטור־באָדן איז אַ באַגרע־נעצטער. ער איז אַ פאַרשפּעטיקטער פאָרשטייער פון דער נאָך־השׂכּלה־עפּאָכע וואָס איז פון מערב־אייראָפּע אַריבערגעקומען קיין פּוילן, און נאָך שפּעטער — ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען און שטרעמונגען — געקו־מען אויף דער יידישער גאַס.

ווי אַ געטרייַער זון פון זייַן שטאַם, איז פּאַפּיערניקאָוו געטרייַ געבליבן דער טראַדיציע פון יידישן אַרבעטער און האַרעפּאַשנעם לעבן, מיטן גרויסן חלום צו שיינקייט, גערעכטיקייט און סאָציאַלן יושר.

פון די פאָלקס־אוצרות, פון די קוואַלן מיט גלויבן און גוטסקייט, שעפּט ער זייַן פּאָעטישן אני־מאמין: זייַן פליסיק־ווונדערלעך געזאַנג, וואָס פלייצט און קרייצט זיך אַרייַן אין די הערצער סייַ פון ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, סייַ פון אַרבעטער־אינטעליגענט, סייַ פון ליטעראַרישן מפונק.

די גרינע ראָסע

דאָס איז דער נאָמען פון נייַ־דערשינענעם בוך לידער פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו. אין פלוג — אַ פּשוטער נאָמען. און דאָך — אַזוי סימבאָ־ליש פאַרן שעפערישן, תּמיד יונגן דיכטער. גרין מיינט: שפּראָץ, בליונג, לעבן, וואַקסן און געדייַען.

מיט יעדן יאָר בליט, צעוואַקסט זיך דער בלומען־בוקעט פון י. פּאַפּיערניקאָווס דיכטונג.

נישט אין זכות פון יאָרן, פון ותק, ווי מען זאָגט בייַ אונדז, האָט זיך דער פּאָעט קונה־שם געווען. אויך נישט דער קוואַנטום — הגם אויך קוואַנטום איז אַ וויכטיקער אַטריבוט — אלא מיט דער קוואַליטעט, מיט דער פאַרטיפונג און אויסגעברייטערטער קאַנווע.

באַזונדערס איז בולט אין זייַן שאַפונג דאָס פּאַפּיערניקאָוויש־ישראל־דיקע: היגער קאָלאָריט, ליבשאַפט און אַפילו אומליבשאַפט צום לאַנד, וואָס מ'קאָן פאַרגלייַכן צום ברוגזן זיך פון אַ קינד אויף אַ מאַמען.

אַזוי אייגנדיק איז פּאַפּיערניקאָווס ליבשאַפט צום היגן הימל, צו בוים, בלום און צו גרינער ראָסע.

אזוי צו זאָגן

רעדט דאָסביימערפאָלק
איין און דאָס זעלבע לשון:
דאָס לשון פון שווייַגער,
וואָס טראַכטן און זוכן דאָס וואָרט,
אין די אייגענע טיפן,
און רעדן צו יענע וואָס הערן די שטומקייט אַליין.

(„די גרינע ראָסע", פאַרלאַג „דויער", ת"א 1983, ז' 57)

דעם דיכטערס מינאָרער טאָן האָט דאָ אויפגעבראָכן גרענעצן און „גדרס" פון שווייַגן און פאַרביינונג. בגנבה, ווי מען האָט דאָ געבויט קיבוצים, יישובים, האָט דאָס יידישע ליד זיך אַ נעסט געבויט אין חלום, אין באַוווסטזייַן פון חלוצישן לעבן. אַ גאַנצע פּלעיאַדע דיכטערס, זייַנע מיטצייַטלערס, האָט — יעדער אויף זיין שטייגער — העכער און שטאַרקער אויפגעהויבן דאָס „פּרעטענסיע"־קול; יעקב צבי שאַרגעל, יעקב שטאָל, אַריה שמרי, אַברהם לעוו, שלמה שנהוד און אַנדערע, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי אויסצורעכענען — האָבן מיט זייער שאַפן, טראָץ — און אפשר דווקא — דער איגנאָראַנץ און גלייַכגילט געפעסטיקט די מערכה פון יידיש.

י. פּאַפּיערניקאָוו גייט אָן און גייט אום מיט דער פשטות פון וואָרט און מיט דער ראַיעלקייט פון בילד, ווי מיט אַ שירעם אין רעגן פון מאָדערניזם.

רעגנס קומען און גייען. דער פּאָעט איז, ווי זאָגט מען עס — באַהיט און באַשירעמט... רעגנס, זון, חאַמסינען, קעלטן קומען און גייען. דער בוים — שטייט אויף אָן אָרט. ער וואָרצלט. ער וואַקסט. ער איז תמיד פריש. דאָס איז פּאַפּיערניקאָוו. ער איז דער בוים. ער איז די גרינע ראָסע. זייַנע לידער — פּירות, אפשר ביכער־פּירות, זענען באַטעמט און גוט צום גומען פון פאַלקסמענטש, אינטעליגענט און ליד־מפונק. טוסט אַ ביס און האָסט הנאה. די פּירה איז עכט, זאַפטיק און האַפטיק. פאַר אַלט און יונג איז זי גוט די פּירה. אָבער ווו נעמט מען יונגע צייַן? —

ווו נעמט מען יונגע לייענערס? —

יונגע לייענערס פאַר די לידערביכער מיט אַזוי פיל יונגשאַפט און ליבשאַפט.

גענוג אַ צייל טאָן די קעפּ פון די לידער אין בוך: „די יונגע ראָסע", „גערטנער און בלומען", „אין גרינעם ליכט", „אַ בוים", „אונטער אַ בוים", „אַ בוים אין הויף", „אַ ביימעלע הינטערן פענצטער", „ביימער אין שטאָט", „ביימלעך טוען תּפילה".

ניין. כ'וועל נישט אויסרעכענען אַלע לידערקעפּ. דאָס קליינע־גרויסע ביכל דאַרף מען לייענען, איַינזאַפּן אין זיך דעם ריח, די קאָלירן און די שיינקייט פון דער ג ר י נ ע ר ר אָ ס ע. איז י. פּ., ווי ער זאָגט אין אַ ליד, אַן „אורוואַלדמענטש". אַ וואַלד מיט געזאַנג, מיט טרויער און באַדויער.

ווי זאָגט־זינגט זיך דאָס אויף זיַיט 87:

אָוונטציַיט, ווען ס'שטעלט זיך אָפּ דאָס איבערפליִען
פון די שוואַרצע קראָען אויף די וויַיסע ביימער
און זיי הערן אויף דאָס קראַקען דאָס פאַרקיַיכטע,
ווי זיי וואָלטן אויך זיך איַינגעהערט מיט ציטער —
צו דעם וועלפישן געוואָי, וואָס טראָגט פון וואַלד זיך.

(דאָרט)

✶

דער קינסטלער שפּירט בכּוח־הניחוש די שטימונגען פון מענטשן, בעלי־חי, פון שטיל־לעבן, פון נאַטור־דערשיַינונגען אַ סך פריִער ווי ער באַנעמט עס מיטן שׂכל. ער ווערט געבוירן מיט דער שפּירונג. ערשט שפּעטער קומט דאָס וואָרט. דאָס וואָרט איז דער לבוש. דיווירקלעכקייט איז אַ שאָטן (אפשר אַן אָפּשאָטן) פון דער אינערלעכער וועלט, וואָס דער דיכטער טראָגט אין זיך. ערשט אין ליכט פון „זיַין" וועלט — און אַ דאַנק זיַין לעבנס־נסיון — זעט ער, דער דיכטער, דאָס אויסערלעכע: די וועלט און די סביבה וואָס רינגלט אים אַרום.

אין אָט דער אינערלעכער וועלט זעט מען אַלץ. מען זעט אַ סך און מען זעט — גאָרניט.

די אוממיטלדיקייט פון י. פּאַפּיערניקאָווס געזאַנג דערהייבט זיַין

ליד און דעם לייענער צו די לויטערע און געלײַטערטע ספערעס פון קונסט, וואָס איז אַלמענטשלעך און איבערצײַטיק.

ס׳וועט בשום־אופן נישט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מיטן עלטער ווערן פון פּאָעט — ווערט זײַן ליד און לידלאַנדשאַפט ייִנגער, שענער, פרישער.

שוין אָפּגערעדט פון דער מוזיקאַלישקייט, וואָס איז איינער פון די עיקר־עלעמענטן אין פּאַפּיערניקאָווס שאַפן.

*

צום סוף — אַ קליינעם עיקר־שכחתי.

פּאָעטן און פרויען האָבן ליב קאָמפּלימענטן. האָבן ווייניקער ליב, אַז מ׳פרעגט אָדער מ׳רעדט וועגן זייער עלטער. י. פּאַפּיערניקאָוו דער פּאָעט איז אָבער, דאַכט מיר, אַריבער איבער דער דאָזיקער עלטער, און זי פאַרשעמט נישט זײַן יוגנט: אַדרבא, באַקריינט און באַשיינט דעם ווײַסן קאָפּ און דאָס הייסע, יונגע האַרץ — מעג מען שוין דער־ציילן: י. פּ. איז אַרײַן אין נײַנטן צענער — ביז הונדערט און צוואַנ־ציק — ד״ה קוים די ערשטע יאָרן איבער גיל־הגבורות.

זאָלן די הײַנטיקע ווערטער זײַן אַן אַדערויף אויף די ווײַטערדיקע יאָר־פײַערונגען.

יעקב צבי שאַרגעל

קוואַלן אַרום געצעלט

דאָס איז דאָס צווייטע בוך עסייען פון י. צ. שאַרגעל, דעם באַקאַנטן פּאָעט פון 4 ביכער לידער. באַקאַנט נישט נאָר צוליבן איכות פון זײַן פּאָעטיש שאַפן, אלא אויך ווי איינער פון די ראשונים, פון די אייניקע, ווייניקע דיכטערס, ליטעראַטור־קריטיקערס, וואָס גייט אָן דאָ, אין ישראל, מיט זײַן ייִדיש־שאַפן אַ קיִימא־לן פון העכער צוויי דורות.

„גייט אָן" רעדט זיך לײַכט אַרויס, אָבער נישט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען די ערשטע ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן זיך דאָ געקלאַמערט אין ייִדיש פון ערב קום־המדינה־פּעריאָד, ווי לעצטע פון אַן אונטער־גייענדיקער שיף אויפן שטורמישן ים פון אַנטי־ייִדיש, קעגן ייִדיש אויף אַלע געביטן פון ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט סײַ פון די אָפיציעלע, סײַ פון די אומאָפיציעלע אין דער מחנה העברעיִסטן — שרײַבערס, רעדאַקטאָרן, פּענמענטשן, וואָס האָבן מחרים געווען דאָס ייִדישע וואָרט און אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדיש און ייִדיש־שאַפן. אָבער אַ דאַנק דער עקשנות און אויסדויער פון יענער קליינער גרופּע ייִדישע שרײַבערס האָט זיך צעבליט און צעצווײַגט דער ייִדיש־בוים אויפן צעאַקערטן באָדן פון היגער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

און זאָגן זאָג איך עס אָקעגן דעם, וואָס דאָ רעדט זיך וועגן אַ פּאָעט, אַ היגן, ארץ־ישראלדיקן מיט אַלע רמח אברים. זײַן ליד שורשט אין היגן באָדן, איז אַ תפילה צום ליכטיקן בלוי פון הימל, צו דער שיינקייט פון דער בלום, זאַפטיקייט פון דעם גאָלדענעם מאַראַנץ:

פון וואַנען דאָס חיות אינעם לעס?
און אַז דער זאַמדנווינט, וואָס פּרעסט מײַן ראיה,
פאַרשטעלט מיר נישט דעם אויסגעוויינטן נס,
ווי קען איך שטיין אין אַ זײַט?

איז קיין וווּנדער נישט, וואָס סײַ זײַן ליד, סײַ זײַן עסיי איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין היגן באָדן. זײַן לשון איז אָנגעזאַפּט מיטן ריח און מיט דער לופט פון היגן קלימאַט.

אײַנגעבוירענע ליבשאַפט צום שאַפער און זײַן שאַפן איז דער מהות פון שאַרגעלס עסיי. שאַרגעל האָט אויך די געהעריקע קינסטלער־אינס־טרומענטן, אָט די אויפריכטיקע ליבשאַפט אויסצושפּילן אַ דאַנק זײַן וואָרט־עקספּרעסיע, וואָס איז הייסאָטעמדיק, באַגלייביק.

איז דאָס אַ גרויסע מעלה. שאַרגעל איז מקבל־באהבה יעדער ביי־דערשיינען בוך און זעט אין נעגאַטיוון, אין ווייניקער געלונגענעם, אַ האַלב־פולע פלאַש... און די האַלב־ליידיקע? — נישקשה, זי וועט זיך אָנפילן. טאָמער נישט? אינעם רוישיקן, פלוישיקן וואַלד פון ייִדישער וואָרטשאַפט, פון ייִדישן לשון, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרשטומט געוואָרן, איז אַ פּישטש פון אַ שוועלבעלע — פויגל־געזאַנג, אַ צעפּלאַ־טערט קשאַקעלע — אַ בוים, ס׳שטאַמלעניש פון אַ גרעזל — שירה.

פון דאַנען אפשר דער טאָן פון יעלה ויבוא, בעתן באַהאַנדלען אַ בוך, די אַטמאָספער פון עקזאַלטאַציע.

אַ קליין פּראָבעלע. בעתן רעדן פון „פּרינץ פון דער מיניאַטור”, דוד טושינסקי, לייענען מיר: „אשריך, אַז ווויל איז דיר, פאַלק מײַנס, וואָס באַך אַזאַ וויסטן אומברענג האָט זיך פאַרהיט כאָטש אַ טייל פון דײַנע אויסדערוויילטע, כדי מיט זייער יצירה מבשר זײַן דער וועלט אַז מיר לעבן, מיר שאַפן און וועלן אייביק שאַפן”. („קוואַלן אַרום געצעלט”, פאַרלאַג „ישראל־בוך”, ת״א 1981, ז׳ 81).

איך האָב, חלילה, גאָרנישט קעגן קינסטלער טושינסקי, אָבער, וואָס האָבן אַזעלכע רייד צו טאָן מיט דער קריטעריע פון דעם ווערק אָדער שרײַבער?

מיר טרעפן אין י. צ. שאַרגעלס עסיי, אין זאַצבוי, אין ווערטערלויף, אַן אימפּעטיק אויסלאָדן זיך פון געדאַנק און עמאָציע,ביידע — אַ ברכה אין דער עסיי. בכלל ווערט דער דיכטער־עסייִסט געיאָגט פון אַ מעטאַפיזישן אומרו, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר שאַרגעלס סטיל, וואָס איז בדרך־כלל אַ ספּאָנטאַנער. מער ווי דער סטיל זאָגט וועגן באַ־האַנדלטן בוך — זאָגט ער וועגן דער אינדיווידואַליטעט פון קריטיקער, וואָס איז ראשית־כל און ככלות־הכל — אַ פּאָעט, און פון אַ מין אינטע־

לעקטועלן, יידישן פאָלקסטיפּ, וואָס שרייַבט אָנגערעגטע, אויפגערעגטע עסייען. אין עסיי וועגן „אין לאַנד פון אליהו הנביא" פון מ. יונגמאַן לייענען מיר:

„ווען איך קום צו זייַן פּאָעטישער שאַפונג, לייַכט פון איר אַרויס אָט די לויטער־ריינע תמימות, וואָס דערמאָנט אין פאָלקישן חלום, אין פאָלקישער וויי, אין פאָלקסליד און פאָלקספיגורן, וואָס האָבן באַגלייט אונדזער לעבן אין גאַנג פון דורות".

...„טריפט דאָך פון אָט די שורות לויטערע ליריק, ווי די טוי־טראָפּנס פון מייַן מאַראַנצן־בוימס בלעטער".

אָט דאָס לירישע געזאַנג וועגן יונגמאַנען איז אויך גוטע, ערלעכע קריטיק, אייגנטימלעכע, צוגעפּאַסטע נישט פאַר קיין אַנדערן, אלא פאַר מ. יונגמאַן.

אויך דאָ הערט זיך דער פּאָעט י. צ. שאַרגעל ווי אַ קריטיקער, וואָס פּרוּווט, און עס געלינגט אים, דערגרונטעווען זיך צום מיין, צום מהות פון שרייַבער און זייַן שאַפונג.

נישט קיין רעצענזיע

ס'איז אַן אייַנדרוק. אַ טראַכטן אויפן קול לייענענדיק י. צ. שאַרגעלס לעצטנס דערשינענעם בוך לידער „טויערן אין די בערג" (פאַרלאַג „ישראל־בוך", ת"א 1973).

רוב לידער — אין פרייַען פערז. אַ סך געדעמפּטקייט אין וואָרט, אין אויסדרוק, אין נוסח. אַ בכוונהדיק אויסמייַדן גראַם. די שורות פליסן אָבער מיט אַן אינערלעכער מוזיקאַלישקייט. עס שפּירט זיך בגרות אין דער שטים: אַ קלוגע, האַרציקע גוטסקייט און אַן אומפּחד פאַר דעם קומענדיקן.

פאַראַן לידער וואָס הייבן זיך אויף מיטן כוח פון זייער שווערקייט. בעת שאַרגעלס דיכטערישע ספערן זענען, אַ דאַנק זייער קלאָרקייט, גרינגער פאַר דער לופט און הייבן זיך אויף — מחמת זייער גרינגקייט.

אַ סך בענקשאַפט צו אַ יונגער — זייַנער און אונדזער — וועלט. און צו נאָך אַ וועלט, וואָס איז איבער אונדזער שכל־המשיג.

אַן פּרעטענסיע, אַן סובלימירטער „ליבשאַפט" זינגט שאַרגעל שירה צו יענער זײַט לעבן.

איך זוך. איך ווייס, ביסט ערגעץ ווו פּאַראַנען.

און:

כ'בייג צו מײַן אויער צום רעש פון דײַן קוואַל

און זאָג:

ס'איז אַוודאי דאָס געפּאַרכט פון מײַן הארץ.

עס איז דאָך דאָ אַזאַ פּרט און ס'איז דאָ אַזאַ כּלל

וואָס לעבן אין דיר נאָר, מיט דיר.

(דאָרט, ז' 65)

אויסגעשטאַנענע בענקשאַפט און יונגע דרײַסטקייט און נאָך יינגערער כּוח בײַם שפּילן זיך, בייגן און שטעלן די גראַמען אין עק און אין מיטן פון די שורות מיט אַ מײַסטערישער קאַפּריזנעקייט, וואָס דערמאָנט אָפּט (שאַרגעלן אויף צו לאַנגע יאָר) אין י. גלאַטשטיין. אַ מין קונדסעווען: נאָט, זעט, דאָס וואָרט „בעט" זיך קומען צום סוף און איך שטעל עס אומיסטן בײַם אָנהייב אָדער אין מיטן פון אַ נײַער שורה.

איז עס דאָס הנדלען זיך פון אַ שיין מיידל, וואָס טוט זיך אָפּט אַן נאָכלעסיק — מיט קולטיווירטער אָפּגעלאָזנקייט — מחמת זי ווייסט, אַז... זי וועט סײַ ווי געפעלן.

און ווידער: וואָגיקייט, פּאַרטראַכטקייט און (זאָל מיר דערלויבט זײַן אַ גראַם) — גוטע אַרויסגעבראַכטקייט.

פּאַרפונדעוועטע שליטה פון אַ פּאָעטישער פּען.

איך וועל נישט ציטירן. בלויז אָנווײַזן אויף עטלעכע לידער, ווי צ"ב „כ'וועל אָוועק", „שעה איצטיקע", „דרײַ באַגעגענישן", „זע ווי די שעה", „שיין ביסטו, שיין", „ווײַט", „אַ דעמב אויף אַ היגל".

מאָלע וואָס עס לאָזט זיך, בעט זיך אויסרעכענען. ניין. דאָס בוך לידער איז צו לייענען פון אָנהייב ביזן סוף.

און לייענט עס אַ מענטש, וואָס קען שאַרגעלן דעם מענטש און פּאָעט, זײַן צניעותדיקן גאַנג אין לעבן און אין שאַפן, און טרעפט אַזאַ שלל לידער פון נײַער, פײַנער קוואַליטעט און אָנגענעמער איבערראַשונג

— איז עס מער ווי אַ סורפּריז. עס איז אַ פאַרגעניגן ביז אַ נישט־פאַרגינען...

אַ נישט־פאַרגינערישע יוגנטלעכע פאַרליבטקייט און אַפילו תּמימות ביז נישט וויסן, אַז מיט דעם בוך לידער האָט ער זיך אַליין איבערגעשטיגן.

ביי שאַרגעלס (כ׳וויל נישט זאָגן: עלטער) יאָרן פון שאַפערישקייט איז עס סימן־מובהק פון... ווי זאָגט זיך ס׳ווערטל? — „מיט וואָס אַ מענטש ווערט געבוירן — עלטערט ער זיך״.

י. צ. שאַרגעל איז געבוירן געוואָרן אַ פּאָעט — אַ פּאָעט מיט רמח אברים — און אַזעלכער וועט ער פאַרבלייבן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

האַרבסטיקע טרויבן

כ׳האָב מער ווי איין מאָל געשריבן וועגן י. צ. שאַרגעל. תּמיד נאָכן אוועקלייגן די פען, איז ווי ס׳אַוועקלייגן דעם לעפל נאָך אַ געשמאַקן עסן. אַ גוטער טעם גייט דיר נאָך.

אַ גוטע אַטמאָספער.

לייענסט און האָסט דעם איינדרוק, ווי וואָלסט אַריינגעקומען פון אַ קאַלטן דרויסן אין אַ וואַרעמער שטוב. ווייסט נישט פון וואַנען די וואַרעמקייט נעמט זיך. פילסט אָבער, אַז ס׳איז אונטערגעהייצט.

שאַרגעלס דיכטונג, בדרך־כּלל אַ רעגיאָנאַלע, דערהייבט זיך אין די „האַרבסטיקע טרויבן״ צו אוניווערסאַלע מאָסן, נאָרמעס. עס דינט אים דערצו דאָס וואָרט. שאַרגעל האָט זיך דערשלאָגן צום שורש, תּוכן פון וואָרט, וואָס איז — דאַרף זיין — אַן און פאַר זיך יצירה.

עס ווערט אַ גערייניקטע און געשליפענע, דין און דורכזיכטיק — ביז נשמה־צושטאַנד — פסיכישע שפּאַנונג, אַטמאָספער.

פאַראַן אַ מין שלאַנג, וואָס נאָכן לאָזן דעם גיפט — שטאַרבט זי.

אַזוי באַדאַרף געשען מיטן וואָרט נאָכן איבערגעבן דעם „גיפט״ — ביטער־זיסן טעם פון שטימונג. ס׳וואָרט גייט אַוועק, דער טעם בלייבט.

די אָוונט־אַטמאָספער אין אַ סך פון שאַרגעלס לידער איז גאָרנישט אַזוי אָוונטיק, וואָס טונקעלער, אָוונטיקער — אַלץ קלאָרער דער געדאַנק, די פּוענטע. ס׳ליד, די פּאָעמע — באַנעמיקער, אַרומנעמיקער: עלעגיש־

טרויעריק און טרוימיק. וואָלט אפשר אַ יושר געווען „מתקן" זײַן דעם נאָמען פון בוך „האַרבסטיקע טרויבן" אויף — „האַרבסטיקע טרוימען";

קינד, מײַן קינד,
פון אַ גרויסן, גרויסן באַל איך קער זיך אום אַצינד.
ס'איז אַשמורה שוין די דריטע.
און עס וועקן זיך די פעלדער פון כנען.
זינג־געקלאַנגען קלינגען אָפּ אין מײַן אויער —
אַ חלום געווען אַזאַ גרויער.

(„האַרבסטיקע טרויבן", י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1977, ז' 85)

קינד. עלטער. „זינג־געקלאַנגען". אין צווישן שפּאַנט דער דיכטער. ער קערט זיך אום פון „אַ גרויסן באַל".

ער „שפּאַנט" מיט ברייטע, לאַנגע שורות. ברייט, אָבער בשום־אופן נישט צעפלאָסן.

דער נאַטירלעכער לויף קאָן אויבנאויפיק מאַכן דעם אײַנדרוק פון אַ דערקײַקלען זיך צו פּראָזאַישע טאַקטן. איז עס אָבער נישט אַזוי. בײַ שאַרגעלן איז עס אינטענסיווער לויף מיט געמאָסטענע טאַקטן (ער יאָגט זיך פּאַמעלעך) צו פרײַע ברייטן און הייכן. יאָגט זיך און דער־שלאָגט זיך צו — צײַטיקייט.

דאָס גלײַכן, ווו די שורה איז פאַרצימצומט, איין־און צוויי־וואָרטיק — איז דער פּערימעטער ברייט־אַרומנעמיק. וויזיע און רעאַליע גיבן צו אינעווייניקסטע געשלאָסנקייט דעם בילד.

אָוו האָב איך ערגעץ געלייענט, הנאה געהאַט, אײַנגעזאַפּט דעם אַראָמאַט פון אַזאַ צײַטיקער שירה, אַזאַ רויִקן אומרו? — פון אַזאַ רעגן־בויגנדיקער שיינקייט פון אַ מים־חיימדיק געזאַנג? —

ה. רויזנבלאַט. אַגב, ה. רויזנבלאַט איז געווען דער מחבר פון אַ סך שלעכטע, באַריידעוודיקע לידער. ערשט אין די שפּעטערע יאָרן, אויף דער עלטער, האָט פון אים אַ שטראָם געטאָן מיט ריינער, לירישער, דערציילערישער שורה: זינגעוודיק־זאָגעריש אין בעסטן זין פון דאָזיקן באַגריף.

איז עלטער, בכן, נישט אַלטקייט.

עלטער, און ווער ווייסט וויפל נאָך פיזישע און מעטאַפיזישע גורמים,

שפילן אַ ראָלע אין דער מיסטעריע פון שאַפן: אין דער הערמעטישער דיכטערוועלט.

הערמעטיש פאַר אַ דרויסנדיק אויג און אָפן פאַר דער אינערלעכער וועלט פון דרויסן; בלום, בלאַט, גויאַווע־בוים, רעגן, זון, מוראַשקע, שטערנדל.

אין די אַזוי צו זאָגן דרויסנדיקע אָביעקטן, אין די לידער מיט איבערוואָג פון פּלאַסטישער שיינקייט, איז שאַרגעל מגלה אַן אינערלעכע וועלט. זיַין דיכטעריש אויג איז פול מיט התפעלות, ליבשאַפט צו דער בריאה; מענטש, בעלי־חיים, צמחים.

שאַרגעלס אויג און אויער זענען אָפן נישט נאָר פאַרן —

...מעלדער וואָס קומט מיר מעלדן,
אַז די צײַט איז שוין פאַרבײַ,

(דאַרט, ז' 65)

(נײַערט אויך)
פרי, גאָר פרי
האָבן פייגל תפילות אויסגעזונגען.
אַ ניגון האָט אַרויסגעקלונגען פון טיר און פענצטער

אָדער:

זאַפּ אײַן דעם ניגון און די תפילות
פונעם ריטל אויפן בוים,
פונעם גרעזל ביַי דיַין שוועל
און באַפעל:
דאָס גוטס פון דער ערד זאָל צו דיר געהערן.

(דאַרט, ז' 36)

איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ נײַעם, אַגב, טעכנישן ווענד אין שאַרגעלס ליד־קאָמפּאָזיציע. ווי אַזוי לייגט ער עס די וואָרט־גראַם־ציגעלעך אין ליד־בנין.

ס'וואָרט „אויסגעקלונגען" אין מיטן פון דער דריטער שורה גראַמט זיך מיט „אויסגעזונגען" צום סוף פון דער צווייטער שורה.

בולט קומט עס צום אויסדרוק, צ״ב, אין די דאָזיקע צוויי שורות:

אין ס׳האָט קיינער נישט געזען און נישט געהערט
ווי די שווערד האָט געפאָכעט איבער שטעט פון גליל.

(דאָרט, ז׳ 26)

וואָלט, דאַכט זיך, געווען נאַטירלעכער, ווען די צווייטע שורה לייענט זיך:

ווי איבער שטעט אין גליל געפאָכעט האָט די שווערד.

טעקסטועל, פאָנעטיש, איז אַזאַ גראַם ממש אַ הימל־געשאַנק. ביין. מוחל טובות. אָט דאָס „נאַטירלעכע״ איז ביי י. צ. שאַרגעל צו לייכט, צו קאָנווענציאָנעל. ער מאַכט עס בייער, שענער, וויל־קלינגעוודיקער פאַרן אויער. ס׳איז ביי אים אַ בכיוונדיק אויסמיידן דעם דערוואַרטן גראַם: אַלטע, אָפּגעריבענע מטבעות, וואָס קלינגען באַקאַנט און פאַלש, בעת דער מיטן־שורהדיקער גראַם גיט צו דער שורה, דער סטראָפע, עלאַסטישקייט, אינערלעכע מוזיק און אויך עפּעס, וואָס זאָגט אָן — חידוש.

לשבח דאַרף אויך באַטאָנט ווערן שאַרגעלס ספּראַווען זיך מיט די מאָטיוון פון עלטער, קבלת־דין־השמים. אין די לידער, ווו דער דיכטער רעדט, אָדער ס׳רעדט זיך אין זיי וועגן טויט — דערשיינט נישט דער טויט ווי אַ ראָמאַנטישע עקסיסטענץ, נישט ווי אַ דעמאָן, אַ געשפּענסט (ווי זאָגט ערגעץ סוצקעווער אין אַ ליד געווידמעט אהרון צייטלינען: „אומדאָיִק ביסטו, איך — דערווייל אומדאָרטן״). ביי שאַרגעלן איז דער אומדאָרטן הויכפּונקט פון לעבן, המשך קיום. נישט אונטערגאַנג, נייערט איבערגאַנג, אַ ווידערוווערן; אַ מין לעצט געבוירן ווערן, ווי עס דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע לידער וואָסעטי עלשאַנדרי (נאָבעל־פּרייז־טרעגער). שאַרגעל זאָגט עס אַזוי טרעפלעך קורץ צום סוף פון בוך אין דער פּאָעמע „ווידער״:

איז ווידער תוהו,
און ווידער בוהו,
ערב ליכט,
ערב זיין
און אַלץ הייבט זיך אָן פון דאָס ניי.

שלמה וואַרזאַגער

דיכטונג פון אַ געדעמפטן פּאַטאָס

צום דערשײַנען פון י. צ. שאַרגעלס לידער אין העברעיִשן לבוש

באַשיידנקייט, צניעות זענען די ערשטע אַנטי־סופּערלאַטיוון, וואָס קומען אויפן זינען בעתן לייענען שאַרגעלס בוך לידער „עלי ספים", (שירים, „ספרית פועלים", תרגום מיידיש, ת"א תשל"ב).

שאַרגעלס מינאָרער טאָן איז זײַנער: זײַן אייגענער. „נישט גע־פּאַשעט איך האָב אויף פעלדער — בײַ קיינעם", — זאָגט ער ערגעץ אין אַ ליד. אוודאי בעסער אייגענע עטלעכע מאָרג פעלד איידער פרעמדע ווײַנגערטנער.

פעלד, בוים, בייט, לאָז, בערג, זונאויפגאַנג — דאָ איז ער אין דער היים. שאַרגעל איז גלייביק פאַרליבט אין ישראל־פּייזאַזש. ער דער־לאַנגט אים פאַרביק, מעלאָדיש, מיט אינערלעכן דיכטערישן ציטער, מיט אמתן באַוווּנדער און אוממיטלדיקייט. פלינק און גרינג, ווי אַ כּישוף־רייף, טוט זיך אָן דאָס ליד אויפן געמיט פון לייענער. האָט דען נישט יעדער לייענער — ווער ווייניקער, ווער מער — אין זיך די עלעמענטן וואָס רופן אַרויס דאָס ליד צום לעבן אין דיכטער?

שאַרגעלס לידער האָבן ליבשאַפט און גלוסטונג צום לעבן. זיי זענען אַדורכגענומען מיט קלאָרקייט, מיט סודות פון גוטס און שלעכטס וואָס אינעם מענטש און אויסער אים.

פּאָעטישע שטימונגען פּילן אויס, פּילן אָן שאַרגעלס דיכטערוועלט, רײַך אין אַנונגען, רעמיניסצענצן, גאַמען און פאַרבן. און ער ווייסט ווי אַזוי די פּאָעטישע מינוטן, שעהען, מאָמענטן איבערשאַפן אין לידער, שטימונגספולע שורות, סטראָפעס.

ווײַל שאַרגעל איז דער דיכטער פון שלווה. זײַן בין־השמשות, זײַן „דעמער" איז לירישע „בענקשאַפט, וואָס ליגט זיך ווי אַ שאָטן" אויף שוועלן פון גליק, וואָס שאַרגעל, דער מענטש, קען זיך עס דיכטעריש נישט פאַרגינען, מחמת עס פאַרשטראָמען אים:

קוואַלן גאַנצע פון פּײַנען, קלאָגן
און פון יסורים אָנגעהויפטע.

י. צ. שאַרגעל לייגט נישט דעם טראָפּ אויף אויסערלעכן עפעקט פון ליד, אויך נישט אויפן דיסציפּלינירטן וואָרט, אויפן מעטאַפאָר. ער פירט נישט זײַן ליד פון אינדיווידועלע לאַבירינטן. ער דערשלאָגט זיך מיט נאַטירלעכן, אינערלעכן כּוח צו מעטאַפיזישער פרייד, צום פּאָעטישן בילד — צו טראַכטונג אין בילד — קלאָרן און קרעפטיקן: צו לויטערע ספערן פון געדאַנקלעכקייט, וואָס איז אינטעגראַל אין גוטער פּאָעזיע.

שאַרגעל זעט נישט, דאַרף נישט די ווירקלעכקייט, וואָס מעבר דער אין וועלכער מיר לעבן: דעם אמת — מעבר אונדזער זעקרײַז.

דאָס רעאַלע איז דאָס דאָמינאַנטע אין זײַן שאַפן. עס ווערט אָבער באַהויכט מיט פּאָעטישן אָטעם און מענטשלעכער אמונה און אַ דאַנק דעם — דערהויבן צום גרויסן, אומאָפּפרעגלעכן אמת, וואָס דאָס קליינע, די פאַרגענגלעכע זענען שפּליטערס פון אים.

דאָס אַלגעמיינע, עפּישע ווערט בײַ שאַרגעלן אינדיווידואַליזירט. דאָס אינטימע, אינדיווידועלע — די נחלה פון אַ סך.

אַ באַווײַז דערויף איז דער פלוצעמדיקער ווענד, וואָס איבעראַשט סײַ מיט דער פּשטות, סײַ מיטן וואָרט־תּמצית, געדאַנק־עשירות:

באָר אַז איינער, מיט חלף אין האַנט,
וועט כּעסן, וועט ברומען: —
פון וואַנען דײַן זײַן און פון וואַנען דײַן קומען?
זאָלסטו זאָגן:
פון יענעם קאַנט
ווו שניי האָט פאַרשאָטן די שליאַכן,
ווו אַ פאָלק האָט פאַרלוירן דאָס לאַכן.

און אין דער פרעכטיקער איבערזעצונג פון אמיר גלבוע:

אך כי אחד, בידו מאכלת
בחמת־זעם, בנהם יטען:
מאַין תבוא, מאי מזה בחלד?
אמריך לו תען:
מן ההם המקומות
אי שלג כסה הדרכים,
אי עם שכל את הצחוק

אַזאַ גיכער איבערגאַנג פון „דאָ" ביז „דאָרט". פיר, פינף שורות און — אַזאַ מהלך. און אַזוי אָרגאַניש דאָס שייַכות, דער פאַרבינד פון ביידע וועלטן, ווו דער דיכטער וואָרצלט בגוף ונפש.

„אַ פאָלק האָט פאַרלוירן דאָס לאַכן". דאַרף מען נאָך אַ מער ביל־דערישע שורה, ווי אַזאַ טראַגיש־שיינע? ערלעך און עכט דאָס בילד און די איבערלעבונג.

הייַנט די איינציקע שורות, פילצאָליקע, צעוואָרפן איבער די צענדלי־קער זייַטן פון שאַרגעלס לידערביכער און בעיקר אין „עלי ספים":

...„ביסטו געוועזן מייַן שיעור און מייַן שיר". ...„מייַן חלום שוועבט־אום אַ געקרייצטער". ...„אַז דאָס אויג לויפט גיכער פאָרן וועג". ...„מיט ניגון פון שווייַגשאָפט".

און דער סאָנעט „צום שטערן רעה"? אויסגעהאַלטן. קלאַנגיק. גע־זאַנגיק. אויך דאָס זאָגערישע איז געזאַנג. ווייַל שאַרגעלס אינטויִטיווער באַוווסטזייַן ווייסט דעם סוד פון אָפקלייַבן ווערטער און אַוועקשטעלן דאָס וואָרט אַזוי, אַז ס'זאָל נישט אָפּהאַקן דעם אָטעם, דעם ריטעם פון דער שורה, פון ליד.

וואָס מער דו לייענסט, אַלץ מער הערט דיך אויף וווּנדערן אויף שאַרגעלס געדאַנק־עשירות, מאָדערניזאַציע און מאָדיפיקאַציע פון וואָרט, זאַצבוי, נייַעם גראַם, בויג און נויג (נישט וואָרט־מאַנעווער, ספעקולאַ־טיוו־ראַפינירט, וואָס גיט אַ בליץ און אַ קריץ ווי אַ פאַלנדיקער מעטעאָר), איינפאַל, עקספרעסיוו בילד און געוואַגטער זאַג.

הייַנט דער נאַטירלעכער ווילקלאַנג בעתן פאָרן זיך פון העברעיִש לשון מיט מאַמע־לשון?

„טרויער איז" — „קטורת" / „דאָ איז — „מה נאה־ס" / „באַלאָדן" — „ביודעין" / „מעש" — „בעש"ט / „נאָמען" — „כרמים".

מען קען אַזעלכע „פּאָרלעך" אָנציילן אין די צענדליקער. דאָס בשותפותדיקע פון עברית און יידיש ביי שאַרגעלן איז נישט נאָר אַ פראַגע פון שפּראַך, צי פון גראַם־צירוף. שאַרגעלס לעבן און שאַפן איז אַ צירוף פון „ווייַטן דאָרט ביז נאָענטן הי": פון „שניי, וואָס האָט פאַרשאָטן די שליאַכן" ביז — „טריט פון קאַראַוואַנען". פון אַ שטאָט, אַ שטוב, ווו „דער הונגער האָט געמאָלט אויסגעלאָזטע גריוון" ביזן — „ליכט פון אַ נייַער התגלות".

י. צ. שאַרגעל איז אַ דאַטע אין ייִדיש־שאַפן אין ישראל; אַן אַדרעס פאַר ייִדיש־שאַפערס וואָס האָבן איינציקוויַיז, גרופּעסוויַיז און מאַסנוויַיז געשטראָמט (און שטראָמען) אַהער צו המשך לעבן און המשך חלום.

איז גוט וואָס שאַרגעלן דעם מענטש מיט גראָע האָר און יונגן האַרץ טאַרמאָזירט נישט דער ריטעם פון „קעמל־קאַראַוואַן". אַדרבה: דער ריי־טעם פון קעמל־קאַראַוואַן ווערט אַריַינגעוועבט און אַריַינגעלעבט אין גאַנג פון איצטיקייט מיט אַלע אירע נײַע חלומות און גרוילן.

שאַרגעלס גאַנג פון בלויען ליכט דורך ווייַ און גלויבן צו זוניקע שוועלן און עלי ספּים — איז דער גאַנג פון אַ תקופה, פון אַ דור צווישן צוויי וועלט־מלחמות און שרעק פאַר דער דריטער, וואָס איז נאָך דערוויַיל אין וויקעלעך פון אַטאָמישע רויכן.

✶

יעקב צבי שאַרגעלס „עלי ספּים" איז אבר מן החי פון העברעיִשן ליד. וואַקסט אַרויס און וואַקסט זיך אַריַין אין דער יונגער און נישט אַזוי יונגער עברית־שירה, וואָס זינדיקט נישט צו פיל מיט לאַנד און לאַנדשאַפט, מיט ייִדישקייט — אין טראַדיציאָנעלן און ישראלדיקן זין.

אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון אמיר גלבוע — איינער פון די באַרימטע פּאָעטן אין אונדזער דור, טרעגער פון ביאַליק־פּריַיז — זענען די לידער ממש אויפגעריכט געוואָרן.

מיט נאַטירלעכער שיינקייט גיסן זיי זיך איבער און פליסן פון איין „כלי" אין דער צווייטער. זאַפּסט אין זיך אַריַין דעם טעם, דעם אַראָמאַט פון „וויַין" — י. צ. שאַרגעלס ייִדיש־העברעיִש געזאַנג.

און שלמה שנהוד? האָט זיך אַ ייִדיש ליד געקענט ווינטשן אַ בעסערן לידמיַיסטער? אונטער זיַינע הענט ווערט פאַרווישט די גרענעץ צווישן ביידע לשונות. אָפט איז זיַין איבערזעצונג אָריגינעל ווי דער מקור און מער נאָך. ס'איז שאַפונג, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ טאַלאַנטפולן העברעיִש־ייִדישן דיכטער, אַ פּאָעט מיט רמ"ח אברים.

דאָס גליַיכן — חיים רבינזון:

חיים רבינזונס איבערזעצונגען לייקענען בפירוש דעם האַלב־שטיפע־רישן האַלב־ערנסטן זאָג, אַז איבערזעצונג איז ווי אַ פרוי: „אָדער שיין און נישט געטריַי, אָדער — געטריַי און נישט שיין". ער איז פאַרטראַכטן

אין „עלי ספים" מיטן רוב איבערזעצונגען, וואָס זענען אי געטרײַ דעם מקור, אי שיין. נו, אַדרבה, לייענט:

אין אָריגינאַל: —

די זון בײַ מײַן שוועל איז צעשטראַלט,
דער טויער אויפגעפּראַלט — צוויי אָרעמס.
כ'נעם דיך אויף מיט ברויט און מיט זאַלץ,
מיט צייכנס פון אַלטס וואָס איז נײַ
און דערוואַרט דיך מיט נײַס, וואָס דו ברענגסט
יעדן טאָג אויף דאָס נײַ.

אין רבינזונס איבערזעצונג: —

והאהבה תביע:
חמה על ספי — נגוהות
והשער הפתוח — שתי זרועות.
בלחם ובמלח אקבלך,
באותו הישן־החדש
ואחכה לך בחדשות שאת לי מביאה
כל יום — מחדש.

און אחרון, אחרון — דב סדן.

מה נאמר און מה נדבר, ס'קען נאָך אַרויסקומען, אַז... כל המוסיף גורע. זײַן אַרײַנפיר אויף העכער צען זײַטלעך פון בוך איז אַ זאַכלעכער, פּיקחותדיקער „אַרײַנפאַר" אינעם לאַנד פונעם דיכטער. פאַר די וואָס האָבן י. צ. שאַרגעלן נישט געלייענט אין ייִדיש איז דער „ברוך־הבא" גאָר וויכטיק און גאָר נייטיק. ער איז אַ שליסל צום טרקלין — י. צ. שאַרגעלס וועלט פון שאַפן.

געזען אויף אַ ווײַל

אויף גוטס איז יעדער אַ מבין — זאָגט זיך אַ ווערטל. לייענענדיק „געזען אויף אַ ווײַל" פון יעקב פרידמאַן („ישראל־בוך", ת"א 1979), זע איך ערשט וויפל אמת ס'ליגט דערין. עס בעט זיך ממש פון אָנהייב אָן צוגעבן: נישט אויף אַ ווײַל, נײַערט אויף אַ מײַל, מײַלן ווײַט און טיף האָט געזען דער מחבר, מלא וגדוש מיט חכמה, פשטות, למדנות, שאַרפזין, לעבנס־נסיון און פילאָסאָפיע. נישט פילאָסאָפישע מעדיטאַציע, נאָר פילאָ־סאָפיע פון די ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר — שוין גאָרנישט אַזוי גאַנציאָרעדיק און אַזוי קליין אין זייער מענטשלעכקייט, אין זייער פשטות.

אָט די אַנאָנימע יחידים, וואָס ווערן תמיד אָנגערופן מיטן קאָלעקטיוון נאָמען: קלאַס, פאָלק, שיכט — זעגען אין דער אמתן די אומבאַקאַנטע זעלנערס פון איין גרויסער אַרמיי... צעקנעפּלסט די „מונדירן", אַנטפּלעקט זיך דער מענטש, אַ וועלט פאַר זיך. אַ ייִדישער מענטש מיט ווײ און פרייד, מיט ליכט און שאָטן. אַלע צוזאַמען — אַ פאָלק מיט גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישע, רעליגיעזע, סאָציאַלע און עטנישע אייגנשאַפטן, אייגנאַרטן.

שווער צו געפינען אַ נאָמען פאַר דעם אַרט שרײַבן. פּראָזע? ברייט־שורהדיקע פּאָעזיע? סקיצע? מיניאַטור? קורצע דערציילונג? בילדלעך פון היגן לעבן?

וואָס איז די נפקא־מינה? זשאַנער איז דאָך אייגנטלעך אַ דערקענ־צייכן, אַ נאָמען, וואָס מיר גיבן דעם קינד נאָכן געבוירן. וויכטיק איז דאָך דאָס „קינד", די שאַפונג. נישט דער נאָמען, די מאַרקע, די צוגעקלעפּ־טע אויפן קנקן איז וויכטיק, אלא — מה שיש בו.

לייענסט די „שטיקלעך" און ס'עפנט זיך פאַר דיר אַן עולם־ומלואו־בילד, אַ גאַנץ געוועב. זעסט באַשײַמפּערלעך, אַז אויך דו ביסט פאַרוועבט. דו ביסט סײַ דער וועבער, סײַ דאָס געוועב, סײַ דאָס ראָד און — די האַנט וואָס באַוועגט דאָס ראָד. ביסט אַליין דער זייגער־מאַכער, דער זייגער און דאָס שפּינדל („אין משוגעים־הויז") וואָס וויל זיך נישט אויפהערן דרייען. דאָס זענען, בכן, שטיקלעך לעבן, פּרקים פון אַ גאַנצער זאַך — אַ דאָיִק־דאָרטיק, דאָרטיק־דאָיִק שטייגער־לעבן.

דאָס זענען מעשׂהלעך פון אַ לעבנס־מעשׂה, געזען ווי אַ לעגענדאַרע ווירקלעכקייט אָדער — ווירקלעכע לעגענדע. וואָלט דער שרײַבער נישט געהאַט פאַר זיך דאָס גאַנצע, פולע בילד, דאָס אינערלעכע, אייביקע לעבן פון דער געשילדערטער רגע, וואָלטן דאָס געווען אָפּגעריסענע בילדלעך, אָפּטישע, אויבנאויפיקע, איבערלויפנדיקע, וואָס בלײַבן ליגן אויפן דנאָ פון דער שׂיחה גלײַך מיטן איבערמישן ס׳בלעטל...

יעקב פרידמאַנס הומאָר, איראָניע איז נישט נאָר פאַרעם, מעטאָד, נײַערט אָרגאַנישער טייל פון תּוכן, טיף טראַגישע, שווידערלעכע שיינקייט. פילאָסאָפיע פון דער טאָג־טעגלעכקייט און די וואָרהאַפטיקייט פון אַ חלום, וואָס איז — אַז מען וויל — די רעאַליע פון ייִדישן נעכטן, פון הײַנט און פון מאָרגן; אַ פול בילד פון אַן אינערלעך און אויסערלעך לעבן, שאַפן און איבערשאַפן, איבערגיסן אַלטע תּוכנס אין נײַע פאָרמען.

י. פרידמאַן איז אפשר דער איינציקער, וואָס האָט געפּרוווט אָט דער רעאַליע געבן קינסטלערישן תּיקון. ער איז דערבײַ זייער מקורותדיק מיטן דערלאַנגען דאָס רעלאַטיוו גאַנצע דורך שטיקלעך. אַ ווערק פון אַזאַ ברייטער יריעה, איין גאַנצע זאַך, וואָלט אפשר געליטן פון טעכנישע אומפּינקטלעכקייטן, פון אומגעבונדנקייט און נאָך בלויזן, וואָס זענען כּמעט אומאויסמײַדלעך אַפילו בײַ גרויסע פּראָזע־מײַסטערס. מערקווערדיק, דאָ ווו יעדע זאַך איז אויסגערונדיקט, פאַרענדיקט און רעדט פאַר זיך אַליין — דערשײַנט די אויסגעבונדנקייט, די גאַנצקייט.

די סיבה דערפון איז, לפי עניות־דעתי, די גאַנצקייט פון מחברס אינערלעכער וועלט, די שטרעבונג צו שלמות פון רעיון, פון לעבנס־אימפּעראַטיוו — טראַץ און אפשר אַ דאַנק דער בפירושער אומהתחייבות צו דערלאַנגען אַ גאַנצע זאַך.

אייגנטלעך שילדערט י. פרידמאַן יחידים, רובֿ־רובם — יוצא־דופני־קעס. אָבער דער רעיון, די הויפּט־מחשבה — אַז איר ווילט, די פּוענטע — איז דער כּלל, דער רבים. וואָס מער יוצא־דופנדיקער עס איז דער יחיד — אַלץ מער באַשטעטיקט עס דעם כּלל — דער אמת פון אַבסורד. דעם גאַנצן ייִדישן רעקוויזיט האָבן מיר דאָ: אַלע ייִדישע פאַכן און פאַכלאָזע פּרנסות: שמש, חזן, בעל־עגלה, קבצנים — איידעלע נשמות, אצילי־רוח, פרומע ייִדן און פּראָסטאַקעס, פאַסטעכער, פּרינצן אין בעטלער־קליידער. זענען קיין אַרענדאַרן נישטאָ, האָבן מיר זייערע קינדער,

אייניקלעך בעלי־קרעטשמעס, קיבוצניקעס, מושבניקעס... הערשעלע אָסט־ראָפּאָלער ווערט מגולגל אין אַן אייניקל — אַ שוסטער־לאַטוטניק, וואָס קען פון אויסנווייניק פּסוקים פון חומש, זײַן ווײַב — אַ מין שרה בת־טובים; אַ דחק־אַרבעטער, וואָס איז אין דער היים געווען אַ משורר. אַ שטובן־מאָלער — אַ כודאָזשניק, וואָס האָט חוץ עכטע מאָלערײַען מיטגעבראַכט אַהער — די שרעק פון דאָרטן, רוסלאַנד, ווו דער קינסטלער לעבט און שאַפט אין פּחד פאַר אַרויסברענגען אַן אייגענעם געדאַנק; אַ כישוף־מאַכערין, וואָס בלעטערט דעם רמב"ם און לערנט פון אים חכמת־הרפואה, צערײַבן בשמים, מאַכן זאַלבן; אַפּיקורסים, אַ חוזר־בתשובה, וואָס אין אַ שמועס מיט אים כאַפּט אַן דעם מחבר אַן „אינער־לעכע, נאַגנדיקע באַדערפעניש נאָך גאָט"; אויך אַ „שטיינערנער" פּראָ־פעסאָר, וואָס האָט זיך געשמדט אויס נקמה אין יידישן גאָט, וועלכער מיינט, „אַז מען מעג טאָן וואָס ער האָט געטאָן מיט אונדז, אַז יידיש בלוט איז הפקר". און טאַקע באַלד נאָך דעם אַ קורץ מעשהלע. „דאָס ווינער ברודער־ און שוועסטער־פּאָרל", דײַטשן, וואָס האָבן „אַ זעליש באַדערפעניש זיך צו דערגרונטעווען אין דער אַלט־העברעישער קולטור און אַזוי אַרום זיך דערשלאָגן „צו די גײַסטיקע קוואַלן פון יידישן פאָלק".

מיט אַ דריט אויג, אַן אינערלעכס, זעט י. פרידמאַן די מענטשן. אַדורך און אַדורך זעט ער זיי בעת ער שטייט מכּלומרשט פון דער ווײַטנס, אָבסערווירט. ער אַליין איז נישט קיין חוזר־בתשובה. ער איז דאָך נישט אַנטלאָפן. אַנטלויפן פון גאָט מיינט בײַ אים אַזוי גוט ווי אַנטלויפן פון זיך אַליין. קאָן דאָס אַ בן־אָדם באַווײַזן?

ער וויל עס אויך נישט. י. פרידמאַן איז אַן אוהב־הבריאות און אוהב הבריאה, אַ בעל־אמונה מיט אַן איובישער כּפירה. אלא מאי? דער ספק געבווירט בײַ אים ס'ברוגזן זיך אויף גאָט... ברוגזט זיך, ווי אַ ייִנגל, וואָס קריגט אַ פּאַטש פון טאַטן און אַנטלויפט צו אַ פעטער אין דאָרף אַרײַן. ער ווייסט אים ווײַזן, דעם טאַטן אין הימל, אַז אויך ער, וואָס איז באַשאַפן אין זײַן געשטאַלט — קאָן אויך אָפּטאָן אַ שפּיצל.

זיצט ער בײַם „פעטער אין דאָרף" — בײַ זיך אין אוהל און פּראַווועט התבודדות, שרײַבט לידער און פאָעמעס מלא־פּליאה פון גאָטס שיינער,

טרויעריקער וועלט. זײַנס אַ פרײַנד, אַ זשורנאַליסט, וווּנדערט זיך: „ווי טרעפט איר עס אומעטום אײַערע מענטשן?"

ענטפערט ער נישט, דער מחבר, נאָר נעמט יענעם מיט אויף אַ שפּאַציר. תּוך כּדי דיבור גייען זיי פאַרבײַ אַ פּרדס און באַגעגענען נישט ווײַט פון דאָרט אַ „בינען־מלך". אין דער היים, אַ שטעטעלע אויף די קרעסן, איז ער געווען אַ דרדקי־מלמד און דאָ ציט ער פּרנסה פון בינענשטאָק, הייסן הייסט ער בונים און מען רופט אים דער בינען־מלך. נאָך דעם טרעפט ער אַ וואַלד־רב, אַ בעל־המופתטע פאַר וועמען דער מחבר קלאָגט זיך גוטמוטיק:

— עס פעלט מיר יראת־שמים, באַבעשי.

און זי ענטפערט:

— צי ווייסטו נישט, מײַן זון, אַז הכּל בידי שמים חוץ מיראת־שמים...

י. פרידמאַן האָט נישט געדאַרפט זוכן זײַנע מענטשן. ער איז מיט זיי. זיי זענען מיט אים, אין אים. יעדער פון זײַנע סתם־ייִדן האָט עפּעס פון אַ צדיק, פון אַ למד־וואָווניק, פון אַ בן־מלך, אַ הייליקן. מיטן פאַרגעטלעכן דעם מענטש — פאַרמענטשלעכט ער דעם גאָט. דער „עפּעס" אין יעדן ייִד־מענטש איז די אויסשטראַלונג, ס'געטלעכע ליכט. אַז איר ווילט — ווערדליך דער נײַער פּאַראַפּסיכאָלאָגיע־תּורה־טעאָריע — איז עס אַ מין אַנטי־חומר, אַ קעגנזײַטיק אַרויסרופן, איבעררופן זיך, וואָס דער דיכטער רופט עס „העכערע קאָסמישע ספערן"... „פון יענער זײַט ערד, פון יענער זײַט גוף". דער מענטש, זאָגט ערגעץ י. פרידמאַן, איז געגליכן צו אַ פידל. מען דאַרף נאָר אַ ריר טאָן בײַ אַ סטרונע און אַרויסרופן דעם ניגון.

*

יעקב פרידמאַן האָט געזען די וועלט, דאָס לעבן, די לעבנס־דער־שײַנונגען, די קאָנפליקטן מיט זיך און מיטן אַרום מבחינת אַ מיקלט פאַר קרומקייטן, מיספאַרשטייענישן, רעטענישן און ווידעראַנאַנדן — אין דער נאַטור און אין מענטש. זײַן איראָניע, דער גראָטעסקער שמייכל, דער הומאָר און רחמים — מאַכן זײַן ערנסטן טרויער „פריילעך". די טעכניק פון הומאָר וואַקסט בײַ אים אַרויס פון דער קעגנזעצלעכקייט

פונעם דערשיטערנדיקן כאַראַקטער אין געשילדערטן אמת און דער תּמימותדיקער מינע און צניעותדיקן אופן פון דערציילן.

אויפן בלאַנדזשענדיקן וועג פון שאלות אָן תּשובות, אייביק זוכן, האָפן, גלייבן — האָט ער „זיינע ייִדן" נישט געלאָזט אַריינפאַלן אין יִאוש און דערמיט פאַרלייכטערט זייער גורל. פרידמאַן האָט אָבסערווירט, געזען דאָס לעבן דורך דער פּריזמע פון אַ פאַבל, אַ משל. דאָס לעבן איז ביי אים געגליכן צו אַ משל. ער נעמט דעריבער אָן פאַר גוט אויך די חסרונות פון בן־אָדם און די שוואַכקייטן פון גאָט ברוך־הוא. דער נימשל איז דאָס געאַנטע, דאָס אַנטי־חומרדיקע לעבן. ער איז דערפאַר מזכה דעם ייִד־מענטש מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און אידעלער ליבשאַפט. זיין באַזונדערקייט באַשטייט אין דער יכולת צו זען דאָס יום־טובדיקע אין וואַכעדיקן, דאָס למעלה־מן־הטבעדיקע אין גאַנג פון אַל דאָס טאָג־טעגלעכע.

ער האָט געזען די אייביקייט אין יעדער אָפּלויפנדיקער רגע. דעם טויט פון מענטש — ווי אַ המשך פון לעבן. אים איז שווער געווען צו באַנעמען:

„לעבט עס אָפּ אַ מענטש זיינע בידנע פאָר יאָר און געענדיקט,

און אַ סוף און אַן עק? און גאָט? און בחירה? און השארות־הנפש?"

י. פרידמאַן זינגט אויס מיט געליַיטערטער עקזאַלטאַציע הייליקן רחמנות צו גאָטס אומבאַהאָלפנקייט: ווײַנט צוזאַמען מיט אים אויף „דעם אַלעמכטיקנס און בן־אָדמס אָנמעכטיקייט". וועלטאומעט ווערט איבערגעשמאָלצן אין אַקטיוון לעבן, אין אַהבה, אין קבלת־הדין, כּדי צום סוף באַטאָנען דווקא דאָס אויסגעשוויגענע וואָרט, ווייל „וואָרט איז דעם באַשעפערס ערשטע טאַט... וואָרט איז דאָך דער אורפּאָטער פון אַל־עקסיסטענץ" און דאָס גרויסע וואָרט איז דאָך פאַראַן אויך אין שווייגן: „וועלדער שווייגן, גערטנער שווייַגן. נאָר זייער שווייַגן זאָגט דאָך מער פון אַלע מענטשלעכע פּלאַפּלערייען. אפשר איז טאַקע געקומען די צייט, אַז דער מענטש זאָל תּשובה טאָן און נעמען לערנען פון דער פלאַנצנוועלט צו וואַקסן און שווייַגן ביז עס וועט צייטיק ווערן דאָס אמתע, גרויסע וואָרט"?

„די טויטע פינגער פון גרויסן מייַסטער" האָבן אָפּגעשיידט דעם בידנעם חומר, דעם גוף פון דיכטערס גרויסער נשמה, פון דער פאַנטאַסטי־

שער אידעען־וועלט און זי, די נשמה, אומגעקערט צו זיך, אין היכל פון די גרויסע, אויף אייביק פאַרשוויגענע גײַסטערס.

*

נאָכן איבערלייענען דאָס בוך און כאַפּן אַ לעצטן קוק אויפן בילד פון מחבר, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ השערה פון דער פּאַראַפּסיכאָלאָגיע־טעאָריע: מיטן אַוועקגיין פון מענטשן פון דער וועלט — לאָזט דער טויט פאַלן זײַן פאַרנעפּלטן ליכט אויפן בילד...

און כ'האָב באַשײַמפּערלעך געזען אינעם קלוגן, אַריסטאָקראַטישן שמייכעלע אויפן פּאָעט־פּנים דאָס אויפלעבן פון דער געטלעכער איראָניע. אפשר האָט אויך גאָט ליב די איראָניע, דעם אַבסורד, די האַרמאָניע פון אַלע דיסהאַרמאָניעס אין זײַן בריאה?

די דיכטונג פון הירש אָשעראָוויטש

לירישע דיכטונג? אינטעלעקטועלע פּאָעזיע? צו וואָס קלאַסיפי־צירן? דער עיקר איז דאָך דער מהות, די פּראָפּאָרציע, די מאָס, דער כּוח און די גרייס פונעם פּאָעט — דעם אויסטראָגער און געבערער פון די לידער; און הירש אָשעראָוויטש פאַרמאָגט השתפכות־הנפש, טשיקאַווע דיכטערישן איינפאַל, מחשבה, שאַרפזין, אויפבליץ. זיין ליד איז לכאורה לייכט, אָפט שפּילעוודיק, אָבער תּמיד געלאָדן מיט אַלע עלעמענטן, וואָס זענען וויכטיק פאַר עכטער פּאָעזיע, פּלוס פילפאַרביקייט און עטיש־עסטעטישע ווערטיקייט.

צו מאָל קומט דער „וואָס", די פּוענטע, די זאָגעוודיקייט אויפן חשבון פון זינגעוודיקייט. אָבער אויך די קראַפט פון זאָגן קאָן זיין געזאַנג! און דער דיכטער ווייסט עס וואויל. דער דין שפּירעוודיקער, אַלצווייסיקער, אין זיך און אַרום זיך טיף איינגעהערטער הירש אָשעראָ־וויטש האָט נישט קיין רצון צו זיין תּמיד אַ באַנייער פונעם „וויאַזוי" — אַ זוכער פון ספּעציעל געקליגלטע ווערטער און וואָרט־קאָמבינאַציעס. און אפשר האָט ער גאָר קיין צייט נישט פאַר דעם, מחמת איין ליד יאָגט ביי אים דאָס אַנדערע, איין בוך קומט נאָכן צווייטן. סע שפּרודלט פון אָשעראָוויטשן פּאָעטישע שפע, ער איז באַהערשט פון שעפערישן אומרו, און דער אַ אינערלעכער אימפּעט זיינער האַלט ביי אים אָן תּמיד, טרייבט אים פאָרויס און אויך צוריק — צוריק צום ספר־הספרים, צום תּנ"ך — די פּאָעמעס: „דער טורעם פון בבל", „מולך", „אַברהמס קרבן", „נאָך דער עקדה", „יפתח", „שמשון", „דער דור־המידבר", „סדום", „אָדם", „קין", „יעקבס חלום", „פּרעהס חלום" און אַנדערע. ביי אָשעראָוויטשן פילט זיך בכלל אַ שטאַרקע נטיה צו היסטאָרישע טעמעס, געשיכטלעכע פּאַראַלעלן, מעדיטאַציע און פילאָסאָפירונג. יסודותדיק וויסן מיט פּאָעטישן שוווּנג טרייבן אים צום גריכישן הערמאָסטראַטאָס, צו דיאָגענעסן (אין בוך „בלויע בומעראַנגען"). ער איז דערפאַר אייגנאַרטיק סיי אין באַנעם, סיי אין אויסדרוק. אָשעראָוויטש איז ווייט פון סקאַרבאָווען נוסח. זיינע

זאַגענישן, דיאַלאָגן, רעפּליקעס זענען פּאָעטיש־פּסיכאָלאָגיש געבויט, נייַער תּוכן אין אַלטע חומש־מעשׂהלעך, שפּילעוודיק־שפּירעוודיקער זאַצבוי.

מעגלעך, אַז אַשעראָוויטשעס נטיה צו היסטאָרישע טעמעס, צו די אַנטיקע מיטאָסן נעמט זיך פון זוכן אַחיזה, זוכן באַשייד, און אפשר טאַקע אויך פון אַרייַנבערענגען ליכט אין דער פאַרשאָטנטער איצטיקייט אויף דער וועלט בכלל און אין יענעם לאַנד, פון וואַנעט ער איז עולה געווען, בפרט, דאָס הייסט: אין לאַנד „ווו בלום ווערט פאַרוואַנדלט אין שטיין", אין לאַנד ווו דער דיכטער האָט איבערגעלאָזט זייַנע בעסטע, קרעפטיקע יונגע יאָרן — דאָס לאַנד פון תּפיסות און לאַגערן. אַשעראָוויטש האָט דאָרט אַ סך איבערגעלעבט און, מע קאָן אַפילו זיך אויסדריקן: איבערגעשטאָרבן... איז גוט וואָס דער גאָט פון שירה איז אים תּמיד געשטאַנען צוקאָפּנס.

ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן: פאַראַן שרייַבערס, קינסטלערס, וואָס אַלע זייערע שאַפונגען זענען פאַרשיידענע וואַריאַציעס אויף איין טעמע. אַזוינס איז דורכויס פולשטענדיק באַרעכטיקט. אָבער די טעמע דאַרף נישט זייַן קיין פאַרענגט־לאָקאַלע. אַשעראָוויטשעס טעמעס זענען אוניווערסאַלע, דעריבער זענען זייַנע וואַרייִרונגען נישט קיין איבערחזרונגען, אלא אויפקווועל און אויפהעל פון אייביקע אמתן. און פון דאַנעט אויך דאָס ספּעציפיש־דיכטערישע, וואָס אין זייַן שאַפונג.

כּמעט אין אַלע אַשעראָוויטשעס לידער און פּאָעמעס שפּירט זיך אַ סינטעז פון לומדישער חריפות און פאָלקישער פּשטות, פון אמונה און כּפירה — אַ קנויל פון סתּירות און האַרמאָניע, ווידעראַנאַנדיקע שטימונגען און פאַרלאַנגען, ניסתּר און ניגלה, וואָס עס איז, אַגב, כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער דיכטער־פּערזענלעכקייט. אויך בייַסיקע איראָניע פעלט נישט בייַ אַשעראָוויטשן. צי איז דען נישט דאָס שמייַסיקע די צווייטע זייַט פון דער מטבע ליבשאַפט? ליבשאַפט קאָן פירן צו ברוגז, צו אַנטוישונג, צו אַ פּעסימיזם וואָס קומט ווי אַ פּועל־יוצא פון צו גרויסן אָפּטימיזם.

שווער צו ציטירן פון גראָב־בענדיקע לידערביכער, וואָס עטלעכע פון זיי האַלטן צו העכער דרייַ הונדערט פולע זייַטן, גרויסן פאָרמאַט. ווילט זיך כאָטש בריינגען זעקס שורהלעך פון דער גרעסערער פּאָעמע „סדום":

אַזוי צו זאָגן

זײַ אַכזריותדיק, פֿאַראַכט,
ווי דער טויטער ים בײַ נאַכט!
גוטסקייט איז אַ בייזער שפּאַס.
זײַ אַ פֿיש אין טײַך פֿון האַס...
דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

(„געזאַנג אין לאַבירינט", ז' 158)

בײַ הירש אָשעראָוויטשן מערקט זיך אַ שטאַרקער דראַנג צו דער־גרונטעווען זיך צום סוד און דער טיף פֿון דעם מענטשנס נשמה־צעריסנ־קייט, און דאָס געלינגט אים אַ דאַנק דער מאַנאַליטישקייט פֿון דער אידעע וואָס ער ברענגט אַרויס און אַ דאַנק זײַן בענקשאַפֿט צום אומ־געפֿעלשטן אמת.

מיר זײַנען אַנוסים
מיט מענטשלעכן אויסזען, אָן מענטשלעכן אַנזען.
מיר לעבן אַ לעבן אַ פֿרעמדס און פֿאַרביטנס.
ס'איז שווער דאָס באַזיגט זײַן פֿון עמעצנס שטאַרקייט,
נאָך שווערער — ס'באַזיגט זײַן פֿון אייגענער שוואַכקייט,
מיר זײַנען מאַראַנען —
פֿאַראַכטע מאַראַנען!

(„אין דער וועלט פֿון עקדות", ז' 24)

נישט דער ריטעם, קלאַנג, נישט די מוזיק, נישט די עלאַסטישקייט פֿון וואָרט און וואָרט־קאָמבינאַציעס, נײַערט די אידעע, די מחשבה פֿון אַפֿילו נאָך איידער־וואָרט, דער אײַנפֿאַל, מעטאַפֿאָר און דער אופֿן פֿון אַרויסברענגען וואָס קלאָרער, טיפֿער, אמתדיקער דעם דינאַמישן „ווית־רוצו", אין האַרץ, אין מוח פֿון פּאָעט — אָט וואָס ס'איז דעם דיכטער וויכטיק.

פֿון דאַנען: די אָפּטקייט פֿון לאַקאָניש־איראָנישן ניואַנס, פֿון דיגרע־סיע, פֿון דער נאָענטקייט צו דער עפּיגראַם־פֿאָרעם. אויך דער ווײַסער פֿערז איז נישט זעלטן אין אָשעראָוויטשעס ליד און פּאָעמע. די דאָזיקע פֿאָרעם דערמעגלעכט דאָך דערציילערישקייט, לאַנגן פּאָעטישן אָטעם, מאַנעוורירן־מעגלעכקייט צו סטיליזירן די רעיונות און דערבײַ נישט פֿאַר־

לירן די מוזיקאַלישקייט, דעם ריטעם פון דער ברייטער, אָפט: וואָלט וויטמאַנישער שורה. אָט די אָ פרייַע, ברייטע, לאַנגאָטעמדיקע שורות גיבן צו כאַראַקטער, געמיט, האַרציקע שׂכלדיקייט.

אין דער פּאָעמע „קריסטאָפער קאָלומבוס" („געזאַנג אין לאַבירינט", ז' 167), דערהייבט זיך דער דיכטער צו דער האַרמאָניע פון געדאַנקלעכקייט מיט כּלליש־אַבסטראַקטער אינדיווידועלער עמאָציאָנעלקייט. דאָס איז פּאָע־טישער פּאַטאָס פון אַ בראשיתדיקן, פייַערדיקן גאַנג. עס בליצט ממש מיט דיכטער־מחשבה, און דערבײַ — געמאָסטענער, שטרענגער אָנגראָ־מיקער פערז, אין וועלכן עס הילכן אָקאָרדן פון וועלטפרייד און וועלט־צער — מענטשלעך און ייִדיש.

ניט זאָג: „דער ייִד דער איביקער".
כ'בין מער פון דעם —
איך בין דער ייִד וואָס רק באַניַיט זיך.
(דאָרט, ז' 166)

אין אַן אינטערוויו מיטן באַקאַנטן אַמעריקאַנער שרײַבער דזשאָן סטיינבאַק, בשעתן בעטן ביי אים פּרטים וועגן זײַן פּער׳זענלעכן לעבן, זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז ער האַלט ניט פון אוריסמישן ס'פּריי־וואַטע לעבן פונעם שרײַבער מיט זײַן שאַפן. פּאַרקערט, מיינט ער, כּדי צו שרײַבן בעסער, נייטיקט זיך דער שרײַבער אין אַ ביסל אַנאָנימקייט. ס'געבוירן־אָרט, דער באָדן פון קינסטלער'ס פיזישן און גײַסטיקן וואַקסן, זײַן שעפּן מים־חיים פאַר דער שאַפונג זײַנער געהערן — ווי ער מיינט — צו אַן אָפּגעשלאָסענעם תּחום. בײַם ייִדישן שעפערישן מענטש איז, דאַכט מיר, פונקט פאַרקערט. ווי קאָן אַ ייִדישער שרײַבער אַזאַ זאָך זיך פאַרגינען? דער מקור פאַר זײַן שאַפן, דער ברונעם פון וועלכן ער שעפּט זײַנע איבערלעבונגען זענען זײַן לעבן, די גילגולים פון זײַן לאַנגן, שווערן ליידנוועג — די קלענערע און גרעסערע סטאַנציעס אין זײַן נע־ונדיאַדע, באַזונדערש אין די לעצטע פערציק, פופציק יאָר. אַ כּלל: דווקא די אַנאָמאַליע, דער ווילדשטייגער — די לאַגערן, קאַטאַרגעס, קאַצעטן, תּפיסות, גײַסטיקע און פיזישע עינויים, ניט די „שטעקשיך" אין אַרבעט־צימער פון אַ שרײַבער, ווי סטיינבאַק מיינט. די „שטעקשיך" פון אַ ייִדישן שרײַבער פון די לעצטע צוויי דורות זענען אָפּאָנע־גומי

פאַרדראָטעוועט אַרום די פּיס, פּיס — אָפּט באָרוועסע אויף פּראָסטיקן שניי אָדער גהינומדיקן זאַמד. זײַן אַרבעטשטוב — אַ באַראַק, עלעקטרי־זירטע דראָטן. איבערן קאָפּ — אַ געפּרווירענע זון. דער גוף — אין שמאַטעס. די נשמה — אין דער האַנט... צער, צאָרן, פאַרשטשעמעטע צײַן!

וואָס איז עכטע קונסט, אויב נישט איבערשאַפן, באַלעבן דאָס איבערגעלעבטע? בײַ דער אַ געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען אַ זאָג פון געטהע (ציטירט פון זכרון): נישטאָ אין זײַן יצירה קיין איין פּונקט, קיין איין פּרט, וואָס ער זאָל נישט האָבן איבערגעלעבט. נישטאָ אָבער קיין איין פּרט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן גענוי אַזוי, ווי ער האָט אים איבערגעלעבט.

אין דעם זינען איז הירש אָשעראָוויטשעס ליד — עכטע קונסט. אים געלינגט אַריבערשפּאַנען דעם תהום (אָדער, אויב איר ווילט, דעם באַרג) ליידן פון אייגענער איבערלעבונג, שלעכטס, רישעות, פּערזענלע־כער טראַוומע, און טראַוומע פון זײַן דור, און איבערשאַפן דאָס פאַקטישע, דאָס געשעענע; איבערשמעלצן עס אין אמתער קונסט. אין אַ ליד, „בין אָדם למקום" („בלויע בומעראַנגען", ז' 68), זאָגט אָשעראָוויטש:

גייט דער נביא אום פאַרביטערט,
קאַטעוועט מיט מוסר־ריטער.

און דער דיכטער וואָס טוט? דער דיכטער זינגט:

מעג זײַן, דער חלום איז
אַן איבערקרימונג פון דער וואָר,
מעג זײַן, ער איז
אַ נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן,
דאָך ס'ווירט עפּעס נבואהדיקס
אין זײַן פאַרגלייזטן אומקלאָר־קלאָר —
(דאָרט, ז' 69)

פילאָסאָפישע מעדיטאַציע, עפּיגראַם־פאָרעם, מחשבות־געראַנגל האַל־טן נישט אָפּ דעם לירישן שטראָם פון אָשעראָוויטשעס זאַצבוי, וואָס איז אַזוי אומבאַדינגלעך פאַר עכטער פּאָעטישער שאַפונג. פּאָעטישער אויפטו איז אויך דאָס קענען מאַכן אַ ליד פון יעדן אײַנפאַל, פון יעדן מחשבה־

אויפֿהעל: דיסקאַנטירן רגעדיקע פּאָעטישע איבערלעבונג אויף פּיר־זעקס־ און אַכט־שורהדיקע לידער. צו דעם סאָרט לאַפּידאַרע לידער געהערן אין בוך „ביים עץ־הדעת" די לידער „קונסט", „געדאַנקען־פֿריינד", „אָפּטימיזם", „ענדערונגען", „לעבן", „קלאָרקייט" און אַ סך אַנדערע. אַ כּלל, דעם דיכטער געלינגט אַרײַנצובלאָזן לעבן אויך אין זײַנע קורצאָטעמדיקע לידער און אײַנקויפּן זיי קיום אין דער אייביק לעבעדיקער וועלט פֿון שירה.

אַוודאי און אַוודאי האָט אַשעראָוויטש פֿאַרדינט אַ סך אַ ברייטערע און גרינטלעכערע אָפּהאַנדלונג איבער זײַנע ווערק. עס וואָלט אָבער זײַן אַ צו לאַנגע רשימה זיי אויסצורעכענען. אין אַ פּעריאָדשריפֿט פֿעלט שטח פֿאַר אַזאַ ברייטער אויסשעפּיקער אַרבעט. מע מוז אָבער אָפּמערקן, אַז חוץ אַשעראָוויטשעס אין ווילנע און מאָסקווע אַרויסגעגעבענע לידער־ביכער אין ייִדיש און אין רוסישער און ליטווישער איבערזעצונג, זענען נאָך זײַן עולה זײַן, דאָ, אין לאַנד־ישראל, שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן נײַע אַכט ביכער פֿון זײַנע לידער און פּאָעמעס, ועוד ידו נטויה.

אויף כמעט אַלע לידער און פּאָעמעס פֿון הירש אַשעראָוויטש ליגט דער חותם (און עס מערקט זיך אין זיי דאָס חשיבות) פֿון אַ פּאָעט — אַ פּערזענלעכקייט. אַל דאָס אינעווייניקסטע און אויך דאָס אויסערלעכע — ווי מאָס, וואָג, סטיל, ליניע, קלאַנג און גאַנג — איז אין הסכּם מיטן אייגנדיקן כאַראַקטער פֿונעם פּאָעט.

אַלע לידער פֿונעם הײַנט, פֿונעם נעכטן, ווי אויך פֿון די ווײַטסטע נעכטנס, מאָרגנס און איבערמאָרגנס „רעדן" בײַ אים מיט אַ ספּעציפֿיש אַשעראָוויטשיש לשון, זענען אַ מין „מן המיצר קראתי" און ברענגען אַרויס בולט די שעפֿערישע אויסנעמיקייט פֿונעם דיכטער. דאָס זענען האַרציקע, קלוגע, ראַפֿינירטע לידער.

פֿון אַשעראָוויטשעס לידערביכער גייט אויף אַ פּאָעטיש אחדות און מיר זעען אַ כּלל־בילד פֿון אַ מאַן אַ בעל־שׂכל מיט יסודותדיקן וויסן, מיט אַ רײַכן קולטור־באַגאַזש און אינטעלעקטועלער ראַפֿינירטקייט. אַשעראָוויטשעס סענסועלע נשמה איז אַ מיט דיכטונג באַלאַדענע וואָגשאָל, און מײַסטעריש יכולתדיק איז דאָס צינגל, וואָס באַלאַנסירט דעם טאָן און תּוכן סײַ פֿונעם שיר־השירימדיקן, סײַ פֿונעם קוהלתדיקן, וואָס אין זײַנע לידער און פּאָעמעס.

בינם העלער

דאָס נײַע בוך לידער איז דאָס איין און צוואַנציקסטע בוך פון בינם העלער. אין פלוג — די זעלבע טעמאַטיק, אָפּט אויך — מעדיום: אַפילו די פאָרעם — פיר־און צוויי־שורהדיקע סטראָפעס (קליינע אויסנאַמען פון דרײַ־און מער־שורהדיקע סטראָפעס), אויך פרײַער פערז און דאָך — אַזוי אַנדערשדיק, נײַ אין דער מאָטיוואַציע, אין דער זעונג, שפּירונג, אין אַרויסשלאַג פון נײַע אַקאָרדן און טענער.

העלערס חידוש באַשטייט אין אויפנעמען, אַרויסברענגען ס׳פּנים פון זאַכן, געבן זיי נײַע דימענסיעס: אין תּופס זײַן די וועלט פון חושים, אַנונגען און וועלונגען, אויפכאַפּן די מעטאַמאָרפאָזע פון די אַזוי גערופענע אייביקע זאַכן, געשעענישן און געבן זיי קאָנקרעטן כאַראַקטער און — פאַרקערט: דערלאַנגען רגעדיקע דערשײַנונג פון אייביקן דויער.

אַוודאי איז גרינגער צו זײַן אוניווערסאַל. שווימען מיטן שטראָם פון אַבסטראַקציע; פאַלק, לאַנד, וועלטוויי, אַלטע טעמעס, וואָס זענען יאָ און נישט מחייב און לאָזן זיך מכלומרשט באַנײַען מיט דער הילף פון רוטין און איבערגעניצעוועטע ווערטער — ווי אָפּגעריבענע מטבעות און געדאַנקען.

אָבער נישט אַזאַ פּרוכטיקער דיכטער ווי העלער — אַ צווײַג פון אַן אָפּגעזונקטן בוים: דער בוים פון פוילישן ייִדנטום. אַ דיכטער מיט אַ חלום, וואָס „בלאָנדזשעט אין בלוט״:

איך קום, איך קום אָן, איך בין דאָ.\
איך נעם פון אומקום מײַן חלק — —\
דער חלום ווערט אויס, איז נישטאָ. —\
אויך דער נישטאָ איז שוין הייליק.

(„זיי וועלן אויפשטיין״, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת״א 1984, ז׳ 7)

די „שולד" פון לעבן בלײַבן נאָכן אונטערהאַקן דעם שטאַמבוים — האָט, ווי מיר זעען, דערנענטערט דעם דיכטער צום טראַדיציאָנעלן, נאַציאָנאַלן אידעאַל פון זיך־בויענדיקן לאַנד, כאָטש נישט פרײַ פון עוולה און אומרעכט. דערפאַר אָבער — אַ מקור פון וואַקסנדיקן געפיל פון פרעטענסיע.

דער כּוח פון העלערס ליד איז אין וואָרט: אין דער אָנגעגליטער לופט צווישן וואָרט און וואָרט, שורה, סטראָפע. אינעם הייסן אָטעם, וואָס געבערט קינסטלעריש לעבן. ס׳וואָרט — אַן אָפּגענאָפּלטס פון דיכטערס אינגעווייד. מיט אַ ביטערלעך־זיסער מי שנירלט ער די געשליפענע ווער־טער־פערל ביזן דינסטן ניואַנס, ביזן ריינסטן קאָליר, פאָליר און אומ־געפעלשטער שײַן.

אַ ווייטיק שפּאַרט פון דער געהעמטקייט און געפרעסטקייט, ווי פון אַן אָפענער, רויער וווּנד.

אַ סך שטורעמס זעען איבערן דיכטער אַריבער. יסורים און אסורים. אויפגעשוימט און אויפגעברויזט זײַנע בלוטן — געלײַטערט אין פײַער פון גלויבן, געקילט אין די וואַסערן פון אילוזיע.

ווי קאָכעדיקער בוימל אין געפעסן זידט אין אים דאָס וואָרט פון אמת. דער נאַקעטער אמת אָפּגעשיילט פון אַלע איבעריקייטן. גאַנץ איז דער דיכטער אין זײַן צעריסנקייט. אַ שאַרף־אײַנגעהאַרטער אין זיך, אין ליטעראַטור־שטראָמען, ריכטונגען, מאָדעס, מאָדערניזמען און השפּ־עות — גייט ער אײַנגעראַליניק אַ פאַרשלאָסענער און אַנטשלאָסענער זײַן וועג פון אים אַליין אויסגעטראָטן. און מיר גייען מיט מיטן דיכטער מיט זײַן באַשײַנטן טרויער און טרויעריקער פרייד און מיט, ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס: „דער ווייטיק ווערט מײַן פאַרגעניגן".

איז דאָס דער שווערסטער און לענגסטער וועג פון גיין — צו זיך אַליין.

ערשט פון זיך — צו אַנדערע:

טאָ לאָמיר גיין, חברים, דאָס איז אונדז געבליבן.\
צו זיך אַליין מיר מוזן זײַן געדולדיק.\
אַ סך, אַ סך מיר האָבן שוין פאַרשריבן,\
נאָר מער נאָך איז די וועלט געבליבן שולדיק.

(דאָרט, ז׳ 24)

פון דאַנען דער סוד, אפשר דער קאָד פון די אייביקע ווערטער,
וואָס עפענען אויף אויך די שטומקייט פון שטיינער,
איך פיל שוין דעם ציטער פון ערב אַנטדעקן.
(דאָרט, ז׳ 81)

פון דאַנען דער סוד פון זייַנע שורות און לידער, איַינגעהאַלטן, געדעמפט און אייַנצייַטיק אָפן און קלאָר און וואָס אַ מאָל אַלץ מערער — העלער...

און ער העלט אַלץ טיפער און וויַיטער מיט זייַן טרויעריק־צעשטראַל־טער, געצאַמטער גאַליקייט: מיט זייַן געלאַשענעם רעוואָלט, מיט דער לעסטערונג, מיט זייַן סובלימירטער האָפענונג.

עס זינגט פון אים, אין אים די האַרמאָניע פון סתירות, די בונ־טאַרישקייט צעשמאָלצן אויף שטילן ליריזם מיט אַ ריטעם פון רעזיגנאַציע, זייַן „שאַרפער גיפט" מאַכט די לידער טרויעריקלעך־ביטער, שנייַדט זיך אַרייַן אין האַרץ פון מענטש־דיכטער — קראַנק פון ליבשאַפט צום לעבן.

די קראַפט פון העלערס לידער אויך אין די שטאַרקע אַקאָרדן — און זיי זענען פאַראַנען אין זיינע ביכער — איז נישט אין זייער הויכ־טאָניקייט, וואָס איז כמעט בייַ אים נישט בנימצא, נייַערט — אין שטומען אויסגעשריי, ווי פון אונטער פאַרשטשעמטע ציין.

שוין אָפגערעדט פון די מינאָרע טענער, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פאַר העלערס שאַפן: פאַר זייַן געזאַנג, וואָס לייגט זיך אויפן געמיט, וואָס וועקט אַ ווייטיקלעכע שיינקייט און בענקשאַפט:

נאָר און אָן אויפהער נאַיעט אין געמיט
און טרויער־סטרונעס ברומען אין מייַן ליד.
(דאָרט, ז׳ 23)

און וואָס דינער דער ניגון, דאָס וואָרט, דאָס נאַקעטע — אַלץ פולער, אויסגעברייטערטער, טיפער די משמעות מעבר די ווערטער און ניגון.

מען טרעפט בייַ העלערן אויך אַזוי גערופענע דאַיִקע לידער. זיי פילן אויס צענדליקער זייַטן פון זייַנע ביכער. צו פיל זיי דאָ אויסצורעכענען. גענוג בלויז דערמאָנען אייניקע; „אַ בלויער הימל", „די לערע פון פייגל", „די מדבר־בלום", „די געלע בלומען", „אַ קאַרליקל אַ בוים",

„דער פּרילינגווינט". ללמדנו: ליבשאַפט צו נאַטור, צו בעלי־חי ווייסט נישט פון צײַט און אָרט, פון דאָרט און דאָ. חוש פאַר שיינקייט, פּאָעט־התפעלות צו לאַנד און לאַנדשאַפט — איז נישט דער מאָנאָפּאָל בלויז פאַר הי־געבוירענע מענטשן, קינסטלערס.

בײַ בינם העלער איז אָט די ליבשאַפט אינטעגראַל צו זײַן אומעט, ווייטיק און פרייד און קומט אין אַלע פאַלן אַזוי סובטיל צום אויסדרוק. אדרבא: די־אָ נאַטורלידער ברענגען אים דערלײַכטערונג, אויפלייזונג: אויך — אויסלייזונג, רגעדיקע, פון דער נויענ׳יש „אין געמיט". זענען נישט אָט די איבערלעבונגען אַ בריק פון דאָרטן דאָ־אַהער און — פאַרקערט? אַ בריק, וואָס פאַרבינדט צוויי וועלטן: דעם דיכטערס וועלט פון אומקום און אויפקום, פון בלוט און אַש און — בלוי און בלי.

אויף „זײַן שמאָלן געסל" בײַ בלום און בוים, בײַם פויגל קעגן זײַן פענצטער, אונטער בלויען הימל, זון איבער היגער ערד — כאַפּט דער דיכטער אָפּ דעם אָטעם. זײַנע לונגען זאַפּן אײַן פרישע לופט. די געשפּאַנטקייט לאָזט נאָך אַ ביסל. דאָ שעפּט דער דיכטער נײַע, יונגע כּוחות. זאָל אויך פאַרגינט זײַן „דאָרטיקן" ייִדישן פּאָעט, וואָס לעבט מיט „געדענקעניש פון אַ וועלט פון דומם" — אַ ביסעלע נחת־רוח.

נחת־רוח — קומט מען אויך צו אַ ליבעליד: אַ יונגפרוי אין איר פאַרבײַגײי אָדער פאַרבײַשוועב פאַרן דיכטערס אויג. ווי דער שטייגער פון אַ דיכטער, וואָס זאָגט ערגעץ אין אַ ליד:

אין מיר דער שטראָמענדיקער זאַפט,
וואָס ענטפערט גערן אויף איר צוציקראַפט
(דאָרט, ז׳ 102)

פּיקן זיך אויס בײַ אים צוועלף זינגערישע שורהלעך. אַ נאָענט־ווײַטע, וווּנדערלעכע, עראָטישע דורכזיכטיקייט מיט אַן אָנשאָטן פון רע־זיגנאַציע, מידקייט און אַ טאָן פון נאָך אַלעמען. — עלעגישער טאָן פון אַ פּאָעט־ליריקער אין ווערמען „אַ שנעלער דראָבנער טראָט" וועקט אויף נײַע ריטמען: און ס׳ציִען די ריטמען פון אירע דראָבנע טריטלעך צום „סוד" און „זי מײַדט מיך אויס, אַ שאָד".

זי אײַלט זיך. זי יאָגט צו יענעם, וואָס וואַרט אויף איר. נישט וויכטיק

ווער דער מיסטעריעזער „יענער": אַז נישט אים מיינט זי, אַז נישט צו אים איילט זי, די יונגפרוי — דאָס איז זיכער.

נו, איז אַוודאי אַ שאָד. נאָר ביי אַ פּאָעט איז אויך אַ שאָדן אַ מקור פון מאָמענטאַלער אָדער — מאָנומענטאַלער פרייד. דער בליק פון זיין פילבאָרן אויג, דער אויפוואַך פון אידעלן אויער, דער זאָט אין דער יונגער נשמה פון דיכטער — איז נישט לאיבוד געגאַנגען.

ר'האָט זיך אויסגעשלאָגן דעם שאָדן מיטן צוועלף־שורהדיקן ליד „אין פּראָפיל" (ז' 95) און דער ריח, דער יונגפרוייִשער, די עסטעטישע הנאה, דער ליכטיקער טרויער און די טרייסט — איז געבליבן. וועט בלייבן. —

✶

זאָכן, קעגנשטאַנדן האָבן נישט קיין אויסזען. זיי זעען אויס אַזוי, ווי דער דיכטער זעט זיי און געשטאַלטיקט. די גרויסקייט פון קינסטלער באַשטייט, בכן, אין אויפהייבן דאָס קליינע פּיערל פון אַן אַנגעצונדן שוועבעלע צום ליכט פון אַ שטערן: ס'ליכט פון אַ שטערן — אַראָפּני־דערן צו דער ממשות פון ערדישן פייער.

מוז מען דערצו האָבן זעקראָפּט און אַ געהער וועמען פאַלשע טענער גרילצן, ווי „צעבראָכן גלאָז אין אויער". ועל־כולם — די סגולה פון איינגעהאָרכטקייט אין זיך, אין אַרום, כדי קלאָר מאַכן דאָס אַזוי גע־רופענע פאַרהוילענע, פאַרנעפּלטע אין ליד.

ווייל ליד האָט ליב דעמער, אויך די שעה פון ערב־טאָג. ס'ליכט פון מיטנטאָג דעקט אָפּ, דעקט אויף די רעאַליע און אירע פּגמים: איר אכזריותדיקע נאַקעטקייט אָדער — נאַקעטע אכזריות. אַ גרויסן בייטראָג צום ווילקלאַנג און אינערלעכן ריטעם און ניגון פון העלערס וואָרט און וואָרט־צירוף, צום נאַטירלעכן גראַם — איז דער געלונגענער זיווג פון יידיש־העברעיִשע ווערטער.

חוש־הריח — דערגיי איך
שחרית — וואַך איז
תרח — ווער איך
הילולא — די פּולע
גערופן — בגילופין

מ׳קען נאָך אָנציילן אַ סך אַזעלכע געלונגענע זיווגים, וואָס פּאָרן זיך און מערן. זיי געבערן אייגנאַרטיקע קלאַנגען און אינטאָנאַציע, וואָס זענען מחיה־נפש ביידע לשונות און גיבן דעם העברעיִשן וואָרט אַ ייִדישן טעם.

ווער עס פֿאָלגט נאָך העלערס גאַנג אין דער שירה זינט זײַן ערשטן דעביוט אין פּוילן 1930 — וועט אין אָט די זיווגים פֿון ייִדיש־העברעיִש געפֿינען דעם חידוש נישט נאָר אין וואָרט, אין גראַם, אלא אויך אין באַנעם, אין אינהאַלט פֿון ליד, וואָס האָט געוואָרצלט, געלעבט און געדײַעט אויפֿן באָדן פֿון פֿאַרגאַנגענעם שטייגער־לעבן.

ער האָט דאָס קלאַסישע־טראַדיציאָנעלע באַפּרײַט פֿון דער קאָנוווענץ: די עמאָציע איז בײַ אים געלאָדן מיט נײַעם, מאָדערנעם אויסדרוק און ער גיט איר הײַנטצײַטיקן תּוכן און לבוש.

העלערס לידער אויך וועגן חורבן און אומקום זענען פֿול מיט לעבן. ס׳שטראָמט פֿון זיי אַן אינערלעכע שלמות פֿון אַן עכטן ליריקער. דורך דער פּריזמע פֿון זײַן אינדיווידואַליטעט זעט ער און באַנעמט זאַכן, געשעענישן פֿון עפּישן, סאָציאַלן, אַסאָציאַלן און נאַציאָנאַל־היסטאָרישן כאַראַקטער. זײַן, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעזונדערטקייט: זײַן „איך בלײַב מיט זיך אין שטײַג״ — דינט אים ווי אַ מרחק, אַ פּערספּעקטיוו צו זען נעענטער, בולטער דומם, מענטשן, סביבה, ווו ער לעבט און שאַפֿט.

לאָמיר הערן, ווי אַזוי דער דיכטער דריקט עס אויס אין צען שורהלעך:

איך קען די וועלט דערזען אויך דורך אַ פֿענצטער,
אויך דורך אַ שפּאַרע, דורך דער סאַמע קלענסטער.

דו מעגסט אין ענגסטן צימער מיך פֿאַרשפּאַרן,
און מיר וועט גאָרנישט באַנג טאָן, גאָרנישט אַרן.

איך דאַרף נאָר ליכט אין מײַנע פֿענצטערשויבן,
און אין מײַן בלוט — די ליבשאַפֿט און דעם גלויבן.

איך דאַרף נאָר, אַז די שפּאַרע זאָל זײַן אָפֿן,
און אין מײַן בלוט — דאָס זינגען און דאָס האָפֿן.

אַזוי צו זאָגן

די שיינקייט, וואָס איז אײַנגעזאַפּט געוואָרן,
וועט סטײַען אויסצושטראַלן לאַנגע יאָרן.

(דאָרט ז׳ 138)

אויך דאָ אין ישראל האָט העלערס וואָרט זיך נישט גענומען צו פיל פרײַהייט. נישט צו פיל אָגיל־ואשמחדיק מיטן מענטש, מיטן בוים, מיט דער בריאה.

עטלעכע יאָר האָט געדויערט ביז ער איז דיכטעריש געקומען דאָ־אהער. פּאַמעלעכקע, מיטן אײַנזאַפּן די היגע לופט: קינסטלעריש „אַדורכ־געוואָרעמט״ פון האַמסינען, געשווידערט פון רעגנס און שטיקנדיקע היצן — האָט ער אָנגעהויבן העלעריש זען און דיכטן:

דעם נײַעם טאָג צום לעבן איך פאַרבינד.

דאָס איז זײַן דיכטערישע שוואַכקייט און גבורה. אויך דאָ גייט העלער אָן מיט אייגענעם ריטעם און ניגון: מיט זײַן אינזיכיסטיש אַסאָציירן נײַע און באַנײַטע שטימונגען, געפילן, וויזיעס, רעמיניסצענצן. ער דערפירט זיי צו העכערער אייניקייט, צו קינסטלערישער געשטאַלטונג.

אַ סך „איזמס״ האָבן געגורקעוועט אין פאַרמלחמהדיקן פוילן — און נישט נאָר אין פוילן. בינם העלער איז נישט געשטאַנען פון דער זײַט. אָבער זײַנע פּאָעטישע פליגל האָבן אים אַרויסגעהויבן, איבער־געהויבן אַריבער דעם פּאַטאָס און פּאַטעטישקייט, וואָס האָט צו יענער צײַט געפּאַנעוועט אין דער פּאָעזיע אויף דער יידישער — און נישט נאָר יידישער — גאַס.

זײַן ליד האָט שוין דעמאָלט אָנגעשלאָגן אַן אייגענעם, שטילן טאָן מיט אינדיווידועלן צער און ווייטיק, אויך פרייד און האָפענונג. — דאָס איז געווען דער צער, דער ווייטיק און די האָפענונג פון אַלע די, וואָס האָבן אַזוי געגלייבט און געטרײַ געדינט דעם גלויבן.

העלער איז געווען איינער פון דער פּלעיאַדע דיכטערס (אויך דענ־קערס), וואָס האָבן מיט אַלע מענטשלעכע און קינסטלערישע אימפּולסן געדינט דעם אמת אַזוי, ווי זיי האָבן אים באַנומען, פאַרשטאַנען און אויסגעטײַטשט.

שוין דעמאָלט האָט דאָס אַזוי גערופענע צײַטליד, דאָס טעמאַטיש־פּראָבלעמאַטישע — דער צײַטמאָטיוו — אונטער העלערס פּאָעטפען געקלונגען פּערזענלעך, רײַף, צײַטיק.

„איך מוז כסדר האָמעווען דעם צאָרן" — זאָגט ער ערגעץ אין אַ ליד. און ווען ער זאָגט עס נישט — שפּירן מיר דאָס סײַ ווי סײַ כמעט אין אַלע זײַנע לידער. און נאָך עפּעס שפּירן מיר אין נישט קיין קלײנער צאָל פון העלערס לידער — דעמיסטיפיקאַציע, אַ צעבערעכן געטער און געצן.

ווײַל העלערס געזאַנג איז אין אַלע פּעריאָדן פון זײַן שאַפן שטראָמט פון איין קוואַל: דער קוואַל פון אמת און דער אמת וועגן שקר.

דאָס איז דער ריינער קוואַל און דער כּוח פון דיכטערישן אני־מאמין. זײַן ליד איז געווען און איז דאָס ברויט פון לעבן.

די סאָנעטן פון שלמה רויטמאַן

דאָס וויגעלע פון סאָנעט איז, קאָן מען זאָגן, געווען איטאַליע און דאַטירט זיך פון 14טן יאָרהונדערט. נאָך דעם געפינט מען דעם סאָנעט ביַים רוימישן עמנואל. אַגב, עמנואל הרומי איז אויך דער מחבר פון די אַכט און צוואַנציק מחברות וואָס האָבן אין זייער ציַיט — אין רענעסאַנס — געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם.

דער איטאַליעניִשער פּעטראַרקאַ, וואָס ווערט אויך פאַררעכנט ווי איינער פון די אָבות פון הומאַניזם — האָט דעם סאָנעט פּרעציזירט.

דער סאָנעט איז געוואָרן „ס׳באַליבטע קינד״ פון די פראַנצייזישע פּאָעטן פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט.

אַ גרויסער חלק, אפשר מער ווי אַ העלפט, פון שאַרל באָדלערס „די בלומען פון בייז״ זענען געהאַלטן אין סאָנעטן־פאָרעם.

אויך דער „קעניגלעכער שוישפּילער״, ווי שעקספּיר איז זיַינער ציַיט באַטיטלט געוואָרן — און דאָס איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון אָנערקענונג — האָט געשריבן סאָנעטן. ערשט נאָך זיַין טויט זענען זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך זיַינע פריַינד.

ס׳וועט נישט איבעריק זיַין צו דערמאָנען, אַז אויך דאַנטע האָט געשרי־בן סאָנעטן. זיי זענען פאַרגעסן אָדער נישט גענוג דערמאָנט געוואָרן צוליב דער באַרימטער „געטלעכער קאָמעדיע״.

אין דער העברעיִשער דיכטונג איז נאָענט געווען צום סאָנעט י. ל. גאָרדאָן. אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט — פיכמאַן, טשערניכאָווסקי.

אין פּוילן — מיצקעוויטש, אין רוסלאַנד — פּושקין, בונין. אויף דער יידישער גאַס — ה. לייוויק מיט זיַינע סאָנעטן־רינגען, לעיעלעס, מאַני לייב.

די פאָרעם פון קלאַסישן סאָנעט איז אַ ליריש־דידאַקטישע און אין דעם די סכּנה, וואָס נישט וויַיניק סאָנעטן־שריַיבערס איז שווער אויס־צומיַידן און זיי פאַלן אַריַין אין עפּיגראַם.

די טעכנישע שוועריקייט באַשטייט אין האַלטן זיך אין די שטרענגע,

געפּרעסטע פאָרעם־כּללים. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז די פאָרעם פון סאָנעט, אַן אײדעלע, דערהויבענע, איז — דאַרף זײַן — אינטעגראַל מיטן אינהאַלט, וואָס האָט פּועַנטע און דריקט אויס רעיונות, אידעען כּי־טוב הדמיון פון פּאָעט.

שווער און קאַפּריזנע איז דער סאָנעט דערמיט, וואָס סײַ די 4 סטראָפעס (צוויי סטראָפעס צו פיר שורות און צוויי צו דרײַ שורות) און אַלע שורות אין די סטראָפעס דאַרפן זײַן אָרגאַניש פאַרבונדן אויך אין אידעע־שײַכות. די דאָזיקע פאָרעם פאָדערט דיסציפּלינירטע געגראַמט־קייט לויטן סדר: די ערשטע שורה, די פערטע, פינפטע און אַכטע — איין גראַם. דאָס זעלבע אויך — די צווייטע און דריטע, די זעקסטע און זיבעטע שורה.

נאָך אייניקע, ענלעכע באַגרענעצונגען און נישט־געשריבענע געזעצן מאַכן דעם סאָנעט נישט־צוגענגלעך פאַר אַ סך פּאָעטן.

שלמה רויטמאַן איז איינער פון די פאַר וועמען דער סאָנעט איז נישט נאָר נאָענט, אלא אויך די בעסטע אויסדרוק־פאָרעם. ער איז אַ מײַסטער אין אָט דער פאָרעם און נישט אויפן חשבון פון קלאַנג, אינערלעכן ריטעם, אידעע־פאַרבונד און קלאָרקייט פון אָנהייב ביזן אָפּשלוס פון דער לעצטער שורה, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָנעט.

מענטש, נאַטור, שטיל־לעבן — לעבט אויף אונטער זײַן פעדער. ווי אַ ייִדישער דיכטער האָט ער פאַרצווײַגטע געאָגראַפישע וואָרצלען. איז זײַן קוק אויף זאַכן, לאַנדשאַפט, בכן, אַ ברייטער, אַ פאַרטיפטער און נישט ווייניקער פאַרצווײַגט: אַזוי אויך זײַן אָבסערוואַציע־כּוח, זײַן וועלטבילד, וואָס קומט צום אויסדרוק אין סאָנעט, אין ליד און ביידע — מושפּע פון אַ סך קולטורן, בעיקר פון דער רוסישער ליטעראַטור ביזן אָקטאָבער.

שלמה רויטמאַנס לשון: אין פלוג — פּראָסט און פּשוט. אָבער הינטער זײַן פּשוטקייט נורקעווען וויסן, קולטור, באַגאַבונג, אינטעלעקט.

זײַן געלעכטער — סאַרקאַסטיש־לאַקאָניש, זײַן טרער — געלײַ־טערטער אויפברויז.

און זײַן שמייכעלע? שטעכט עס נישט ווי כינעזישע היילנאָדעלעך? הינטערן שמייכל העַרסטו מרידה־רייד, אַ פאַרגיביקע, זיסע טרויעריקייט. הײַנט זײַן פערזאָניפיצירטע נאַטור־זעונג? —

אזוי צו זאָגן

דער הימל טראָגט שוין ווײַסע וואָלקנס ווי אַ קיטל

אָדער דרײַ שורות פון סאָנעט „דײַן צווייטער נאָמען":

און ווען די הערצער זענען אויך אונדז פול מיט לעכער
ווײַזט אויס, דער ווײַן פון צרות ווערט געדיכט פאַרשעפּט
און רינט נישט אויס, ווען אויך צעבראָכן איז דער בעכער.
(„לירישער אָטעם", ז' 18, 13)

זעסטו באַשײַמפּערלעך, אַז די אַזוי געראָפענע פּשוטקייט מיט איר מוזיק אין אינערלעכן ריטעם וואָרצלט אין דער פראַנצייזישער פּאָעזיע און בעיקר — אין סאָנעט.

אויך דאָס פאָלקסליד ווערט בײַ רויטמאַנען אויסגעאידלט, דער־הויבן און מאָדערניזירט. עס דינט אים דערצו זײַן פּאָעטישע חכמה, די האַרציקע בילדערישקייט. אַ פּאָזיטיוויזם, אַ תשוקה צו גוטסקייט.

זײַנע לידאַקאָרדן זענען קרעפטיק, מענלעך און טיף מענטשלעך. ער קאָן דערבײַ אויך זײַן ווייך, סענטימענטאַל אין זײַנע שטאַרקע איבערלעבונגען.

ס'האָט נאָך קיין קול־שאָס קיין ליבע נישט פאַרטויבט.

איז דאָס נישט אָדלערפלי פון פּשוטן וואָרט? פליגלפלאַך פון אָדלער, וואָס אַפילו ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק — טראָגט ער מיט זיך דעם ריח פון באַרגלופט, בשעת אַ פּשוטער זינגפויגל איז נישט מסוגל זיך אויפהייבן העכער פון דאַך, בוים.

*

פאַר די מקובלים, למשל, זענען ווערטער, אותיות די עמודי־התווך, די הויפּטזײַלן פון דער וועלט. זיי לייענען פון זיי אַרויס דעם וועלט־באַשאַף, דעם גאַנג פון די שטערן, מזלות: די נאַטור־און גאָט־דערשײַ־נונג, זוכן, דורך מצרף זײַן אותיות, דעם פּתרון צו דער גאולה.

פאַר אַ דיכטער, פאַר אַזאַ סאָנעטן־מײַסטער ווי שלמה רויטמאַן, איז דאָס וואָרט, דער אות אין פאַרבינד מיט נאָך אַ וואָרט און אות, שורה, פראָזע — מוזיק, ניגון. עס איז קאָסמיש און ערדיש און פירט אויך אויס אָפט אַ סאָציאַל־נאַציאָנאַלע פונקציע.

שלמה וואָרזאָגער

דער מאַן, וואָס מ'האָט דערנידעריקט צום וואָרעם,
גראָבט אויס צו דיר דורך היילן זיך אַ שטעגל
און באָרוועס שפּאַנט דורך תּפיסות, תּליות, קברים,
ער ווייסט נישט פון קיין צוים דײַן עולה־רגל: —

אַ פעלדז אין וועג — ער האַקט אים דורך מיט נעגל,
און צווישן אײַז ער איז דער מאַן פון דרום,
דער ים מיט אָפּגרונט דראָט — איז ער אַ זעגל,
און אויך אין מידבר פילט ער זיך נישט אָרעם.

און קומט צו דיר דער מאַן, וואָס האָט דיך ליב,
ניט מיט קיין מילך און האָניק, ווײַן און טרויבן
איז וועסטו אים דערקויבערן, דערהויבן.

אַ רידל און אַ פידל אים נאָר גיב —
אַ רידל — ער פאַרפלאַנצט אין דיר זאָל וווערן,
אַ פידל — דו זײַן וואַקסן זאָלסט דערהערן.

(„מיין ישראלדיק שופרל", הוצאת „דר", רמת־השרון 1976, ז' 28)

מיר האָבן בכיוון ציטירט אַ גאַנצן סאָנעט, כּדי צו זען ווי דער דיכטער ספּראַוועט זיך מיט דער פאָרעם און משקל, מיט דער אייג־הייטלעכקייט פון רעיון. און די מוזיק און די ווייכע שטאַרקייט פון וואָרט און, ווי מיר האָבן פריִער געזאָגט — ערדיש, סימבאָליש און שליסט אויך איין, ווי געזאָגט, סאָציאַל־נאַציאָנאַלע פונקציע.

אַ רידל און אַ פידל. צוויי קורצע ווערטער. נאַטירלעכער גראַם. אַזאַ קלאָר און שאַרף בילד. פילסט ווי דער רידל עסט זיך אײַן אין דער ערד בשעת דער פידל לאָזט הערן דאָס וואַקסן.

די מוזיק פון רידל איז עלטער פון פידל, פון וואָרט, פון דער שריפט, וואָס די פעניקיער האָבן אויסגעפונען.

ס'וויגעלע, דער בראשית פון דער מוזיק — איז געווען דער וואַלד, דער דזשונגל. דער געברום פון דער חיה איז געווען ערב דעם וואָרט פון מענטש.

אין פײַל פון בויגן, אין געיעג נאָך דער חיה, אין אײַנבײַסן זיך פון

ווילדן מענטש מיטן פוס אויפן רידל (אַ סך פריִער — מיט דער צווײַג, מיטן שפּיציקן שטיין) — איז שוין געווען מוזיק.

מיטן אויפהייבן אַ לאַפּעטע ערד, אַ וואָרף טאָן זי, אין גוף־אויסבויג, הענט־און פיס־תנועות — איז שוין געווען ריטעם, מוזיק.

רעדט, בכן, דער דיכטער, דער זוכער און געפינער פון קורצע, סאַמע טרעפלעכע וועגן פון אויסדרוק און פאָרעם — דורך סימבאָל און סינאָנים. דאָס איז זײַן תּמציתדיקער אופן פון דערלאַנגען אידעע, בילד, קלאַנג, פאַרב, ליניע.

קאָן מען אָן קווענקלעניש זאָגן: שלמה רויטמאַן געהערט צו די יעניקע דיכטערס, וואָס ווי זיי שטעלן אַוועק דאָס וואָרט, די פּראָזע — לאָזן זיי זייער חותם, זייער חתימה.

רעדט זיך דאָ, בכן, פון אַ דיכטער אַ סאָנעטן־מײַסטער, וואָס זענען אַזוי ווייניק אין דער ייִדישער דיכטונג, בפרט אין די לעצטע פיר־פינף צענדליק יאָר.

מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן די צײַט אין וועלכער דער דיכטער לעבט און שאַפט. בעיקר — די ערשטע זעכציק יאָר (די ערשטע העלפט פון דעם, וואָס אַ ייִד ווינטשט זיך צו דערלעבן) פּלוס צען יאָר זינט זײַן עולה זײַן, און דאָ אַרויסגעגעבן פיר לידערביכער.

ער דערלאַנגט אונדז שטיקער לעבן פון דאָרט און פון דאָ: וואָרע חלומות און אויסגעחלומטעווירקלעכקייט. שטח און צײַט — אין דער טיף און ברייט. און דאָס אַלץ — אין דער אויסמעסטונג פון סאָנעט.

הײַנט זײַן ליבע צום לאַנד? צו ירושלים? אַ גאַנץ ציקל „סאָנעטן צו ישראל״: צו דער „פּאַלקס־פּאָן״. פּאַלקספּאָן? — אפשר אַ צו באָמ־באַסטישער נאָמען פאַר אַ ליד, און בכלל פאַר אַ ליטעראַרישער שאַפונג. אָבער אַזאַ הייסאָטעמדיקן דיכטער קאָן מען, מעג מען מוחל זײַן. מוחל זײַן מחמת ס׳איז צו זען אַפילו אין די נעמען פון די לידער: „אַ מאַראַנצן־סאַד״, „אין הרצליה״. „ישראלדיקע ביימער״, „באַוואַסערונג״, „צווישנצייט אין גאָרטן״, „פּאָמעראַנצן־דופט״ און נאָך און נאָך אַזעלכע לידער. יאָ, ס׳איז צו זען אַז דער דיכטער מיינט עס, ווי מ׳זאָגט, אויף רעכטן אמת.

איז דאָס נישט קיין אויפגעצוווּנגענע, אַרויפגעצוווּנגענע „ליבשאַפט״ נוסח דאָרט פון וואַנען דער דיכטער איז געקומען. שלמה רויטמאַנס

ליבשאַפט צום לאַנד און לאַנדשאַפט איז אויך נישט „ממבט הראשון״. יעדער ייִד, יעדער אמתער ייִדישער דיכטער אַוודאי, האָט ישראל אין האַרצן אײדער ער קומט פיזיש אַהער. ער טראָגט מיט זיך ישראל פון דער פריסטער יוגנט: פון שטוב, פון חדר, ישיבה.

אָט די בענקשאַפט האָט דער דיכטער אויסגעוואַרעמט אונטערן פײַער פון סיבירער שנייען און הייסע זאַמדן פון סאָוועטיש מיטל־אַזיע. א בענקשאַפט — אַ ירושה פון דורות נגישות, גירושים, אינקוויזיציע, פּאָג־ראָמען און חורבן. אַ בענקשאַפט ליכטיק ווי די זון דאָ — וואָס העכער, אַלץ הייסער.

ליבע פון „ערשטן בליק״ איז אַ מאָל אַ שוועבעלע... אַנגעצונדן און אויסגעברענט. שלמה רויטמאַנס ליבשאַפט צום לאַנד איז אַ נר־תמיד. און פון דאַנען — די עמאָציע: דער עכטער אינערלעכער פּאַטאָס. געצאַמטער עקסטאַז.

דאָס איז אַ קינסטלעריש פּאַרויס־און צוריק־זען: אַ היסטאָרישער אַרײַנבליק אין געוועבֿ און אין ווערק פון מדינת־ישראל, איבערהייבנ־דיק זיך מענטשלעך און קינסטלעריש איבער דער אייגענער דאַליע און האַרטנעקיקער רעאַליע.

נישט מיט די אויגן פון אַן עולה־חדש זעט ער דאָ אַלץ, אלא — פון אַ צוריקגעקומענעם אַהיים. אַהיים, ווי אַ זון פון אַ ווײַטער פרעמד קומט צוריק צו אַ מאַמען. כאָטש די מאַמע איז אַליין, ווי מ׳זאָגט, נישט מיט אַלעמען... איז ער מיט איר, דער דיכטער, מיט אַלע צרות פון אינעווייניק און אויסנווייניק: מיט איר באַדראָטער עקסיסטענץ אויפן פּאַסיקל ערד צווישן ים און... ים־קריצנדיקע ציין.

*

אויך אין ציקל „מעדיטאַציעס״ איז שלמה רויטמאַן מער פּאָלקיש ווי פילאָסאָפיש. און דאָס ווערט געזאָגט לשבח. ער איז ייִדישלעך־וויטאַל. זײַן אָפּטימיזם — אַ שפרודלדיקער וואַסערקוואַל פון אונטער אַ טיפן, שטייניקן גרונט: אַן אויפגעבראָכענער פון אונטער דריקנדיקער, שטיקנ־דיקער ערד. — און פאַלט ער אַרײַן אין עפּיגראַם — פאַראַן אַזעלכע אין לעצטן בוך „פאָלקסטימלעכע לידער״ אויך לידער וואָס דערנענטערן זיך צום משל — פאַרלירן זיי נישט פון דער פּאָעטישער מוזיקאַלישקייט.

אַגב, ווי עס זאָגט אַ רוימישער געלערנטער — אויך אין רוים און

אין גריכנלאַנד איז שוין פאַרשפּרייט געווען דער משל און עפּיגראַם — דאַרף דער עפּיגראַם זײַן קליין ווי אַ בין און טראָגן מיט זיך דעם שטאָך און דעם האָניק.

די דאָזיקע לידער האָבן פּוענטע און דיכטערישע קרובהשאַפט, אין טאָן און אין תּוכן, צו אליעזר שטיינבאַרגס משל — אין זין פאַלקסטימ־לעכקייט.

דאָס זענען קליינע זאַכן, אָפּט — רגעדיקע איבערלעבונג — אויף דער ליניע פון ממשות און רעפלעקס און זענען פון הויכער באַדײַטונג און ווערטיקייט.

אַ ציקל ליבעלידער:

שלמה רויטמאַנס ליבע־מאָטיוון זענען סובלימע. ביידע מינים קומען זיך בײַ אים צוזאַמען ווי טאָג און נאַכט.

דאָס איז דער אייביקער קידער־ווידער־פּלאָנטער וואָס בינדט זיך אויף, כּדי הנאה צו האָבן פון דער פאַרבינדונג.

דאָס איז די האַרמאָניע פון... דיסהאַרמאָניעס: אַ פולער שותּפות אויף ערדישע יסודות און הימלישע סודות. דאָס פיזישע ווערט פאַר־גײַסטיקט. דאָס גײַסטיקע געשטאַלטיקט זיך אין פיזישער עקסיסטענץ.

נאָך אַן אמת אַנטדעקט אָדער דעקט אויף דער דיכטער: ערד און פרוי זענען בײַ אים איינס. און ביידע זענען אין אונדזער בלוט.

אין די „סאָנעטן פון פּרוקטיקער ליבע" לייענען מיר:

> דײַן יוגנט האָט מיר אויסגעבלימלט מײַנע וועגן,
> אַ שיינע טאָכטער פון דער ערד מיט האָר צעלאָזן,

(„סאָנעטן", הרצליה 1977, ז' 54)

וועלן מיר ענדיקן מיט זעקס שורהלעך פון אַ סאָנעט פונעם ציקל „סאָנעטן":

> כ'האָב דיך געמאָלט אויף װאָלקנדלעך אויף ראָזע,
> געזוכט דיך אונטער צעפּ פון דער בעריאָזע,
> בײַ פּושקינען איך האָב דיך אויסגעלעזן,
>
> דיך אָנגעטאָן אין שטערנדלעך פון בעזן.
> גיי און דערצייל אַזוינס, וועט מען שפּעטן,
> דערפאַר איך זינג, ווי ס'טוען עס פּאָעטן.

(דאָרט, ז' 43)

פון איצט און קיינמאָל

דער דאָזיקער נאָמען פון בוך איז אויך דער נאָמען פון יעדן ליד באַזונדער און אַלע צוזאַמען — לידער אָן נעמען. דאָס בוך איז אײַנגעטיילט אין זעקס קאַפּיטלען. מ׳קאָן זיי אַלע לייענען פון מיטן, פון סוף אויף צוריק, ביזן ערשטן זײַטל, און שפּירסט די האַרמאָניע, די האָמאָגענישקייט. זעסט דעם אומגעזעענעם פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אָט די פאַרביקע, קלאַנגיקע שורות, סטראָפעס אין אַ גאַנצקייט: אַ שטייגער דו לייענסט אַ פּאָעמע אין קאַפּיטלען.

יעדער ליד איז רונד־פאַרשלאָסן, ווי דער קרײַז פון אַ זייגער.

אין אַ סך לידער רעדט דער דיכטער מיט האַלבע ווערטער און רמזים וועגן איך און דו. מיינט עס דאָך — דואַליזם. שפּיגלט טאַקע נישט אָפּ אָט דאָס שפּאַלטן ווערטער, זאַצן, אָפּט ביז איינציקע טראָפּן, די צעשפּאַלטנקייט פון דיכטער?

ער פּרווט, און ס׳געלינגט אים, פאַרגאַנצן אַלע לידער מיט פּוענטע, אידעע, מיט שטרעבונג צו שלמות.

דער א י ך האָט פאַרלוירן דעם גאָט, דעם גלויבן — זוכט ער אים אין ד ו, אין צווייטן וואָס אין אים, בישט אָן דער כּוונה צום דו פון אַ צווייטן, אַ דרויסנדיקן: צונויפרעדן זיך מיטן דרויסנדיקן, וואָס חלומט, זוכט זײַן פאַרלוירענעם גאָט.

שורות און שורהלעך, אויסגעהאַקטע, ווי פון שטיין, און דאָך אַזוי האַרציק־ווייך:

חלומסט פונעם קומען
צו דעם איך־אַליין,
מיט דעם שטויב פון נאָמען
באַקעט, ווי אַ שטיין;
חלומסט און אין טיפן

אזוי צו זאָגן

עמעץ האָט שוין דאָרט
אויסגעטווישט באַגריפן:
איך און צײַט און אָרט.

(„פון איצט און קיינמאָל", פאַרלאַג „תּמיד", ת"א תשמ"ד, ז' 11)

קאָן מען, מיין איך, זאָגן, אַז דער אַזוי גערופענער דיאַלאָג צווישן איך און דו באַשטימט אויך דעם מעמד פון גאָט, וואָס איז נישט נאָר נישט אָפּגעריסן (אפשר — אָפּהענטיק) פון דאָזיקן דיאַלאָג מיט זיך — דעם מענטש־קינסטלער־דואַליסט. אַ דואַליזם לאו־דווקא פון מאַנאַטעיִס־טיש־רעליגיעזן קאָמפּלעקס: גיכער אַ קאָמפּלעקס פון מענטש־מהות. דער מענטש, וואָס טראָגט אין זיך די חיה און דעם גזיר, דעם מלאך און דעם טײַוול, דעם הימל און דעם תּהום, גוטס און שלעכטס, וואָס זענען, ווי די לינקע און רעכטע האַנט פון איין גוף.

מיט אַ כּמעט געוויינלעך לשון פון מענטש צו מענטש בויט אייכענ־ראַנד אויף אַ ליד — אַרכיטעקטאָניש און פּינקטלעך ביז ווייטיק: מאָדערן, ניי אין ריטעם, אין דער מאָטיוואַציע. ער איז גרויזאַם שפּאָרעוודיק און שפּירעוודיק. ליריש־דין און מיט אויסערלעכן עפעקט. שאַרפע באַטאָנונג פון אַ בילדערישער שפּראַך — בקפּידה, געמאָסטן ממש צום אָנטאַפּן.

דאָס איז פּאָעזיע פון פריידיקער שפּאַנונג, כאָטש דאָ און דאָרט טרעפן מיר אָן אויף ווערטער־באַגריפן פאַרהוילענע, אומבאַגרײַפלעכע.

זענען אָבער די אייגיקע, ווייניקע פאַרהוילנקייטן קליינע פּינטעלעך אין דיכטערישן גאַלאַקטיק־סיסטעם פון צעשטערנטן לידקאָנטעקסט. זיי שטערן נישט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון ליד צו פּאָעטישער תּכליתדיקייט.

און אפשר איז דער פּירוש־המילות פון די „אומבאַגרײַפלעכע פּינטע־לעך" אין אונטערבאַוווסטזיַין פון מחבר: פאַר אַן אויסערלעך אויג און אויער — אַן אָנשאָטן פון אַן ערב־לאָגיק: אַ פאַרבאָרגענע ליכט, וואָס שלאָגט, ווי זון דורך נעפּל צו פאַרגאַנגענע אָדער נאָענט־ווײַטע פּאָע־טישע האָריזאָנטן?

✶

אַ וואַרעם דיכטער־געפיל, ווי אַ דרום־ווינטל, הילט אײַן די קורצינקע שורות, ווי מאַמעשע הענט נעמען אַרום אַ געבוירלינג, וואָס מיטן פאַלן אויף דער וועלט — לעבט עס מיט אַן אייגן לעבן.

פשוט און קלאָר קאָן אויך זײַן, ווי מיר זעען, עזאָטאָרישע פּאָעזיע: סימבאָל, מעטאַפאָר, געפּרעסט און געטעסעט, טיף פילאָסאָפיש און געדאַנקלעך. אַטמאָספער און לאַנדשאַפט פון מענטש, גורל, צײַט און אָרטגײַסט.

אַ געשפּאַנטע צײַט. קליינע מלחמות צווישן פעלקער. בירגערקריגן. אינערלעכע רײַבונגען פון געזעלשאַפטלעך־אידעיִש־היסטאָרישן כאַראַקטער אין ישראל, ווו דער דיכטער איז מער ווי „אַ גאַסט אויף אַ ווײַל".

וווינט מחוץ די גרענעצן פון לאַנד, איז אָבער דאָ — אין דער היים. לעבט גײַסטיק־נשמהדיק מיט אַלץ וואָס דאָ געשעט — לטוב ולרע. פריידט זיך און שוידערט מיט מיטן גורל פון לאַנד, וואָס איז אויך זײַן גורל און דער גורל פון אַלע ייִדן אין דער וועלט.

אין אַט דער דאַזיקער צײַט לעבט דער דיכטער — נישט ווייניקער געשפּאַנט — זײַן טיף פאַרוואָרצלט ייִדיש־לעבן, זײַן שעפערישע ווירקלעכקייט, וואָס קיין שום צעשטערעניש איז נישט חל אויף איר: דאָס איז די מענטשלעכע קולטור, די קונסט, די ליטעראַטור, ווו זײַן ליד שעפּט נאַרונג.

וואָס ווײַטער — אַלץ נענטער, וואָס מער מענטשן אַרום אים — אַלץ גרעסער דער עלנט:

חלומסט בײַם דערוואַכן.
בײַ דעם ברונעם — צער,
ביז דו הערסט אַ לאַכן:
לא דבים ולא יער.

(דאָרט, ז' 12)

אַ דערוואַכטער שטייט דער בן־אָדם בײַם ברונעם פון לעבן, פון דעם ברונעם, ווו דער דיכטער שעפּט זײַנע זעונגען מיט אַ רצון פון —

גאָט און גאָט־דערהאַלטן
צווישן שלעכט און גוט.

(דאָרט ז' 11)

„מיט דעם וואָרט אויף די ליפּן" שטייט דער דיכטער און הערט ווי מ'לאַכט פון אים, „לא דובים ולא יער", וואָס מיינט אויף פּראָסט־ייִדיש: נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, נעכטיקע טעג. לייזער אייכענ־

ראַנד שעפּט מיט זיין וואָרטמעדיום זיינע טראַכטונגען און זעונגען. ווייסט און האָט דעם מסוגל — וויכטיקע אַטריבוטן פון טאַלאַנט — ווי אַזוי אַוועקשטעלן די ווערטער אין אויסבונד, אין פּאַרוועב מיט דער שורה, אַז די פּראָזע, די סטראָפע, דאָס ליד זאָלן אָטעמען מיט אינערלעכע ריטמישע טאַקטן. דאָס גלייכן — דער גראַם: ער איז ביים דיכטער נישט קיין אומגעבעטענער גאַסט. — קומט ער נישט ווען און ווו דער דיכטער דאַרף אים — זעצט ער זיך נישט שיבעה נאָך אים. אויך נעמט ער אים נישט בכוח. אַדרבא: וואָס ווייניקער געסט — גראַם — שענער די שימחה.

לייענסט איין מאָל, נאָך אַ מאָל אַ שורה, אַ וואָרט, צעקייסט עס און קומסט צום טעם: זעסט וויפל מחשבה, לאָגישע קאָמפּאַקטקייט דאָס ליד און די מעלאָדיע פאַרמאָגט. קלאָר און פאַרשטענדלעך ווערט אויך אַפילו אַזאַ אייביקע טעמע ווי: גאָט, מיסטעריע פון לעבן, „וואָס בליקט כסדר אָן מיט שטאַרבן".

דער — וואָס האָט געהאָלפן דיך געשטאַלטן,
דער — וואָס האָט ביז איצט דיך נאָך דערהאַלטן.

(דאָרט ז' 28)

אָדער:

אין לעבן
און אין טויט
האָט ער
אונדז איינגעשפּילט

(דאָרט ז' 29)

לייזער אייכענראַנד דערמאָנט מער ווי איין מאָל דעם טויט, „שטאַר־בן", „קבר". אַוודאי וואַרפט דער טויט אָן אַן אימה. דער בן־אָדם לעבט מיט אים פון דער ערשטער מינוט מיטן קומען אויף דער וועלט. איז מען יונג — ליגט ער טיף פאַרבאָרגן אין דער שיכחה. האָט אָבער אויך די שיכחה אַ זכרון. בבוא העת, קומט די צייט, קריכט ער, דער טויט, אַרויס פון אונטער די לעצטע שיכטן פון דער פאַרגעסעניש: שפּרייט זיין לאַנגן שאָטן אויף אַלץ, וואָס דאָס אויג זעט און די חושים באַנעמען (אָדער באַנעמען נישט...). איז ווי קאָן מען זיין חשיבות אָפּלייקענען?

און צי וועט דאָס העלפן? שפּילט זיך דער פּאָעט, דער קינדיש־פּאַר־ליבטער אין לעבן — מיטן נצח־מענטש, טויט און השארות־הנפש:

מיר — און די פאַרבן:
הימל, ליכט און ערד,
לעבן און שטאַרבן,
אַלצדינג וואָס ווערט באַגערט;
מיר — פאַר די טויערן
שרעק פון אייגענעם רוף,
מיר — פון געבוירן:
ווינטן פון גוף צו גוף.

(דאָרט, ז' 7)

און צווישן ביידע — לעבן און טויט — שאַפט דער דיכטער, אָטעמט מיט דער צײַט „פון שטענדיקן ווערן":

נאָר ווען איר ליכט אין אויג
צעפאַלט,
ביסטו דאָס פאַלן אָן
פאַרהאַלט.

(דאָרט, ז' 23)

זעט מען, פילט מען אין די פיצלעך שורהלעך, ווי דימענטן געפאַסטע אין אַ רעם, אַ שטראַלנדיקן ווייטיק — אַ פּסיכישן און פיזישן: אַ מיד־קייט, וואָס דערגייט אָפט צו יִיאוש, שׂינאה צו זיך אַליין. איז דאָס די שׂינאה וואָס גיט כּוח. כּוח מיינט — קרעדיט. אָט דער הין־און צוריק־וועג אין אייכענראַנדס ליד איז קרעדיט אויף אַ האָפענונג צו געפינען עפּעס וואָס דערלייזט. ס'איז, ווי דער דיכטער זאָגט ערגעץ אין אַ ליד, „געקלעטערט אין בלוט" און איך גיב צו: געקלעטערט אין אייגענעם בלוט.

★

אויך אין פאַר־לעצטן בוך „לאַנדשאַפט פון גורל" איז די אַטמאָספער צו מאָל אַ טרויעריקע אָבער נישט קיין — טרעריקע־פאַרוויינטע. עס רעדט פון זיי אַרויס אַ קלוגער פּעסימיזם, אימפּולסיווער ווילן צו לעבן,

תּאווה צו שעפערישקייט און כּסדרדיקער אַריַינבליק, אַריבערקוק מעבר־לפרגוד:

מיט דעם ברויט
פון יענער זײַט,
— — —
די געדאַנקען
פון אַ הימל
וואָס די שאָטנס
פונעם האַרץ
קענען נישט
דערבליקן.

(„לאַנדשאַפט פון גורל", פאַרלאַג „תמיד" תש"מ, ז' 62)

אָדער:

איז יעדער טוונג נישט בחינם?
בשעת דער ווינט פון סוף צעריַיסט
דעם פעלדז פון גוף — זײַן פיַיערגיַיסט
און לייגט פון ערד דעם שימל אין־אים.

(דאָרט ז' 7)

אַ ביז גאָר פיַינער שידוך: בחינם — אין־אים. ייִדישלעך. פּאַנעטיש. ערדיש, שוידערלעך — וואָרעם און מיט דערבאַרעם. וויַיל כאָטש „דער ווינט פון סוף צעריַיסט דעם פעלדז פון גוף" — בלײַבט די נשמה פון ליד אומגעשעדיקט. אַ פריַיע שוועבט זי אין די הימלישע ספערעס מיט דער תּכליתדיקייט פון אַ פּאָעט־מחשבה.

איז שוין במילא די „טוונג נישט בחינם".

דאָס איז דאָס באַזונדערע, אָפּט איבערראַשנדיקע, אין לייזער אייכענראַנדס סטיל, אין אויסדרוק־כּוח — זײַן שליסל און שלאָס צו דער קנאַפּוואָרטיקייט פון ליד. צו זײַן וואָרטשפּיל און וואָרטשפּאַלטונג, תּחבולותן אין טענער, קאָלירן, אַקצענטן.

דורכשניטלעכע לייענערס און ווייניק — אָדער — אומגעניטע פּאָע־זיע־געניסערס קאָן זיך אפשר דאַכטן, אַז דאָס זענען אָפּגעריסענע ווער־טער, בכּיוון צעצויגן און קאַפּריזנע צעשטעלט אין שורות. קאָן מען צו

זיי קיין טענות נישט האָבן. מ׳קאָן און מ׳דאַרף צו זיי האָבן איין און איינציקע בקשה: לייענט און לייענט זיך אַריַין אין דער „טיף״ פון אָט די קורצינקע שורות און איר װעט דערפילן זייער אויסמעסט, זייער גאַנצקייט: גאַנץ, װי אַ טרער, אַ קרישטאָלענע טרער — הייס און געזאַלצן. — —

און אַ ריח גיבן אַרויס אָט די לענגלעכע פיגוראַטיװע לידער: אַ ריח פון אַ שלאַנקן פרויענהאַלדז, װאָס פאַרכּישופט די חושים און װעקט עסטעטישע הנאה.

דאָ זינגט אַ פּאָעט פאַר זיך און פון זיך — צום „דו״ פון אַ — רבים:

ער איז
איך און דו —
די אָפּגרונטן פון גאָט.
(„צװישן איצט און קיינמאָל״, פּרעלוד־ליד)

דאָס איז דאָס נייַנטע בוך פון לייזער אייכענראַנד. אין זייַן „װאָס״ און אינעם „װיאַזוי״ — אייגנאַרט אין סטיל און פאָרעם — איז ער דער־װייַל דער איינציקער אויף דער ייִדישער גאַס. איז דאָס אַ גאַנג, װאָס אויך נאָכמאַכן איז שװער, אויב הינטער די אַזוי צו זאָגן קליינע, געבראָ־כענע שורהלעך, איז נישטאָ קיין אייגענע װעלט, אַ פינצטער־קלאָרע און גאַנץ װי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ.

אַז דו לייענסט זיך אַרייַן, װי געזאָגט, אין די לידער, װערט צו מאָל אויך די װייַסקייט צװישן די־אָ קלייניקע שורות אַ מיטשותּף צו דער שטומער ריידעװדיקייט פון דיכטערס עזאָטאָרישע לידער.

השפעה ?

אויב מ׳קאָן בכלל אויסגעפינען השפעה אָדער נייגונג צו װעלכן עס איז פּאָעטישן שטראָם, צו אַ ריכטונג — איז עס אייראָפּעיִשער, בעיקר פראַנצייזישער סימבאָליזם. אייראָפּעיִשער סימבאָליזם פּלוס — ייִדישע רעאַליע. אין דעם זין איז אייכענראַנד אויב נישט פון די איינציקע, איז ער פון די געציילטע, װאָס ברענגען צום אויסדרוק ייִדישע טראַגעדיע אָן באַנוץ פון די װערטער: חורבן, אומקום, מאָרד און שחיטה. פילסט אָבער יאָ ייִדישן הװי, העװי און װיי: ייִדישן גורל.

אַזוי צו זאָגן

אַ איר העלדישע געשטאַלטן
אין דורותדיקן פאַרנעם,
ווו פון תמיד איז באַהאַלטן
גבורה און קידוש־השם

(דאָרט, ז׳ 130)

גראַד אין די אָפּענע ווערטער: „העלדישע געשטאַלטן", „קידוש־השם" איז אייכענגראַנד צום ווייניקסטן ענלעך — צו זיך אַליין. אין אָט די הויכע טענער הערט ער זיך שוואַכער. —

איך זע מער יידישע גורלדיקייט, הער מער שוידערלעכן ווייטיק און פאַרשטיקטן אויסגעשריי אין דעם דאָ ציטירטן סאָנעט (אגב, איינער פון אַ גאַנץ ציקל סאָנעטן וועגן וועלכע ס׳וואָלט כדאי געווען באַזונדער זיך אָפּשטעלן).

מיר ברענגען דאָ בלויז די ערשטע צוויי סטראָפעס:

דיינע ווערטער זיינען וווּנדן
אין די אויגן גרויס:
וווּנדן — קברדיק פאַרבונדן,
ס׳האַרץ דורך זיי רינט אויס.

פון די טיפע אויגן־וווּנדן
שרייט און שרייט אַרויס
יענוועלט־שוויַגן, רויט־געצונדן,
קיינער לעשט עס אויס.

(דאָרט, ז׳ 117)

איז דאָ סיי יידישער, סיי וועלט־צער, יידיש־מענטש־ווייגעשריי, וואָס „שרייט און שרייט אַרויס" פון דיכטערהאַרץ.

לייזער אייכענראַנדס סטיל־מאָדיפיקאַציע פון זאָגן און נישט דערזאָגן האָט נאָך אַ כוונה: זאָל דער יידישער לייענער מיטן נאָכטראַכטן און אַריינטראַכטן זיך איבערהייבן איבער אייגענעם צער און ווייטיק, להיפוך צו די היינטיקע מאָדערניסטן, דערציילערס, פּאָעטן, וואָס ווילן מיטיב זיין מיטן לייענער און דערלאַנגען אָפן, נאַקעט — אויך אין טעאַטער, קינאָ

— אַזוי, אַז ס׳בלײַבט זייער ווייניק איבער אויף גײַסטיק־עסטעטישער — און עטישער — שפּירונג און פֿאַנטאַזיע.

דאָס נישט דערמאָנען חורבן, אומקום איז נישט נאָר ווײַל ס׳מענטש־לעכע לשון, דאָס געשריבענע וואָרט איז אויסגעברענטע קויל, אַש אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿײַער פֿון דער „געטלעכער קאָמעדיע״ אויף דער ערד. בײַ לייזער אייכענראַנד האָט עס אַ טיפֿערן מיין. ס׳איז זײַן פֿילאָ־סאָפֿיש־קינסטלערישע לאָגישקייט, וואָס זאָגט אים אונטער: נישט געגנוג דיכטער־באַוווּסטזײַן, אינטעלעקט, וואָרטמעדיום אויף אַרויסצוברענגען אַפֿילו עפּעס פֿון דאָרטן. האָט ער זיך צוגעאייגנט די פּאָעטשפּראַך, דעם רמז, דעם אָנוווּנק. אָט דאָס פּאָעטישע שטום־לשון רעדט צום האַרץ, צום געמיט: די שטילע מעלאָדיע איז ווי אַ פֿידל־געוויין, וואָס איז מסוגל אויפֿוועקן טויטע. —

אָט דאָס שטום־לשון, וואָס פֿאַרבליפֿט אָפּט מיט דער משמעות פֿון איינציקע ווערטער, פּראָזעס און זייער אינטעגראַלקייט אין לידקאָנטעקסט.

אַ לײַדנשאַפֿטלעכע שטומקייט, וואָס וועקט אין דיר עכטע געפֿילן, איבערלעבונג, ווי גלאָקן וועקן דעם עכאָ.

דאָס איז דער עכאָ פֿון לייזער אייכענראַנדס פּאָעטישע טריט — פּעסטע און צײַטיקע — טריט פֿון זײַן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער דיכטער משה יונגמאַן

אויף אַן אוונט געווידמעט זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג

מ׳קאָן נישט רעדן וועגן מ. יונגמאַנען און נישט דערמאָנען „יונג־ישראל״. מ׳קאָן נישט רעדן וועגן „יונג־ישראל״ און נישט דערמאָנען אַ. סוצקעווערן. די עובדה פון אָפּקלײַבן צו יענער צײַט צען יונגע מענטשן, יונגע שרײַבערס, אויסגעפּיקטע מיט קוים־קוימיקע פּליגעלעך און יונגע פּעדערן און דרײַסטיק יאָר נאָך דעם קאָנען זאָגן בפה מלא, אַז:

אַלע האָבן זיך גוט געפּעדערט און דערגאַנגען צו אַ בכבודיקער מדרגה — אָט וואָס עס באַווײַזט בפירוש, אַז דאָס קינסטלערישע אויג פון אַברהם סוצקעווער האָט גוט געצילעוועט.

אײדער איך הייב אָן מיט משה יונגמאַן, מוז איך דערמאָנען דעם קיבוץ יגור, ווו מ׳האָט געפּײַערט מיט דרײַסיק יאָר צוריק דעם ערשטמאָ־ליקן — אָבער נישט איינמאָליקן — צוזאַמענטרעף פון „יונג־ישראל״.

צען זענען זיי געווען — האָט ערגעץ שוין דערמאָנט דער פרײַנד ל. פּאָדריאַטשיק. וואָלט אַוודאי כדאי געווען צו רעדן וועגן יעדן איינעם פון אַזוי גערופענעם נ אָ כ ו ו ו ק ס, באַזונדער.

דער פּאָעט־עסייִסט י. צ. שאַרגעל, וואָס האָט „יונג־ישראל״ (לויטן משקל פון סבא־ישראל) באַגריסט — איז אויך געווען בײַ דער מיינונג, אַז יעדע „בלום״ פון „בוקעט בלומען״ (סוצקעווערס אַן אויסדרוק) האָט איר ריח און קאָליר, וואַקסט און גערײַעט אין גאָרטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער מחמת דער באַגרענעצטער צײַט, וועט מען דאָס איבער־לאָזן אויף אַ צווייט מאָל.

און אַצינד, טײַערער און ליבער משה. כ׳וועל אָנהייבן פון אַ ציטאַט:

ווו פּאַוועס זענען אַ מאָל געפלויגן —
הענגט איצט אַ טרויעריקער רעגן־בויגן

אָדער:

ווערטער און קלאַנגען פירן אונדז ווידער
צו פּאַפּירענע בריקן, צו ייִדישע לידער.

שוין נישט אויף קיין פּאַפּירענער בריק ביסטו אַרויף און גייסט אַ גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער פּאָעזיע. האָסט אָנגעהויבן (איך ציטיר) „אויסשיילן ווערטער פון שטויב" און האָסט גלייך דערזען אין לאַנד פון מילך און האָניק — ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. אברהם רינצלער האָט געזאָגט ראָזשינקעס מיט מאַנגער. דו האָסט געזוכט דעם מענטש „הינטערן וואָרט": די זון אין מענטש האָסטו געזוכט און האָסט בײדע געפונען אין די ווײַסע כאַטעס, ווי דו זאָגסט, „צוגעבונדענע צו דער ערד", אין די בלעכענע הײַזקעס, אין די מעברות, אין מאה־שערים און — זיך אַליין האָסטו דאָ גיך אָפּגעפונען און אויפגע־שטעלט דײַן פּאָעטיש געצעלט.

פון „אין שאָטן פון מולד" אַרײַן אין די „ווײַסע טויערן" און „מיט שמייכלען פון ארץ־הקודש" דערזען אַ „רעגנבויגן צוקאָפּנס". און פון אַלטן, אייביקן ירושלים, צום „לאַנד פון אליהו הנביא" — צום נגב, צו די שטיינער, וואָס זענען אַ מאָל געווען מענטש, צו די וואַדיס — אַרביטעס פון אויסגעטריקנטע וואַסערן, צו די קאַטאַקאָמבעס: צום מידבר און זאַמד־דיונעס, צו טויזנט־יעריקע שטויבן און הייסע, שמײַסנ־דיקע ווינטן.

מיטן טרויעריקן רעגן־בויגן צוקאָפּנס שפּאַנסטו ווײַטער, אַלייניק, פון די זיידעס און צו די זיידעס מיט ווײַסע, זײַדענע בערד, צו די זיידעס די טונקל־פּנימדיקע און שיטערע בערדלעך און צו — קינדער. שעפּסט פון זיי ליבשאַפט און טרינקסט זיי אָן מיט — שטערן. אַ מיזמור צום לעבן איז דײַן ליד. אַ קרעפּטיקער שטראָם פון יונג, הייס בלוט פליסט אין די אָדערן פון דײַן ליד.

שמייכלען, שטערן, לבנה דאָמינירן אין דײַן ליד און דאָס מינירט די בענקשאַפט אונדזערע נאָך די זיידעס, וואָס האָבן געטאַנצט בגילופין צו דער לבנה. מינירט און רײַסט אויף די גלײַכגילט פון די אייניקלעך צו די זיידעס...

פון זינט מ'האָט דאָס שטעטל פאַרלאָשן און זיידעס
געגאַנגען ליכטיקע צו די עקדות —
איז געבליבן לבנה אַ שטומע, אַ גרויסע,
אָן ריקוד פון תפילה, אָן קידוש פון אותיות.

זון, לבנה, ליכט און לײַטזעליקייט. גלייביקייט. ווילט איר — איז עס פאַנטעזיזם. ווילט איר — איז עס יידישער גאָט.

קלאָר און דורכזיכטיק איז יונגמאַנס ליד און גלײַכצײַטיק — ערדיש אין בעסטן זיך פון וואָרט. זײַן טאָן — אַ שטילער, האַרציקער, עכטער. ס'איז געפּליעסק פון אַ טיפן, ריינעם באַרגקוואַל. באַרגקוואַל, אָבער געצוימט איז דער אימפּעט און געלײַטערט דאָס וואָרט.

אויך דער פּעסימיזם יונגמאַנס (איז דען פאַראַן עכטע שירה אָן פּעסימיזם?) איז — אויב מען קאָן אַזוי זאָגן — אַן אָפּטימיסטישער, ווײַל טיף אין אים איז די בענקשאַפט צום מענטש און דער גלויבן אין אים.

אַ גלייביקער איז דער פּאָעט, אָבער נישט אָן ספק — צי איז צום שלעכטס אין מענטש אויך גאָט נישט קיין שותף...

משה יונגמאַן קען דעם ווערט פון ווערטער און איז אַ מומחה אויף קלײַבן זיי און געפינען די קרקע וווּ זיי אַוועקצושטעלן. ער זאָגט:

דאָ ווערטער מיט וועלכע מ'לייגט זיך שלאָפן.
דאָ ווערטער אין וועלכע מ'שפּיגלט זיך גאַנצע טעג,
און מ'קען זיך ניט געווג אָנזעטיקן.

איז ער טאַקע אויסגעהיטן און שטרענג צו זיי, די ווערטער. און ווערן זיי נתגלה אין ליד, באַלאַדע, אין פיר און אין צוויי שורות, אָדער אין פרײַען פערז — איז זייער ווילקלאַנג, וואָג און עלאַסטישקייט אַ חיות פאַרן אויער.

און ווײַל משה יונגמאַנען איז נאָענט און ווילבאַקאַנט דער טאָן, דער געדאַנקען־גאַנג פון דער מאָדערנער שירה, איז זײַן ליד, קאָן מען זאָגן, אַ בריק פון טראַדיציאָנעלן סטיל צום מאָדערנעם, פרײַען סטיל.

זײַן זיכערע, אינטעלעקטועלע האַנט פירט זײַן וואָרט, שורה, סטראָפע — מיט אַלטע און באַנײַטע מיטלען און וועגן — צו דער שלמות פון ליד. ער פּאַרוויסט און פאַרמישט — נישט אָן כּוונה — די גרענעצן פון מוקדם או מאוחר און באַהויכט זײַן דיכטונג מיט אַ רייצנדיקער פרישקייט.

„קירע־לאַנד". אַ גרויס ליד אָדער קליינע פּאָעמע — דורכויס געהאַלטן אין אַזוי גערופענעם טראַדיציאָנעלן סטיל. פיר־שורהדיקע סטראָ־

פּעס, וואָס גראַמען זיך, ערשטע — דריטע, צווייטע — פערטע. דער ריטעם — אַ באַלאַדישער.

אַ קליינע פּאָעמע, וואָס גיט אַ גרויס בילד פון אָרטשאַפט, לאַנד־שאַפט און שאַפט, יאָגט אָן שטייגער, מינהגים, מנהיגים — אינטעגראַלע געשטאַלטן, אויך אין זייערע פּירעכצער, פון דער גייַסטיק־פּסיכאָלאָגי־שער פּאַנאָראַמע. דאָס ליד איז דערציילעריש, זאַגעווודיק־זינגעוודיק. לייענסט און שמייכלסט פון פאַרגעניגן.

אַזוי לייענען זיך אויך די לידער סײַ פון פרײַען, ווײַסן פערז, סײַ לידער אין ענגן, הערמעטישן פערז. אָט די ברייטע גאַמע פון אָפענע און פאַרצוימטע ריטמען גיבן צו אַ באַזונדערע קלאַנגיקייט און פאַרב די וואָרטציגעלעך פון יונגמאַנס ליד־בנין.

*

ווי דער שטייגער איז, אַז מ׳גייט אָפּ אַ שטיקל וועג: יונגמאַן איז אָפּ־און־אויפגעגאַנגען מער ווי אַ שטיקל וועג — כאַפּט מען אָפּ דעם אָטעם, מ׳קוקט זיך אַרום און מען כאַפּט אַ בליק אויף צוריק. — צוריק צום אָרט פון געבוירן, צו היים, צום טאַטנס פּרנסות. דערציילט אונדז יונגמאַן:

אויף קיין אײַזערנער בריק
האָט ער נישט אויסגעלערנט מיך גיין.
ווײַס, ווי פּאַפּיר, זײַן פּנים געווען.

(„מײַן טאַטנס פּרנסות״, ישראל־בוך, ת״א 1981, ז׳ 7)

דערפאַר גייט ער, יונגמאַן, זײַן זון, זײַן פּאָעטישן גאַנג, ווי געזאָגט, אויף אָן אײַזערנער בריק. אַזוי זענען געגאַנגען זײַנע פאַרגייערס — אלחנן וואָגלער, לייזער וואָלף: פּאַר זיי — מאַני לייב, לייב נײַדוס.

פאַראַן אינעם איצט־דערשינענעם דינעם ביכל לידער דעם טאַטנס פּרנסות, אַ קליין ליד „עפּל״. דער אָרעמער קליינער־גרויסער טאַטע זײַנער האָט געקויפט עפּל אינעם סאָד. אין סאָד איז דאָך די ערשטע האַנט, ביליק — לויפט ער, גייט ער אַהיים מיט דער מציאה. ביז ער קומט אַהיים טרעפן אים אויפן וועג עטלעכע פּויערים, גויים: אַ מילנער און אַ שיכּורער סטאָך און אַ זשאַנדאַרם. הכּלל, דער טאַטע קומט אַהיים מיט דער נשמה אין דער האַנט און מיט — אַ ליידיק קײַשל. ניין,

ס׳איז נישט לײדיק, דאָס קײשל — „ליגט די זון איצט אינעם קוישל״ — עטלעכע עפּל. וואָס קאָן שוין זײַן וויניקער? קלענער? טריוויאַלער? טריוויאַל און — טראַגיש: טראַגיש אָבער נישט — טרויעריק. נישטאָ די עפּל — איז דאָ די זון.

אָט דאָ איז משה יונגמאַן.

ליבע און חשובע פרײַנד, כ׳האָב אפשר גערעדט צו לאַנג, אָבער נישט — צו פּיל. וועל איך נישט ענדיקן פּאַטעטיש, ווי עס איז מקובל אויף אַזאַ אָוונט. איך וועל עס מאַכן — פּאָעטיש, ווי עס פּאַסט פאַר משה יונגמאַן, פון אַ חבר צו אַ חבר:

ליכטיקע שוועלן, קוים שפּאַנסטו זײ אַריבער,
טרעלן אין אויער דיר ווערלדער מיט לידער.

ליבער משה, האָסט אַריבערגעשפּאַנט די ליכטיקע שוועל פונעם ליד און אין אונדזערע אויערן געלאָזט טרעלן ווערלדער מיט לידער.

(צו די שלושים נאָך זײַן פּטירה)

מיט אַ שווער געמיט און אַ צעבראָכן האַרץ שטײ איך בײַ זײַן פרישן קבר.

אַזוי פרי און אַזוי אומגעריכט אַוועקגעריסן געוואָרן. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר געפּײַערט זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג — אַ העלפט פון די געוווּנטשענע הונדערט־און־צוואַנציק. און זײ אַפילו נישט אַריבערגעשפּאַנט.

משה יונגמאַן, דער אָריגינעלער פּאָעט, דער בן־תורה, בעל־לב און בעל־שׂכל, איז אַלעמען פון אונדז דאָ באַקאַנט. אויך נישט וויניקער איז ער באַקאַנט דער ברייטער ליטעראַרישער וועלט אויסער ישׂראל.

ווילן מיר זיך מתיחד זײַן מיטן לעבעדיקן זכרון פון יונגמאַנען דעם מענטש; מיט משה יונגמאַן דעם מענטש אין דיכטער און — דעם דיכטער אין מענטש. ביידע זענען איינס. אַ גאַנצקייט. אַזאַ גאַנצקייט איז אַ זעלטענע דערשײַנונג. אַ זעלטענער זיווג. זײַן געשריבענע שורה — אין ליד, אין עסײ און זײַן תורה שבעל־פּה — האָט געפונען דעקונג אין זײַן קינסטלער־פּערזענלעכקייט.

זײַן שאַפערישע פערזענלעכקייט איז, ווערט בלײַבן, „אויב נישט נאָך העכער" פון געשריבענעם וואָרט צוליב צוויי טעמים: א. זײַן טיף מקורותדיק וויסן, ב. זײַן עטישע אידלקייט, ענווות.

ער האָט מיט גרויס קמצנות אַרויסגעבערענגט וואָס אין זײַן פאַר־מעג. ער האָט תּמיד נאָכן פאַרענדיקן אַ ליד, אַן עסיי געשפּירט אַ צושטראָם פון נײַע, פרישע קוואַלן, וואָס האָבן שפּעדיק געגורקעוועט אין זײַן דיכטער־געמיט, אין זײַן גײַסטיקער און איראַציאָנאַלער וועלט: ספּאָנטאַן זיך געריסן צו זײַנע מסוגלדיקע פינגער.

און ער איז אין מיטן פון אָט דעם שעפערישן וועג זײַנעם פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן, בעת ער האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן און צו זינגען.

אין מיטן וועג איז ער געשטאַנען, דער דיכטער, און געשפּאַנט פאַרויס מיטן „זאַק בטחון" אין ליד און באַלאַדע, אין דער עסיי.

הויכע מדרגה פון קינסטלערישער פשטות. אייגענער סטיל און אייגע־נער גאַנג.

און דער מענטש אין אים: אונדזערע מאַמעס וואָלטן געזאָגט, אַז דער מענטש האָט נישט קיין גאַל אין זיך. און מיר, חברים, פאַרערערס, וואָס זאָגן?

ער האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שמץ קינאה. קיין כּזית פון דער קינאה, מיט וואָס קינסטלערס זענען אַזוי געבענטשט.

אַ גוטע שורה, אַ גוט ליד פון אַ שרײַבער, אַ חבר, האָט תּמיד אַרויס־גערופן בײַ אים אַ האַרציקן פאַרגינערישן שמייכל, אַ צופרידנקייט. זײַן שטומער „יאָ", זײַן קאָפּשאָקל האָט מחיה־נפש געווען, האָט אַרײַנגעבערענגט רוח־חיים אין געמיט פון שרײַבער, חבר.

ער האָט אויך תּמיד געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, דעם אָנוווּנק, דעם אײדעלן זשעסט, קוים איז אים אַ ליד פון אַ חבר ווייניקער געפעלן. ווי אַ פרומער ייִד, אַ צדיק, איז ער אויסגעהיטן געווען פון באַליידיקן, פּוגע זײַן, חלילה, אַ נאָענטן אָדער ווײַטן חבר, אַ מענטש.

זענען דאָס סגולות פון אַ גוטן ייִדן. רבניש בלוט איז געפלאָסן אין זײַנע אָדערן. אַוודאי אַ ירושה פון זײַן פרומען טאַטן, וואָס:

אזוי צו זאָגן

יעדער טאָג ברענגט מיך נענטער צו מײַן טאַטן

וואָס

סיליענדיק די טרערן פון חצות

האָט ער בהרחבהדיק

מיר פאַרירשנט

אַ מדינה.

(„מײַן טאַטנס פּרנסות", ישׂראל־בוך, ת"א 1981, ז' 8)

אַ לערער איז ער געווען, משה יונגמאַן. אַן אינספּעקטאָר פון מיטלשולן אין עמק. אַ סך פון זײַנע תּלמידים זענען הײַנט לערערס, דירעקטאָרן פון בתּי־ספר, דערציִערס פון אַ נײַעם דור ייִדישע קינדער.

פון דאָנען די חשיבות, די דאָפּלטע און פילפאַכע חשיבות, וואָס משה יונגמאַן דער עטישער, דין־שפּירעוודיקער מענטש און גאָט־געבענטשטער דיכטער־ליריקער האָט זיך דערוואָרבן.

מיר, זײַנע חברים, האָבן זיך די ערשטע אויף אים דערקענט. האָבן אין אָנהייב פון זײַן וועג זיך דערקענט אויף דער דערשײַנונג משה יונגמאַן, נאָך מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק. מיר האָבן אים אָנגעטאָן די קרוין. ער איז געווען דער קרוינפּרינץ פון עכטן, אָריגינעלן ליד, דער יונגער פּרינץ פון „יונג־ישׂראל".

יאָ, עס האָט זיך דעמאָלט גערעדט וועגן דעם, אַז יעדער איינער פון אונדז זאָל גרייטן מאַטעריאַל אויף אַרויסגעבן אַ בוך לידער, פּראָזע. און נישט צופעליק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ערשטער, וואָס דאַרף אַרויסגעבן אַ בוך לידער איז משה יונגמאַן. און אַזוי איז געווען. „אין שאָטן פון מולד" הייסט דאָס בוך לידער זײַנס אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אין 1954.

און מערקווערדיק — הלוואי אויף הײַנט געזאָגט — קיינער פון אונדז האָט נישט נאָר נישט געהאַט פאַריבל, פאַרקערט: ס'איז געווען אונדזער אַלעמענס פרייד, אונדזער אַלעמענס דערגרייך.

פון וואַנען די אומקינאה? צי איז דעמאָלט געווען אַזאַ אַטמאָספער? צי טאָקע די השפּעה פון דעם פון אַלעמען געשעצטן און געשאַצטן משה יונגמאַן?

און ס'ווילט זיך נישט גלייבן, אַז אַצינד זענען דאָס געוואָרן זכרו־נות... אַצינד זענען עס ווערטער. וואָס זענען ווערטער? ציגעלעך, ציגעלעך פון אַ בנין... און אַז דער בנין איז איינגעפאַלן?... וואָס זענען ווערטער? בלעטער. פאַלנדיקע בלעטער פון אַ בוים: וויאַנענדיקע בלעטער פון אַן אונטערגעזעגטן בוים.

זאָלן די ווערטער זיין אַ קראַנץ אויף זיין פרישן קבר.

רבקה באַסמאַנס לידער

צאַרטקייט. לידער פון אַ פרוי אַ פּאָעטין. אַ ריי נעמען קומען דיר אויפן זינען. פּרוּוּסט זוכן פּאַראַלעלן, ענלעכקייטן אין תּוכן, אין פאָרעם — לאו־דווקא.

רבקה באַסמאַן האָט איר גאַנג, איר אייגענעם וועג. געצאַמטער אומעט. ערדישער צער. אויך נישט קיין פּאָעטיש־סובלימירטער.

דאָס זענען אינטימע, פּערזענלעכע עמאָציעס מיט כּללישן כאַראַקטער און וויזיע. „פּרילינג פאַרוווּנדיקט", „בייזע מחשבות": אַ „שלעכט געמיט" פון אַ פרוי־פּאָעטין, וואָס האָט מיט צאַרטקייט קנאַפּ וואָס צו טאָן.

אַן עדות דערויף איז דאָס ערשטע ליד, וואָס עפנט דאָס בוך „ליכטיקע שטיינער" (פאַרלאַג „ישראל־בוך", תּל־אביב 1972):

אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג
מיט פלאַנצן בלומען,
וואָלט צו זיי קיין שלעכט געמיט
און מחשבות בייזע ניט געקומען.

(דאָרט, ז' 7)

בלומען. בלומען. אַ סך לידער וועגן בלומען. אָבער די בלומען, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, זענען נישט מער ווי אַ מין פּרעטעקסט, אַן אַלעגאָריע. אויסן איז די דיכטערין די נעמען פון יונגע מענטשן, בחורים געפאַלענע אין די שלאַכטן. דאָס זענען, קאָן מען זאָגן, בלומען אויפן קבר, אויף די קברים פון די געפאַלענע. דו זעסט באַשײַמפּערלעך, אַז אין דער ליד־קאָנסטעלאַציע באַקומען די בלומען אַ גאָר באַזונדערע באַדײַטונג.

אומבאַמערקט פאַרן לייענער — אָבער נישט פאַר דער דיכטערין — וואַקסן די בלומען אויס צו באַגריפן, צו סימבאָלן.

אַ ריח פון יונגשאַפט, פון בליונג שלאָגן זיי אָן. לעבן־אויף בילדער,

אימאַזשן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און דאָס האַרץ — אַ צעריסנס פון ווייטיק און ליבשאַפט צו די יינגלעך מיט וועמענס אָפּגעהאַקטע לעבנס עס אָטעמען, בליִען די בלומען, וואָס די דיכטערין רופט מיט מענטשלעכע נעמען: יוסי, אורי, דני. מיט די נעמען „וועלן די פאַרביקסטע בליטן שטומען. / כ׳וועל רופן מיט אײַערע נעמען / די בלומען. (דאָרט, ז׳ 9).

מיט די נעמען וויל רבקה באַסמאַן אויפהאַלטן דעם זכרון פון די געפאַלענע ייִנגלעך. ווײַל טויט האָט אַ זכרון און דאָס לעבן — אַ האָפענונג.

ס׳קאָן גרײַלעך זײַן, אַז בעתן שרײַבן די דאָזיקע קליינע־גרויסע לידער, האָט די דיכטערין נישט געהאַט דווקא דעם מיין, וואָס מיר טײַטשן אַרײַן און אַרויס. מיר ווייסן אָבער ווויל, אַז אמתע קונסט ווערט באַשאַפן אָן אַ באַשטימטן מיין. שאַפן איז אַן אוממיטלדיקער אויסדרוק פון רגעדיקן אויפהעל, אויפבליץ פון וואָרטבילד, פּסיכאָלאָגיש־גײַס־טיקער סובסטאַנץ: פון אָנגעזאַמלטער, אײַנגעדרימלטער ענערגיע. ספּאָנ־טאַנע מינוטן, שעהען פון שאַפן זענען סוף מעשה במחשבה (אינטויִציע) תחילה.

דאָס אָפּטישע זען דעם אָביעקט, די סביבה און דעם אינערלעכן שײַכות פוןביידע איז, בכן, אַן אויסדרוק פון סוביעקטיוון אָבסער־וואַציע־אויג. אין אונדזער פאַל — די ליבשאַפט צו דער נאַטור, צו בלום, צו מענטש און די קינסטלערישע יכולת צו דערלאַנגען דאָס געזעענע, די געשעענישן, אין אַן אָביעקטיוו ליכט, וואָס זאָל באַלײַכטן, אַרײַנד־רינגען אין לייענערס געמיט.

דער לייענער וואָס ווערט, ווי צו יעדער עכטער שאַפונג, אַ מיטשותּף צום קינסטלער — נעמט זיך דאָס רעכט (און ס׳איז לעגיטים) אַרײַנצו־טײַטשן, אַרויסטײַטשן זײַן כּוונה. דאָס עצם אַסאָצייִרן זיך פון וואָרטבילד מיטן לייענערס מחשבות, געפילן, איז בהכרח אַן עדות אויף דעם אויבן געזאָגטן.

אַזוי אַרום ווערט רויע רעאַליטעט איבערגעשאַפן אין קונסט.

אַוודאי, ווען מענטשן וואָלטן אָנהייבן זייער טאָג מיט פלאַנצן בלומען — — — בין איך פון דעסטוועגן מסופּק צי דאָס וואָלט געלינדערט, פאַרבעסערט דעם גורל פון מענטש. ווי אַ באַווײַז דערויף זאָל דינען דאָס לאַנד פון „זאָלן בליִען הונדערט מינים בלומען״, פון נײַצײַטיקן נביא

מאָאָ־צע־טונג, און פון זײַן פאַרגייער אויף אַ זעקסטן חלק פון דער וועלט.

צו דער מסקנה קומט מען לייענענדיק די לידער אין „בלעטער פון וועגן״, וואָס זענען געשריבן אָדער אויסגעטראָגן געוואָרן אין די יאָרן פון רבקה באַסמאַנס זײַן אין מאָסקווע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שליחות פון איר מאַן מוליע ווי דער קולטור־אַטאַשע.

אין מאָסקווע בײַ נאַכט,
נײַנצן פינף און זעכציק,
— — —
ווען פענצטער טריפן אָפּ
דימענטענע בלומען
און אײַזליכט ווײנט אַראָפּ
מיט לעצטן טראָפּן שניי, —

און עטלעכע שורות ווײַטער:

אַנטקעגן מיר געשוואַרצט האָט
האַלקינס פענצטער,
מאַרקיש האָט געבלאַנדזשעט אין מײַן בליק
און קוויטקאָ האָט געשמייכלט צו געשפענסטער.

(„בלעטער פון וועגן״, פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב 1967, ז׳ 15)

פון די עטלעכע שורות און פון נאָך נישט ווייניק לידער אין דעם בוך, פילסטו, אַז אויך די דיכטערין איז מסופק אין דער אויסלייזונג פון מענטש מיט — „פלאַנצן בלומען״...

קומענדיק אין „מאָסקווער שול״ ווייסט זי שוין, אַז: „נאָך קיין מאָל האָט גאָט זיך אַזוי ניט באַהאַלטן / ווי דאָ אַצינדער״ (ז׳ 17) און: „ווי אַזוי אָט די בלומען / בלײַען גלײַען און שטומען״ (דאָרט, ז׳ 21).

אין די דאָזיקע לידער, וואָס בעטן זיך כמעט גאַנצערהייט ציטירן, און אין דרײַצן־שורהדיקן ליד „די קראָ״ און אין ליד „נאָך אַ טויטן פּאָעט״ שפּירט מען אַנטוישונג, אין אַ געוויסער מאָס, פאַרלוירנקייט פון דער דיכטערין אויפן פאָן פון יענער „שטייניקער״ געפרווירענער רעאַ־ליטעט: פון יענער אויסערלעכער און אינערלעכער קעלט, וואָס ווייעט אין די גאַסן און אין די שטובן און אין די הערצער פון די מענטשן.

רבקה באַסמאַן, די געוועזענע חברטע אין אַ קיבוץ, די דיכטערין מיטן סענסיטיוון אויער, עמפּינדלעכן זע־כּוח, וויל ראַטעווען איר (אפשר אויך אונדזער) שטימונג מיט — בלומען, און סאַראַ קאַליר האָבן זיי דאָרטן, די בלומען:

וויל איך ברענגען דיר אַ בלום —
זײַנען בלעטער געל.
וויל איך זאָגן דיר אַ וואָרט —
לאָזט מיך ניט דער ווינט.

(דאָרט, ז׳ 14)

איז עס נישט נאָר דער פּראָסטיקער ווינט אַלא אויך — און אפשר בעיקר — שלעכטע, בייזע ווינטן, וואָס בלאָזן דאָרט.

אַ קאַלטע, ווייטיקלעכע שטילקייט שרײַט אַרויס פון די לידער: שרײַט אַראָפּ „פון יעדן ראָג״, פון יעדער „פאַרשלאָסענער טיר״. איז דאָס נישט, ווי געזאָגט, קיין וועלטווייטיק, נײַערט ווייטיק פון אַ וועלט אין וועלכער מען האָט געזען אַ גרויסע אויפגייענדיקע זון און אַ סך וואָרעמקייט: געזען אין חלום אָבער נישט אין דערווירקלעכקייט.

לאַנג גייען נאָך די בילדער. די ווייטיקלעכע ווײַסקייט פון שניי און — די שוואַרצע קראָ. אָט די דיאַגאָנאַלע סימבאָלישע בילדער מאַכן נאָך ווירקעוודיקער די פּערזענלעכע טראַגיק, וואָס ווערט אויך די טראַגיק פון אַ רבים.

די געפּרווירענע אײַנגעשטומטקייט, דער אײַזקאַלטער גלײַכגילט שפּירט זיך אויך אין הינטערגרונט פון ליד.

שוואַרץ אויף ווײַס. אָט דער קאָנטראַסט איז אויך סימבאָליש פאַרן געמיט־צושטאַנד פון רבקה באַסמאַן, דעם מענטש אין דער דיכטערין. סאַראַ אָריגינעל מאַלעריש בילד — שווידערלעך־שיין און האַרצרײַסנדיק:

נאָך וואָס ביסטו געקומען, קראָ,
יאָמערן מצבות אויך אין דיר?

(דאָרט, ז׳ 11)

כאָטש טייל לידער אויף דער טעמע זענען געדאַנקלעך צו בולט און צו בכּוונהדיק — און דאָס זענען בפירוש נישט קיין ברכהדיקע

עלעמענטן אין דער פּאָעזיע — רייַסט זיך דאָך און פּאַרט דורך די דיכטער־אינטויִציע און פאַנטאַזיע דורכן לעבעדיקן שטראָם פון אימאַזשן און דינע מוזיקאַלישע טענער. און דאָס איז אַן אויסלאָדונג פון עכטער פּאָעטישער איבערלעבונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַזעלכע שורות:

דו האָסט אין מיר דעם האָס פאַרזייט
און איך האָב ניט געהאַט אים,
איצט וואַקסט ער טרוקן, בייט נאָך בייט
און ביטער איז זייַן בלאַט מיר.

(דאָרט, ז׳ 96)

דאָס איז אַ גבורהדיק געזאַנג, וואָס קומט אויף אַן איידעלן עפּישן און לירישן אופן צום אויסדרוק.

קליינע לידער מיט גרויסן צער און ווייטיק. אַ סך אינטימקייט. פולע זשמעניעס ליבשאַפט. אַ שפּע גוטסקייט. אַ כּוח אַרויסצוברענגען און „צערטלען אַ וואָרט וואָס פאַרהיט דעם זוניקן, היימישן וואַרעם״.

ווי דען? ווען דערפילט מען היימישקייט און וואַרעמקייט אויב נישט אין דער פרעמד?

אַ סך לידער, גאַנצע, קאָמפּאַקטע, אין די דרייַ נישט צו גרויסע לידערביכער דעקן אָפּ, אַנטהילן ביזן סאַמע דנאָ דער פּאָעטינס צעפּייַנט־קייט: אַ צעצווייטקייט פון אַ גלייבן אין מענטש באשר הוא, אַ גלייבן אַן אַנגערירטער, אַ געבראָכענער, ווי דער קלאַנג, דאָס „קול״ פון אַ געשפּאָלטענער כּלי...

אַ ליריש־אינטים געזאַנג אויף אַ ברייט צעוויקלטער יריעה: ישראל, ראַטן־פאַרבאַנד, פּוילן, אַמעריקע.

קורצע, קליינע, צייַטיקע לידער. צייַטיק אין זין פון רייַפקייט און אין זין פון הייַנטצייַטיקייט. אַ רייַכע קלאַנגען־און פאַרבן־גאַמע פון לענדער און לאַנדשאַפטן: „ריגע 1964״, „ווילנער געטאָ״, „ביים אוהל פּרץ״, „פריילעך אין ניו־יאָרק״, „ביימער אין שטאָט״, אַ נעגערליד. שוין אָפּגערעדט פון היגער לאַנדשאַפט: „קעמלען״, „מידבר״, „אויס־געטרוימטע פּאַלמעס״.

אַוודאי אויסגעטרוימט זיי אין דער פרעמד בעת דאָ אין לאַנד — זענען זיי פּאַראַניק, ווירקלעך. אַ ווירקלעכקייט מיט אַ שיינעם חלום,

ווו די דיכטעריןן לעבט און שאַפט. שעפעריש לעבט זי דאָ מיט „גאַר מײַן ליבשאַפט און פאַרדראָסן"; לעבט מיט די בלומיקע „טעג":

אָנבלומיקע טעג זענען טרויעריק,
צי מאָנטיק, צי פרײַטיק, צי הײַנט.
אָנבלומיקע טעג זענען שווערק
און בענקען תמיד צום פרײַנד.

(דאָרט, ז' 102)

אויף ווילנער יידישע גאַסן

שפּראַך איז אינסטרומענט, כּלי. שפּראַך קאָן אויך זײַן ניגון. אַ. קאַרפּינאָוויטשעס אומגעשטערטער, פּליסיקער אָטעם פון דערציילן, דער אינטענסיווער אָנזאָג פון ווערטער און בילדער — איז ניגון. ער שרײַבט מיט געהערט-געדעטער שפּראַך. און ווײַל דאָס איז דאָמינאַנט אין זײַן פּראָזע, איז כּדאי פון אָנהייב אָן זאָגן, אַז סע דאַכט זיך נאָר אַז ער שרײַבט ווי עס רעדט זיך. די קונסט פון שרײַבן אַזוי ווי עס רעדט זיך איז מחמת איר פּשוטער ווילקלינגעוודיקייט זינט שלום-עליכמען געוואָרן די מאַמע פון אַ סך נאָכמאַכערס.

איז אָבער אָט די פּשוטקייט פון לײַכט לייגן זיך אויפן שׂכל ביזן „לייגן" זיך אויפן פּאַפּיר און ווערן קונסט — און פון הויכער מדרגה — שוין גאָר נישט אַזוי פּשוט.

קאַרפּינאָוויטשעס מענטשן זענען נישט קיין לאַ-יוצלחס, וואָס זייער אויסערלעכע און אינערלעכע מראה אַסאָצייִרט זיך מיט גראָטעסק. דאָס איז דאָס לאַ-יוצלחדיקע שטייגער-לעבן, די מיליע, אַ רעאַליטעט אַ באַדנלאָזע, אַ פּרנסהלאָזע, אָן אָרעם יידיש לעבן מיט אַ רײַכער פאַנטאַזיע. אַ חלום, וואָס האָט געגעבן גרויסע טיילן פון יידישער צעשפּרייטקייט — פאַראייניקט מיט זייער צעריסנקייט. זײַן דערציילן, מאָלן, פאָרשטעלן פאַר אונדז אַ גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן, ווי דורך אַ קרומען שפּיגל, איז אפשר דער גלײַכסטער מעטאָד פון רעסטאַווירן דאָס וואָס איז געווען און איז נישטאָ מער. דאָס איז נישט נאָר גוטער ווילן, נײַערט אויך געלונגענער אופן פון צוריק אויפלעבן, אויפשטעלן דעם אויסגעקאָרבעיעטן, פאַרצווײַגטן בוים.

נישט שלום-עליכמס געלעכטער פון לעבעדיקע יידן רופן אַרויס די געשטאַלטן, אלא — טרויער און באַדויער אויף אַן אויסגעקווילעט געלעכטער, וואָס דער דערציילער לעבט אויף מיט זײַנע קאָמישע מעשיות: „בניאָמקע דער פילאָזאָף", דער שוסטער פרענציק מיט זײַן „וואונדערלעכער טעאָריע", „מענדע דער שמיד" — כאָטש פּראָסט און

פּאַרגרעבט, איז ער אָרנטלעך און גלײַך אין זײַן קרומער ליבע צו באַשענקען, די פּרוי פון אַ שלימזלדיקן מאַן.

✶

קאַרפּינאָוויטש האָט אַ גוטן זכּרון. זײַן שרײַבן האָט אַ סך פון געדענקטן אמת. ער ווייסט אָבער ווי אַזוי דעם געדענקטן אמת אַרויס־צושלעפּן „בײַ די אויערן" פון דער שיכחה, געבן אים אַ בעלעטריסטישן מעמד און אַנטוויקלען אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען קינסטלערישער אמת. דאָס גיט צו דער אויטענטישקייט, דער נאָענטקייט מרחק. ער ווייסט, ווי יעדער עכטער קינסטלער, דעם מרחק צו דערנענטערן (זיך אַליין — דערווײַטערן), כּדי צו זען זײַנע מאָדעלן בעסער.

נעמט מען די צען דערציילונגען פון דעם בוך אין שײַכות מיט דער צײַט און מיט אַלץ וואָס האָט ווי אַ הויקער זיך געלייגט אויפן יידישן עבר און דריקט נאָך עד־היום — זעט מען אין דעם בוך, ווי אין די פריִערדיקע ביכער, בעיקר „ביים ווילנער דורכהויף", עפּעס ביאָגראַפישעס פון ווילנער בן־עיר: ווילנער — ירושלים דליטא, אָדער — דלמטה. עס איז סײַ ביאָגראַפיש, סײַ פון היסטאָרישן ווערט און באַדײַט.

אַ. קאַרפּינאָוויטש פאַרזעט אויך נישט די נאַטור. אַדרבא, נאַטור־דערשײַנונגען ווערן בײַ אים פּערזאָניפיצירט און ווו מען דאַרף — שיין און גוט־געשטימט. בטבע שפּאָרעוודיק אין נאַטור־שילדערונגען — גע־פינט ער, ווען מען דאַרף, דאָס בשותּפותדיקע צווישן נאַטור און מענטש.

אַלע אָדער כּמעט אַלע דערציילונגען האָבן אויך „אַ העפּי־ענד". דערפרייענדיק און איבעראַשנדיק קומט עס צום אויסדרוק אין „שנייקע דער פידלער". „שנייקע האָט געשפּילט אַזוי ריין, אַזוי באַזאַכט, אַז די מעלאָדיע האָט צעוויגט דעם עולם אין איין פאַרבענקטן ניגון. דער ניגון איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען האָט געקאָנט זען דורך אים די גאַנצע שיינע שטאָט. און די ווילִיע, וואָס נעמט אַרום ווילנע ווי מיט אַ זילבערנעם גאַרטל, האָט געפּליעסקעט פון זײַנע סטרונעס אונטערן טאַקט פון מירעלעס פיסלעך" („אויף ווילנער גאַסן", פאַרלאַג „די גאָל־דענע קייט", ת"א 1981, ז' 83).

דאָס גלײַכן — אין דער דערציילונג „השבת אבדה". אויפן ראַנד

פון יִיאוש, פון גײַסטיקער און פיזישער צעבראָכנקייט פון אָרטשיקן דעם פּאַריקמאַכער „ביז ער האָט דערלעבט צו עפענען אַן אייגענע פּאַריקמאַכערסקע" — לאָזט זיך אויס, אַז נאָכן אַרײַנמישן זיך פון די שטאָט־שטאַרקע, האָט אָרטשיק, צו זײַן גרויס פאַרוווּנדערונג, בשעתן גיין, מיט די לעצטע כּוחות, אַ קוק טאָן זײַן באַגנבעטע פּאַריקמאַכערסקע, געזען: „די גאַנצע פּאַריקמאַכערסקע איז געשטאַנען ווי קיין מאָל גאָרנישט".

איז עס נישט נאָר העפּי־ענד. די גאַנצע דערציילונג איז גוט אינסט־רויִרט. דער גוטער סוף וואַקסט אַרויס אָרגאַניש פון דער טרויעריק־טראַגישער געשעעניש. דאָס איז יִדישער העפּי־ענד: האָפענונג, בטחון, יִדישער ניצוץ.

אָט דעם פּונק שפּירן מיר גאָר שטאַרק און ווירקעוודיק — און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש אין אַ. קאַרפּינאָוויטשעס נײַ בוך, אין דער דערציילונג „די גזירה". קאַרפּל דער שילדן־מאָלער ראַנגלט זיך מיט אויפמאָלן דעם כּותל־מערבי — אַ שטראָף, וואָס קהל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט פאַר לאָזן פאַלן ניבול־פּה אין אַ מקום־קדוש, אין שטאָטישן קלויז. מיט דער מיצווה פון אויפמאָלן דעם כּותל־מערבי וועט ער אויסקויפן די זינד. נאָך לאַנגע מאַטערנישן געלינגט עס אים ערשט דעמאָלט, ווען שמערעלע שאַפּראַן, דער ווילנער קונסטמאָלער, האָט אין אים אָנגעצונדן דעם פּונק: אויפגעוועקט אין אים די אמונה, „אַז אין האַרץ בײַ איטלעכן ייִד איז פאַראַן דער גאַנצער בית־המיקדש". אָט דער גלויבן האָט אים געגעבן כּוח.

אָט וווּ עס ליגט די יכולת פון דערציילער, וואָס ווייסט דאָס פּערספּעק־טיווע צו אַקטואַליזירן און דאָס אַקטועלע דערלאַנגען מיט פּערספּעקטיוו. דאָס קאָנען אויפכאַפּן דאָס קאָמיש־טראַגישע, מענטשלעך־ייִדישע, דאָס דערגרונטעוועווען זיך צום סוד פון די מכּלומרשט אויבנאויפיקע פאַרקרי־פּלטקייטן אין ייִדישן לעבן. דאָס טראַגיש־קאָמישע דערהייבן מיט געזונטן הומאָר.

גאָרקי, למשל, האָט אַרײַנגעבערענגט אין דער ליטעראַטור די מענטשן פון „דעק", די סאַמע בידעריקסטע שיכטן פון פאָלק, דעם קליינעם מענטש. קאַרפּינאָוויטש ברענגט אַרײַן, אויף זײַן באַשיידענעם שטייגער, דאָס געלעכטער פון ביטערניש.

איז אַ ביסל פאַרדריסלעך, וואָס דאָס דאָזיקע לאָזט זיך נישט זאָגן

אויך אויף גראַד דער גרעסערער דערציילונג אין בוך „דער בוים נעבן טעאַטער". ס'איז אַוודאי נישט קיין סוד פאַרן שרייבער, אַז כאָטש יעדע קונסטשאַפונג איז געבויט אויף אַ קערנדל אמת, פאַקטישן אָדער מעגלעכן, איז אָבער אומבאַדינגלעך דער דמיון. דער קינסטלער־דמיון הייבט אויף אויף זיינע לופטיקע פליגל דעם רעאַלן חומר, וואָס שטראָמט דורך די בלינדע קאַנאַלן פון אונטערבאַוווסטזיין און נסיונותדיקן אויג און גיסט אָן מיט תוכן און מראה דעם מחברס וואָרטבילד. אין דער דאָזיקער דערציילונג פעלט אָט דער עיקר־עלעמענט. די דערציילונג לייענט זיך ווי אַן אמתע געשעעניש, אַפילו מיט אינטערעס, פאַרכאַפנדיק, רופט אָפּט אַרויס ביים לייענער אויפריכטיקן באַדויער. אָבער — ווו איז דער עווענטועלער, אויס־געדמיונטער אמת, וואָס זאָל מאַכן דאָס סיפור־המעשהדיקע קינסטלעריש־באַגלייביק? ווו איז דער, אַזוי צו זאָגן, מיטב השיר (הסיפור) כזבו? אַ. קאַרפּינאָוויטש ווייסט ווויל, אַז נישט יעדעווירקלעכקייט איז דיכ־טונג, אָבער — יעדע עכטע דיכטונג, פּראָזע — איז ווירקלעכקייט.

אין דער דערציילונג „די רויטע פאָן" קומט דער פּראָזאַיִקער ווידער צו זיך. ער געפינט דאָ אויך שוין סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס ווייזן אויפן מחברס פעיִקייט צו זען, אויפנעמען די שינויים, די פּאָזיטיווע זייטן פון ייִדישן לעבן.

פון „דורכהויף", „שולהויף", „הויף" בכלל: פון די ייִדישע הייף — צו דער ייִדישער גאַס. מיר זעען, הערן רײדן באַוווסטזיניקע מענטשן, פיזיש און גייסטיק געזונטע ייִדן ווי, למשל, דער אַדוואָקאַט טשערניכאָוו. ערגעץ לאָזט מען פאַלן דאָס וואָרט „פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען". מען רעדט וועגן אַן אינסטיטוציע, וואָס הייסט „פריילאַנד־ליגע" און „אַזאַ פּלאַץ, וואָס הייסט ארץ־ישראל". אַ חלום „וועגן אַ טעריטאָריע, ווו אַלע רעדן ייִדיש, אַפילו ריכטערס פון העכסטן געריכט".

זאָל זיין ס'איז בלויז חלום, אילוזיע. אָבער דער שרייבער כאַפּט עס אויף פון אינעווייניק און גיט עס קינסטלערישן אויסדרוק.

אַברהם קאַרפּינאָוויטש איז טעמאַטיש און אין זשאַנער אַ המשך פון רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישן שטראָם, וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרן מיטן לעצטן דור שרייבערס צווישן ביידע וועלט־מלחמות: האַראָנטשיק, בורשטין, ישראל ראַבאָן, עוזר וואַרשאַווסקי און אַנדערע. שפּראַכלעך, אין טאָן, טייוואַלוויזם אין סטיל, רופט ער זיך איבער מיטן לעצטן פון

די לעצטע, וואָס איז בשעתו שטאַרק געליבט געוואָרן פאַר זײַנע „די שמוגלערס". אַ קרעפטיקער, קערנדיקער פּראָזאַיִקער — דער אָנהייב און דער סוף פון נאַטוראַליזם אויף דער ייִדישער גאַס.

אַ. קאַרפּינאָוויטשעס דערציילערישקייט האָט אויך עפּעס פון א. קאַ־גאַנאָווסקי מיט זײַן טיפן אַרײַנקוק אין די אָרעמע, אָפט נישט צו קדושה־דיקע, ווינקעלעך פון ייִדישע היף, ייִדישן לעבן, מיטן אַרויסברענגען אויף גאָר אַ תּמציתדיקן אופן דאָס מענטשלעכע, דערהויבענע אין ייִד און די מאָראַל פון דער אונטערוועלט, וואָס קאַרפּינאָוויטש שילדערט אַזוי פּאַרביק, מיט אַ לײַכטקייט, וואָס איז היפּש שווער און ווײַל ס'קומט דעם מחבר אָן שווער — לייענט זיך אַזוי גרינג.

כאָטש דאָ און דאָרט מערקט זיך אַ מין ווערטלויף פון געשיקטקייט און בריהן זיך — האָט אָבער תּמיד די אייבערהאַנט די שרײַבערישע געשיקטקייט, וואָס איז בײַ קאַרפּינאָוויטשן איינע פון די נאַטירלעכסטע וואַלאָרן אין זײַן שרײַבקונסט.

אַ. קאַרפּינאָוויטש איז ממש אַ מאַדים אויף נאַקעטע, צו מאָל אומ־באַקאַנטע ווערטער, לאָקאַליזמען. גראָד אָט דער רויער טעם און ריח פון דער טערמינאָלאָגיע ווערן אבער מן החי פון זײַן פליישיקער פּראָזע. מיט זייער הילף דאָביוועט ער אַרויס שטייגער־בילדער, העוויות, זיטן, הולכס און הילכי־רוח: בויט אויף אַ הווה, וואָס איז געוואָרן נאָענטע געשיכטע פון אַ ווײַטן עבר און אַ וואַרעמע, באַליבטע פאָלקסטימלעכקייט.

נאַקעטע ווערטער, וואָס זענען געוואָרן אַ וואָרט־אוצר אַ ווערטיקער און וואָרהאַפטיקער. ער דעלאַנגט זיי לעבעדיקערהייט. זיי גערײַען אין זײַן קינסטלערישער וועלט און אַזוי גיבן זיי זיך איבער דעם לייענער מיט ליבשאַפט און באַדויער, ווי עס זעט זיי, אַנט זיי און באַשרײַבט זיי דער פּראָזאַיִקער אַברהם קאַרפּינאָוויטש.

צבי אײַזנמאַן

„צווישן גרענעצן" איז אין פלוג גענומען א נאָמען פון אַ בוך דערציילונגען און בילדער (הוצאת הקיבוץ המאוחד, ת"א תשל"ד).

לייענט מען זיך אַרײַן אין אים, געפינט מען אויס (עס איז אפשר אויך אַ געפינס פאַרן מחבר) די שײַכות פון נאָמען מיטן תוכן, דעם מהות פון אײַזנמאַנס שאַפן אויף דער גרענעץ פון ראָמאַנטיק און רעאַליזם, סימבאָליק און ממשות.

ס'איז אַ שרײַבן אויף דער גרענעץ פון פּראָזע און דיכטונג: גרעסערע מיניאַטור און קורצע דערציילונג, סקיצן. אַ פּראָזע, וואָס לייענט זיך ווי ליד אין ווײַסן פערז.

צבי אײַזנמאַן איז דער שילדערער פון אינעווייניקסטער, מענטשלע־כער לאַנדשאַפט, פון געמיט, שטימונג. אָפט איז די שטימונג אַ דער־דריקנדיקע, אָבער בשום־אופן נישט קיין דערשלאָגענע.

אמת, ער איז נישט קיין גרויסער מעמיק. אָבער דאָס ווייניקע וואָס ער זאָגט, זאָגט ער שיין, מיט קריסטאַליזירטן נוסח, מיט אינעווייניקסטער זעונג און מיט שײַכות צום דערציילטן.

זײַנע קליינע מענטשעלעך, די אַנטי־העלדן — פּיאָנקעס פאַרגע־סענע אויפן שאָכברעט פון מלחמה־ווירקלעכקייט, נע ונד — צייכענען זיך אויס מיט וווּנדערלעכער שטאַנדהאַפטיקייט. עס איז די עקשנות, די גבורה פון די שוואַכע: קליינע, שטויביקע, גלייביקע מענטשעלעך — גרויס אין זייער רחמים און ליבשאַפט צום לעבן. אַ דאַנק אַט די אַנאָ־נימע, די אַ מילבן, האָבן די „מלכים זיך געשלאָגן ווי לייבן".

פּראָזע איז אַרכיטעקטור און נישט קיין אינערלעכע דעקאָראַציע, — זאָגט ערגעץ העמינגווייי. אײַזנמאַנס סטיל — מאָדנע־מאָדערנע — איז געטרײַ דעם תוכן, איז אַ טייל פון זײַן דערציילקונסט: קורץ. טרעפלעך. שטרענג אָפּגעהיטן ביז אַ קאָמע, פּונקט. שטרענג און ערנסט אין זײַן שפּילעוודיקער עצבות, אין זײַן הומאָר — אַ ביסל צו קאַלט און צו טרויעריק.

לייענענדיק אײַזנמאַנען קומען אויפֿן זינען נישט ווייניק נעמען פֿון גרויסע מײַסטערס פֿון דער מיניאַטור־דערציילונג, ווי פּעטער אַלטנ־בערג, נאָמבערג, שאַפּמאַן, נאַדיר. אײַזנמאַן איז אָבער אַנדערש פֿון זיי. אַנדערש, און אַליין אין זײַן אַנדערשקייט.

עס איז דער כּוח פֿון נישט־דערזאָגטן וואָרט, אויסדרוק אין דער סקיצע, אין מעשׂהלע, ווי אַנגעהויבן פֿון מיטן און אָן אַ סוף („ביף", „פּאַנאַגאַלי", „אַברהם", „דער נומער וואָס דו בעטסט איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרברענט").

בײַ מ. נאַדיר איז דאָ „אַ מעשׂה אָן אַ מיטן".

עס איז דער כּוח פֿון די שווײַגערס. אַ פֿאַרשלאָסענע, איינזאַמע וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע און גראָטעסק, וואָס ערשט נאָכן שליסן דאָס בוך, אָדער די אויגן, פֿאַרטראַכטסטו זיך און דערטראַכטסט זיך צום תּוכן, וואָס צווישן די שורות פֿון זײַנע קורצאָטעמדיקע דערציילונגען, וואָס זענען מער געצייכנט, געמאָלט ווי געשריבן. קורצאָטעמדיק, נישט ווײַל ער האָט נישט וואָס צו זאָגן, נײַערט ער וויל נישט צו פֿיל זאָגן.

דאָס איז אַ שטאַמלען פֿון אינערלעכער אויפֿרעגונג, אייגנטלעך — אָנרעגונג. העלפֿט ער זיך אַרויס מיט בילד, פֿאַרב, קלאַנג. שטימונג. וואַרפֿט אָן שאָטנס, פֿלעקן מיט אײַנגעהאַלטנקייט, קמצנות פֿון אַן עושר, און גראָד אויף שמאָלע לײַוונטן.

פֿון דאַנען זײַן שווײַגעוודיקייט, זײַן צימצום, אָפּט — ביז מאָ־נאָטאָניע. עס נעמט זיך אויך פֿון ליבשאַפֿט צום לייענער. ער האָט צוטרוי צו זײַן גוטן טעם, צום שפּירעוודיקן אויער. ער וועט זיך שוין אַליין דערטראַכטן, דער לייענער, צום מיין.

און מיינען מיינט ער אַ סך, אײַזנמאַן:

„אויפֿן דאַך האָט אַ קאַץ זיך יאָמערלעך צעשריִען. און די טויבן, ערגעץ דאָרטן פֿליִען אַלץ און פֿליִען. און טויבן ערגעץ דאָרטן ווילן זיך נישט שיידן. זיי קאָנען נאָך, חלילה, מיטן ברויעלע זיך מיידן" (דאָרט, ז' 26).

און נאָך אַ דוגמא מיט אַ מיין:

„כ'קאָן ווערן אַ מצבֿה אויף עמעצנס קבֿר. אַלטע פֿרויען זאָלן איבער מיר ברעכן די הענט, טוליען די גרויע קעפּ צו מײַן קאַלטער, האַרטער הויט און די טרערן זאָלן זיך גליטשן איבער דעם אויסגעקריצטן

„פּה נטמן". אָדער מאַכן פון מיר אַ פונדאַמענט פון אַ הויז מיט ליכטיקע טירן, מיט קלאָרע שויבן, און יונגע מאַמעס זאָלן קליינע קינדער וויגן" (דאָרט, ז' 27).

דאָס איז אַ טיף פּערזענלעך שרײַבן אויף אויטאָביאָגראַפישע יסודות, אויף וועלכע צ. אײַזנמאַן בויט — לויט ט. ס. עליאָטס זאָג: מענטשלעכע לײַדן און שעפערישער גײַסט — זײַן קינסטלערישן בנין.

אויטענטישקייט, טראַומאַטישע געשעענישן זענען גוטער שטאָף אויף אָריגינעלע קונסטווערק נאָר אַ דאַנק דעם שעפערישן גײַסט. אָן דעם יצירה־כּוח מעגן די יסורים זײַן עכט מענטשלעך, אַליין איבער־געלעבטע, בלײַבט דאָס דערציילטע, געמאָלטע (אַזוי אויך אין פילם, טעאַטער) אין די ענגע, טראַומאַטישע ראַמען פון יחידישן (אָפּט אַלבאַ־מישן) כאַראַקטער.

אַ דיכטער־דערציילער גייט אַליין. עס רעדט זיך אַזוי „אַליין". דאָס איז די קאָלעקטיווע אַליינקייט פון אַן אומה. אַרויסגעריסן פון אײַנגעזעסענע לעבנס־פאָרמען און אַרײַנגעפּלאָנטערט זיך „צווישן גרע־נעצן" פון טויט און לעבן, קיום און פאַרלענד.

*

איך קוק אויף דער הילע פון בוך: שוואַרץ־ווײַס. אַ מענטש מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס. דאָס ייִדישע פּעקל. דאָס פּעקל, דער רוקן — אין דער טונקלעניש. דאָס פּנים — צום ליכט.

אַ הילע פון אַ בוך און זי רעדט, דערציילט שווײַגנדיק.

מען דאַרף האָבן כּוח אַזוי צו שווײַגן. דאָס איז אײַזנמאַן. טוישט אויס די „מ" אויף אַ „ב" און מיר האָבן דעם נאָמען פון צ. אײַזנמאַנס ערשטן בוך: „די אײַזנבאַן". אײַזנמאַן מיט זײַן מינאָרן טאָן, מיט זײַן יחידישן גאַנג. אים באַגלייט אַ ליכטיקע טרויעריקייט פון סיבירער שנייסטעפּ, די בידעריקייט און עלנט פון די פּויערישע כאַטעס, שיִער נישט ייִדישער גורל. אַ וואַרשעווער ייִנגל, אַ פּליט מיט הימבעקשאַפט, היימוויי. אַ בלאָנדזשענדיק ייִנגל — אַ קינד פון אַ בלאָנדזשענדיקן דור אויפן רויִנירטן פעלד פון לעבן. אַ דור, וואָס זוכט זײַן פאַרלאָרענעם גאָט. זוכט זיך אַליין און ווייסט, אַז דער גאַנג צו זיך און צו גאָט איז אָנסופיק.

און ווידער: עס איז אַ גאַנג צווישן גרענעצן פון עבר, הווה. און

אײַזנמאַן „גנבעט" די גרענעץ אויף צוריק מיט אַ רעפלעקס, אַ זעונג. „אַ פעלדבלימל" פירט אים אַריבער אַהיים, צו דער מאַמען: „אַ מאָל האָט ער בײַ חנהס בעט אויפן שענקעלע געזען אין אַ בלעכל עטלעכע געלע פעלדבלימלעך. די בלימלעך האָבן שוין געהאַט אויסגעהויכט ס'לעצטע ביסל חיות. זיי זענען געהאָנגען מיט די קעפּלעך אַרונטער צום דיל. אויך דאָס האָט אים דערמאָנט זײַן היים. ער האָט עס אַפילו דערציילט חנהן. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ ביסל לענגער ווי שטענדיק און געשוויגן" (דאָרט, ז' 131).

קורצע שורות, האָבן מיר געזאָגט. אָבער די קורצע שורות, וואָס לייענען זיך ווי פּיוט, ווערן באַוווּיגן פון אינערלעכן אומרו און ס'פּליסט אַ וואַרעמער דערציילשטראָם הינטערן דינעם היַיטל פון קפּדניש, סטאַטיש, לאַגישן סטיל.

אמת, אָפט שפּילט זיך אײַזנמאַן צו לאַנג מיט דער קורצקייט, וואָס האָט אַ ברירה אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ צאַצקען זיך, ווי פּאָזירן. אָבער — דאָס איז זײַן שרײַבערישע תּמימות. עס איז אינעווייניקסטע געטרײַשאַפט צו זיך, צו זײַן נוסח, צו זײַן אייגענעם וואָרטאויסמעסט. הינטער דער אויסגעפּוצטער, מוזיקאַלישער שפּראַך קלאַפּט אַן אידל האַרץ, וואָס דערשטיקט אין זיך יעדן געשריי פון ווייטיק און איינזאַמקייט.

משה גורין

לידער פון ווילקלאַנג. מוזיק. ריטעם. האַרציקער באַדויער און שײַנענדיקער טרויער. אַוודאי איז דאָס פּאָעזיע. די דאָזיקע פּאָעזיע האָט פּאַרן צווייטן וועלטקריג דאָמינירט אין די שאַפונגען פון אַ גאַנצער ריי דיכטערס פון בכבודיקער מדרגה. זי איז אויך געווען מהגאהדיקער לייענשטאָף פאַר ברייטע שיכטן פּאָעזיע־זוכערס און געניסערס.

דער דעמאָלט יונגינקער מ. גורין האָט געהערט צו אַ דיכטער־גרופּע „יונגוואַלד״ — אַ נאָכוווּקס פון דער צו יענער צײַט באַרימטער „יונג־ווילנע״.

דאָס אַליין איז שוין יִחוס־עצמי.

נאָך דעם — איינער פון דער גרופּע „יונג־ישראל״, און ווי ס׳רוב פון זיי — אַן אַליינגייער. פאַרעפנטלעכט לידער און פּאָעמעס אין „די גאָלדענע קייט״ און אין בוכפאָרעם. איז דאָס, דאַכט מיר, אויך די בעסטע פּאָעטישע לעגיטימאַציע.

דאָ — זאָגט ערגעץ מ. גורין — איז ער:

אַן אינדזל וואָס האָט ווידער זיך צעבליט

און:

אָט איז מײַן נײַ געצעלט, מײַן פענצטער אויפגעפּראַלט,
זון פון אַלע זײַטן
...יום־טובדיק צעשטראַלט
די הימלען רײַטן

און אונטער די הימלען?

די וועגן פון לעבן זענען פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט. מען פאָרט גיכער און מען קומט פּאַמעלעכער (דער היפּוך פון שפּריכוואָרט: „פּאַמעלעכער פאָרסטו — ווײַטער קומסטו״) די מאָטאָריזאַציע, די רעדער פאַרשלינגען צוזאַמען מיטן שטח — אויך די צײַט. און נישטאָ, זאָגט מען, קיין „קאָמוניקאַציע״.

מען לעבט מיט אַ שוואַכקייט צו שטאַרקן זיך: גובר זײַן דעם פּחד, דעם תּיסכול, די שפּאַנונג, נערוועזיטעט. אונדזערע נשמות זענען סייס־מאָגראַפן. כאַפּן אויף די מינדסטע לופט־וויבראַציע. דערשפּירן דעם רעשיקן לויף פון געשעענישן איידער זייער געשען: דעם אמת (אָדער ליגן) אונטער דער אייבערפלאַך פון זאַכן. עפּעס האָט מען פאַרלוירן. עפּעס וויל מען אָפּגעפינען און מען פאַרלירט זיך אין אָט דער זוכעניש.

די קונסט דאַרף זײַן דאָס ווײַט־נאָענטע ליכטל פאַרן בלאָנדזשענדיקן אין דער הייל פון לעבן. ווי אַ ים־טויכער דאַרף זי זיך דערגרונטעווען צו די אינעווייניקסטע פּראָצעסן פון הינטער די לעבנס־קוואַליעס פון אונדזער זײַן.

דאָס וואָרט — בשמחהדיק, עכט, באַפליגלט: אויסגעבריט אין פײַער פון ליבע און יסורים — דאַרף אָנצינדן דעם עוקץ פאַראַנענעם גלויבן אין מענטש.

אַוודאי ווייסט, שפּירט דאָס דער דיכטער. אלא מה? ער האָט דערויף זײַן אייגענע ווערסיפיקאַציע. נישט אויפברויז, נישט רעוואָלטירנ־דיקע פאַרביטערונג. אים איז פרעמד דאָס הויכע קול. מ. גורין איז נישט דער דיכטער פון שטאַרקע אַקאָרדן. ער ווייסט עס. ער איז געטרײַ צו זיך און צו זײַנע דיכטערישע מעגלעכקייטן. און דאָס איז אַ גרויסע מעלה: נישט רעדן מיט אַ פרעמד קול. עס איז נישט אין זײַן כאַראַקטער, נישט אין זײַן נאַטור. איז ער דערפאַר באַטירלעך, עכט, ערלעך אין זײַן פעלד. אַ קלײנער גוטבאַזיצער — היט ער זײַנע עטלעכע מאָרגן פעלד.

ווייניק, אָבער אייגנס.

דאָך. פּאָרט. ער איז דאָך אַ פּאָעט אין אַ תּקופה פון מלחמות: חורבן נישט נאָר פון היימען, הײַזער, לענדער, נײַערט אויך פון אידעען, „אָנשויונגען", „איזמען". לעבט אין ישראל אין אַ צײַטאָפּשניט פון פער־מאַנענטן באַוואָפנטן קאָנפליקט, שוידערײַען און סכנה פון טאָטאַלער פאַרניכטונג — טוט ער זיך אָן אַ כּוח, דער סענסיבילער פּאָעט און הייבט אויף זײַן שטים מיט אַ... געבעט —

פאַרמיש יעדן פלעק, יעדן חיהשן שפּור,
ווי דער רעגן פאַרשווענקט דאָס געקריץ פון אַ פור.
...פאַרוויש דײַנע פאַרבן, פאַרוויש יעדן פלעק.

אָדער:

ברענג מיר, ווינט, אַ הייפּעלע אַש
און שיט עס אַריין אין מיין עסן.
איך זאָל נישט קיין מאָל חלילה־וחס,
אין זאַטקייט די טויטע פאַרגעסן.

אַז מ. גורין רעדט פון בלוט פון „חיהשן שפּור״, טוט ער עס מיט מאַזאָכיסטישן וויסן און געוויסן: נעמט נקמה אין זיך אַליין, אין זיין „עסן״, אין זיין מכלומרשטער „זאַטקייט״.

מ. גורין פאַרזיסט זיך די יסורים (עלעהיי אַ קינד, וואָס וויינט און מען נעמט עס איין מיט אַ... צוקערל), טרייסט זיך מיטן פאַראַנענעם, מיטן יש.

אויב ס׳לאַנד איז מיר טייער ווי דאָס אויג —
ביסט דו, כּנרת, מיין שוואַרצאַפּל.
איך ווער געשטאַרקט פון דיין גראַניטענעם געבויג,
פאַרחידושט פון דיין פריידיקן געצאַפּל.

און:

נאָכגיין בלויע טייכן, נאָכגיין, נאָכגיין.
בלויע פייגל זוכן אין די ביכער זייער פלי.
שלייף מיר צו די אויגן. כ׳וויל זען די וועלט
צעבליט אין בלויען אינדערפרי.

*

איך בין נאָכגעגאַנגען דעם מחבר אויף קנאַפּע צוויי הונדערט זייטן שירה פון ביידע לידערביכער: „די גרינע בריק״ און „מיט זיבן אויגן״ און געפונען אויפריכטיקן פּאָעטישן ציטער. זיינע קליינע לידער, די קורצע שורות זענען אויסדרוק פון איינגעהאַלטענעם געצאַמטן ווייטיק, פאַרדראָס.

זיין געדולדיקייט ביים קאָנסטרויִרן דאָס ליד, די סבלנות און סובל־נות — זענען גוטע רעקאָמפּענסאַציע צום פעלן פון קעמפערישן אָפּטי־מיזם און עזות־רוח.

מ. גורינס בלאָנדזשענדיקע אומבאַהאָלפנקייט (אַ בלאָנדזשען פאַר

אַלעמענס אויגן) איז דערפאַר סימפּאַטיש: זאָגט עדות אויף זײַן אייגע־נער וועלט — אַ ביסל אַ שפּילעוודיקע, אָבער נישט אָן קליינע דאַזעס לײַדן און טראַגיק.

די נאַטור פון זײַן ליד, וואָס רײַסט זיך פון גרענעצלאָזער ענגשאַפט, איז ווי די נאַטור פון מ. גורינס דיכטער־פּערזענלעכקייט: אַ רויִקע, אַ מיושבדיקע, צערפּולע. גורין איז אַ דיכטער מיט אַ ליריש־יחידישן טאָן. דער וועג צו קינסטלעריש־אינדיווידועלן אויסדרוק פירט דאָך דורך פּרט, דורכן אָפּגעטיילטן.

אין רוב לידער פון בוך „מיט זיבן אויגן" שלאָגט גורין אָן אַ מער זיכערן, העכערן טאָן. אין „תל־אביב", „צווילינגשטאָט", „אונ־טערוועגס" אַסאָצייִרט זיך דאָס היגע, הײַנטיקע, מיטן נעכטן און אור־נעכטן: איז מחיה די אַלטע, פּסיכיש־גײַסטיקע לאַנדשאַפט מיט נײַעם בילד, עמאָציע.

די דאַזיקע לידער זענען אָן ערובֿה, אַז סײַ דער מאָדערניזים, סײַ גוטער אײַנפלוס האָט זיך געקויפט „ישיבֿה־טובֿה" אין זײַן פרײַען פערז, ריטעם: אַז דער געשטאַרקטער, לענגערער אָטעם אין ליד פירט, דורך אייגענעם גאַנג און גרוזנג, צו די קוואַלן פון פּאָעטישער קלאָרקייט.

מ. גורין הערט זיך פולקומער, רײַפער. זײַן באַהאַוונטקייט, מקורבֿ־דיקייט צו די מקורות פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן — ווערן דיס־קאַנטירט אויף אײַנדרוקספולן, קינסטלערישן אויסדרוק.

זײַנע שורשדיקע ידיעות און יסודותדיק וויסן (וואָס איז נישט איין מאָל אַ שטער און מאַכט „וויסנשאַפטלעך" דאָס ליד) איז בײַ מ. גורין דער „שטיין" הינטער זײַן צוקאָפּנס: מלאכים, שײַנגײַסטערס, עולים און יורדים אין זײַן וואַכנדיקן חלום, אָדער: חלומדיקן וואַכזײַן און גע־שטאַלטיקן זײַן פּאָעטישע וואָרהאַפטיקייט.

רחל פישמאַן

מאָדערנע דיכטונג. מ׳קאָן פון דעם באַגריף מאַכן צוויי: מאָדערנע און — דיכטונג. מאָדערנע — אַ צייַטבאַגריף. דיכטונג — אַ באַדינג. קומט דער מאָדערניזם „במקום״ — איז עס אַ פּלאַטערן פון ווערטער אין אַ בלייכן, לײדיקן חלל. ווערטער — געגלייַטערט וואַסער אָן מיקראָ־בן, אָן שפּייַז, אָן לעבן. ס׳איז אָרנאַמענטיק אויף די בדידות־ווענטלעך פון דער מענטשלעכער נשמה. נישט קיין חלומות, התפּעלות, ווייטיק: נישט קיין עמאָציע, נייַערט אָן אינטעלעקטועל שפּילן זיך. אַ סטראַיען אויסגעמוטשטע ווערטער אָן תּוכנדיקן צוזאַמענהאַנג. ס׳זענען ליידיקע שטע־רן, גלאַנציקע, אויף אַ טויטן הימל.

איז דער מאָדערניזם אַ תּוכנדיקער, אַ מהותדיקער — ווערט ער קינסטלערישע רעאַליטעט: געמיט־צושטאַנד, אַטמאָספער, שטימונג. ער אָטעמט מיט אמתער פרייד, מיט טרויער, אמונה, כּפירה.

די ליד־פּעריפעריע, דער חלל ווו ס׳ייִדישע ליד באַוועגט זיך, איז ערדיש (אין פּאָזיטיוון זין פון וואָרט). מעגן רחל פישמאַנס לידער אויסערלעך געהאַלטן ווערן אין פאָרעם — פּאָרמעל — אין מאָדערנעם, אַזוי גערופענעם סטאַקאַטאָ־טאָן, זענען זיי אינערלעך מלא ייִדישער תּוכן און טעם. דאָס איז זייער מעלה. דאָס איז זייער אַנדערשקייט. ס׳זענען לידער מיט אָן אייגענער קינסטלערישער רעאַליטעט. אויס־געפוצטער, פייַנשמעקערישער, אָבער ריכטיקער צער. געפּערלטע טרער. געשליפענער ווייטיק.

איר מאָדערניזם ציט יניקה פון אומאויסשעפּלעכן קוואַל ייִדיש לעבן — אין אַלע דימענסיעס — פון וואַנען ס׳האָבן געשעפּט און שעפּן די בעסטע פּאָעטן פון טראַדיציאָנעלן ייִדישן ליד.

ערדיש — האָבן מיר געזאָגט. אמת, דער באָדן ווערט שמעלער, ענגער, פּאָרצימצומטער. אָבער יאָרן, צייַט — זענען אויך שטח. דער ייִדישער קיום איז, בכן, אַלצייַטיק, אַלוועלטלעך.

אונדזער פּאָעזיע — טיילוויַיז אויך די פּראָזע — איז אַן איבער־געקערטער בוים: ער וואָרצלט אין הימל און בליט — אין דער טיף.

לופט מיט וואַסער־בלעזלעך
פּערלען זיך
אַרויף און אַוועק
צום אויסגעבענקטן אַרום...

(„ווילדע ציג — עזה פּזיזה", קרית ספר, ירושלים 1976, ז' 22)

אַוודאי זעט רחל פישמאַן וואָס אין דעם קרוג טוט זיך, שפּיגלט זיך אָפּ. איר „אויער־אַנטענע" כאַפּט אויף לופט־וויבראַציעס. הערט (און זעט) אויך דאָס נישט משמחדיקע:

היט זיך פאַר די טעג ווען אַלץ טוט פאַלן:
אַ בליק, אַ טרער
און מער.

(דאָרט, ז' 32)

טראָץ דעם זעען אירע אויגן „אָפּטימיסטיש" — זאָגט זי מיט אַן איראָניש שמייכעלע:

וואָלט איך געקענט
כאָטש איין מאָל
אָן מורא צום גרונט
צוטוליען זיך...

(דאָרט, ז' 34)

ווילט זיך פרעגן, צו וועלכן גרונט? פון שקר? (כאָטש שקר האָט קיין גרונט נישט) צי צום אמת, וואָס עקסיסטירט בזכות־עצמו און איז נישט נגלה? —

צווישן ביידע — שקר און אמת — בלאָנדזשעט דער דיכטער־מענטש מיטן „אַקטיוון" אויער, מיט זיַינע סתירות און ווידעראַנאַנדן: בלאָנדזשעט, יאָגט זיך נאָכן וואָרט — זיַין אויסלייזער. די קונסט איז אַ קיַיקלען אַ שווערן שטיין באַרג־אַרויף, וואָס קיַיקלט זיך, נישט איין מאָל, צוריק. ס'איז אַ פּערמאַנענט גיין, אָדער מיינען, אַז מען גייט באַרג־

אַרויף, בעת אין דער אמתן פאַלט מען אַ מידער אין וועג. אַנדערע קומען, כאַפּן אונטער דעם זיך קײַקלענדיקן שטיין. הייבן אָן דאָרט, ווו דו האָסט אויפגעהערט. —

אפשר דערפאַר איז דער קינסטלער תּמיד אָן אומצופרידענער. נאָכן אָנשרײַבן אַ ליד, אַ דערציילונג, נאָכן סיום פון אַ בוך — שטייט ער ווידער פול מיט בענשקאַפט, ווי אָדם נאָכן אויסשנײַדן חוהן פון זײַן ריפּ. — ער שטייט ווידער פאַר אַ נײַעם אָנהייב: בראשית. — אומרו, התפעלות. מעטאַפיזישער ציטער.

ערגעץ זאָגט געטע:

„דאָס גוטע וואָס אין קינסטלער איז שווער אַרויסצוברענגען. דאָס וואָס מען ברענגט אַרויס — איז נישט ווערט די מי".

פון דעסטוועגן ציט דעם דיכטער צום וואָרט, ווי ס'נאָדעלע צום מאַגנעט:

הײַנט
בעסער בלײַבן אין בעט
און די מעגלעכקייטן
שיילן, ווי ערדבניסלעך.
דעם שאָלעכץ אויפן דיל
יאָ און ניין
אַליין.

(דאָרט, ז' 46)

עס איז נישט קיין וואָרטשפּיל. זיבן שורהלעך. צוויי שורות — צו איינציקע ווערטער — שפּילן אויס אַזוי פיל שטימונג. ס'איז אַ בכיוונדיק ווייניק רעדן, כדי — אַ סך צו זאָגן. זי איז אַזוי קאַרג אויפן וואָרט, אַזוי פאַרצימצומט, אַז ס'דערגייט אַזש צו אַ ווײַסער ליידיקייט אַרום שוואַרצע איינציקע, ווייניקע ווערטער־שורות, ווי איינער רעדט: „צו וואָס אַ סך ברײַען, עס'ט מיר סײַ ווי נישט גלייבן".

אַ ווייטיק, אַ צער כאַפּט דיך אַרום נאָכן אויסשטומען צוזאַמען מיט דער דיכטערין די עטלעכע שורהלעך. אַ ווייטיק און אַ צער אויף דער איינזאַמקייט, אויף דער סקעפּטישקייט, אויף דער איראָניע פון דער פאַרהעלטענישמעסיקער יונגער ייִדישער פּאָעטין. אַ פּאָעטין, וואָס

שעפּט נישט אירע שטימונגען אין דער גרויסער, רוישיקער, רעשיקער שטאָט פול מיט לײדיקייט, אויפגעריסענעם לוקסוס און קולטיווירטע נאַכלעסיקייט. זי שטייט דאָך מיט בײדע פיס אויף דער ערד. אויף גוטער מאַמע־ערד פון בית־אַלפא.

ס׳פּאַרדריסט.

ווערסט אָבער באַלד אויפגעמונטערט פון אַזעלכע שורות:

איין ניכטערער בליק
פון מײַנע אַרבעטסשיך —
(זײ וואַרטן
אין דער פרי
בײַ דער טיר. —)
און עס ווערט פון יאָ ניין,
פון ניין יאָ
און פון דיר, טיגערל —
אַ תל.

(דאָרט, ז׳ 58)

ווי אַ יונג, פריש ווינטל וואָלט אויף דיר אַ יאָג געטאָן. אַ פעלד־ווינטל. יאָ, אַרבעט ניכטערט אויס. מאַכט פאַרגעסן אין שלעכטן, אומשיינעם, אוממענטשלעכן, וואָס נעסטעט אין מענטש און — אַרום אים.

אין די שיך ווען באַלד אַרײַן פיס. פיס אויף אַ פעלד. זריעה. בלומען. ברויט. אפשר אויך אַ זמרל בשעת דער אַרבעט אויפן פעלד. און ס׳ווילט זיך פאַרט און ווידער זײַן און ס׳ווילט זיך לעבן.

„די וועלט איז אַ גרינע לאָנקע" — זאָגט די דיכטערין און: — „אַ פּאַרשיווע וועלט". אין אָט דער שמעקעדיקער, פּאַרשיווער וועלט „מוז מען עסן ברויט מיט פּוטער" — זאָגט זי ווײַטער — און מען „מוז שרײַבן לידער".

נו, אַז מען מוז — מוז מען.

צום סוף — אַ ביסעלע זכרונות.

מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק האָבן מיר (איך בתוכם) געפײַערט אין קיבוץ יגור דעם ערשטן צוזאַמענקום פון „יונג־ישראל", ווו רחל

פישמאַן איז געװען — און איז — פון אונדז אַלע די ייִנגסטע. געקומען איז זי אַהער פון „גאָלדענעם גלות" — אַמעריקע — מיט אַ שײנעם, זינגענדיקן, קלינגעװדיקן ייִדיש.

דער דיכטער אַברהם סוצקעװער האָט דערלאַנגט „אַ בוקעט בלו־מען" פון צען יונגע, ייִדישע שרײַבערס* דעם קאָריפײ פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, דעם דעמאָלט אַכציק־יאָריקן דוד פּינסקי, אַ מתּנה צו זײַן עולה־זײַן קיין ישׂראל.

אַצינד, װען יעדער אײנער פון די צען איז אַלײן „אַ בוקעט בלומען", איז מיר אַ גרױסער פאַרגעניגן מיטצופרײען זיך, מיטיום־טובֿן מיט רחל פישמאַן צום דערשײנען פון דעם סובטעלן ביכעלע לידער אירס — „װילדע ציג".

---

* אַװדאי שױן ערגעץ װו דערמאָנט.

שפרה ווערבערס ווונד אין בלי

זאָגט מען צײַטדיכטונג, איז עס נישט תּמיד מינימיזירטע מיינונג וועגן אַ שאַפונג. וואָרעם אַ פּאָעט, וואָס דריקט אויס די צײַט און צײַט־שטימונג דורך זיך אַליין — מיינט: לירישער אויסדרוק.

געשעט דען נישט דאָס זעלבע מיטן ליריקער, וואָס שרײַבט כּלומרשט פאַר זיך אַליין, אָדער פאַר אויסדערוויילטע יחידים, און אין דער אמתן האָט ער אין זינען וואָס מער יחידים — דעם רבים?

מיינט ער דען נישט דאָס רוי־מאַטעריאַל פון צײַטמאָטיוו, וואָס דאַרף אין זײַן איך־אינקובאַטאָר זיך אויספּאַרעמען און אויספּאַרטיקן פאַר די אילוזאָרישע יחידים, וויל פון זיי געלייענט, פאַרשטאַנען ווערן און זײַן זייער פאַר־און וואָר־זינגער?

טראַכטן מיר אַזוי בעתן לייענען אַ בוך נאָוועלן צי לידער, פאַלן אָפּ אַלע דעפיניציעס וואָס זענען, אַגב, קיין מאָל נישט דעפינירט געוואָרן.

דעריבער, דער ערשטער (און לעצטער) באַדינג איז — קונסט. אמתע קונסט, כּלליש צי אינדיווידועל (ווו ענדיקט זיך דאָס ערשטע און ווו הייבט זיך אָן ס׳צווייטע?) איז יחידישער אויסדרוק. אומקונסט — מעג זי זײַן נאַציאָנאַל, אוניווערסאַל, פאַרנעפּלט צי קלאָר — לאָזט קאַלט סײַ דעם יחיד, סײַ דעם רבים. דינט נישט בײדע.

איך לייען דאָס בוך לידער פון שפרה ווערבער „ווונד אין בלי" (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א תשכ"ט). זוך די פּאָסיקע דעפיניציע, צו וועלכן סאָרט פּאָעזיע געהערן ס׳רוב פון אירע קליינע־גרויסע לידער. זוך מקרובֿדיקייט, טעמאַטיש און אַטעמאַטיש, און געפין אויס, אַז די פּאָעטין שפרה איז ענלעך צו... זיך אַליין. פון אַלע קולות און שטימען הערט זיך איר אייגענע שטים.

פון דעסטוועגן בעט זיך אָן אַנאַלאָגיע — נעלי זאַקס. אמת, נישט אין אַלע אויסמעסטונגען (אַזאַ פאַרגלײַך איז סײַ נישט מעגלעך, סײַ נישט געוווּנטשן), אָבער עפּעס פון נעלי זאַקס׳ ווײ־און ווונד־קול הערט זיך דאָך. בײדע שעפּן זיי פון זעלבן קוואַל. בײדע — פרויען, מאַמעס.

ייִדישע מאַמעס. נשמות — שוואַמען אָנגעזאַפּטע מיט טרערן, צער — ייִדיש־מענטשלעכער, קאָסמיש־ערדישער.

ביידע אין בראַנדיקע רייפן פון שוידערלעכע נעכטנס, וואָס פרעסן און צעפרעסן דעם היַינט. אָט די ברענענדיקע ענגשאַפט און בענקשאַפט האָט אויסגעברייטערט זייערע הערצער, די גלויביקע.

אלא־מאי? בעלי זאָקס דערגרייכט צו קינסטלערישע הייכן מיט דער קרעפטיקייט און פשטות פון וואָרט, אויסגעטאָן פון עפעקט, בילד, מעטאַפאָר: דאָס נאַקעטע וואָרט, וואָס קומט פון יסורים־תהום, און שטײַגט, אין זכות פון רעליגיעזן ציטער און אַהבת־אדם, צו די מרומים און אין די טיפענישן פון האַרץ. ווײַל דאָס איז ס׳פײַערדיקע וואָרט אויף די ליפּן פון אַ נישט־דערברענטן גוף, — אַ נשמה אויף צוויי פיס. שפּרה ווערבערס ווערטער ווידער זענען בילדער. בילדער, וואָס גרוילן אויף מיט זייער שוידערלעכער שײַנקייט. ווערטער — וויזיעס. טיפער טרויער. געצאַמטע שטילקייט, וואָס רײַסט אויף פון אינעווייניק. נישט אַזוי דאָס וואָרט, ווי די לופט־וויבראַציע, דער פלאַטער פון ערב־וואָרט, די מאַמע פון ערשטער שורה, וואָס ווערט דערנאָך — ליד. אָט וואָס עס ווירקט אויפן געמיט פון לייענער.

שוין יאָרן, ווי דאָס בלוט
אין מײַנע ווונדן ברענט,
און די ערד,
וואָס מיליאָנען גופים האָט פאַרצערט,
זי וויל מײַן בלאָנקענדיקן גוף
נישט אויפמאַכן אַ שפּאַרע פון איר גבול —

(דאָרט, ז׳ 14)

אָדער:

פלוצעם אָנטזיגלט זכרון אַ שקיעה
צעבלוטיקט פון שטעכלשע דראָטן.
זי צונטערט אַריבער געבויגענע גופים —
בײַם גראָבן די קברים
פון אייגענעם שאָטן.

(דאָרט, ז׳ 17)

ובכן, צוויי באַזונדערע, אַנדערשדיקע וועגן, צוויי שטראָמען — פון איין קוואַל. זיי פאַראייניקט די באַזונדערקייט, די אייגנקייט פון גאַנג (און צוגאַנג), וואָס אין תוך גענומען ציִען זיי צו איין פּונקט — דעם מענטשן, זײַן וועלט, די געלאָדענע מיט ווי און ווונדער, וואָס איז אויך די וועלט פון די פּאָעטינס.

אויב שוין באַנוצן זיך מיט פאַרגלײַכן: בעלי זאַקס וויל היילן די ווונד כירורגיש — מיט שניט פון ברענענדיקן וואָרטמעסער, בעת שפרה ווערבער „לייגט צו" אַ שמירעכץ, אַ מין קרייטעכצער, אַ באַלזאַם.

די זון האָט שוין געגליט
אויף בערגלעך אַש,
און איך האָב אינעם ווינט
צו זיי געקניט.

און אין אויגן מײַנע
הודיען זיך נאָך הענט,
הענט, וואָס שטרעקן זיך
פון ברענענדיקע ווענט.

(דאָרט, ז' 7)

אין אָט דעם אַכט־שורהדיקן ליד („25 יאָר") אין אָנהייב פון בוך זעסטו גלײַך פון וואַנען די דיכטערין קומט, וווהין זי גייט און — דעם וויאַזוי פון איר גאַנג. לייענען מיר די לידער „נאַרציזן", „שכר", „קלאַ־ווישן" באַשטעטיקט זיך איר דורכויס אינדיווידועלער צוגאַנג צו דער טעמאַטיק: די חורבן־טעמאַטיק, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל געמאַכט דעם פּאָעט כחומר ביד היוצר.

שפרה ווערבער איז נישט געשטרויכלט געוואָרן. זי איז בײַגעקומען דעם נסיון מיט אירע אייגענע פּאָעטישע כוחות. אײַנפלוס? זיכער, ספּעציעל אין די לידער: „שכר", „קלאַווישן". עפּעס פון סוצקעווערס קאָליריקער מוזיקאַלישקייט, וואָרטקאָרגשאַפט, רעגן־בויגנדיקע אַנגע־לאָדנקייט — פילט מען דאָך. אָבער, ס'איז גוטער, ברכהדיקער אײַנפלוס, אַפילו ווען אין אייניקע לידער איז עס בלויז וואָרטעפעקט. עס איז אַזוי פאַרוועבט און פאַרוואַרבערט מיט אייגענער פּרעציזיע, באַזונדערן קלאַנג

און קאָלאָריט, אַז דאָס פרעמדע חנדל ווערט אַן אייגנטום: אַ פּאָעטיש חן־פּעפּערל. אַן אַראָמאַט, עלעהיי אַ ריח פון פאַרגאָסענע טראָפּנס ווײַן בעתן איבערגיסן דעם שמעקעדיקן געטראַנק פון איין כּלי אין דער אַנדערער.

*

מיטן געבוירן ווערן טראָגט דער קינסטלער אין זיך, מיט זיך, די וועלט אין וועלכער ער לעבט, אַנטוויקלט זיך גײַסטיק און פיזיש און דערלערנט זי שפּעטער על־פּי נסיון. דער קינסטלער־פּענאָמען אַנט דעם מענטש, זײַן צער, יִיאוש, יצר, פריידן און זײַן התפּעלות נאָך איידער ער קומט מיט אים אין באַריר. אַזוי אַרום באַקומט די רעאַליטעט קינסטלע־רישן תּיקון. דאַקעגן איבערגעבן די רעאַליטעט אַזוי ווי זי איז (אַפילו געזען מיט קינסטלערישע אויגן) — איז קאָפּיע, באַשרײַבונג. וואָס מער ראַיעלער — אַלץ מער קינסטלעריש געפעלשט. ראַיעלער ליגן — איז דער אמת פון קונסט. דערפאַר גלייבן מיר דער פּאָעטין ווען זי זאָגט, אַז גראָד אין חמסין־טאָג האָט זי געזען — שניי.

...אויפן שניי,
שאָטנס צוויי.
...עס אָטעמען די רגעס —

(דאָרט, ז׳ 15)

גראָד אין הייסן חמסין־טאָג, ווען שווער איז דאָס אָטעמען בכלל, הערט זי „געשריי / פאַרשיט דער שניי" און „אַ קויל אין בליציקן געשווינד".

קאָנטראַסט אין קלאַנג, קאָליר, שטימונג, אַסאָציאַציע. רעפלעקסיוו שפּירסטו אַן אַנדערע וועלט, אַן אַנדערע ווירקלעכקייט מיט אַ געשען, וואָס באַוועגט זיך לויט אַנדערע, אייגענע געזעצן: אינערלעכע געזעצן פון אַ קונסטקאָנטעקסט מיט סדר, מאָס און וואָג. הינטער (אָדער אין צענטער) פון דעם לכאורה אומסדרדיקן איבערגעבן אַ רעאַליטעט, שטייט דער מענטש, די פּאָעטין. איר ליד איז קינסטלערישער אויסדרוק פון אַט דער וועלט פון ווידעראַנאַנדן, וואָס דאַרף זײַן דער אמת פון לעבן.

אַזוי אַ שטייט זי פאַר אונדז די פרוי־מאַמע: אַ טרויעריקע, אַ שטאָלצע

אין איר געבראָכנקייט. קלאָגט אויפן אומקום פון איר קינד, אירע־אונדזערע קינדער.

דינער איכישער טרויער, וואָס הייבט זיך אויף „פאַרוויגט אין בלוי" מיטן כוח פון פּאָעטיש באַפליגלטן וואָרט, אַ וואָרט וואָס וועט פלאַטערן לאַנג, לאַנג נאָך אונדזער ערדישן זײַן און בלײַבן דאָיִק פון בײדע זײַטן עקסיסטענץ.

הדסה רובין

כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך לידער, ווי מען נעמט אָפּוויקלען קאָליריקע פּאַפּירלעך פון אַ צוקערל און געוויקלט האָב איך, אייגנטלעך, שאָלעכץ פון אַ ציבעלע — געבליבן ביַי אַ טרער...

אַ טרער איז דער ביטער־זיסלעכער טעם פון הדסה רובינס ליד. שוין דאָס ערשטע ליד אויף דער ערשטער זיַיט, וואָס עפנט דאָס בוך („אין צוגווינט״, לידער, ישראל־בוך, ת״א 1981) איז דער בעסטער עדות דערויף:

אין זכות פונעם פונק,
וואָס טליעט, ווען שטערן
פון חושך דערשראָקענע לעשן זיך אויס. —

(דאָרט, ז׳ 7)

„דאָס לעבן האָט נישט ליב מ׳זאָל זיך אינעם צו פיל איַינקוקן״ — זאָגט ערגעץ אַ העלדין אין אַ ראָמאַן פון פויליש־ענגלישן שריַיבער דזשאָזעף קאָנראַד.

קאָן דען אַזאַ אידעלע דיכטערין ווי הדסה רובין, וואָס טרעפט „קוים צום אייגענעם גוף״ און טרעפט „נישט צו אייגענער טרער״ — אַזאַ לוקסוס זיך פאַרגינען? — אַ דין־דינער, זוניקער שלייער איבער אַ פאַרוואָלקנטן הימל איז איר ליד. „מיט העגט אויסגעשטרעקטע״ זוכט זי עפּעס אַ דאָיִק־נישטאָיִקס. אייגנטלעך — אַ דאָיִקס, אַ פּאַראַניקס זוכט די דיכטערין. איר אויג און אויער איז וואַך נישט נאָר צום אייגענעם „גוף״ און אייגענער „טרער״ — אַ מאַמעדיקע, אַ ממשותדיקע — אלא אויך אויפן גורל פון אַ „ווייבלום אין אייביקן בלוי״; אויך „אויף לאָנקעס פון שטעט און פון טעג״ און אויף „יאָרהונדערטער״ וואָס „שיילן דעם הימל״.

איז דאָס שוין אויך אַ ליריש־עפּיש געזאַנג. איז דאָס דער כוח און דער אמת פון ווערטער: פּערזענלעכער אויסדרוק פון אַ קאָלעקטיוון

ווייטיק, פון פרייד, האָפענונג, בטחון, אכזבה: אַ זען די וועלט פון דרויסן מיט אַן אינערלעך־פּאָעטיש אויג. אַ פּאָעטיש האַרץ איז דאָס האַרץ פון דער וועלט וואָס אָטעמט מיט לעבנס פון ערב בן־אָדמס געבוי־רן ביזן סוף פון זײַנע יאָרן.

כאָטש הערסט ניט אין די לידער קיין הויכע, שאַרפע טענער און אפשר מחמת דעם פּילסטו אין פּאָעטישן געפּליסטער, אין אויפציטער פון ערב־וואָרט — דעם גורל פון מענטש, זײַנע פּחדים און צווייפלען, זײַן אומבטחון אין אונדזער מבולבלער צײַט: אַן איצטיקייט, ווו דער יחיד, דער פּרט האָט אויפגעהערט זען זיך, ווי איינער פון אַ סך, אלא, ווי איינער וואָס בויט זיך אַליין בײַ דער זײַט פון אַ סך, פון אַ רבים און אויף זײַן חשבון...

אָט דער פּאָעטיש־מענטשלעכער ווייטיק און צער קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק אין ליד „קינדער מײַנע" אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון די געפאַלענע און פאַרפאַלענע חיילים:

וױ רײַסט מען אײַך אַרויס
פון אָט די שוואַרצע רעמלעך,
פון פלוצעמדיקער, שוואַרצער שטײַג,
יונגע מײַנע,
צוואַנציקיעריקע נעמען,
לעבעדיקע שטיקער פון מײַן לײַב, —

(דאָרט, ז' 45)

✶

איך בלעטער דאָס בוך פון אַריבער הונדערט און צען לידער און ס'איז שווער גובר זײַן דעם רצון פון ציטירן, מחמת דער פּערפעקטקייט פון יעדן ליד באַזונדער און פון דער גאַנצקייט, וואָס נעמט אַרום, ווי אַ תורה־מעגטעלע, די הייליקע ווערטער, אותיות געקריצט מיט דער האַנט אויפן האַרץ.

כ'האָב ניט געלייענט די פריִער דערשינענע לידערביכער פון דער דיכטערין: „מײַן גאַס איז אין פענער", „ווייטיק און פרייד", „טריט אין דער נאַכט", „פון מענטש צו מענטש". איך האָב אָבער יאָ דערשפּירט דעם טעם און ריח, דעם קאָלאָריט און די מוזיק פון דער דיכטערינס

שירה אין די איינציקע און אין די ציקלען לידער אין דער פּרעסע און ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען.

ערשט דאָס דאָזיקע בוך לידער, וואָס איז אוודאי נישט קיין יוצא־מן־הכלל — באַשטעטיקט דעם כּלל. דאָס איז אַ תּפילהדיק געזאַנג. אַזוי ווי יעדער חומר האָט אין זיך אַ ניצוץ רוחניות און אין יעדן חטא איז דאָ אַ יאָדער פון קדושה, מ׳דאַרף נאָר אָפּשיילן די „קליפּה", כּדי צו באַפרייַען דאָס אינעווייניקסטע, ס׳גייַסטיקע — אַזוי איז אין יעדער עכטער שירה פאַראַן תּפילה, רעליגיעזיטעט.

צו די מחשבות האָט מיך געפירט הדסה רובינס ליד „מודה אני":

אין פרימאָרגנדיקער שעה
זענען מיר שענער
— — —
דאָס איז די שעה פון גוטן אויג,
וואָס שענערט אויס, פאַרגלעט אַ פּגם
מיט מילדקייט און רחמנותדיק.
— — —
אין דער פרימאָרגנדיקער שעה
זוך איך אים, מייַן חלק גאָט,
מיט מודה־אני מייַנעם.

(דאָרט, ז׳ 93)

נישטאָ, ווי מיר זעען, בייַ הדסה רובין קיין ווערטער־אילומינאַציע. דאָס זענען פּשוטע ווערטער, וואָס ברענען מיט אַן אייגן ספּאָנטאַן פייַער, וואָס ווערט געלאָשן און געלייַטערט פון קלאָרער מחשבה און פאָעטיש וויסן און ווייל הדסה רובין ווייסט ווו צו שטעלן דאָס וואָרט, ווערן זיי, די ווערטער אין די שורות — אייַנגעפּאַסטע רובינען, רוביניש־געדעמפּטע, צעשטראַלטע.

אָט דעם דיגעם טראַגיזם פון צאַרטער שיינקייט טרעפן מיר אין דער פראַנצייזישער פּאָעזיע פון סוף 17טן ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט. אלא־מאי? אויפן פּאָן פון אונדזער אומרויִק־אכזריותדיקער, דינאַמישער רעאַליטעט — זענען די טענער, די אַקצענטן שטאַרקער, קאָנקרעטער ווי אין די קלאַסישע לידער פון יענער תּקופה. דאָס גלייַכן — די פאָרעם:

בישטאָ דער קלאַסישער, הערמעטישער פערז, דער פיר־און צוויי־שורה־דיקער, אָדער — דער סאָנעט. דאָ דאָמינירט גראָד דער פרייַער, אומגע־גראַמטער פערז; לאַנגע, קורצע און איינוואָרטיקע שורות בכפיפה אחת. זיי ווערן אָבער צונויפגעגאָסן, פאַראייניקט און פאַראייגנט פון אַן אינערלעכן ריטעם:

דאָס איז דער ריטעם און די מוזיק פון דער צייַט.

און ווייַל די צייַט איז אַזוי אומפּאָעטיש (אָפּט — אַנטיפּאָעטיש) איז גוט צום אויער און אויפן געמיט דאָס דממה־דקה־קול, דאָס גלייביק־פאַרליבטע פון דער דיכטערין, אַ פאַרליבטע אין לעבן און אין מענטש און אין זייַן מערכה פאַר קיום.

עס איז שירה און תפילה פון אַ „מן המיצר קראתיך"... דער רוף ווערט דערהערט און עס ווילט זיך מיטגיין מיט דער סובטעלער דיכטער־געשטאַלט — גאַנץ אין איר צעבראָכנקייט, גאַנץ און אַנגעלאָדן, אָנגע־גורט מיט כוח פון פשוטן וואָרט:

לאָמיר גיין.
מילד די וועגן
אין דער גרויקייט אייַנגעהילט.

גוט, וואָס ווערטער קאָנען רעדן,
וואָס די שטילקייט איז בישט שטיל.

(דאָרט, ז' 126)

מפוח פוח פון אות

ס'איז פון לאַנג שוין געווען צו דערוואַרטן אַזאַ בוך עסייען. ערשט אַז מען קוקט דעריף און מען בלעטערט די דריַי הונדערט און זיבעציק אָנגעפּיקעוועטע זײַטן, גרויסער פאָרמאַט, די צאָל שרײַבערס, ביכער וואָס ווערן באַהאַנדלט — שטײַגט עס איבער דערוואַרטונג.

פון ש. קאַנצס עסיי רעדט אַרויס דער דיכטער, דער פּראָזאַיקער, אַ פּשיטה שוין — דער קריטיקער.

הײַנט צו טאָג, נאָך ניגער, בעל־מחשבות, גלאַטשטיין, מוקדוני און, להבדיל לחיים ארוכים, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ. ליס — זענען געבליבן אייניקע, וויניקע קריטיקערס, וואָס מען קאָן איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט און באַקומען — אַ רעשט.

עס איז, בכן, אויסער דעם קינסטלערישן ווערט וועגן וועלכן מיר וועלן אַ ביסל וויַיטער רעדן — אַ בוך פון גרויסער באַדײַטונג און ניצלעכקייט.

נאָך גרעסער איז די פליאה, מחמת דאָס בוך איז אַ דעביוט, אַן ערשט בוך.

קריטישער חוש. שפּראַך און סטילשיינקייט. מעטאָד פון פּשוטן שרײַבן וועגן גאָר נישט פּשוטע פּראָבלעמען, פּסיכאָלאָגישע אמתן, וואָס ווערן אין די ביכער באַהאַנדלט. קורצע כאַראַקטעריסטיקעס פון קינסטלערס, זייער לעבן און שאַפן. אַ נאָענטקייט צו די מקורות פון יידישן־חסידישן און אַלוועלטלעכן וויסן. אויסטײַטשן פרעמדע פּירושים און אַנטוויקלען אייגענע, אָריגינעלע געדאַנקען, אַרויסזאָגונגען.

שרײַבערישער כּוח און מענטשלעכע באַשיידנקייט. דאָס מערקווער־דיקסטע דערבײַ איז, וואָס אָט דאָס בוך — פילזײַטיק אין כמות און פילזײַטיק אין דער טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק (קינסטלערס פון פאַר־שיידענע זשאַנערס און פאַרשיידענער מדרגה) — לייענט זיך פליסיק טראָץ דער הויכער קולטורשפּראַך, רײַכן מעטאַפאָר און ליריש־פילאָ־סאָפישע מעדיטאַציעס.

שמעון קאַנץ דער קריטיקער זוכט און געפינט דעם וועג צו דער אינערלעכער וועלט פון קינסטלער און זיין שאַפונג. אַ באַזונדערע נטיה מערקט זיך ביי אים צו דיכטונג און פּראָזע.

דאָס עצם אָפּרופן זיך אויף כּמעט (אפשר אָן אַ „כּמעט״) יעדער דערשינען יידיש בוך וויַזט אויף גוטער מידה, אויף מענטשלעכן כאַראַקטער און קינסטלערישער אַחריות און אויך נישט ווייניק גוטן ווילן, „כּי יודע צדיק נפש בהמתו״. ש. קאַנץ ווייסט, קאָן גוט די נשמה פון שעפערישן מענטש, פון אַ שרייבער, באַזונדערש אין יידישן תּחום, וווּ ס'וואַקסט און מערט זיך די צאָל ווייניק־לייענערס. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק דאָס וואָרט פון קריטיקער. מעג דאָס וואָרט פון קריטיקער נישט תּמיד „גלעטן״, איז אָבער דער פשט, רמז, דרש, סוד וויכטיק פאַרן „פּרדס״ פון דער קינסטלערישער נשמה.

דאָס ריכטיקע און אויפריכטיקע וואָרט פון שעפערישן קריטיקער (כ'זאָג שעפערישן, מחמת שמעון קאַנץ איז אין דער פּאַטענץ אויך שעפעריש אויף אַנדערע שרייבערישע געביטן) ברענגט אַריין ליכט, זון און זינען אין געפלאָנטער פון מחברס גייסטיקער און נשמה־וועלט.

אויב דער מענטש איז — לויט ניטשע — אין כּף־הקלע פון דער נאַטור, איז דער קינסטלער אַ געפאַנגענער פון זיין שאַפונגסגייסט. קען זיך נישט באַפרייען פון דער פאַרליבטקייט אין זיך און פון — גרויסן ספק. אָט דער דיאַמעטראַלער גאַנג פון שטייגן און פאַלן, אין זיין עקשנותדיקן זוכן זיין אָרט און זיין תּיקון אין דער בריאה — האָט דאָס אָביעקטיווע וואָרט פון קריטיקער אַ סך צו זאָגן.

דער סימן־מובהק פון אַן אמתן קריטיקער איז דער ויתרוצצו אין אים גופא. און דאָס שפּירט זיך אָן שום ספק אין דער עסיי, אין דער אָפּהאַנדלונג פון ש. קאַנץ.

עס שלאָגן זיך אין אים דער פּאָעט, דער דערציילער און דער — מבין אויף ביידע.

מ'האָט אַ מאָל געפרעגט אַ רעדנער, וואָס האָט מרבה געווען מיט אַרויסטרעטונגען, פאַר וואָס ער רעדט תּמיד וועגן אַנדערע? „כּדי צו הערן זיך אַליין״ — האָט ער געענטפערט.

דאָס הערן „זיך אַליין״ אין ש. קאַנצס עסיי איז די אינערלעכע מוזי־

קאַלישקייט, די שטימונג, די פּאַטעטישע באַהויכונג. ס'איז אויך קענטיק אין זאַצבוי, אין דער געהעמטער שורה, אין קלאַנגיקייט פון וואָרט.

ש. קאַנץ איז בדרך־כלל אַ יאַ־זאָגער. האָט אויסגעשטעלט זײַן קריטישן אהל אויף איין הויפּטשטאַנג — מידת־הרחמים. מען זעט פון דעסטוועגן די שאָטנס פון צווייטן שטאַנג — מידת־הדין. מען שפּירט אים אָבער ווייניקער. ער האָט דעריבער אַ מעלה, דער „שאָטן": ער מאַכט שטאַרקער דאָס ליכט. און דאָס האָט אוודאי ש. קאַנץ מתכוון געווען.

ש. קאַנצן דעם פּובליציסט, שרײַבער, רעדאַקטאָר איז גוט באַקאַנט דער אַלגעמיינער מצב פון דער ליטעראַטור בכלל און ייִדישער בפרט, באַזונדערש — אין דער פּראָזע.

אַוודאַ און אַוודאי שטייט ער מיט ביידע פיס אין דער שאַפערישער ייִדישער וועלט דאָ אין ישראל, ווו די דאָמינאַנטע שפּראַך איז עברית. אויפן ברייטן שאַפונגספעלד אין עברית גייט דער ייִדישער שרײַבער אויף דער שמאָלער סטעזשקע פון וויאַ דע לאַ ראָסאַ. — נישט, חלילה, מיטן צלם אויף די אַקסלען גייט דער ייִדישער שרײַבער, נאָר מיט אַ געקרייציקט הארץ, ווו עס זענען אויסגעקריצט די לעבעדיקע נשמות פון זײַן אויסגעהרגעטן פאָלק.

✶

ש. קאַנצס קריטיק איז אָנפּניותדיק, אָן „קאָנצעפּציעס". ער שאַצט דאָס ווערק, דעם שרײַבער לויט דער מאָס און וואָג און צײַטאָפּשניט אין וועלכער ער לעבט און שאַפט. מעג ער — פּערזענלעך און קינסטלעריש — נישט זײַן קיין אָנהענגער פון דעם אָדער יענעם סאָרט דיכטונג, אָדער פּראָזע, אָדער — דרך פון שרײַבער. מחמת דאָס נישט דערשאַצן אַ שרײַבער נעמט זיך אָפּט — וואָס דער קריטיקער איז ווײַט פון דער טעמע, פון מאָטיוו, פון דער סביבה און מענטאַליטעט פון שאַפער.

ש. קאַנצן קאָן געפעלן אַזאַ קנאַפּוואָרטיקער יחיד־במינו־דיכטער ווי ל. אייכענראַנד: נתפּעל ווערן פון זײַן „פּולוועלטיקייט אין זײַן פּאָע־זיע" און „פולן אַראָמאַט פון מאָדערניסטישער פרישקייט, וואָס איז דורכגענומען מיט דער אַטמאָספער פון דער הײַנטיקער דײַטשישער דיכטונג" און גלײַכצײַטיק געפינען דאָס ריכטיקע, איבערצײַגנדיקע וואָרט פאַר אַזאַ אָריגינעלן דיכטער, היפּוכדיק אין יסוד, אין באַנעם, אין תוכן

און אין אויסדרוק, ווי ה. אָשעראָוויטש. דאָס גלײַכן — י. צ. שאַרגעל, וואָס איז „השתפכות־הנפשדיק", „וואָס וויל זיך אַרויסזאָגן אינגאַנצן".

ווען מיר נישט אַרײַנלאָזן זיך אין דער סוגיא, ווו ער איז מער איבערצײַגנדיק, ווו — ווייניקער. אַ פֿאַקט איז, אַז ער געפֿינט דאָס פּאַסיקע וואָרט, דעם פּאַסיקן אויסדרוק צו זאָגן דאָס וואָס ער וויל. האָט ער ווייניק וואָס צו זאָגן — באַגנוגנט ער זיך מיט איבערדערציילן דעם סיפּור־המעשׂה אָדער — לאָזט רעדן דעם מחבר.

ער איז אָבער תּמיד קלאָר, ערנסט, קאָרעקט און ווײַזט אַרויס אַ סך ליבשאַפֿט צום באַהאַנדלטן ווערק און שרײַבער. דאָס דאָמינאַנטע בײַ ש. קאַנץ איז, ווי געזאָגט, דער קינסטלערישער גראַד פֿון דער שאַפֿונג.

אַוודאי שפּירט זיך דאָ און דאָרט אמתע התפּעלות: דערהויבנקייט אין טאָן, אין וואָרט, בעת ער רעדט וועגן סוצקעווערס פּאָעזיע, פּראָזע — העכער דרײַסיק זײַטן פֿאַרנעמען די עסייען וועגן סוצקעווערן — הגם מען פֿילט די מידה פֿון באַהערשונג און אויסהיטונג פֿון אַרײַנפֿאַלן אין סופּערלאַטיוו.

דאָס גלײַכן, ווען ער רעדט וועגן פּריצײַטיק פֿאַרשטאָרבענעם יעקב פֿרידמאַן: זײַן גאָט־זוכעניש. „אָ, ווי וווּנדערלעך איז אין שויס פֿון שיינקייט צו ליגן מיט גאָט אַליין". און להבדיל, לחיים־ארוכים — וועגן י. יאַנאַסאָוויטש דעם דיכטער, פּראָזאַיִקער, עסייִסט, פּובליציסט, פֿעליעטאָניסט (אין בעסטן זין פֿון וואָרט) און — וואָס נישט? — אָט, ווי ש. קאַנץ שרײַבט וועגן דער פֿילזשאַנערישקייט פֿון קינסטלער י. י.: „אין אַלע אָפּהאַנדלונגען וואָס ער שרײַבט מיט אַזאַ קינסטלערישער קלאָרקייט, איז דאָ דער ציטערנדיקער נאָכקלאַנג פֿון יענער פּאָעטישער נישט־דערזאָגטקייט"... „הינטער די זאַכלעכע רייד און אינטעלעקטועלער ליידנשאַפֿט פֿילט מען די אינטערעסאַנטע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט מיט הויכער אויסדרוק־קולטור און גרויסער ליבשאַפֿט צו קונסט און צום געניסער" („מיטן כּוח פֿון אות", עסייען, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1979, ז' 69).

ש. קאַנץ רעדט מיט פּיעטעט, קענטעניש וועגן מ. צאַנין. ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף די פֿיר בענד פֿון צאַנינס גרויסער עפּאָפּעע „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים". „מוסר־השׂכל, פֿילאָסאָפֿישע געדאַנ־

קענ... ווערן ביי צאַנ׳נען קינסטלער־מאַטעריאַל, איינגעוועבט אין דער סטרוקטור פונעם ראָמאַן און פאַרוואַנדלט אין עקספּלאָדירנדיקער סובס־טאַנץ״ (דאָרט, ז׳ 130).

ש. קאַנץ שלאָגט אָן אַ רייכע קלאַנגען־גאַמע פון באַגריפן, אַקסיאָ־מעס. עס איז אַ געלונגענער פּאַרמעסט פון אַ קריטיקער, אַ בר־סמכא. זיינע אָפט הייסאָטעמדיקע שורות, זיין פליסיקע שפּראַך פליצן נישט אַריבער דעם ברעג פון גוטן געשמאַק און טעם סיי פון לייענער, דעם בעסערן קונסט־קאָנסומענט, און סיי פון שרייבער.

זיינע קריטישע אַרבעטן האָבן, בכן, אין זיך פּאָעטישע און דערציילע־רישע עלעמענטן — נאַראַטיוו און באַלאַנסירט — און זיי רעדן צום האַרץ און צום מוח, צום געפיל און אינטעלעקט.

פאַראַן אין בוך אויך אַ ריי אָפּהאַנדלונגען אונטערן טיטל: „פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור״. ביאָגראַפישע ראָמאַנען און ביאָגראַ־פיעס וועגן גאונים, קינסטלערס־פילאָסאָפן: סאַרטער, סימאָן דע בעוואַר, מאַרק טוועין, סאָמערסט מאָהאַם, אירלענדישער שרייבער דזשאָן טאַרבערען, גאַנדי, מאַרטין בובער, בודאַ. דאָ דערשיינט ש. קאַנץ ווי אַ פיינער פּובליציסט (אָבער נישט אָנעם הויך פון עסייִשער מחשבה און אַרויס־זאָג), ווי אַן ערודיט און קאָמענטאַטאָר פון ווערק און פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון זייערע שאַפערס. עס רעדט פון אים מיט יסודותדיק וויסן און נישט ווי ביי איינעם וואָס כאַפּט שיריים פון רייכע טישן. אַלוועלטלעך און ייִדיש־חסידיש וויסן פון אַוודאי אַ געוועזענעם ישיבה־בחור. ער איז אויך שוין גאָרנישט קיין לערן־ייִנגל אין הלכות־פילאָסאָפיע און אין די הלכות־ווערק פון רמב״ם און אין די ווערק פון די גריכישע פילאָסאָפן. ש. קאַנץ ווייַזט זיך דאָ נישט נאָר ווי אַ קענער, נאָר אויך ווי אַ מענטש מיט אינטויִטיווער זע־און הער־קראַפט. ס׳דינט אים דערצו דער אַנאַלי־טישער חוש, ווי אויך — די אייגענע, אויפגעוואַקסטע בענקשאַפט צום שורש: שורש פון ייִדישקייט אין רעליגיעז־וועלטלעכן זין.

דאָס בוך איז, קאָן מען זאָגן, אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אינפאָרמאַציע, אַנאַליז און באַלערנדיקער אַריינקוק אין דער קינסטלע־ריש־ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער וועלט. עס זענען תּורם דערצו די סאַמע לעצטע ביז גאָר וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, ווי אַ

שטייגער: „די וועלט וויל אַ מעשׂה הערן", „דער נײַער ראָמאַן", „גע־וויסן־פּײַן", „אָן מאָראַלישן קאָמפּאַס", „והיה באַחרית־הימים".

און לסוף — אַ קליינע באַמערקונג:

דער שׂר פון קונסט, וואָס איז דעם מחבר פון וויכטיקן און וואָגיקן בוך אַוודאי געשטאַנען צוקאָפּנס בעתן באַהאַנדלען די קינסטלערס און זייערע ווערק, האָט, אַ פּנים, אײַנגעדרימלט בײַם צוטיילן יעדן קינסטלער זײַן קרקע. — אָט די אומפּראָפּאָרץ איז עלול אַרויסצורופן נישט קיין אומבאַרעכטיקטן פּאַרדראָס. אַזעלכע שרײַבערס, ווי צ"ב י. באַשעוויס, ה. אָשעראָוויטש, י. צ. שאַרגעל (כ'האָב נישט אויסגערעכנט אַלע) האָט ש. קאַנץ געווידמעט צוויי און אַ האַלב זײַטל (איך בין נישט מחולק אויף די וואָס ער האָט געווידמעט מער. מסתמא האָבן זיי זיך עס פאַרדינט).

אמת, ס'איז באַוווסט אַז דאָס רוב פון די עסייען, מאמרים זענען לכתחילה געשריבן געוואָרן פאַר דער פּרעסע. פאַר ליטעראַרישע צײַט־שריפטן. דער חותם, ווי אַזעלכער, איז אויף זיי קענטיק, הגם זיי מינערן נישט דעם עסטעטישן און ליטעראַרישן ווערט. מען דאַרף אָבער, לפי עניות־דעתי, נישט פאַרגעסן, אַז אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם איז נישט קיין זשורנאַל און ער איז מחייב דעם קריטיקער צו מער ווי אײַנזאַמלען זײַן פּרי־עמל צווישן צוויי טאָוולען.

איך גיב דעריבער נישט אויף די האָפענונג, אַז אין צווייטן בוך עסייען, וואָס דער פּראָדוקטיווער ש. קאַנץ וועט אַרויסגעבן — וועט דער בילאַנס זיך אויסגלײַכן.

אין דער מחיצה פון שאַפער

דער וועג פון אַברהם ליס אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פון אָנהייב אָן — קיִימא־לן פון אַריבער פערציק יאָר — דער וועג פון אַ קריטיקער אַ בר־סמכא. ווי אַזעלכער האָט ער זיך קונה־שם געווען בעל־פה אין די ראַדיאָ־אוידיציעס „שרייַבערס און ווערק" — און בעל־פען, אין די פּריִערדיקע ביכער „היים און דויער", „אין זכות פון וואָרט" און צענדליקער מאמרים, רעפּאָרטאַזשן, אויף ליטעראַרישע אָוונטן און קולטור־אימפּרעזעס. ווי אַזעלכער איז ער פאַרפונדעוועט אין באָדן פון ייִדישן שאַפן.

ניכטער, אָבער נישט קאַלט, איז זייַן צוגאַנג צו אַ שרייַבער, צו אַ ווערק. נישט קיין פאַרניינער און שוין גאָר נישט קיין באַיאָער — שפּירסטו פון דעסטוועגן זייַן מלמד־זכות זייַן, תמיד מיט דער וואָגשאָל פון מידת־הרחמים און מידת־הדין.

מידת־הרחמים מיינט נישט רחמנות. נייַערט אַ געפיל, וואָס די שעפערישע קריטישע נאַטור דערגרייכט מיט אינטעלעקטועלער סובלימאַציע.

מיטן באַראָמעטער אין האַנט, ווי אַ דאָקטאָר, וואָס קאָן גוט דעם „קראַנקן" — לייענט ער אַרויס די „היץ" און דעם „שווידער" פון שאַפער און זייַן ווערק. אין אייניקע פון זייַנע קריטישע אָפּהאַנדלונגען ווייַזט אַ. ליס אַרויס אַ גוואַלדיקע פילבאַרקייט און די דייַטלעכע מידת־הרחמים איז פאַרוואָרצלט אין די גוטע טראַדיציעס, וואָס טיילן אויס ייִדיש שאַפן אין אַלע זשאַנערס, און אין דער קריטיק גייט עס צוזאַמען מיט פינקלדיקער חריפות, מיט קלוגן און פאַרטיפטן געדאַנק. פון דאַנען די עובדה, וואָס פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס זענען אַזוי אָפּט טעטיק אויך אויפן געביט פון דער קריטישער עסיי. די פּאָעטישקייט, דער דיכטערישער מהות, סטיל־אייגנאַרט איז צו מאָל אַ חן־פּעפּערל אויפן פּרצוף־פּנים פון עסייִסט.

גערעדט געוואָרן איז עס, ווען דער שרײַבער־קריטיקער קומט אָן אָנגעלאָדענער מיט אידעע, געדאַנקלעכקייט, און דער עיקר — אַ סך וויסן און שרײַבערישע אימפּולסן. קומט, דאַקעגן, דער קריטיקער אַ ניכשל געוואָרענער אויף אַנדערע געביטן — איז זײַן קריטישע אַרבעט אָן עקרותדיקע, אָן אויסגעהוילטע פֿון דער שפּע אַטריבוטן, וואָס מיר האָבן אָקערשט דערמאָנט.

דער עסיי, די אָפּהאַנדלונג איז אָדער צו לײַכט, אָדער צו שווער צו האַלטן זיך אויפֿן ניוואָ פֿון אַ שעפֿערישער אַרבעט. איז עס אַזוי גוט, ווי מאַכן פֿון דער גויט — אַ טוגנט... פֿון חן־פֿעפֿערל — אַ בראָדעווקע.

אַברהם ליס געהער צו דער קאַטעגאָריע קריטיקערס, וואָס אַ דאַנק זייער אינטערעסאַנטן צוגאַנג, טרעפֿלעכע דעפֿיניציעס, וואַרעמע באַהאַנד־לונגען, און אוצר פֿון שפּראַך, זענען זייערע אַרבעטן קינסטלערישע שאַפֿונגען פֿאַר זיך.

די באַגרענעצטע ראַם פֿון אַ צײַטונגס־רעצענזיע דערלויבט נישט אָפּצושטעלן זיך אויף די באַזונדערע אַרבעטן פֿון דאָזיקן אינטערעסאַנטן בוך, אָבער עס דאַרפֿן דערמאָנט ווערן די דרײַ געלונגענע אַרבעטן: „מנחם־מענדל דער צווייטער", „שלום־עליכמס פּעליעטאָנען", „אַ ביאָגראַ־פֿיע פֿון שלום־עליכם". זיי דעקן פֿאַר אונדז אויף וויכטיקע פּרטים פֿון לעבן און שאַפֿן פֿון גרויסן יידישן שרײַבער, ווי אויך — אַנטפּלעקונגען פֿון דער אינטימער דיכטערוועלט און שעפֿערישער לאַבאָראַטאָריע.

און פֿאַר וואָס טאַקע נישט דערמאָנען בײַ דער געלעגנהייט אַ. ליס׳ טעטיקייט ווי דער פֿאַרוואַלטער פֿון שלום־עליכם־הויז. אַ. ליס איז נישט „פֿאַרוואַלטער" אין טעכנישן ביוראָזין, נײַערט אויפֿטוער און באַנײַער פֿון אייניע פֿון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, וואָס באַפֿעסטיקט און גרונטפֿעסטיקט דאָס אינדזלעלע י י ד י ש אין ישראל.

אַ. ליס זאָגט אַ סך מיט ווייניק ווערטער. למשל, וועגן י. האָפֿער: „זײַן פּראָזע־שאַפֿונג פֿאַרמאָגט דעם אייגנדיקן אויסדרוק און די אַקומולירטע שטימונג פֿון אָט דער מיליע, פֿון דער וווּנדערלעכער מאָזאַיִק — יידיש וואַרשע" („אין דער מחיצה פֿון שאַפֿער", פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, ת"א 1978, ז׳ 219).

דאָס גלײַכן, ווען ער שרײַבט וועגן אַלטער קאַציזנע, „וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך אויפֿגעבונדן דעם העראָישן נעכטן מיט דער וואָכעדיקייט

פון הײַנט, לעגענדע מיטווירקלעכקייט, פּאַלקסמאַטיוו מיט ניגון פון סאָציאַלער באַפרײַונג״ (דאָרט, ז׳ 227).

אַזאַ גוטע באַהאַוונטקייט, אַזעלכע טרעפלעכע אַרויסזאָגונגען — קורץ און תמציתדיק — טרעפן מיר, ווו מער, ווו ווייניקער, כמעט אין אַלע מאמרים אויף קרוב די דרײַ הונדערט זײַטן פון בוך. אַ בוך, וואָס נעמט אַרום אַריבער פּערציק מחברים, ווי אויך אַרטיקלען אויף אַלגעמיינע ליטעראַריש־קולטורעלע טעמעס.

איז, בכן, אַ שאָד, וואָס אַ. ליס ברייטערט נישט אויס זײַנע אָפּשאַצונגען און אַרויסזאָגונגען, וואָס זענען אַזוי נייטיק אין אונדזער שיטערער קריטיקער־וועלט.

אַפּראָפּאָ פּראָפּאָרץ, וועגן וועלכער אַ. ליס רעדט אין ביז גאָר געלונגענעם עסיי וועגן יהושע ראַפּאָפּאָרט.

די דאָזיקע אַרבעט גופא איז אַ לעבעדיקער מוסטער פון פּראָפּאָרץ. אויף זעקס און אַ האַלב זײַטל האָבן מיר אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן י. ראַפּאָפּאָרט דעם מענטש און קינסטלער, זײַן לעבן און שאַפן, לאַנד, סביבה, געזעלשאַפטלעכער סאָציאַלער און אַסאָציאַלער קלימאַט: זײַן מענטשלעכער כאַראַקטער און דער כאַראַקטער פון זײַן שאַפן.

אַ. ליסן געלינגט אויפצוקלערן די סיבה פון י. ראַפּאָפּאָרטס אַזוי גערופענער אומפּראָפּאָרץ. אָפּשטעלנדיק זיך אויף די גורמים פון נעגאַטיוון און פּאָזיטיוון אין דער קינסטלער־פּערזענלעכקייט און אין שאַפן פון מחבר, גיט ער אונדז גלײַכצײַטיק אַ ברייט בילד פון זײַן אָריגינעלן און קערנדיקן שאַפן אויפן געביט פון עסיי. מיט אַ סך אָנערקענונג, מיט לויבשאַפט און ליבשאַפט רעדט ער וועגן אָריגינעלן עסייִסט, וואָס „זײַן קריטיק טיילט אויס סוגיות פּראָזע און פּאָעזיע. זײַנע אָפּהאַנדלונגען זענען רײַך מיט וויסן, רײַך מיט פּאַרגלײַכן און מיט אָריגינעלע מסקנות״. ...„ער האָט זיך דערנענטערט צוריק צו דער אַלפּאַלקישער, אַל־מקורותדיקער פּאָעזיע״. ...„און עס זענען געקומען זײַנע אויפטועריש‌ע, מײַסטערישע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס״ (דאָרט, ז׳ 65).

דער עסיי איז, בכן, איינע פון די קרעפטיקסטע קריטישע אַרבעטן אין דאָזיקן בוך, ווו אַ. ליס ווײַזט אַרויס פּראָפּאָרץ, חוש פאַר האַרמאָניע און אַ גרויסע מידה פון טאַקט, חשיבות צו זײַן גרויסן פאָרגייער — איינער פון די מקורותדיקע עסייִסטן, וואָס האָבן געשאַפן און געווירקט

אַזוי צו זאָגן

אויף צוויי דורות שרײַבערס און דיכטערס אין לעצטן האַלבן יאָרהונ־דערט.

אַ. ליס׳ ליטעראַריש שאַפן, זײַן קולטור־טעטיקייט, אויך ווי איינער פון די ראשונים, וואָס האָבן דאָ געליטן „גלות״ פאַר יידיש — האָט אַוודאי זיך פאַרדינט אויף אַ ברייטערע, גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג.

משה שולשטיין

מ. שולשטיין איז דער דיכטער פון צײַטמאָטיוו. פאַרגאַנגענע צײַט, איצטיקע, קומענדיקע. צײַטמאָטיוו, וואָס צײַטיקט זיך אין זײַן פּאָעזיע. פּאָעזיע און אַקטואַליע. נישט קיין קלײנער תּהום צווישן בײדע. און ווײַל מ. שולשטיין זעט, שפּירט די סכּנה — פאַלט ער נישט אַראָפּ. זײַן וואָרט איז דיסציפּלינירט און דינט אים געטרײַ.

פּאָעזיע, ווי ליבע, האָט נישט ליב די נאַקעטקײט: ווײַל נישט אַנטפּלע־קן דעם סוד. פּאָעזיע האָט ליב די פאַרסודעטע וועגן, וואָס פירן צום סוד. — נישט דעם אַקט, נאָר דאָס שפּילן זיך, דעם צוזאָג, אָנווונק.

דערפאַר איז שולשטײנס וואָרט, דאָס אומגעקינצלטע, פּשוטע, פון הויכער קוואַליטעט. דאָס וואָרט גופא איז דיכטונג. עס איז נישט נאָר אַ מיטל פון אויסדרוק, נײַערט — אויסדרוק בפועל־ממש. עס איז אַ מאָל דאָס שוועבעלע, אַ מאָל — דאָס פײַער. עס ווענדט זיך ווער עס ברענגט עס, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט עס קומט און ווו דאָס וואָרט ווערט אָוועקגעשטעלט. וואָס טיפער די איבערלעבונג, אוממיטלדיקער די פרײד, שרעק־אויפציטער, פּחד, גלויבן — אַלץ שטאַרקער, בילדערישער, ווירקזאַמער איז דאָס וואָרט.

שולשטײנס פּאָעטישע וועגן און גענג זענען אויסגעטראָטענע. אָבער אויסגעטראָטן פון אים אַלײן. איז ער נישט קײן באַנײַער. ער איז אָבער יאָ און כּמעט תּמיד קרעפטיק, רעאַליסטיש. אויך זײַן פּאַטעטישקײט איז מיט לירישן אינטערמעצאָ. עס פליסט אין די לידאָדערן אַ טיפע, וואַרעמע פילבאַרקײט.

די פילבאַרקײט פון אַ שווער־געפּרוווטן, גלײביקן. זײַן שירה איז געגנערט פון צער און טרויער נאָכן פאַרשניטענעם ייִדישן לעבן.

נאָך יעדע נאַכט אַן אומרו טרײַבט מיך גיך —
פאַר יענע שטעטלדיקע שטיבלעך שטײ איך ווידער:
ווי פאַר אַ היכל דאַרטן טו איך אויס די שיך
און איך פאַררײַס דעם קאָפּ צו זײער נידער...

(„דער מאָרגנשטערן אין מײַן פענצטער״, פּאַריז 1974, ז׳ 17)

שולשטיינס וואָרט איז ווייטיקדיקער אויסגעשריי. לאַמענטאַציע. פון גרויס ווייטיק איז אויך זײַן ליבשאַפט. שולשטיין דער מענטש און די וועלט איז איינס. זײַן וועלט איז אַ ממשותדיקע, קאָנקרעטע. אַזוי איז זײַן ליד. דער מרחק צווישן דיכטער און די געשעענישן איז אַן אויסערלע־כער — צײַט, אָרט. פון דאַנען די גייטיקע אָביעקטיוויקייט, פּערספּעקטיוו. אָבער זײַן זען, דאָס פילן — איז סוביעקטיוו.

כאָטש דיכטונג איז אויטאַרקיש, דינט קודם־כל זיך אַליין (און אפשר דערפאַר) שטייט זי אויך אין דינסט פון כּלל. זי איז דער תּמצית, די סובסטאַנץ פונעם קאָלעקטיוון איינס, פון כּלל־באַדערפעניש.

נישטאָ קיין מעטאַד אין קונסט. קונסט איז מעטאַד.

אַלטערמאַן, למשל, האָט געקענט אַרײַנבלאָזן אינטים לעבן אין דער סאַמע הייסער אַקטואַליטעט. זײַן קינסטלערישער טעמפּעראַמענט האָט איבערגעשמאָלצן טאָג־געשעעניש אין סטאַטישע פאָרמען, זיי אָנגעפילט מיט קינסטלערישן כאַראַקטער.

✶

מען קען נישט רעדן וועגן שולשטיינען און נישט דערמאָנען זײַנע ערשטע לידער, לידערביכער. די ערב־מלחמה־תּקופה אין פּוילן: די תּקופה וואָס איז גראָד געווען דער פּאָעטישער באַרג־אַרויף פון מ. שולשטיין. כ׳מיין די יִדישע גאַס. די יִדישע אָרעמע גאַס.

אָרעמקייט, רעוואָלט איז דער לייטמאָטיוו און לײַדמאָטיוו פון מ. שולשטיין. אַרבעטער־קוואַרטאַלן, קעלער־ און בוידעם־שטובן: קיכן מיט „קאַלטע פּליטעס" און „ליידיקע טעפּלעך" זענען דעם דיכטערס לעבע־דיקער שטאָף פאַר זײַן ליד. ער איז אויטענטישער אויסדרוק פון אָט דער סביבה. זי האָט אים באַפליגלט. ער האָט איר געגעבן פליגל.

פון דאַנען שולשטיינס אויפריכטיקער צער און ווייטיק: זײַן גלייבן אין מענטש, אין סאָציאַלן יושר, זײַן רעוואָלט קעגן אומרעכט, שלעכטס.

שולשטיין איז געווען און געבליבן אַ מאַמין.

אין פּוסטע, אין יִדישע שטעטלעך אין פּוילן,
ווו אײנציק נאָך אונדז איז די שפּור פון בית־עולם
...זי וועט קיין מנוחה דאָרט מער נישט האָבן —
און נעמט זיך אין זייער הלבשה באַגראָבן,

און יאָמערט אַרײַן אין די פינצטערע פּאַלעס —
די שכינה אין פּוסטן, אין פּוילישן גלות.
(דאָרט, ז׳ 75)

אַ גלייביקער מענטש, אַ מענטשלעכער ייִד, האָט שולשטיין זײַן ווייטיק און בענקשאַפט אָנגעטאָן פליגל פון האָפענונג, זײַנע אויגן זענען געוואָנדן צום איינציקן ליכטפּונקט אין זײַן חרובער וועלט — ישראל.

צום כותל־מערבי האָט ער אומגעקערט זיך הײַנט,
פון אַלע גלותן קומט ער צו אים. דאָ קערן זיך און ווענדן
...אַ זעלנער ווײנט, וואָס נישט געוויינט האָט ער אַפילו
ווען זײַן חבר האָט פאַרלאָשן זיך אויף זײַנע הענט
און ווען די ווונד זײַנע די אייגענע האָט אים געברענט.
אַ זעלנער ווײנט און נישט דער זונגלי אין זײַן ווונד קען אים
דאָ שטערן.
פאַרגאָסן אין דער שלאַכט האָט ער זײַן בלוט,
אַז ער זאָל קענען דאָ פאַרגיסן זײַנע טרערן.
(דאָרט, ז׳ 97)

עקספּרעסיווער כוח. וואָרט־טעכניק. פּאָעטיש לשון. יאָ, אויך רוטין, וואָס איז בדרך־כלל אַ נישט געוווּנטשענער עלעמענט — לעבן בשלום אין זײַן ליד.

נישט איין מאָל ווערסטו זיך קעגן ווערטערשטראָם.

דאָס גלײַכן, גלאָריפיקאַציע, נאָסטאַלגיע — נאָר, ווי געזאָגט, ווערטער־שטראָם איז עלול צו פאַרשלעפּן אַלטפּרענקישקייט און פסולת. עס איז אָבער און דאָך אַ לעבעדיקער שטראָם: קינסטלעריש דורכגעלעבטער און פּאָעטיש אַסימילירט.

ער קומט פון בערגבראָך און תהומען־אומקום, פון ייִאוש און האָפענונג. זײַן ריח איז אַ הייסער און מעסערדיק איז זײַן אָטעם. ער רײַסט דיך מיט, דו ביסט אין אים, מיט אים — דעם דיכטער מ. שולשטיין.

דער דיכטער ווייסט נישט פון קיין מידקייט, פון קיין רו. ער טונקט זײַן פען אויך אין פּראָזע, אין דראַמע, וואָס פאָדערן אוודאי אַ באַזונדערע, פאַרדינטע ברייטערע אָפּהאַנדלונג.

מ. שולשטיינס פען וואָרט צוזאַמען מיטן מחבר אויף דער דראַמע פון לעבן און שאַפן פון דיכטער־פּראָזאַיִקער מ. שולשטיין.

בנימין שלעווין

אָן שום ספק געהער שלעווין צו די עפּישע פּראָזאַיִקערס. נישט נאָר ווײַל זײַן יריעה איז אַ ברייטע, טיפע, אַרומנעמיקע, גײַערט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — דווקא אַ דאַנק זײַן ליריש־עלעגישן טאָן.

דאָס עפּיש־אָביעקטיווע באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט דערלאַנגט מיט אַן אינדיווידועלן סוביעקטיוון כּוח.

וואָלטן הײַנט געווען, ווי אין סוף גײַנצנטן, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, שולן, שטראָמען, ריכטונגען, וואָלט מען שלעווינען קלאַסיפיצירט ווי אַ רעאַליסט־ראָמאַנטיקער.

די מליצה, זײַן נאַטוראַליסטיש־אימפּרעסיאָניסטישער סטיל־אימפּולס, דער דינאַמישער אָטעם — שטעלט אים אַוועק אין איין ריי מיט די בעלעטריסטן פון שטייגער־ראָמאַן.

לייענענדיק „ליפּע קאָמאַשנמאַכער", „די חברים פון מוראַנאָוווער ראַיאָן", קומען אויפן רעיון נעמען פון באַרימטע פראַנצייזישע שרײַבערס פון דער אויבן דערמאָנטער תּקופה מיט זייער קינסטלעריש־סאָציאַלן באַנעם, מיט זייער סובטעלן רעאַליזם: צײַטמאָטיוו אין זײַנע אומוואַנדלונגען.

דערבײַ איז אַזוי ייִדישלעך די פאַרבאַרגענע מעלאָדיע פון שלעווינס מאַמע־לשון, זײַן פאָלקסהומאָר.

אַ קליין פּראָבעלע:

„די ערשטע צײַט אין פּאַריז איז מינדע, ווי ס'פירט זיך אין דער אַלטער היים, יעדן שבת נאָך מיטאָג געקומען צו גאַסט צום ברודער. אָבער זי האָט אים קיין מאָל נישט געטראָפן אין דער היים. אויפגענומען אין הויז האָט דערפאַר די שוועגערין טײַבל, די ליטוואַטשקע, וועלכע האָט, פּונקט ווי מינדע, קיין וואָרט פראַנצויזיש נישט געקענט. זי איז געווען גליקלעך, די מומע טײַבל, מיט די ליבע אָנגעלייגטע געסט. זי האָט אויף שבת אָנגעבאַקן טאָרטן, לעקעך, אייערקיכלעך. אַהיימגעברענגט

פון די ייִדישע געוועלבלעך אויפן „פּלעצל׳ אַ גרויסן קאָרפּ, כּשר געשאָכטענע עופות. פּרײַטיק צו נאַכטס אָנגעצונדן ליכט אין די זילבערנע לײַכטערס. אָבער פּונקט פרײַטיק צו נאַכטס זענען די קינדער קיין מאָל נישט געווען בײַם טיש. אויך דזשאָזעף איז פאַרפאַרעט געווען מיט זײַנע געשעפטן. ער איז אַהיימגעקומען מיט אַ גראָבן ציגאַר אויף די ליפּן, אַ וואָכעדיקער, אַ פאַרטומענער" („חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", ז׳ 167).

שלעווין פאַרמאָגט די בעלעטריסטישע אייגנשאַפט פון איבערשאַפן רויען עניני־דיומא־שטאָף אין היסטאָריש־קינסטלערישער רעאַליטעט. ער קען אויך אין היסטאָרישער כראָניק אַרײַנבלאָזן קינסטלעריש לעבן.

ער האָט פּאָליטישן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע און אַסאָציאַלע פּראָבלעמען, דערשײַנונגען. איז שלעווין איינער פון די לעצטע פּראָזאַיקערס פון שטייגער־ראָמאַן אויף דער ייִדישער גאַס.

דערמאָנט דען נישט זײַן „ליפע קאַמאַשנמאַכער" די „פאַמיליע מושקאַט" פון באַשעוויס? צי „חבר נחמן" פון י. זינגער? אָדער זלמן שניאורס „שקלאָווער ייִדן"? —

עס דערמאָנט סײַ אין דער מיליע, סײַ אין סאָציאַלן הינטערגרונט.

שלעווין איז ממשיך די טראַדיציע פון שטייגער־ראָמאַן אויף דער ייִדישער גאַס, ווי עס טוען די גרויסע פּראָזאַיקערס — לעצטע מאָהיקאַנער — אין דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער איז דער ממשיך פון קאָנסטרוקטיוון רעאַליזם אין טראַדיציאָנעל־היסטאָרישן זין.

פאַר אַ ייִדישן פּראָזאַיקער איז עס פיל שווערער, מחמת דעם דעסטרוקטיוון מצב פון ייִדישן פאָלק בכלל און אויפן פאָן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער מעטאַמאָרפאָזע (אין ישראל) — בפרט.

שלעווינס פּראָזע איז ליריש באַהויכט. פאַראַן בײַ אים עפּיש־לירישע שילדערונגען, וואָס קענען אײַנשטיין בײַ ווײַסנבערגס „אַ טאַטע מיט בנים".

אָט נאָך אַ קליינע פּראָבע:

„די ייִדענע האָט אָפן געלאָזט די טיר און דער דרויסן האָט אַרײַנגעטריבן אַ קעלטיקע פאַרע. די נידעריקע, אָנגעהייצטע שטוב האָט מחיהדיק פאַרשמעקט מיט וואַרעמקייט פון סאָסנע־האָלץ. פון דער הרובע האָט זי אַרויפדערלאַנגט אַ פאַרעדיקן, פאַרסאַזשעטן טאָפּ פערלגרויפּן.

אַוועקגעשטעלט אַ הויך־אויפגעגאָרנטע ערדענע שיסל קאַרטאָפל אין די ,מונדירן׳, לאַדישקעס זויערע מילך, אַוועקגעלייגט אַ גרויסן, צענפונטיקן לאַבן קאָרנברויט, שוואַרץ ווי די ערד, געבאַקן אויף גרויסע כריין־בלעטער. די בני־בית האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט, געקייַט מיט די געזונטע באַקן, שווייַגנדיק, דאָרפיש־פאַרפלאָמט״ (דאַרט, ז׳ 57).

לאַנגע, צעצויגענע זאַצן, אַ געדיכט־בפּרטיותדיק שילדערן, באַריידעוודיקייט — קען מען טענהן.

מאַלע וואָס מען זאָגט. ראשית, איז גראָד דער חסרון — אַ מעלה. דער סימן פון קלאַסישער פּראָזע.

צימצום איז נישט תּמיד אַ סימן פון האָבן וואָס צו זאָגן. — ב. שלעווין געהערט נישט צו די שרייַבערס, וואָס ווייסן אַז לאַנג רעדן מיינט נאָך נישט צו פיל. בפרט, אַז דאָס לשון איז אַ פּליסיקס, אַ בילדלעכס, אַ נאַטירלעכס. און וואָס עס איז נאַטירלעך — איז נישט צו פיל.

*

חורבן, מלחמה, בע ונד איז נישט קיין דאַנקבאַרער שטאָף פאַר אַ בעלעטריסט. דערפאַר זענען מיר עדות פון אַזאַ רייַכער חורבן־ליטעראַטור, מעמואַריסטיק, זכרונות. רויע באַשרייַבונג, אויטענטישע איבערלעבונג פאַרנעמען דאָס אָרט פון קינסטלערישער ליטעראַטור. מעג דער אויסווירק זייַן שטאַרקער, אוממיטלדיקער, אמתער — איז עס אַלץ נישט דער אמת פון קונסט.

ב. שלעווין שרעקט זיך נישט פאַר דער „מסוכּנדיקער״ טעמאַטיק. עס ציט אים צו איר, ווי עס האָבן זיך געצויגן די הענטלעך פון קליינעם משה, אין פּרעהס הויז — צום פייַער. און ער איז נישט אָפּגעבריט געוואָרן.

ווייַל דאָס איז פייַער פון אויסלייזונג.

דער דיקטער איז — פּראָמעטעוס, דער גנב פון פייַער.

ב. שלעווינס שׂכל, זייַן שרייַבערישער באַוווסטזייַן היט אים אויס פון אַרייַנפאַלן אין באַשרייַבערישקייט. ער ווייסט, ער לעבט אין אַ וועלט וואָס איז אַ מאָל געווען אָנגעפילט מיט לעבן, מיט אידעע.

אין מיטן דער אָ וועלט שטייט דער דיכטער אַ באַזעסענער פון אַ שייַנעם חלום. זייַן וועלט — אַ בית־עולם פון אידעען, שטרעבונגען, שטרעמונגען.

ב. שלעווין איז אין יסוד גענומען אַ מאמין. ער איז אויך געבענטשט מיט אַן אויג פון „אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, זעט אויף אַ מײַל". ער ווערט גיך אַ „תושב" אין אַ קיבוץ אויפן נגב („אונטער די שטערן פון נגב"). זײַן דיכטעריש אויג, אויער, איז וואָך צום ישראל־פּייזאַזש, צו דער גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישער פּאַנאָראַמע פון היגן מענטש.

שלעווינס פּיזיש זיצן אין פּאַריז שטערט אים נישט זען אויפגיין אַ שטערן איבער די גלײַענדיקע זאַמדן פון נגב. ער אָטעמט מיטן אימפּעט פון זײַנע העלדן דאָ־הי — די שארית־הפליטה פון דער אַלטער היים: זײַנע אַלט־נײַע העלדן — יחיד און קאָלעקטיוו — די אַנאָנימע קליינע שטויביקע, גלוביקע אַנטיהעלדן.

עטלעכע שורות וועגן היגן קלימאַט:

„מ׳האָט אין דעם יאָר לאַנג געוואַרט אויפן ברכה־רעגן, אויפן יורה. די אומגעריכטע ווינטערדיקע חמסינען האָבן פאַרבלענדט די קורצע, ווינ־טערדיקע טעג, ווי קאַלכאַויוונס אויסגעזויגן ס׳ביסל פאַרשמאַכטע גרינס. איבער די פּאַראַקערטע שמאָלע טעראַסן אין די אָרומיקע בערג האָבן זיך געטראָגן סטײַעס פּוכיקע פייגל, אַראָפּגעלאָזן זיך בידעריק און אויסגעפּיקט די זריעה פון דער רויטלעכער ערד. ערשט אין מיטן נאַכט האָט אַ פּליעך געטאָן איבער די פלאַכע דעכער דער לאַנג־אויסגעבענק־טער ברכה־רעגן".

טראָץ דעם וואָס שלעווינס וועלט איז אַן אָפּגעקילטע: אַ וועלט פון (לרוב) מענטשן אין בין־השמשות פון אַ לעבן — איז זײַן סטיל אַ יונגער, אַ באַוועגלעכער, אַ האָפערדיקער. ס׳איז אַ פּערזענלעכער סטיל פון קינסטלעריש אויסדריקן דעם חזון פון אַ דור, זײַן דור.

מעג דער לייענער יאָ און נישט אידענטיפיצירן זיך מיטן מחברס מחשבה־גאַנג; מעג ער יאָ און נישט מסכים זײַן מיטן אופן פון אידעיִש געשטאַלטיקן די העלדן, זייער גײַסטיקן מצב און זייערע מעשים — גיבן צוויי וויכטיקע און וואָגיקע עלעמענטן שלעווינס פּראָזע כוח־הקיום בזכות־עצמן, דאָס זענען — אַטמאָספער און כאַראַקטער. נישטאָ בײַ אים קיין עזאָטעריזם, סודותדיקייט. ער איז קלאָר, קרעפטיק, עמאָציאָנעל און רעאַליסטיש אפילו אין די אומדירעקטקייטן, רמזים.

✶

העכער פערציק יאָר יצירה אויף אַ צײַטאָפּשניט פון ערב ערשטער וועלט־מלחמה, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר. אַ צמיחה פון אַ ייִדיש קאָמפּאַקט, פאַרצווײַגט לעבן. אַ קאָמפּאַקט־אַכזריותדיקער אומקום. אַ התחלתא־דגאולה מיט האָפנדיקע, בלוטיקע טריט אין דער צוקונפט אַרײַן. אַ צוקונפט פון זון מיט נעפּל. פון האַרבסט אין די אויגן און פרילינג אין האַרץ.

ב. שלעווין איז אַ געטרײַער אויסדריקער פון זײַן תקופה. פון אינעװייניק איז זײַן שטים. דערפאַר איז זי באַגלייביק. ער גלאָריפיצירט נישט. ער איז נישט קיין מקונן. נישט קיין מאָנער. נישט קיין מוכיח בשער.

בנימין שלעווין איז — אַ דערציילער.

מען טרעפט אין זײַן פּראָזע אַ סך קעגנזועצלעכע עלעמענטן, עלעמענטן פון עלעגישער שיינקייט און פאַרברעכן. ספקות און בטחון. אמונה און כפירה. ליבשאַפט און אַכזריות. שלעווין נעמט אַלע אונטער איין טלית. מיט דער ברכה פון הומאַניזם און ליבשאַפט צום מענטש באשר הוא אדם פאַראייביקט ער אַלע. ס'איז, בכן, אַ לעבעדיקער מענטשן־טיפּאַזש: אַ פאַרשיידנאַרטיקע, פאַרשיידנפאַרביקע קאַנווע — די קאַנווע פון ייִדישער ווירקלעכקייט. אַן אַלט־נײַער דור, וואָס גרונדפעסטיקט זיך מיט אַזוי פיל סטאַטישער אומגעדולדיקייט.

דער דיכטער דאַרף זײַן דאָס רינגעלע אין דער קייט וואָס פאַרבינדט דעם עבר מיטן עתיד.

איז שלעווינס פּראָזע געגליכן צו אַ שטיק מאַרמאָר, גראַניט, וואָס וועט לאַנגע עפּאָכעס אויפהאַלטן די מאָנאָליטישע שיינקייט און לעבן גלײַכצײַטיק מיט איר אייגן, איצטיק לעבן. ס'איז אַ פּראָזע פון אַלצײַטיקן כאַראַקטער און אויך — פון אויטענטיש, ביצלעכן שטאָף פאַר היסטאָריקערס און קינסטלערס, פאַר קומענדיקע דורות.

קלמן סעגאַל

קלמן סעגאַל איז אַן אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין ליד און אין פּראָזע.

ס'איז נישט לײַכט און אויך נישט אין כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אַרבעט צו קוואַליפיצירן זײַן אַרט שרײַבן. אָבער אַז ער איז פּאָעט, דערציילער פון נישט־דורכשניטלעכן כאַראַקטער — איז לית מאן דפליג.

דער „סאַראַיעווער שאָס" קלינגט אָפּ בײַ אים אין אַ מעשה „דער קייסער און מײַן זיידע", וואָס פאַרכאַפּט מיט איר פּשטות און שיינקייט. „אַ פײַערדיקער מלאך איז אַראָפּ פון הימל און דערלאַנגט דעם קייסער אַ גענדזענע פעדער און דער קייסער האָט אין זײַן באַשיידענעם קאַבינעט, אין באַד־אישל באַשלאָסן מיט זײַן חתימה צו פירן מלחמה קעגן די רוסן און זייערע פאַרבינדעטע" („ווו שמעטערלינגען שוועבן", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א, ז' 225).

אַלע אַכט און צוואַנציק מיניאַטורן, סקיצעס, דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט דער פּשטות פון דערציילן אַ מעשה אין איך־פּערזאָן. כאָטש זיי לאָזן זיך אויס מיט אַ טרויעריקן, אָפט טראַגישן סוף — רופן זיי אַרויס איראָנישן שמייכל.

מיטן כוח פון דערלאַנגען שוידער דורך שמייכל וואַקסן אויס טראַגעדיעס צו טראַוומע נישט נאָר פון אַ יחיד, אלא אויך פון אַ ציבור, אַ קאָלעקטיוו: צו אַ פאָלקס־טראַוומע.

קלמן סעגאַל האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן העכער אַ טוץ ביכער אין פוילישער שפּראַך. ער איז אײַנגעזאַפּט מיט אַ קולטור און ליטעראַטור פון אַ דרײַיִקער באַפעלקערונג — ווי פּראָפעסאָר סדן גיט איבער אין פאָרוואָרט צום בוך. שטאַמט פון גאַליציע — אַ מיעוט פון פּאָליאַקן, אוקראַיִנער און ייִדן, וועמעס גורל איז געווען צווישן ביידע.

אין אַלע זײַנע ביכער באַהאַנדלט ער ערנסטע ענינים פון געזעל־שאַפטלעכן, היסטאָרישן, פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער פון „דאָרטן" און פון

דאָ — אין זײַן צווײי־שפּראַכיקן, ליטעראַרישן גאַנג דורך דער אַספּקלריה פון אַ פּאָעט־פּראָזאַיִקער. ער קוקט אויף אַלץ און אַלעמען פון אַן אייגע־נעם און גאָר באַזונדערן קוקווינקל: אַ רעאַלער, פּיקחותדיקער בליק — נישט אָן קאָמישע עפעקטן און עלעגישן טרויער.

אַגב, איז דען נישט איראָניע, אַבסורד דער מהות און סטיל פון אונדזער צײַט, „געבענטשטער" מיט טראַגיק, צביעות, קרומקייטן, וואָס ווערן דערהויבן צו די העכסט־עקסטרעמסטע נידעריקייטן?

בכלל פּילט זיך אין אַלע דערציילונגען אין בוך פון 254 זײַטן אַ טראַגישע גורלדיקייט: פאַרשטענדעניש און מענטש־דערקענטעניש.

„טיפע זעלנערישע קברים. צו ערשט פלעגט מען באַגראָבן באַזונדער די פּשוטע זעלנער און באַזונדער די אָפיצירן. שפּעטער האָט מען אויפגע־הערט צו מאַכן אַן אונטערשייד. דער מלאך־המוות און די קברנים האָבן אויסגעגלײַכט... נאָך שפּעטער האָט מען אין דער זעלבער יאַמע באַגראָבן דײַטשן, רוסן, עסטרײַכער און רוסן־קאַטאָליקן און פּראַוואָסלאַוונע, קאָזאַקן און אַפילו ייִדן" („דאָרט", ז' 26).

אין דער מאָדערנער מאָלערײַ וואָלט מען אַזאַ בילדעריש לשון אָנגע־רופן — נאַיִוויטעט: פּרימיטיוויזם.

װעלן מיר נישט זײַן עוסק אין ליטעראַרישע נעמען, ריכטונגען, שטראָמען. וואָס איז יאָ כּדאַי צו דערמאָנען? די פּשטות, דאָס דינאַמיש־טראַגישע. די געהעמטע רויִקייט, די בכּיוונדיקע סטיל־לײַכטקייט מיט אַ, כ'וואָלט זאָגן — שאָטן פון ציניזם.

אַ דיכטער־דערציילער מיט אַזאַ לעבנס־נסיון און וואָס וויל דווקא שטיין פּנים־אל־פּנים מיטן נאַקעטן אמת פון לעבן און זײַנע גרויזאַמקייטן און איבערברוכן — קאָן אַנדערש נישט שרײַבן: „העכער" און שענער לשון, סימבאָלן און מעטאַפאָרן — וואָלטן קאַליע געמאַכט דאָס בילד, געפעלשט דעם אמת, וואָס איז אין דעם פאַל אויך דער אמת פון דער קונסט.

אויך די איך־פאָרעם פון דערציילן מאַכט אינטימער, באַגלייביקער די פאַקטן, וואָס וואָלטן זיך בײַ אַן אַנדער מחבר אין קאָנווענציאָנעלן פּראָזע־נוסח געהערט, געלייענט שיִער, שיִער ווי כראָניק אָדער רעפּאָרטאַזש.

קלמן סעגאַלס אָריגינעלקייט באַשטייט אין פּערזענלעכן טאָן און אין

שילדערן געשעענישן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער: פון זען אין אַפּאָקאַ־ליפּטישן־גרויסן דאָס טריוויאַל־קאָמיש־טראַגישע און אין טריוויאַלן, פּער־זענלעכן — דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע.

דער שרײַבער שטייט אין צענטער פון די געשעענישן און קוקט אויף אַלץ מיט אַ מכּלומרשט זײַטיקן קוק.

הײַנט זײַן שמייכעלע, וואָס רופט אַרויס שוידער?

זײַן לײַכטקייט פון באַשרײַבן שווערע געמיטצושטאַנדן?

זײַן באַטירלעכע לײַכטקייט פון איבערשפּרינגען פון שווערן צום לײַכטן און — פאַרקערט. און דאָס אַלץ — אַן שפּראַך־אַקראָבאַטיק, אָן ליטעראַרישן שמינק און פּוץ. און אַז איר ווילט, איז עס באַקעטער, ברוטאַלער רעאַליזם, קאַלטער כּוח פון אָבסערוואַציע און הייסער, פאַרכאַ־פּנדיקער אָטעם.

איך האָב נישט קיין אַנדער נאָמען פאַר דעם אַרט דערציילן, ווי — קלוגע תּמימות און שוידערלעכע שיינקייט.

ווי אַ דוגמא — אייניציקע שורות פון צוויי דערציילונגען:

„דער פּיאַניסט": „אַן איינזאַמער מענטש, וואָס ביז האַלבער נאַכט האָט ער נאָך בײַ אונדז (אין אַ קאַפע־זאַל) געשפּילט און פאַר טאָג איז ער געשטאָרבן" (דאָרט, ז' 75).

„צוויי אין דער קאָמער": — „אַ האַלב יאָר... אין אַ האַלב יאָר וועט 180 מאָל אויפגיין די זון. מיט אַ ביסעלע דמיון קאָן מען זיך פאָרשטעלן: 180 טעג וועלן מײַנע קינדער פרעגן, ווו איז דער טאַטע?

— — — 180 מאָל וועל איך זיך קאָנען פאָרשטעלן, אַז עס שײַנען די שטערן בײַ נאַכט און בײַ טאָג שײַנט די זון. און חוץ דעם: אין משך פון אַ האַלב יאָר קאָן זײַן אַן ערדציטערניש, אָדער אַ גרויסע שריפה" (דאָרט, ז' 130). אין זעלבן טאָן ווערן געהאַלטן אויך די דערציילונגען: „די פּריטשע", „אין אַפּגרונט", „אַ בריוו צו דער מאַדאַם".

שטאַרקער חוש פאַר גערעכטיקייט, אַ פּעסימיזם געשעפּט פון טיפע אָפּטימיסטישע קוואַלן און ליבשאַפט צום מענטש באשר־הוא — איז דאָמינאַנט אין תּוכן און אין טאָן פון זײַן דערציילקונסט.

קלמן סעגאַלס פאָרעם איז אויך תּוכיקייט. ער איז עפּיש־ליריש, באַהויכט מיט אַ שלום־עליכמיש געלעכטער, ערענבורגישע, דינע איראָניע,

וואָס דערגייט ביז אַבסורד און אַ מין, וואָלט איך געזאָגט, שאָפּענהויערי־שער טרויער.

זײַן געדעמפּטע בונטאַרישקייט, דער שטילער פּראָטעסט קעגן עוולה, חרפּה, שקרים — מאַכט זײַן וואָרט לײַטזעליק.

אין פלוג לעבט יעדע געשטאַלט מיט אַן אייגן לעבן. אַזוי אויך יעדע סקיצע, דערציילונג — מיט איר פּוענטע. שיידן זיך אַפילו אונטער טעמאַטיש און אין צײַטאָפּשניט. לייענסטו זיך אָבער אַרײַן אין דער „טיף" — געפינסטו דאָס געמיינזאַמע, דאָס שורשדיקע, וואָס ציט זיך דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן פון מענטשלעכער עמפּינדונג, וואָס פאַראייניקט און פאַרבינדט. דאָס איז די אַחדות אין דער אידעען־וועלט פון שרײַבער און פון מענטש אין אים. די אַחדות וואָס דיקטירט דעם קינסטלער דעם סיגנון און די פאָרעם, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע.

*

אַ באַזונדערן חן גיבן צו די סלאַוויזמען, דײַטשמעריזמען מחמת זייער אויטענטישקייט צו מענטש און סביבה. אויך די רוסישע פאָלקס־ווערטער וועבן זיך עכט און קאָלירפול אַרײַן אין זײַן אידיאָמאַטישן ייִדיש.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט קלמן סעגאַל געלעבט, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ אַטמאָספער פון נישט־ייִדן. אָט די סביבה, ווו דרײַ, פיר לשונות זענען געווען די גאַנגבאַרע שפּראַך, און סעגאַל האָט מיט זיי געאָטעמט, געלערנט און דערלערנט, ספּעציעל פויליש, וואָס איז שפּע־טער געוואָרן די שפּראַך פון שאַפן — האָט אים, דעם ייִדישן דיכטער און פּראָזאַיִקער באַרײַכערט מיט עלאַסטישקייט פון וואָרט, מוזיקאַלישקייט און פילקלאַנגיקייט אין סטיל.

נאַיִווע קונסט, האָבן מיר געזאָגט. דאָס איז די נאַיִווקייט פון קלוגע, מאָדערנע קינסטלערס — גוטע שווימערס, וואָס מאַכן אַ „נורעק" אין די שוימיקע, צעשויבערטע ים־כוואַליעס פון וועלט־ליטעראַטור. אַן אויס־געוואַשענער, ריין פון פרעמדע השפּעות, איינאַלייניק שפּאַנט ער אַ מידער און אומדערמידלעכער פון זוכן און געפינען דעם שורש: זוכט און געפינט די אורשפּרינגלעכקייט פון וואָרט, און די נאַטירלעכע שיינ־קייט פון הויכער פּשטות.

בלעטער פון אַלבאָם

אַז מען וויל איז עס פּאָעטיזירטע פּראָזע. אָדער — פּאָעזיע אין פּריַיען פערז. ס'איז ליטעראַטור. קינסטלערישע פּראָזע.

דאָס אידעאַליזירן טיפּן, געשטאַלטן, די שיינע נאַטור־שילדערונגען, דער אופן פון שריַיבן דאָס געזעענע, געהערטע, איבערגעלעבטע — אין די ענגע ראַמען פון קורצע דערציילונגען אָדער גרעסערע מיניאַטורן — גיבן צו דער פּראָזע אַן אייגנאַרטיקן באַזונדערן כאַראַקטער און חן.

לייענענדיק קומען אויף אין זכרון די פּאַסטאָראַלע שילדערונגען פון ש. אַש אין „דאָס שטעטל", פון די שריַיבערס מ. בורשטין און י. פּערלע, פון לייב מלאך מיט זיַינע ריַיזע־באַשריַיבונגען און שילדערונגען פון לעבן־שטייגער — אייגענעם און פרעמדן.

שילדערן לעבעדיקע פּראָפילן, אויפכאַפּן פּנים־שטריכן, קאָליר און קלאַנגניואַנסן איז אַוודאי אַ מעלה, בפרט ווען די שורות ווערן באַהויכט מיט אַ לירישן אָטעם, און א. שריַיער צייכנט זיַינע טיפּן, געשטאַלטן מיט סובטעלע פינגער: מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און אייגענעם אַריַינבליק אין נשמה־געמיט, אין פּנים־קנייטש, אין „זיס־גאַליקן שמייכעלע". עס דינט אים דערצו די מאַלערישע שפּראַך, וואָס ער האָט נישט ווייניקער ליב פון זיַינע העלדינס, וואָס ער רעסטאַווירט אין זיַין זכרון מיט אַזאַ ווייטיקלעכער הנאה.

פון גרויס הנאה און כמעט יוגנטלעכער פאַרליבטקייט, בענקשאַפט, פאַרגעסט ער, אַז ער שריַיבט פּראָזע. דאַרף מען דערמאָנען: עס איז נישט קיין מעלה. עס מינערט די הנאָה פון די, וואָס זוכן אין אַ שריַיטל פּראָזע לעבעדיקע מענטשן, פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג, אינערלעכן קאָנפליקט, האַנדלונג און אָפּט — איבעראַשנדיקן ווענד. דאָס אַלץ קאָן דערלאַנגט ווערן אַפילו ווען מען זעט דאָס, ווי שריַיער, מיט ראָמאַנטישע אויגן.

פאַר א. שריַיער, דעם פיַינעם טעאַטער־קריטיקער, מבין און מפונק אויף שיינער ליטעראַטור, זענען אָט די באַמערקונגען אַוודאי קיין ניַיעס

נישט. ער קאָן מיט רעכט טענהן, אַז ער האָט אין קיין איינעם פון די דרײַצן קאַפּיטעלעך פון בוך נישט מרמז געווען אַפילו מיט אַ וואָרט, אַז ער האָט בדעה צו דערלאַנגען פּראָזע אין דעם אויבן דערמאָנטן זין, לויט די באַקאַנטע, אָנגענומענע נאָרמעס און מאָסן. אַזוי אין דעם בוך און אַזוי אין די פריִער דערשינענע ביכער: „קריטישע סטודיעס", „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן", „בײַ היימישע שוועלן". א. שרײַער דערלאַנגט אונדז שילדערונגען, געמעלן פון נאַטור און מענטש, פּלאַסטיש שיינע פּראָפילן. ס'איז אַ שרײַבן מיט קולטור און מיט אינטימער באַציִונג צום באַשריבענעם אָביעקט, בעיקר — דעם פרויען־טיפּאַזש. אַ גאַלעריע פרויען־געשטאַלטן, וואָס דעם מחברס סענסועל־אינטימע באַציִונג צו זיי וואַרפט זיך איבער אויך אויפן לייענער. זיי שײַנען אַרויס פון די קורץ געפאַסטע פּראָזערעמלעך פאַרצויגענע מיט אַ לײַכטן, ראָמאַנטישן שלייער. זיי גייען נישט, די העלדינס, נאָר שוועבן — און מיט זיי דער מחבר — אין אַן אויסגעחלומטער רעאַליטעט אָדער — רעאַלן חלום. „אַ שוועבנדיקע לײַכטקייט האָט באַוויגן איר צאַרטן קערפּער" („בלעטער פון מײַן אַלבאָם", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1978, ז' 46).

העלדן ? געשטאַלטן ? סילועטן ? זיי זענען געצייכנט רעפלעקסיוו. די סיטואַציעס — עפּיזאָדיש. זיי הייבן זיך אָן שיין און אַ סוף האָבן זיי אַ גיכן, אַ פאַרכאַפּנדיקן. אָדער די באַן פאָרט אַוועק, אָדער די מלחמה ענדיקט זיך. אָדער — אַ שפּרונג פון יינגל אין שולטער ביז אַ דערוואַקסענעם מענטש. הײַנט די אַליינקייט, די אָפּגעריסנקייט פון די העלדן פון דער סביבה ? די בדידות, עצבות, — דערמאָנט עס נישט אין דעם מחבר גופא ?

איז עס טאַקע טראַגיש־שיין. דער איכיסטישער טאָן, די פּאָעטישע שפּראַך. ס'איז נאָר אַ שאָד. וואָס די סיטואַציעס זענען נישט גענוג אַנטוויקלט.

פריִער קומט דער טאָן. נאָך דעם — די מוזיק. דאָס ערשטע אָנעם צווייטן איז, ווי אַ רעם אָן אַ בילד.

דערפאַר פאַרגיטיקט אונדז דער מחבר מיט אַזעלכע שילדערונגען:

— „האַנקע... אַ מיטל־הויכע פיגור. אַ צאַרטער שמייכל האָט באַגלייט איר געמיטלעך העל־נוסברוין געזיכט. אין דער אַסימעטריע פון איר טונקל־גרינעם קלייד האָט זיך אַזוי בולט געצייכנט די ווײַבלעכקייט פון

איר אַנטבלויזטן אָרעם — דער שאַרם אין איר האַלטונג. דער קנויל פון אירע באַהעמיש צעשויבערטע פוק־וויכע, בלאָנדע האָר האָט געגרייכט איר גלאַטן האַלדז. אָבער אין גלאַנץ פון אירע טונקעלע ווײַנשל־אויגן איז געווען עצבות" (דאָרט, ז' 32).

אָדער אַזאַ שורה: —

„די שטילקייט האָט געפּישופּט. פייגל זענען איבער אונדז געפלויגן און געלאָזט הערן דעם שיר פון פאַרנאַכטיקן אומעט".

די פרויען־געשטאַלטן פאַרנעמען אַ באַזונדער גרויס אָרט אינעם קליינעם בוך־שטח, און א. שרײַער איז אַ מומחה אויף אַרויסדאַביווען דאָס שיינע אין פרויען. ווייניקער ווי „איידל", „סובטעל", „מאַנדלבליטן־אַראָמאַט", „איילבירט־טונקל פּנים", „מילדע סאַמעט־ווייכע בליקן", „שמאַראַגד־גרינע אויגן" — נעמט נישט זײַן פּענדזל, זײַן פאַרבן־פּאַלעטרע. כמעט ווי נישט־דאַזיקע זענען די פרויען, און די מאַן־ליבשאַפט, די בענקשאַפט צו זיי איז אַ ספּיריטועלע.

אויפן באָדן פון פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, ווו שרײַער באַגעגנט זיי, נאָך דעם אין די מלחמה־יאָרן, אין רוסלאַנד אויף פאַרשיקונג, איז אַזאַ באַציִונג צווישן „אים" און „איר" אַ ביסעלע פאַרעלטערט. עס דערמאָנט גיכער אין די פאַרצײַטיקע דועל־געשלעגן איבער אַ פרוי, ווען אַ מאַן איז גרייט געווען צו פאַלן פון אַ קויל אָדער פון אַ ריוואָליש־ריטערלעכער שווערד...

✶

קונסט, כידוע, פאָדערט דיסטאַנץ. כדי נענטער צו זען די העלדן, שילדערן די מיליע אין וועלכער זיי באַוועגן זיך, דאַרף דער מחבר זײַן וואָס ווײַטער פון אָרט און צײַט. און מאָדנע: א. שרײַער דערגרייכט די דיסטאַנץ מיט אַנדערע, מיט אייגענע וועגן. ער זעט, שפּירט דורך דער פּריזמע פון אייגענעם איך. דורך דער דערצייל־פאָרעם אין ערשטער פּערזאָן דערנענטערט ער, פאַרבינדט דעם גורל פון די העלדן מיטן גורל פון מחבר. זיי דערשײַנען דעריבער פאַר אונדז לעבעדיקע מיט אַלע שיינקייטן און וויקייטן. און דערפאַר די הנאה בעתן לייענען און דאָס אַרויסרופן דעם לייענערס אידענטיפיצירונג. דאָס פּערזענלעכע, אינטימע ווערט אַרויסגעהויבן פון די ענגע איך־ראַמען צו כללישער

איבערלעבונג. צום כּלל־מענטשלעכן. און דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער ציל פון אַ קונסטשאַפונג.

ס׳וואָלט אַן עוולה געווען נישט צו דערמאָנען, אַז אויך אויסערלעך איז דאָס בוך שיין, געשמאַקפול. די פאַרב, די פאָרעם — באַשיידן, עסטעטיש און זאָגט עדות אויפן גוטן טעם פון די אַרויסגעבערס און פון מחבר.

פון אַלטער און נײַער היים

מ׳קאָן נישט צוגיין צום בוך „דער משיח פון רמלה״ ווי צו נאָך אַ בוך פון אַ שרײַבער. דער נאָמען זיגעלבוים האָט אַ ייִחוס־עצמו. מען דאַרף נאָר אַ בלעטער טאָן דעם ספר־הזכרון און גלײַך קומט אויפן זינען דער העלדיש אומגעקומענער שמואל זיגעלבוים. ווייל באַקאַנט דער ייִדישער און נישט־ייִדישער ברייטער עפנטלעכקייט מיט זײַנע אויפטוען בײַם לעבן און מיט זײַן אַליינמאָרד און די סיבות, וואָס האָבן אים באַוויגן צו דעם טאָט.

נאָר דער גוואַלדיקער כּוח צו לעבן, צו אַקטיוויטעט, גלויבן — האָט געקענט געבוירן אַזאַ „כּוח צו שטאַרבן״. אַרטורס ברודער, פּײַוול, איז אַ צווײַג פון אַ בוים פאַרוואָרצלט אין באָדן פון ייִדישן שטייגער־לעבן פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט מיט זײַנע אויפטרייסלענדיקע געשעענישן.

ווי מיר דערוויסן זיך פון „כּוח צו שטאַרבן״, איז פון דער משפּחה זיגעלבוים געבליבן — דער בוים מיט טעלעכע צווײַגן. אַלץ וואָס מיט דער משפּחה איז געשען — ווי אַ סימבאָל פון אַ סך משפּחות פון איירע־פּעיִשן ייִדנטום — „זיגעלט״ פאַר אונדז אויף דער מחבר מיט אַ ברייטער, זיכערער האַנט פון אַ דערציילער־בעלעטריסט די ווייניק אָפּ־געראַטעוועטע פון דער משפּחה — אַלע וויטאַלע, לעבנספּעיִקע מענטשן, טעטיקע אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע, קינסטלערישע געביטן.

האָבן מיר שוין אַ היפּש ביסל אויסגעמישט דעם מוקדם מיטן מאוחר און ס׳איז צײַט זיך אומצוקערן צום שרײַבער פּײַוול זיגעלבוים, וואָס האָט זיך ווי אַזעלכער קונה־שם געווען אין די ברייטע קרײַזן פון היגער און חוץ־לאַרצדיקער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט מיט זײַנע ביז איצט דערשינענע פיר ביכער.

אַ גרויסן צושטײַער צו דעם מעמד, בעיִקר אין דער ליטעראַטור, איז זײַן טעטיקייט אין דרום־אַפריקע, וווּ ער איז געווען פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה ביזן קומען אין לאַנד — 1967. ער האָט דאָרט מיטגעאַרבעט אין דער ייִדישער צײַטונג „דער וואָכנבלאַט״, אין אַ חודש־

זשורנאַל פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען בײַ דער קולטור־פעדעראַציע, געווען אַ מיטגליד אין לעקטאָרן־ראַט בײַ דער ייִדישער קהילה. אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קלוב. געשפּילט און רעזשיסירט פּיעסעס אין ייִדיש און אין ענגליש. אַרויסגעגעבן אַ דראַמע „געטאָגראַד".

פ. זיגעלבוים ווייסט ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט זײַן הויפּט־אינסטרומענט — די שפּראַך. ווערטלעך, אידיאָמען ווערן בײַ אים סטיליזירט און דיסטילירט אַזוי, אַז זיי באַקומען נײַע פאַרביקייט און קלאַנג. ס'איז אַ זאַפטיק היימיש לשון, וואָס שטראָמט הייסאָטעמדיק פון אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ און גרויסער ליבשאַפט צו די געשילדערטע געשטאַלטן און אָביעקטן. בכלל דאָמינירט אין זײַן שרײַבן דאָס כּלל־מענטשלעכע, הומאַניטאַרע, סאָציאַלע, און דאָס אידענטיפיקאַציע־געפיל.

ער ווייסט וואָס ער וויל זאָגן און זאָגט עס מיט אַ סך חן:

„אַ שטיל שטעטל מיט אַ שטילן הימל און שטילע שטערן און אַפילו שטילע שׂריפות'... אַן אַריסטאָקראַטיש עסטעטיש שטעטל, וואָס דער רבונו־של־עולם האָט שיין אויסגעסטראָיעט, שיין דעקאָרירט. אַפילו די לבנה איז נידעריקער און גלאַנציקער געהאָנגען איבער קראַסנאָסטאַוו".

..."„דיינע יום־טובים און שבתים זענען געווען מלא־זמירות — ברום און שטילע דבקות". ווענן זײַן טאַטן:

„אַ נסתר מיט גאָטפאַרכטיקער אמונה. שטיל געדאַוונט. אַזוי געלערנט אויך גמרא. אַ קוזמירער חסיד און צום רבין נישט געפאָרן". („דער כּוח צו שטאַרבן"). די באַשרײַבונגען פון זײַן היים דערמאָנען אַפּט — מיט דער באַרעדעוודיקייט און הומאָר — אין שלום־עליכמס „דער בלוטיקער שפּאַס", אין „פונעם יאַריד" און אין קיפּניסעס מעשׂיות. אמת, די בילדער, שילדערונגען פון ייִדישער נויט, ענגשאַפט, פאַרפּוצטן דלות און רײַכער אָרעמקייט איז שכיח אין דער ייִדישער ליטעראַטור. בײַ זיגעלבוימען ווערן זיי אָבער אַרויסגעברענגט מיט אַן אייגענעם צאַרטן, לירישן טאָן און מיט מענטשלעכער באַגלייביקייט.

דאָס מערקווערדיקסטע דערבײַ איז בעתן שילדערן זײַן אייגענע היים. עס געלינגט דעם מחבר — איינער פון צען קינדער — דערלאַנגען אַ שטיק לעבן, ווירקלעכקייט, פון זײַן היים, משפּחה, פון די עלטער־זיידעס, באָבעס, מומעס, קינדער און שוועסטערקינדער ביזן לעצטן בן־זקנים — און אַליין שטייט ער ווי פון דער זײַט. פון דרויסן. עס איז

א רײַכע גאַלעריע אָרעמקייט, נויט, האַרעפּאַשניקעס, פּרייליכע קבצנים. גלייביקע, וואָכעדיקע ייִדן מיט זײַדענע שבתדיקע נשמות.

אָט די זעלבע אָביעקטיווקייט, די סימבאָלישע געשטאַלטיקייט, זעען מיר אין די „אוהאַמאַס". קאָנטיק, אַז די אָרעמע קינדער־יאָרן פון מחבר, דאָס „דאַברע מזל" פון זײַן היים און סביבה פון בישט־ייִדן — האָט אין אים אַנטוויקלט דאָס געפיל פון יושר און גערעכטיקייט; דאָס געפיל פון אידענטיפיקאַציע מיטן לײַדנדיקן און באַליידיקטן, דעם טונקלהויטיקן. אין די „אוהאַמאַס" טרעפן מיר שילדערונגען פון טיפער, מענטשלעכער באַציִונג, מיטגעפיל און ליבשאַפט, אינטימער בונד מיט דער גורלדיקייט פונעם דערנידעריקטן נעגער דורך אַרײַנדרינגען אין די באַהאַלטענע ווינקע־לעך פון זײַן נשמה: דורך איבערנעמען זיך מיט זײַנע דאגות, פּחדים, יִיאוש און האָפענונגען. ניט מיט אויסערלעכן עפעקט — לבוש, העוויה, וואָרט־לאָקאַליזמען — דערגרייכט עס דער מחבר, אלא מיט כאַראַקטער־שילדערונגען, פּסיכאָלאָגישער האַנדלונג, מינהגים, היסטאָרישן הינטער־גרונט. אמתע ליבשאַפט ווייסט נישט פון קיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, ראַסע. דערפאַר איז פאַר אונדז אַזוי עכט די רויע ליבשאַפט פון נעגער בענעט צום מיידל פון אַבאַסול־שבט, זײַן לערערין אַניק. אַזוי אויך זײַנע ליבע־האַלוצינאַציעס און זײַן חלום פון אַ שענערן, בעסערן, גערעכטן מאָרגן, דורך ליבשאַפט און אַרבעט.

אָט ווי דער שרײַבער זעט מיט די אויגן פון בענעטן די אַרבעט פון זײַן טאַטן און אַ סך אַנדערע:

„פון רויטפליסיקן טשוהון האָט ער געגאָסן פון קעסל אין מעטאַלענע פאָרמעס. עס האָט געזעצט אַ שטיקנדיקע היץ. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס מיט דער האַנטפלאַך און ווײַטער געאַרבעט. מענגעס מוסקו־לירטע, האַלבנאַקעטע לײַבער האָבן געגלאַנצט פון שווייס".

אינעם ניי־דערשינענעם בוך „דער משיח פון רמלה" זעען מיר דעם מחבר צוריק אין דער היים. פריִער אין דער אַלטער היים, וואָס איז נישטאָ מער. עס איז בלויז דאָ „דער גילגול" פון דער היים — אַ קליינע, געראָטענע דערציילונג, ווו מען שפירט אויך היימישע השפעה. דער סטיל, די שפּראַך, דער סיפור־המעשה, ס׳קלוגע שמייכעלע, פּיקחות און לצנותדיקייט דערמאָנט אַזוי אין דעם היימישן באַשעוויס. עס איז

אָבער דאָך און פאַרט — אייגענער כּוח־הדיבור און אייגענער הומאָר, וואָס איבערראַשט אָפט:

„גאַנץ פרי האָט מענדעלע אָפּגעדאַוונט, אויסגעטאָן טלית און תפילין און אַוועק מיט דער קאָזע צום פעלד. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם דעמ־בענעם צלם מיטן צעפליקטן ,יויזל', דאָרט ווו די הינט קומען אויפהייבן אַ פיסל און דאָס גראָז איז דעריבער העכער און גרינער. די קאָזע חלשט זיך אָפּשטעלן און כאַפּן אַ קײַ. וויל אָבער נישט מענדעלע זי זאָל זיך דאָ אָפּשטעלן און טועם זײַן פון טריפהנעם גראָז" („דער משיח פון רמלה און אַנדערע דערציילונגען", „קיום" ת"א 1980).

דאָס גלײַכן — די קורצע דערציילונג „דליה". זי שמעקט דאָרטיק און דאָיִק. היגע רעאַליע מיט אַסאָציאַטיוון אַרײַנבליק פון נאָסטאַלגיש־עלעגישן טרויער אין נאָענטן נעכטן.

קאָן מען קומען מיט אַ טענה: אומאייניהייטלעכקייט אין סטיל, השפעה. ניין. ס'איז נישט אַזוי. גיכער איז עס אייניהייטלעכקייט אין דער השפעה פון אַ סך סטילן, וואָס זיגעלבוימס אינטענסיווער כּוח־הדיבור שלעפּט מיט זיך מיט אין דער גרעסערער דערציילונג וועמעס נאָמען דאָס בוך טראָגט — „דער משיח פון רמלה".

דאָ דערשײַנט דער מחבר בנוסף צו די השפעות מיט אַן אייגענער נטיה צו דראַמע און דראַמאַטיזאַציע. די דערציילונג לײַדט פון אויבנאויפיקייט, פון וויזועלקייט. דאָס איז אַ פּרווו, אַ געוואַגטער, אַרויסצובריינגען דאָס שטייגערדיקע, שטײַגנדיקע, אַלט־נײַע, וואָס האַלט נאָך אַלץ אין לאָקן אַ סך פּראָזאַיִקערס און איז דערווײַל בבחינת שטאָף, אַ חומר, וואָס איז נאָך לעת־עתה נישט „ביד היוצר".

דאָ, אין דער נײַער היים — איז ער נאָך נישט אין דער היים. כּדי אַרײַנצודרינגען אין דער נשמה־לאַנדשאַפט פון עקזאָטישן מיזרח־ייִד, דעם משיח פון רמלה, זײַן טראַדיציאָנעל־גײַסטיקן הינטערגרונט אויפן פּאָן פון יענער ווירקלעכקייט, וואָס איז פאַרן מחבר פאַרהוילן אין דער נײַער היים — איז נישט גענוג צו „זײַן אין קאָנטאַקט. איז נישט גענוג צו האָבן אינטערעס צו פאַרשידענע עדות, זייער פאָלקלאָר, שטייגער און טאָג־טעגלעכע באַציִונגען צווישן זיך אין לאַנד" — ווי דער מחבר זאָגט אין זײַן קליינעם פּראָלאָג צו דער דערציילונג.

אין די מערערע דערציילונגען, ווי „דער גילגול", „אַריש סאַרווער",

„דעם מלמדס תשובה“, „דליה“ — קומט דער מחבר צוריק צו זיך, צו זײַן דערציילעריש־געמיטלעכן טאָן, צו דער בילדערישער שילדערונג, צום גוטן, היימישן הומאָר, וואָס איז אַזוי באַטירלעך אין זײַן שאַפן.

דאָ קומט צום אויסדרוק דעם מחברס בריהשקייט צו „רעאַליזירן“ אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אָדער — אַ שטיק רעאַליע דערציילן, ווי אַ מעשה־שהיה, טאָקע דאָס אַטראַקטיווע, אומגעווייגלעכע, נײַע פאַרכאַפנ־דיקע, מיט וואָס די היגע ווירקלעכקייט איז אַזוי רײַך.

אין סך־הכל: אַ וויכטיק בוך דערציילונגען פון אַ לעבן, וואָס איז נישטאָ מער און פון אַ לעבן, וואָס גייט אויף דאָ: העוויה און הווי, וואָס וועט נאָך לאַנגע יאָרן זײַן אַ „צושטעלערין“ פון נײַעם און זיך באַנײַענ־דיקן שטאָף אויף קינסטלערישער געשטאַלטונג.

יצחק גאָלדקאָרן

דער שרײַבער און קריטיקער

זיכער איז נישט קיין צופאַל גאָלדקאָרנס האַלטן זיך, אָנהאַלטן זיך בײַ שרײַבערס, דענקערס, „זינגערס און זאָגערס". הייבט אָן פון עראַזמוס, סוזאַן, וואָלטער, שעלי, ראָמען ראָלאַן — ביז אָנדרע מאָרוא.

ער איז אויך „אַ גאַסט בײַ שפּינאָזאַ". נעמט אַ וואָרט צו דער דיסקוסיע אַרום יעזשי קאָשינסקיס „דער געפאַרבטער פויגל".

יצחק גאָלדקאָרן איז בקיא אין זייערע ווערק, אין די גײַסטיקע און נשמה־וועלטן — די הויך אַנטוויקלטע און פאַרוויקלטע — פון זײַנע מעדיומס.

אים טרײַבט צו זיי דווקא זײַן וויסן, זײַן געוויסן און יושר־געפיל, גאָלדקאָרנס עטישע מאָראַלישע זוכענישן. דערפאַר צייכנט זיך אויס זײַן ליטעראַריש שאַפן מיט חוש פאַר גערעכטיקייט, עכטקייט.

אָט וואָס פירט דעם בלאָנדזשענדיקן בעטלער־פרינץ צו די קוואַלן פון חכמה און אמת.

יאָ, פאַראַן קליינע וואָלטערס, עראַזמוס. און וואָס איז אַזוינס „קליין", „גרויס"? איז דען פאַראַן אַ מאָס, אַ באַראָמעטער צו מעסטן די „טעמ־פעראַטור", דעם היקף פון אַ גײַסטמענטש, אַ קינסטלער?

י. גאָלדקאָרן איז אַ מחבר פון זיבן ביכער: „נאָקטורנס", „ליטע־ראַרישע סילועטן", „לידער", „עפּיגראַמאַטיש", „פון וועלט־קוואַל", „לאָדזש־ער פּאָרטרעטן" און צענדליקער מאמרים און קריטישע אָפּהאַנדלונגען.

גאָלדקאָרנס ערודיציע, סטיל־אייגנאַרט לאָזט זיך מערקן אין אַלע פאָרמען פון זײַן שאַפן: בעיקר — אין זײַן עסיי, וואָס צייכנט זיך אויס מיט קלאָרקייט, מיט אַן אייגענער באַגריפן־וועלט, דעפיניציעס און טיפן זאָג געלאָדן מיט אינטעלעקטועלן אויפבליץ.

גאָלדקאָרנס סטיל: אימפּרעסיאָניסטישער אָטעם. דאָס דערהייבט דעם

קינסטלערישן ווערט פון זײַן עסיי, לאָדט אָן די שורות מיט אָריגינעלן פּאָעטישן שטראָם.

נאָך אַ וויכטיקער עלעמענט אין גאָלדקאָרנס עסיי: מעטאַפאָר, מאָדיפיקאַציע פון וואָרט, זאַצגעבוי, עספּרי און „ברי" פון געדאַנק.

אויך דאָס עפּיגראַמאַטישע, פּאָלעמישע, דער הומאָר אין אַלע זײַנע „ניואַנסן און וואַריאַציעס": שטאָכוואָרט און גלײַכוואָרט — איז נישט וואָרטשפּיל, נײַערט — גאַנג, הלך־נפש, פאָרעם וואָס איז אויך תּוכן, כאַראַקטער, סטיל, עס איז אויסדרוק פון תּשוקה צו גוטס און צו שלמות.

פאַרשיידנאַרטיק, פאַרשיידנפאָרמיק איז זײַן טעמאַטיק. פון גרעסערן צי פון קלענערן קאַליבער די קינסטלער־פּערזענלעכקייט וואָס ער באַהאַנדלט: ברייטער אָדער שמעלער די שילדערונג — אומעטום שפּירסטו גאָלדקאָרנען דעם אַנאַליטישן קריטיקער.

נישט קיין מטיף. נישט קיין פּוסק אחרון, נײַערט — ליריש, השתּפּכות־הנפשדיק. זײַן טאָן איז ווייך און וואַרעם. דאָס וואָרט — פאַרביק און מוזיקאַליש. ס'פעלט אויך נישט די געהעריקע דאָזע פּעסימיזם, טרויעריקע קלוגשאַפט.

אַוודאי איז די טעמאַטיק אָן אַלטע, אַ געניצטע. און הימל, ערד, ליבע, טויט — איז נישט אַלט? ווײַל די געפאַר פון איבערחזרן זיך אָדער אַנדערע איז גרעסער — איז אַוודאי גרויס דער וווּנדער פון דער נײַקייט און יונגקייט, וואָס גאָלדקאָרן „פלאַנצט" אַרײַן סײַ אין דער אַלטער אייביק־יונגער, נוצלעכער, באַלערנדיקער טעמאַטיק.

דערפאַר איז טאַקע אַנטוויקלט ביז הויכער עמפּינדלעכקייט גאָלדקאָרנס חוש פאַר זעלבסטקריטיק און אחריות פאַרן וואָרט און פאַר דער ווערטיקייט פון זײַן שאַפן.

אַן עדות דערויף איז זײַן געהאַמעוועטער טאָן, דער חן און פערפעקציע פון זאַץ און די קאָנטראָלירטע מבינות בײַם אָפּקלײַבן ס'אָרט, ווו דאָס וואָרט און דעם זאַץ אוועקצושטעלן.

גאָלדקאָרן איז אַ גוטער אויפנעמער און אָפּנעמער פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווי אַ געניטער ים־טויכער דערגרונטעוועט ער זיך צו די סודות און יסודות פון די וועלטגײַסטערס, זייער לעבן און ער מאַכט מײַסטערהאַפטע, קינסטלערישע דיסקאַנט פון דער השפּעה און פון זײַן בקיאות.

אזוי צו זאָגן

אים איז נאָענט און אייגן די אידעען־וועלט פון זײַנע גרויסע פאָר־גייערס. דערפאַר הייבט ער אַרויס אַזוי אָפט, אַזוי בולט און מיט קאָמ־פראָמיסלאָזיקייט די מאָמענטן אין די שאַפונגען פון אַ פּאַסקאַל, וואָלטער: זייער איראָניזירן און איגנאָרירן כּבוד־פּסיכאָז, אייטלקייט.

„דער קינסטלערישער שאַפונגס־אימפּולס איז אַ נאַטור־פּראָצעס, אַן אָרגאַנישע, גײַסטיקע פונקציע. דער קינסטלער שאַפט שיינקייט, ווי די בין פּראָדוצירט האָניק, נישט דערפאַר ער זאָל פאַרקויפט ווערן אין דער קראָם".

לייענסט די מאמרים און עסייען אויף קנאַפּע פיר הונדערט זײַטן פון „זינגערס און זאָגערס" (פאַרלאַג „המנורה" ת"א 1971) און קענסט ניט זיך נישט אָפּשטעלן אויף „ביאָגסן און וואַריאַציעס", אויף די „אָפּאָריזמען", אויפן ליד „דער צדיק אין פעלץ".

עפּעס ספּעציפישס, בײַסיקס, איראָנישס, זאַגיקס און וואָגיקס שלאָגט פון די שורות. זענען דאָס לידער? אפשר „אויב נישט נאָך העכער"? געדאַנקלעכקייט, פילאָסאָפיע, לירישע, גבורהשע רייד, וואָס פליסט און פלייצט אַריבער די ברעגעס פון קאָנווענציאָנעלן ליד. רופן זיי זיך נישט איבער, ערגעץ ווו, מיט די גוטע, טיף פאַרטראַכטע, מײַסטערהאַפטע, געזאַנגענדיקע לידער פון אַהרן צייטלין?

אַגב, אַ סברה, אַז גאָלדקאָרן איז איינער פון צייטלינס חסידים. פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט" אַ פּרעכטיקע עסיי וועגן אַ. צייטלינס בוך: „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן".

גאָלדקאָרן איז אַ ליבהאָבער פון אַלטן ווײַן. קען „איבערגיסן" דעם פאַרשיכּורנדיקן געטראַנק אין נײַע כּלים — זײַנע, אייגענע כּלים.

אין איינעם פון זײַנע מאמרים „ווידערשפּרוכן צווישן אַ שרײַבערס ווערק און זײַן לעבן", שרײַבט גאָלדקאָרן: „מען פאָדערט פון שרײַבער, דענקער און קינסטלער זיי זאָלן זײַן אַ נאה־דורש און נאה־מקיים". ער רעדט וועגן אינערלעכע סתירות, קאָנפליקטן צווישן וואָרט און טאַט. ער רעדט וועגן פּעסימיזם, ווי אַ באַגלייט־דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור: פּעסימיסטישע געדאַנקען וועגן וועלט און מענטש.

איז גוט וואָס גאָלדקאָרן ווייסט אויך צו זאָגן, אַז:

„אידעלע מעטאַלן ראָסטן נישט".

וועט ער אוודאי אָנגיין מיט זײַן שאַפן, מיט און קעגן אַלע שטראָמען

פון פעסימיזם. ווי אַלע שעפערישע נאַטורן וועט ער באַווײַזן די „אַלכי־מישע קונסט פון איבערשמעלצן דאָס בלײַ פון וועלטוויי אין — גאָלד פון דערלײַכטנדיקע (לויכטנדיקע) ווערטער".

איז באמת נישט קיין צופאַל, וואָס גאָלדקאָרן דערמאָנט באָדלערס אַ זאָג: „...דער ריטמישער און טאַקטמעסיקער ווייטאָג פילט אָן דעם גײַסט מיט אַ רויִקער פרייד".

און:

„דאָס איז איינע פון די וווּנדערלעכסטע פריווילעגיעס פון דער קונסט".

פון וועלטקוואַל

„די אַרטיקלען זענען סוביעקטיוו" — — — „געזוען דורך דער פּריזמע פון מײַן געמיט" — זאָגט דער מחבר אין זײַן קורצן פאָרוואָרט צום בוך עסייען „פון וועלט־קוואַל".

איז עס אַ באַשיידנקייט, אַ אומזיסטע התנצלות.

ראשית, זענען דאָס נישט קיין אַרטיקלען, נײַערט עסייען, והשנית: די טעמע (לייען: טעמעס), זייער אָפּקלײַב, דער פּרעציזער סטיל — איז מער ווי אײַנדרוק פון אַ סוביעקטיוו זען. דאָס איז סוביעקטיווער אויסדרוק פון אָביעקטיוון באַנעם. דאָס זענען קריטישע עסייען. מען קאָן אַנדערש נישט שרײַבן בעת אַזאַ עקסקורסיע אין צײַט, אין שטח, אין אַ „געזעלשאַפט" פון נביאים, האַלב־געטער, גאַנצע גאונים, קונסט־מײַסטערס, פּאָעטן, קריטיקערס. הײַנט די וועלט פון אידעען, באַגריפן, דאָס לשון פון די גײַסטערס און געלערנטע?

אָן אינדיווידועלן, עמאָציאָנעלן צוגאַנג, אָן אינערלעכן שײַכות, טעמפּעראַמענט פון עסייִסט — קאָן מען צו אַזאַ שאַפונגסוועלט נישט צוגיין.

י. גאָלדקאָרן פאַרמאָגט אָט די אַלע אַטריבוטן פלוס — רײַכער קולטור־באַגאַזש, קלאָרקייט, לאָגיק, שפּראַך־עשירות ביז פאַרשווינדעריש־קייט, וואָרטאויסבויג און וואָרטבליץ, שאַרפזין. אַ באַצווונגענער, פון איין זײַט, פון ווילן צו צימצום, פון דער צווייטער זײַט — געלאָדענער אויפקוועל און קוואַל פון וויסן און אויפריכטיקער שטרעבונג צו דער־

לאַנגעזן קלאָר און פּשוט גרויסע זאַכן אין קליינע עסייען — מאַכט זײַן סטיל עקספּרעסיוו: גיט צו אַ באַזונדערע אויסשטראַלונג (אות־שטראַלונג — י. ג.־אויסדרוק) זײַן זאַץ און זאַצבוי.

מיר טרעפן בײַ גאָלדקאָרנען, למשל, אַזעלכע בלענדיק־בילדערישע, כּמעט אַפּאָריזמישע אַרויסזאָגונגען:

„טאָלסטאָי האָט אויף דער עלטער חרטה געהאַט אויף זײַנע עולם־הזהדיקע און זינלעכע פאַרגעניגנס, אָבער ער האָט דאַן געהאַט דאָס פאַרגעניגן פון חרטה".

אָדער: „אַ פּראָבלעם — לעבן לויט דער איבערצײַגונג: איבער־צײַגן מיטן אייגענעם לעבן".

בעת ער רעדט וועגן דאָן־קיכאָט, זײַן גראָטעסקער, טראַגישער צעקרומטקייט, דאָס געשטאַלט וואָס ברענגט, אַגב, אַרײַן הומאָר — ווי קיין מאָל ביז אים — אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, גיט ער אַ זאָג:

„דאָן־קיכאָט, וואָס חלום איז זײַן טעגלעך ברויט
און סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, וואָס ברויט איז זײַן חלום".

דאָס גלײַכן רעדנדיק וועגן עדגאַר פּאָ דעם דיכטער פון מענטשלעכן צעבראָכענעם, פאַטאַל־טראַגישן געמיט, וועגן פּאָס דיכטונג, ווו דער גרונטאַספּעקט איז — שרעק, לאָזט גאָלדקאָרן הערן אַזעלכע ווערטער:

„רינגלט אונדז נישט אַרום (און אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום) דאָס אומפאַרשטענדלעך־מיסטעריעזע? יעדער לעבעדיק וועזן ווערט געבוירן מיט אַ טויט־אורטייל אויף אָפּלייגן".

עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין חנדלען זיך און אויסקלינגלען. דאָ גייט אין אַן איבעררופן זיך, אין אַ שליסן, אַזוי צו זאָגן, „קאָנטאַקט" מיט די דאָזיקע, וועמעס ווערק אָדער דרכים ער באַהאַנדלט און אין דער מאָס פון אידענטיפיצירן זיך מיט אָט די גײַסטמענטשן, געלערנטע און דענקערס.

עס גייט אין דער קונסט פון כּמעט אָפּווישן גרענעצן צווישן די אומשטערבלעכע גײַסטערס און פּשוטע בשר־ודמס און אין דער ראָלע פון קריטיקער ווי אַ פאַרמיטלער.

דאָס גאַנצע בוך פון קנאַפּע צוויי הונדערט זײַטן איז אָנגעפּיקעוועט מיט געדאַנקען, אַנאַליטישער אינטערפּרעטאַציע, רעפלעקסן, פילאָסאָפישע

מעדיטאַציעס: טיף מענטשלעכע זוכענישן און גריבלען זיך צום שורש פון אמת, כאָטש ער ווייסט וואיל, אַז עס איז אומדערגרייכבאַר.

אָבער זײַן זוכן און וועלן געפינען — איז זיכער אַן אמת.

די „קליינע עסייען״ וועגן קאָנפוציוס, עפיקור, פּלאַטאָ, סענעקאַ, סערוואַנטעס, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, הײַנע און אַנדערע — זאָגן עדות אויף דעם דיכטעריש־אינטעלעקטועלן ראַדיוס פון קריטיקער.

און ווידער:

נישט אין דערשײַנען ווי אַ וואַסער און קענער גייט דאָ. גאָלדקאָרן קומט מיט אַ רצון פון זוכן דאָס מענטשלעכע אין גאָט און דאָס געטלעכע — אין מענטש. און כאָטש עס ווערט דאָ נישט דערמאָנט קיין איין יידישער נביא — איז דאָך דאָס זוכעניש גופא אַ יידישע מידה. בפרט ווען אין אַלע עסייען דאָמינירט דאָס עטיש־און עכט־יידישע, מענטש־לעכע יושר־געפיל. עס הויערט מיט טראַגיש־יידישן וועלטוויי.

איז דאָס נישט „עפּענען אַ פענצטער״ אין דער וועלט אַרײַן, אלא — עפּענען דאָס „פענצטער״ פון דער וועלט פאַר יידיש־פאַנטעזיסטיש־גאָט־סובסטאַנץ.

ערגעץ אויף די נשמהדיקע שפּיצבערג אָדער טיפע אָפּגרונטן פון יענער זײַט לעבן — טרעפן זיך די בלאָנדזשענדיקע גײַסטערס, פּרינצן און צדיקים: די זוכערס פון שלימותדיקער שיינקייט און שיינער שלימות־דיקייט.

גאָלדקאָרן איז עולה־רגל צו זיי און דער לייענער דראַפּעט זיך נאָך אים, מיט אים: בייגן זיך אַראָפּ צום „אייביקן קוואַל״.

גאָלדקאָרן שעפּט מיט זײַנע אייגענע כלים תורה, טעאָריע און חכמה. ער שעפּט און שעפּטשעט דערבײַ אַ תפילה:

„די לעבעדיקע לערעס און באַלערנדיקע לעבנס פון מאַנכע גרויסע גײַסטערס זענען אָפּט אומצודרינגלעך אין זייער הימאַלאַיִשער דער־הויבנקייט און שטרענגער ריינקייט. מיר קאָנען זיי נישט דערגרייכן. צו אָרעם זענען מיר אין מאָראַלישער אויסשטאַטונג״. — — — „אָבער איינס קאָנען מיר יאָ״ — — — „בלײַבן שטיין אין יראת־הכבודיקער באַוווּנדערונג״. יאָ. אַוודאי בלײַבן מיר שטיין אין באַוווּנדערונג...

ישראל קאַפּלאַן

„אין ראַם פון בוך האָט זיך געבעטן אַרײַנצובעמען אויך זאַכן וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין דער צײַט ווען דער מחבר איז אַרויס פון נאַצי־קלעם" — דאָס זענען צוויי שורות פון די אַכט כמו־הקדמה־שורהלעך צום בוך („געשליידער", תל־אביב 1970).

צו וואָס די התנצלות?

אַדרבא: די דערציילונגען פון הי און פון דאָרטן זענען — איינס. די דרײַ דערציילונגען, „שער האריות", „שקר והבל", „אַ ספר אָן גרײַזן" זענען — המשך, אפשר אויך — היסטאָרישע נויטווענדיקייט.

די באַפרײַונג פון אַלט־ירושלים, הר־הבית, כותל־המערבי איז פאַר־גיטיקונג, אַ געווינס, אפשר — אַ געפינס: אין ליכט פון ירושלים־של־זהב געפינען עפּעס פון דעם וואָס מ'האָט „דאָרטן", אין דער תּהומיקער פינצטערניש פאַרלאָרן.

זענען דען נישט די פרומע ייִדן, די בני־תורה און יִראי־שמים, די „אפרים־זרחס" און די „היילים מיט די רויטע קעפּקעס, וואָס גייען דאָ אַרום מיט זייער עלטסטן בײַ דער כותל־מערבי און שטעלן צוזאַמען פּעסט די פּונקטן, ווי זיי זענען דאָ געקומען בײַם דורכרײַסן זיך צום שער און אַרײַנמאַרש אין אַלט־שטאָט" — זענען זיי נישט אָן איבערבלײַב פון „דאָרטן" און אַ נאָכוווקס פון דאַנען?

די אויגן פון די היילים, וואָס „זענען געווענדט צו דער מיזרח־וואַנט און די מײַלער רעדן פון נפלאות־הבורא, פונעם פּלוצעמדיקן בײַט און דעם איבערגאַנג פון חושך לאור גדול" (דאָרט, ז' 9) און דעם מגידס מוסר־רייד, רב דניאל דער גרויסער למדן, די זקני הדור — זענען דאָס נישט רינגען אין איין קייט, וואָס הייסט — גלות און גאולה? אומקום און אויפקום?

אפשר האָט דער מחבר כּלל נישט מתכוון געווען צו דערלאַנגען אָט דעם היסטאָרישן פאַרבונד — ווײַט דער מחבר זיכער נישט האָבן

קיין תרעומות, אַז מען פאַרשטייט עס אַזוי, מחמת פינצטערניש און ליכטיקייט איז איין גאַנצקייט, ווי זון און שאָטן.

זאָל מען זאָגן, אַז דאָס איז אַן אויפצווונג פון קינסטלער־אינסטינקט? אינטויציע? ווער עס קען די קינסטלער־פּערזענלעכקייט פון מחבר ווייסט, אַז אויך דער „בלא־יודעין" איז נישט קיין צופעליקייט. ער נעמט אונטער איין דאַך — אפשר אונטער איין טלית „עם כל הנערים" די יונגע זעלנערס און די אַלטע, היגע ייִדן. און ווער עס קען אים נישט, דערקענט אים אין די דערציילונגען, ישראל קאַפּלאַן, דעם געוועזענעם לערער, פּעדאַגאָג אין פאַרמלחמהדיקן ליטע. אַ שרײַבער, אַן אַקאַדעמיקער אַ בן־תורה, אַ תלמיד־חכם. בקי אין ייִדישקייט, ייִדישער מסורה און מינהגים. הז"ל־פּסוקים, גמרא־מימרות און פאָלקס־חכמה, און ייִדיש־גערעדט לשון גייען בײַ אים האַנט בײַ האַנט. דאָס איז איין טיפער, לעבעדיקער קוואַל פון וועלכן ער שעפּט און גיסט איבער — אָפט אַפילו צו פּזרנדיק.

די טעמאַטיק פון די ערשטע דרײַ דערציילונגען איז, אמת, נישט קיין נײַע. זי וואָרצלט אין באָדן פון דער השכלה־עפּאָכע: די תקופה פון ווידערגעבורט אויף דער ייִדישער גאַס, ווען די העברעיִשע ליטעראַטור אָדער ייִדישע ליטעראַטור אין העברעיִש איז געווען אונטער דער השפּעה פון נעאָראָמאַנטישן, נעאָרעאַליסטישן שטראָם, אין ראָמאַן און אין ליד. אין מהות — אַ שטרעבונג צו פאַרבעסערן די מערכה פון ייִדישן פאָלק. דער סטיל — פּאַטאָס, פּאַסטאָראַל, דראַמאַטיש, אָפט — מעלאָדראַמאַטיש און במילא ווײַט פון אַלטעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן.

ס'לשון — פּסוקים און שברי פּסוקים: ווערטער פון משנה און אַגדה. די טרעגערס און יסוד־לייגערס אין דער פּראָזע און ליד, דראַמע, זענען געווען: רמח"ל, שד"ל, רנ"ק, מאַפּו, י. ל. גורדון. שפּעטער אַ ביסל ממו"ס, פריִער אין העברעיִש, נאָכדעם אין ייִדיש. ער האָט די זעלבע מאָטיוון געקליידט אין אַ נײַעם לבוש — באַנײַטן קינסטלערישן סיגנון. ממו"ס, סמולנסקין, ברדיצ'בסקי און אַנדערע האָבן שוין אַרײַנגעבלאָזן נײַעם אָטעם, נײַעם שטייגער פון סעקולאַריזאַציע אין לעבן און אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען בין אָדם לחברו: חוש פאַר שיינקייט און עסטעטיק און אויך — סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן.

ישראל קאַפּלאַן איז אַ גוטער תלמיד פון די אַ לעצטע און נאָכקומענדיקע גרונטלייגערס פון נײַעם ראָמאַן, נײַעם מאָטיוו און מאָדערנעם סטיל.

אפשר אַ לעצטער פון זײַן דור שרײַבער־תּלמידים מיטן באַניצן זיך מיט גמרא־מימרות און תּורה־פּסוקים, אָבער אַ פּאַרויסגייער אין קינסטלערישן אויסדרוק, זאַצבוי, וואָרטבילד, אינערלעכן ריטעם און שפּראַכשיינקייט.

דאָס העלפט דעם לייענער וואָס איז נישט אַזוי בקי אין די אַלטע מקורות, אָדער וואָס ס׳איז אים שווער תּופס צו זײַן מיטן שׂכל — כאַפּט ער אויף מיטן געפיל, מיטן הארץ. ווער עס פאַרשטייט בכלל נישט זייער מיין — שטויסט זיך אָן... וויל מען, איז עס גאָר אַ מעלה, מחמת עס פאַרבינדט אויך שפּראַכלעך דעם דאָרטן מיטן דאָ: עס דערנענטערט ביידע לשונות, באַנײַט דאָס אַלטע און פאַרמקורט דאָס נײַע.

איז דעריבער אָט דאָס אַלט־נײַע לשון קאַפּלאַנס, אַדעקוואַט צו דער סביבה און צו די געשטאַלטן וואָס ער שילדערט, שאַפט דערמיט אַטמאָספער. אַזוי דער ישיבה־בחור אפרים־זרח, וואָס שטייט אין שידוכים, רב משולם דער שדכן, אָט דער „ברייטפּלייציקער ייִד מיטן רבנישן הדרת־פּנים פון עיר הקודש". און די ישיבה־בחורים, תּלמידי־חכמים, זייערע מינהגים און מנהיגים, זייער אַרט לעבן, קליידונג. דאָס איז ישראל קאַפּלאַנס וועלט. זי איז אים נאָענט, ער דערנענטערט זי צו אונדז מיט זײַנע אייגנאַרטיקע בילדער און געשמאַקן לשון.

קאַפּלאַן איז ממש אַ מאַדים אויף פאָלקס־חכמה און ווערטלעך. נישט קיין וויצן, נײַערט אַ קוואַליק־קוועליקער הומאָר. אַ טערפּקע־זיסלעך געלעכטער, וואָס לייגט זיך, ווי טוי, אויפן געמיט פון לייענער — ליטעראַטור־מפונק און עמק. ווער עס ווייסט — דערוויסט זיך נאָך און נאָך פאָלקס־חכמה. ווער עס ווייסט נישט איז — אויב אויסדריקן זיך קאַפּלאַניש: „מכל מלמדי השכלתי".

אָן אמתער קינסטלער שרײַבט — ביודעין צי בלאָ־יודעין — אין דער טראַדיציע פון זײַן פאָלק. האָט שוין במילא דאָס ליד, דערציילונג, דער ראָמאַן — היסטאָרישע באַרעכטיקונג.

*

האָט ישראל קאַפּלאַן מיט די ביכער „געשליידער" און „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם", אויף וועלכן מיר וועלן זיך באַזונדער אָפּשטעלן — אויפגעבויט אַ בריק, קאָן מען זאָגן, איבער אַ תּהום: פון „יהושע בן־נון, עזרא און נחמיה און — בן־גוריון". ס׳איז פאָלג מיך אַ גאַנג. אָבער אויף אַזאַ „בריק" גלוסט זיך גראָד גיין. דער הויפּטהעלד, אפרים־

זרח, וואָס האַלט פאַר אַ שידוך, לאָזט זיך פון אַלט־ירושלים אין דער יונגער תּל־אביב און איז מלא פּליאה: „הײַזער אַזעלכע גרויסע דאָ אין תּל־אביב און געוויס מיט דירות רחבותדיקע" און דער קלוגער שמש, וואָס פירט אים איבער די גאַסן, איז אים מסביר: „טעכטער זענען געוויס דאָ און גבירים פרומע אין תּל־אביב פעלן אפשר אויך נישט". הײַנט ס׳פאַרפאַרן אין אַ קיבוץ צווישן פּרדסים און צעאַקערטע פעלדער. אַ באַקאַנטער קיבוצניק — חבר ששון. אַזאַ גוט־באַקאַנטער אַלט־נײַער נאָמען — ששון. אַ ליטווישער ייִד, דער חבר ששון. אפשר געדענקט ער אויך זײַן אַמאָליקן ראש־ישיבה — טראַכט זיך דער אַלטער מגיד, אפרים־זרחס באַגלייטער.

דער ישיבה־בחור ווערט ממש פאַרשיכּורט פונעם שאַרפן ריח פון פּרדס און זײַנע פּירות: אַפּעלסינען, מאַנדאַרינען...

בכן, איז אויך דער שידוך, וואָס אפרים־זרח האָט געטאָן, אויך דער „שידוך" פון אַלטן מיטן נײַעם. איז דאָס שוין נישט קיין „בלא־יודעין" אלא אַ בכוונהדיק שרײַבעריש שפּיצל: דאָס ווילן און קענען אַרײַנפלעכטן, אַרײַנוועבן און פאַראייניקן אי לאַנדשאַפט, אי נשמה־לאַנדשאַפט.

רעדט מען שוין פון אַ בריק, איז כּדאַי צו מאַכן נאָך אַ שפּאַן — פון תּל־אביב קיין בני־ברק צו אַ ר׳ אַריה וואָס פאַרנעמט זיך מיט צדקה און גמילות־חסדים, צו אַ עזרא רימון, אַ הײַנטוועלטיקער, אָן אַ באָרד און פּיאות, אַ פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע („אַ ספר אָן גרײַזן"). אַ שפּאַן ווײַטער אויף צוריק — צו דער שארית־הפּליטה. דײַטשלאַנד. דאָס פינצטערע דײַטשלאַנד ביז מײַ פינף און פערציק, נאָך דעם — די לאַגערן, די קעמפּס אין דײַטשלאַנד נאָך היטלערן. אַ שארית־הפּליטה פון צעבראָכענע, עלנטע ייִדן, אַ געמיש פון וויסטע יחידים.

וויפל מ׳האָט שוין נישט גערעדט און געשריבן אויף אָט דער וויסטער און טעמנער טעמע — ווען דו לייענסט אָט די „ליטעראַטור" הערסטו ס׳האַסטיקע קלאַפּן פון בלוט אינעם אָדער, אין די שלייפן. די פּשוטסטע ווערטער בריִען די צונג און אַוודאי האָבן זיי אויך געבריט די פינגער פון מחבר בײַם שרײַבן. עס לאָזט דיך נישט אָפּ די מחשבה, אַז יעדער וואָרט איז — לעסטער, חילול־המענטש און חילול־השם.

און דאָ ווײַזט ווידער דער מחבר, דער שוין נישט יונגער, שוואַכינ־קער קאַפּלאַן, זײַן גײַסטיקע גבורה, דעם כּוח פון אַ מענטש, וואָס איז

געשטאַנען פּנים־אל־פּנים קעגן דער בעסטיע, חיה אין מענטשגעשטאַלט, מיטן נישט אָפּהאַלטן זיך פון דערציילן, אַרויסברענגען פון יענעם פינצטע־רן תּהום ליכטפונקען פון מענטשלעכער גוטסקייט, ווען דאָס שלעכטס האָט ווי אַ מגפה זיך געטראָגן איבער מענטש און ערד, די פאַרגעסענע פון גאָט.

ער שטעלט זיך אָפּ אויף די מענטשן־מוזולמענער, רעזיגנירטע, צע־בראָכענע, אָן כּוחות, אָן ווילן צו לעבן און — נישט קאָנען שטאַרבן. זיצט איינער אַזאַ ייִד אין דער אײַזקאַלטער בודע פאַרטיפט איבער אַ תּנ״כל און אַ קבלה־ספרל — באַקומען פון אַ מונקאַטשער ייִד וועמען ס׳איז געלונגען מיט סכּנה און נסים־ונפלאות אַרײַנשמוגלען אין לאַגער, און לייענענדיק זאָגט ער בלחש צום מחבר — אַ שותּף צום לאַגער־גורל — „דאָס איז הײַנט מײַן גאַנצער שפּײַז״... „אַ פּרעכטיקע וועלט אָט די מיסטיק״.

איז נישט אָט דער זאָג פון גוטה־למותדיקן ייִד אין דער נידערטרעכ־טיקער, עקלדיקער, מיסטיקער וועלט — אפשר נישט אָרנטלעך ס׳דער־לויבן זיך אויף אַ וואָרטשפּיל — נישט אַ טיף־און טיפּיש־ייִדישער, טראַ־גיש־גורלדיקער אמת? אָן אמת וואָס איז נאָך ווײַט, ווײַט נישט באַרירט געוואָרן און שווער זיך צורירן צו אים מיטן וועלן אים מאַכן פאַר אַ „קינסטלערישן אמת״.

און פון דאַנען — עטלעכע ווערטער וועגן בוך „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם״. אין אָט דער מענטשן־פרעסערישער וועלט זענען — למרבה הפלא, צו וואָס דער דערהאַלטונגס־אינסטינקט פון בן־אדם איז בכּוח — אומגעגאַנגען ווערטלעך און וויצן. ווי דער מחבר גיט איבער זענען נײַנציק פּראָצענט פון דער ייִדישער ענערגיע בײַ דער אַרבעט אוועק אויף קליגלען זיך. וויצן, פאַראַלן, פאַרייִדישטע העברעיִזמען און פאַרקערט. ציפערן איבערגעטײַטשטע אויף ווערטער און — פאַרקערט. זאָל דאָס זײַן דאָס איינציקע „געווער״ קעגן יענעם פילפאַכיקן און „פילפאַרביקן״ שונא — דעם דײַטש און זײַנע מיטהעלפערס? אויך דער אמת איז שוין קיין נײַס נישט.

דאַך, פון דעסטוועגן, לאָזט דיך נישט אָפּ די מחשבה: ווי אַזוי פאָרן זיך די אַ ווערטלעך און וויצן מיט יענע, אין יענער גרויזאַמקייט?

שוידערלעך־שווער איבערצוגעבן, ציטירן אָט דאָס לשון. און צו

וואָס? אַ פֿאַקט איז, אַז אַזאַ שפּראַך האָט עקסיסטירט. אַ שפּראַך אָן אַ דיקדוק, אָן אַ גראַמאַטיק: אַ גערעדט לשון געשאַפֿן פֿון די קרבנות אויפֿן שוועל פֿון מאָרד, טויט און עינויי גוף ונפש. די שפּראַך האָט איבערגעלעבט די קרבנות. אָבער בשעתן „לעבן״, אין יענעם פֿינצטערן לעבן, האָבן די ווערטלעך געהאַט אין זיך אַ מאַגישן כּוח: איינציקער שטיץ און שוץ און אַ קוואַל פֿון שעפֿן כּוחות צו פֿאַרלענגערן דאָס לעבן וואָס וויל נישט שטאַרבן.

אַלע ווערטער וואָס מיר פּרוּוון דאָ באַנוצן זענען בלאַס און בלינד אין פֿאַרגלײַך מיט יענער צײַט און יענע וויצן. אָט די ווערטער פּלאַצן ווי זייפֿנבלאָזן אײדער זיי דערשלאָגן זיך צום האַרץ, וואָס פּלאַצט פֿון ווייטיק.

איז ווו נעמט מען כּוח... צו שווײַגן?

איז דאָך די שוואַכקייט צו רעדן, שרײַבן — „געבענטשט״ מיט אַ פֿאַרשאָלטענעם, אײַזערנעם כּוח. טוט אפֿשר דער יצר־הרע פֿון שרײַבן אויף — אין דעם פֿאַל — עפּעס, וואָס האָט צו טאָן מיט יצר־טוב, אַנישט וואָלסטו נישט געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען און דערוויסן זיך וואָס דו ווייסט נאָך נישט און איבערלעבן, איבערשטאַרבן נאָך אַ מאָל דאָס וואָס מען טאָר נישט פֿאַרגעסן.

קומט טאַקע דעם מחבר ישראל קאַפּלאַן אַ יישר־כּוח פֿאַרן נישט מורא האָבן פֿון צוצורירן זיך צו דער טעמאַטיק, ובפֿרט נאָך אַז זי איז געקניפּט און געבונדן מיטן הי. און דער הי „שלײַדערט״ דעם לייענער ווי אָן אומרו פֿון אַ זייגער — די קײַלעכדיקע צײַט — אַהין און צוריק: פֿון גלות צו גאולה, פֿון גאולה צו גלות.

אַ קרוג מיט ווײַן

פּאַראַן אין דעם בוך שיינע לידער. מען לייענט און מען האָט הנאה. מען פילט אַז הינטער זיי שטייט אַ פּאָעט. אַ פּאָעט מיט פּאָטענץ און מיט פּרעטענסיע. טאָמער איז דאָס צווייטע אין אומגלייכער פּראָפּאָרץ צום ערשטן — איז מען אויך מוחל. וואָרעם די פּרעטענסיע האָט איר דיכטערישן מקור.*

ב. ראַפּפּ מיינט אויסצוזינגען אין מינאָרן, לירישן טאָן דווקא דאָס עפּישע, אָפּט — שוין צו אָפּט — דאָס נאַציאָנאַלע ליד. דאָס ליד פון מענטש, ייִד אין אים און אויסער אים. זײַן פּאָעטישער זעקרײַז איז אַ גרויסער, טיפער, אַרומנעמיקער. ראַפּפּס אָנונג און מיין דאָס אַלץ אַרויס־צוברענגען איז אַן אויפריכטיקער. און דאָס טאַקע שוואַכט אָפּ אונדזער פּרעטענסיע צו זײַן פּרעטענסיאָנעלקייט.

אָט, למשל, שטעלט ער זיך אַפילו רעדן מיט גאָט אויף „דו" —

פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט,
אין אַ שעה פון לערער,
אויסגעהוילטער רו,
אַ שמועס טאָן מיט גאָט
אויף דו...

(„אַ קרוג מיט ווײַן", לידער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1962)

פאַר וואָס דווקא אין „אַ שעה פון לערער, אויסגעהוילטער רו" ? און נישט „ווען האָסט באַפרײַט מײַן האַרץ פאַר לויטערן געזאַנג" — ווי ער זאָגט עטלעכע סטראָפעס ווײַטער ? בלײַבט די קשיה. בכלל איז דאָס גאַנצע ליד טעמאַטיש אָפּווײַכנדיק און פאַרבריהט. עס דערמאָנט גיכער

---

* די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אויפן סמך פון איינציקן, דאַכט מיר, ערשטן בוך פון מחבר. אין די שפּעטער דערשינענע ביכער הערט ער זיך אַנדערש — שטאַרקער, אָריגינעלער — און דאָס וועט אוודאי קומען צום אויס־דרוק אין איינער פון מײַנע קומענדיקע אָפּהאַנדלונגען.

אין אַ טרויעריק זאָגן איידער אין אַ זינגען פון אַ פּאָעט. ער, נ. ראַפּפּ, מאַכט עס אָבער אַזוי פאַרשעמט, מיט סימפּאַטיש־אומבאַהאָלפענער דרייסטקייט, אַז מען מוז ווידער מוחל זיין. דאָס מוחל זיין איז אָבער אַ זכות. אַ זכות, וואָס דער פּאָעט האָט זיך אים אַליין דערוואָרבן. דאָס איז דער זכות פון שליח־ציבור־טאָן, פון דעם כמו־נביאישן אימפּעט, וואָס נ. ראַפּפּ שלאָגט דאָך און פאַרט אָן מיט אַ טייל לידער, אָדער מיט טיילן פון זיינע לידער. ראַפּפּ איז פאַרליבט אין תנכישע טעמעס. ער דערשיינט דאָ קודם־כל ווי אַ ידען: אַ ווייסער און גענוטער אָפּקלייבער פון שטאָף, וועלכן ער ניצט און ניצט גוט אויס צו זיינע דראַמאַטיש־דיכטערישע קאָמפּאָזיציעס. ער איז פאַרחברט מיט משהן און מרימען, קורח און יהושע בן־נון. ער איז אויך פאַרהיימישט מיט נביאים, מיטן סיני־באַרג, און מיט סתם ריזיקע פעלדזן, מידבריות. און ווייל ער קלעטערט מיט יונגן פּאַטעטישן ווילן און שוואַכע כּוחות אויף „פעלדזיקע הייכן" — ווערט ער אָפט „הויך און אָפּגרונטיק" — און פון דאַנען די פּרעטענסיע.

ראַפּפּ איז אין זיינע לידער אויך אַ זאָגער. אַ זאָגער אין גוטן זין. ער טוט עס מיט איפער, מיט שטורעם, מיט אמתן ווייַ און דיכטערישן פּאַטאָס. אַ שאָד נאָר, וואָס מיטן אינערלעכן אימפּעט זענען אויך מיט־געשלעפּט געוואָרן אויסערלעכע ווערטן און ווערטלאָזע פראַזעס: צו הויכע און פרעמדע טענער. מען פילט אין ראַפּפּס לידער אַ באַשטימטע באַקאַנט־קייט, אַ טעם פון ערגעץ ווו געאַנטע אַקאָרדן.

מען האָט פון דעסטוועגן הנאה, האָבן מיר אויבן געזאָגט. מען פּאַסמאַקעוועט זיך אַפילו פון אַ גוטן, אייגענעם זאַג, אַ פאַרגלייך, אַן אָנוווּנק. אָבער — קיין אייגענעם טעם לאָזט ער אונדז נישט פילן. פּונקט ווי מען פילט נישט ביי ראַפּפּן קיין אָנשטרענג צו אַ ניי אָדער באַנייט וואָרט, צו פאָרעם, וואָס איז, אייגנטלעך, אין ליד אויך נוסח. ס'פאַרדריסט אָפט פאַר וואָס מען מאַכט זיך קאַליע די הנאה מיט אָט אַזעלכע טענות צום פּאָעט. מען קאָן אָבער די טענות נישט חושד זיין אין פאַלשקייט.

נ. ראַפּפּ רופט זיך אומבאַוווּסטזיניק איבער מיט נאַציאָנאַלע פּאָע־טישע ווערק און ווערטן פון גרויסע, באַקאַנטע שרייבערס. מישנדיק די בלעטער פון „אַ קרוג מיט וויין", פּונקט אַזוי ווי זיין פריערדיק בוך „אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן", קומען אָט די נעמען אָן שווּעריקייטן גלייך אויפן זכרון. אָט דאָס דאָזיקע דערנענטערן זיך צו זיינע גרויסע

פּאָרגייערס איז נישט קיין חסרון. און ווײַל בײַ ראַפּפּן קומט עס אַרויס מיט דער פולער אַחריות, ליבשאַפט און ריינקייט פון זײַן פּאָעטישער נשמה — איז עס אַפילו אַ מעלה. זײַנע לידער זאָגן צו דעם לייענער עפּעס פון יענער הנאה, וואָס מען האָט בײַם לייענען די לידער פון יהודה הלוי, ביאַליק און חיים גראַדע (אים אויף צו לענגערע יאָר). זיי טראָגן אין זיך אַן אָפּשײַן, אָדער אָפּשאָטן פון יענע צער־און צאָרן־פלאַמען. און ווידער פּאַרדריסט: פאַר וואָס ווערן די פלאַמען געלאָשן מיט „האַרב־סט״־מאָטיוון און אַנדערע פּעסימיסטישע דעקאַדענטישע טרויער־און אומעט־לידער.

אַ קינסטלער קאָן אַ מאָל דערהייבן אַ קליין פּײַערל פון אַן אָקערשט אַנגעצונדן שוועבעלע צו אַ געטלעך ליכט. פונקט אַזוי קאָן ער דאָס ליכט פון אַ קאָמעט אַראָפּנידערן צו אַ מענטשלעך אויג.

ליבע, ים, הימל, מענטש, גאָט. — אַוודאי איז דאָס גוטע, דאַנקבאַרע טעמאַטיק. די דאָזיקע טעמאַטיק האָט אָבער אַ גרויסן חסרון. זי איז סײַ אינטים־אייגן, סײַ אַבסטראַקט און פרעמד. דער סוד פון קענען דעם הימל אַראָפּנידערן און דעם ים דערהייבן: — דעם מענטש פאַרגעטלעכן און גאָט פאַרמענטשלעכן, ליגט נישט אין אָביעקט, אין דער טעמאַטיק, נײַערט אין קינסטלער גופא. זיי, די מײַסטערס, ווייסן (אָדער קענען נישט־וויסנדיק) דעם סוד פון אַרײַנגעבן ממשות אין אַבסטראַקטן און דאָס קאָנקרעטע און אינטימע דיסטאַנצירן, וויזיאָנעל אויפלעבן און פאַראַל־געמיינערן. דאָס איז אַ צוואייגעגען זיך דעם דרך פון די גרויסע מײַסטערס. ער מיט זיך און פוצט אויס זײַן ליד אין חכמהדיקן זאַג, מיט דורותדיקן בטחון און מיט שווונג, כאָטש ער זעט (ווי קאָן דען אַ קינסטלער נישט זען?) ווי גרויס און גרעסער עס ווערט די מחנה פון אַלץ ווייניקער לייענערס פון דיכטונג.

ווי אַ באַשטעטיקונג פון אַ גוט, גאַנץ און קורץ ליד, ברענגען מיר דאָ צוויי סטראָפעס פון „אַ ליד צום ים״:

שטרעקסט אויס דײַן כוואַליע־צונג מיט הונגער שוימיקן,
און קילסט דעם גלי פון אויפגעשפּילטן לײַב,
נאָר דײַן בעט דאָס איינזאַמע, דאָס תהומיקע,
טרויערט מיט דער בענקשאַפט נאָך אַן איינציק ווײַב.

שלמה וואַרזאַגער

װעלן בײדע מיר אַ זינג־טאָן דאָס ליד פון הונגער שוימיקן,
אַ װאָיע טאָן פון בענקשאַפט נאָך אויפגעשפּילטן לײַב,
אַ, נאַרעלע! מײַן עלנט איז װי דײַנער אַזאַ תהומיקער,
און יאָמערט אויך דעם חלום נאָך אַן אײנציק װײַב.

(„אַ קרוג מיט װײַן")

אָט דאָס פאַרהעלטענישמעסיק קורצע ליד — קורץ אין פאַרגלײַך צו זײַנע פּאָעמעס, דראַמאַטישע פּאָעמעס און באַלאַדעס — איז שוין אַ גרויסע מעלה און שטאַרקט דעם גלויבן אין זײַנע דיכטערישע מעגלעכקייטן און פּאָטענץ און באַרעכטיקט זײַנע קינסטלערישע פּרעטענסיעס.

אַ בוים אין פענצטער

באַוווסטזיניקער אויסדרוק־כּוח, רײַכע קלאַנגען־גאַמע, וואָרטשײנקייט — איז נישט, און נישט תּמיד די נחלה פון יעדן קינסטלער.

קונסט איז קודם־כּל — אין געגעבענעם פאַל — דיכטונג. דיכטונג איז נישט תּמיד קונסט.

אוודאי איז גוט, געבענטשט צו זײַן מיט בײדע: סטיכיע, עמאָציע און כּוח פון קינסטלערישער געשטאַלטונג.

דערמאָנט עס מיר אין פרעגן אַ קינד: וועמען האָסטו בעסער ליב, דעם טאַטן, צי דער מאַמען?

ער האָט ליב בײדע — ענטפערט דאָס קינד.

ה. שאַרגעלס דיכטערוועלט איז אַ וועלט פון שײנקייט, מוזיק, מיס־טעריע, שאָטנס און ליכט. די שאָטנס זענען קײן שאָטנס נישט. דאָס ליכט — בלענדיק און פאַרנעפּלט. די קלאָרקייט פון זײַן ליד, שורה — אַ מין ליכטשטויס דורך אַ געדיכטן, פאַרצווײַגטן ווערטערוואַלד.

פּאָעזיע איז פּערל. דער ברויזיקער ים וואַרפט זײ אַרויס אויפן ברעג. ערשט די זון רײניקט אָפּ די רויקײט, דעם ערשטקייטשיכט, וואָס די פּערל שלעפּן מיט זיך מיט פון דער מוטערס ים־בויך אַרויס.

זון מײנט זיבלעכקייט, לאָגיק, קאָנטראָלירטע עמאָציע: רעגלמעסיקייט.

✶

אַ בוים אין פענצטער. ה. שאַרגעל הערט ס׳ציטערן פון בלאַט: דאָס שטאַמלען פון גראָז אַרום בוים. די אַ שטילע קולות מישן זיך גאַנץ אָפט אויס אין זײַנע לידער מיט געברום פון חיות, ווילדע טענער, וואָס דער־מאָנען אין ערב־מוזיק.

און אַז די קלאָרקייט איז פאַרנעפּלט — איז עס אויך נישט תּמיד אַ חסרון, מחמת פּאָעזיע האָט ליב ס׳ליכט פון ערב־טאָג, פון דעמער. ליד האָט אויך ליב הײסן אָטעם — דער בלאָזזאַק פון פּאָעט־נשמה. ער האַלט אויף דעם גלי פון שטאָף אין זײַן ערשטמאָליקן, רויען צושטאַנד.

נאָך דעם קומט פּאָעטישע זינלעכקייט. זי פּוצט, שלייַפט, קאָנדענסירט די מאָמענטאַלע אינערלעכע איבערלעבונג.

ה. שאַרגעל האָט ליב די נאַטור: וואַלד. בוים. פעלד. ער איז אָבער נישט קיין מומחה אין גערטנערייַ. — פּלעגט נישט גוט זייַן „בוים" און פּיעלעט נישט ס'ווילדגראָז. זייַן וואָרט — אַ מאָל צו געדיכט, באַלאָדן מיט פאַרב און פאַרבן־פלעקן, וואָס פאַרשטעלן דאָס בילד.

מעגלעך, אַז פאַרן דיכטער — די מאַמע פון וואָרט און ליד — וואָס איז אַדורכגענומען מיט רחמים־געפיל, זענען די פלעקן מלא־משמעות און שיינקייט.

אָבער פאַרן לייענער איז דאָס לידקינד אַ געבוירלינג, אַן אָפּגענאָפּלטס פון מוטערלייַב און לעבט מיט אַן אייגן לעבן.

הלל שאַרגעל האָט עפּעס פון נאַטירלעכקייט. אָבער זייַן, אַזוי צו זאָגן, פאַרעמאָלזע פאָרעם פון דער שורה, ליד, די ברייטקייט, האָט נישט די ראַפינירטקייט און נאַטירלעכע קראַפט.

זייַן אומבאַהאָלפנקייט דערמאָנט אָפט אין שטאַמלעניש פון אַ קינד. התפּעלות און קאָסמישע ליבשאַפט ביי אַזאַ ייִד־פּאָעט, ווי שאַרגעל, מיינט — תּפילה.

זייַן לשון איז דורכגעדרונגען מיט הייסן תּפילה־אָטעם, כאָטש דער דיכטער ווייסט וויל, אַז ליד „האָט ליב" סדר, מאָס, משקל, מעטריק.

איניקע לידער אין בוך לאָזן איבער אַ טעם פון רויער פּירה. לויזע, פרייַע פערזן. קורצע, איינוואָרטיקע שורות און לאַנגע וואָרט־צירופים צום סוף פון אַ שורה, וואָס וואָלטן זיך בעסער „געפילט" אין מיטן־שורה:

אין גערטנער פראַכטן לופּטיק אויפגעשלאָסן —
רויטע, גרינע און בלויע פעלדער
און מאַרמורן — ווייַסגעגילדעטע אויסגעגאָסן.

(„אַ בוים אין פענצטער", פאַרלאַג „המנורה", ת"א 1975)

אָדער דער גאַנץ אין אָנהייב פון אַ ליד „צום אורטייל" אַזאַ פּראָזאַישע שורה: „איינער דער אורטייל פאַרן פעלקער־פאַרניכטער". (דאָרט, ז' 90).

איז עס די אומגעניטקייט פון אַ פּאָעטפען (הגם בעסער ווי אַ קורצע, געקינצלטע שורה פון אַ רוטינירטן פּאָעט).

אזוי צו זאָגן

און דאָך, און פּאָרט זענען ה. שאַרגעלס לידער, אין גרעסטן טייל, רוי און שיין ווי די נאַטור, ווי דער וועלטבאַשאַף מיט זײַן „אייביקן ניגון".

אין ליד „אייביקער ניגון" שלאָגט שאַרגעל אָן אַן אייגענעם טאָן, אַ ליכטיקן, ליבנדיקן, צו מענטש און נאַטור:

פון ערגעץ,
פון אונטער די ערדן
שלאָגט אַ געזאַנג.
— — —
...אָט אַזוי,
פול מיט בלענדיקן רויש,
פרײַ מיט ווירוואַר און קלאַנג,
פון ערגעץ,
פון אונטער דער ערד שלאָגט געזאַנג.

✶

נאָר אַזאַ דיכטער ווי ה. שאַרגעל, וואָס „לײַדט" נישט פון השפעה און נאַשט נישט פון אַנדערע גערטנער און גיטער — קאָן אַזוי נאַטירלעך שיין זיך אַ הייב טאָן צו לופטיקע, דופטיקע שורות און סטראָפעס, צו גאַנצע לידער.

זיי פאַרשטאַרקן נאָך מער דעם אײַנדרוק, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אָריגינעלן פּאָעט, וואָס שעפּט פון אייגענע קוואַלן אמונה און קאָסמישע פרייד: אינספּיראַציע, וואָס קומט פון נשמה־אויפקוועל און — קווייל...

אַ קליינע דוגמא פון פּשוטער און עכטער שירה:

אַ לויב צו די גלייביקע מענטשן
וואָס זענען גוט,
וואָס קענען נישט באַוועלן קיינעם
און זיי פּײַניקן זיך נישט,
נישט יענעם,

און זייער גאַנג, ווי אַ תפילה
איז געהערט.
אַ לויב צו אַ געזאַנג אַזאַ
צו די גלייביקע מענטשן
אויף דער ערד.

פאַרעם און אינהאַלט־קאָמפּאַקטקייט. געהעמטע מוזיקאַלישקייט און אַ ים גוטסקייט און ליבשאַפט.

ה. שאַרגעלס נאַטור איז אַ ברויזנדיקע, אימפּולסיווע. דאָס איז זײַן ערשט בוך. אַ שאָד, וואָס זײַנע לידער האָבן נישט געזען די ליכטיקע שײַן אין אַ בוכפאָרעם ביז איצט. אַ געדרוקטע שאַפונג איז ווי אַ מענטש קעגן אַ שפּיגל: אָנגעטאָן, אַ מאָל — נאַקעט. נאַקעט פאַרן רשות־הרבים, פאַר אַ פרעמד אויג איז — וואַרענונג, לקח־לימוד... עס קאָסט... אָבער עס איז ווערט...

דאָקעגן לייענען אָפּט, צו אָפּט — זיך אַליין, מאַכט מטושטש, פאַרווישט און פאַרווירט דעם בליק, פאַרלירט דעם כּוח־השיפּוט, וואָס איז במילא „ענגהאַרציק" און סוביעקטיוו.

דערפאַר איז אויך דאָס נישט־געשליפענע אין ה. שאַרגעלס ליד — שאַרגעליש־אָריגינעל. עס איז אָרגאַנישער טייל פון זײַן מקורותדיקער, ספּאָנטאַנישער דיכטער־פערזענלעכקייט.

הלל שאַרגעלס שירה איז תּפילה: רעליגיעזער אויפציטער און לעבנס־חדווה, אַזוי ווי ער זעט, שפּירט די ווירקלעכקייט אין איר אייביקן אויס־מעסט און באַטירלעכער (אָדער: געטלעכער) זינלעכקייט.

עס זינגט אין אים און ער זינגט פאַר אונדז:

אָנצינדן ליכטער אין אייגענעם טונקל
און זינגען אַ ליד.
ווײַל געניט איז דער דיכטער,
ווייסט די פּײַן פון פאַרשעמטן
— — —
וואָלט איך דאָס ליכט בענטשן,

אזוי צו זאָגן

וואָס שײַנט אַרײַן דורך דער שויב.
תּפילה כ׳וואָלט געטאָן און געלויבט: —
ס׳איז דאָ אַ שׂכר, אַ באַצאָלונג פאַר אַלץ.

✶

זונטיק דעם 3טן יולי 1983 איז מיט אַ מיתה־בנשיקה נפטר געוואָרן דער דיכטער און מאָלער הלל בן ר׳ איטשעלע שאַרגעל. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי, אַז ער פילט זיך נישט גוט און צו די אייניקלעך: „אני יוצא למסע ארוך״ — כ׳גיי אַרויס אויף אַ לאַנגן מאַרשרוט — און איז אויסגעגאַנגען בײַ זיך אין שטוב.

זײַן צווייט בוך לידער א״ט „פון זיבעטן ליכט״, וואָס דערשײַנט בײַם פאַרלאַג „ישראל־בוך״, איז אין מיטן פאַרטיק ווערן אין אײַנבינדערײַ.

בײַם פרישן קבר האָט אים רירנדיק מספּיד געווען דער שרײַבער, זײַן יוגנט־חבר און בן־עיר, פּײַוול זיגלבוים יבל״א.

הלל האָט פאַריתומט אַ פרוי, אַן איינציקע טאָכטער און צוויי אייניקלעך.

כבוד זײַן אָנדענק!

✶

אַ תּלמיד־חכם; אַ נחבא אל הכּלים; אַ בעל־אמונה. אַ סך ליבשאַפט האָט ער געטראָגן אין האַרץ צום מענטש און בין אדם למקום. אַזאַ איז געווען הלל שאַרגעל ז״ל. שטיל געלעבט, שטיל אונטערגעקרעכצט די לעצטע יאָרן. שטיל נסתלק געוואָרן.

אַ שטילער מענטש און פּאָעט. זײַן ליד איז דורכגעדרונגען מיט הייסן תּפילה־אָטעם. עס איז אַ רוי, אַ שיין, ווי די באַטור, ווי דער אייביקער ניגון פון וועלטבאַשאַף. ער האָט געשעפּט און געשאַפן פון אייגענע קוואַלן. טראָץ זײַן שווער קווײַלנדיק לעבן האָט זײַן נשמה — אינעם קראַנקן גוף — תּמיד געקוועלט און איז אינספּירירט געוואָרן פון גוטס און שיינקייט.

ער איז געווען פּאָעט־סינטעז פון זקנישער חכמה און תּמימות פון אַ קינד, וואָס בלאָנדזשעט פאַר אַלעמענס אויגן. אויך דאָס בלאָנדזשען

איז געווען בײַ אים שירה. הלל׳ס שירה איז תּפילה, רעליגיעזער אויפּציטער און חדווה צום לעבן.

אַ רואה־און אינו־נראהיק געשטאַלט אין לעבן און אין דער ליטע־ראַטור. אַ מחבר פון אַ סך לידער. אפשר לידערביכער. אָבער אַרויס־געגעבן האָט ער נאָר צוויי ביכער. ער האָט געקענט די חכמה פון שרײַבן, אָבער נישט די חכמה פון לעבן. זײַן עניוות אין אַ וועלט פון שקר און צביעות — האָט אים געלאָזט אין אַ ווינקל סײַ אין לעבן, סײַ אין דער ליטעראַטור. אַ גרויסער שאָד. אַ גרויסער פאַרלוסט.

דאָס לעצטע בוך לידער, וואָס דערשײַנט די טעג, איז נאָך בײַם אײַנבינדער. ער גופא, הלל שאַרגעל ז״ל, וואָס האָט עס באַוויזן צו זען, וועט, לײדער, נישט „שנײַדן מיט געזאַנג״ נאָך זײַן „זייען מיט טרערן״: מיט טרערן פון צער, קראַנקייט און אײנזאַמקייט.

הלל שאַרגעל ז״ל איז געווען פון די לעצטע פייגל פון אַ מחנה, וואָס פליט אונטער אַ נידעריקן, פאַרנאַכטיקן הימל. ער זעט די לײדיקייט אַרום זיך. עס לאָקן אים ווײַטע מרחקים. ווײַט אויף צוריק און — פאָרויס. קעגן זונפאַרגאַנג איז ער געפלויגן. זײַן אויג — פאַרבלענדט פון אומדער־גרייכבאַרע ווײַטקייטן.

אַוועק פון אונדז אַ חבר, אַ מענטש, אַ פּאָעט אין אַן עלטער, וואָס האָט נאָך אַ סך שעפערישע אימפּולסן. ווען אַ מענטש זאָל נישט שטאַרבן — איז צו פרי. בפרט — אַ שעפערישער מענטש.

אַ שווערע אבידה פאַר פרוי, קינד און קינדסקינדער, פאַרן ברו־דער, קרובים און חברים. אַן אבידה פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישער שירה.

ליבער מענטש, מאַן, טאַטע, זיידע, ברודער, חבר: מיר וועלן דיך נישט פאַרגעסן.

מאיר יעלין

מאָדערן, אָריגינעל — דער אופן פון דערציילן. דער אינהאַלט — פּאַרכאַפּנדיק־דראַמאַטיש. אַן אינטענסיוו אָניאָגן פון שורות, זאַצן, גאַנצע שטעלן. אָפט זענען די שטעלן פילאָסאָפיש־מעדיטירנדיקע אָבער אויס־געהאַלטן אין דער פּראָפּאָרציע.

דער סיפור־המעשה — פאַנטאַסטיש־רעאַל — טוט זיך אָן אויפן לייע־נער, שפּאַנט זײַן הערעוודיקייט, מאַכט אים שוין אויף די ערשטע עטלעכע צענדליק זײַטלעך פון בוך אַ מיטשותּף צום געשעענעם, צו דער אַקציע, וואָס האַלט אָן פונעם ערשטן ביזן לעצטן זײַטל פון דער נאָוועלע.

די קינסטלערישע רעאַליטעט ווערט די רעאַליטעט פון לייענער, און ער פרעגט: צי איז באמת אַזוי געשען? ער וויל וויסן: וואָס איז געוואָרן מיטן שיינעם מיידל, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ייִדיש־מענטשלעכן שטאָלץ און נאָך מער תּמימות, מיידלשן חן אײַנגעשטעלט איר יונג לעבן, כּדי צו ראַטעווען פון באַלדיקן אומקום איר חתן, איר טאַטע־מאַמע.

אין קאַרגע ווערטער ווערט געשילדערט דאָס ייִדישע מיידל, איר מסירת־נפש, וואָס ווירקט אַזוי באַטירלעך אויפן ייִד אָסקאַר גריק, וואָס איז על כּרחו איינער פון די דײַטשישע שעפן — צושטעלער פון אַרבעט און אַרבעטס־כּוח.

דאָס עצם ווענדן זיך צו אים ניט וויסנדיק אַז ער איז אַ ייִד באַיאָט נאָך מער דעם אינסטינקטיוון פסיכאָלאָגישן אמת, וואָס דער מחבר האָט מיט אַזוי פיל שפּאַרעוודיקייט אַרויסגעבראַכט, שלאָגט אָן אַ טאָן פון הויכער דראַמאַטישקייט.

אין אָט דער מסוכּנדיקער ראָלע, אײַנשטעלנדיק דאָס אייגענע לײַב־און־לעבן, זוכט אָסקאַר גריק און געפינט, ווי אַזוי צו ראַטעווען, זאָל זײַן אויף אַ באַשטימטער צײַט, דאָס לעבן פון אַ ייִדישער משפּחה.

דער מחבר פאַרגעסט אויך ניט, אויף זייער אַ דעליקאַטן אופן, צו באַטאָנען, אַז אָסקאַר גריק טוט דאָס אָן ,זײַטיקע כּוונות׳ פון אַ מאַן,

אין וועמעס הענט דער גורל פון מיידל און איר משפּחה איז לחסד אָדער לשבט. ‚זייטיקע כּוונות׳ אין יענעם מצב זענען כּמעט געווען לעגיטים...

דער פאַקט פון אַרויסברענגען אַזאַ גרויליקע רעאַליטעט פראַנטאַל, דירעקט, און קינסטלעריש זיך ספּראַווען — איז אַ גאַר גרויסער אויפטו.

דער עיקר איז דאָ דער אינעווייניקסטער קאָנפליקט, די הויכע עמאָציאָנעלע שפּאַנונג פון הויפּטהעלד אָדער אַנטיהעלד, דער אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק.

ניט נאָר די האַנדלונג, נייערט אויך דער אופן פון דערציילן איז אייגן־מיניק און אָריגינעל. די אימאַזשן, די טיפּן — נאַצישע עסעס־מענער, אין און אָן אוניפאָרמען — געזען מיט די אויגן פון אַן אייגענעם, אַן אינעווייניקסטן, זענען גאָר ניט שכיח אין דער פּראָזע פון נאָך דער מלחמה.

צוויי זייטן פון איין מטבע ווייזט אונדז דער מחבר. דער העלד שטייט מיט ביידע פיס אויף איין ברעט מיט די רוצחים פון וועמעס מיילער עס טריפט גיפטיקע יידן־שינאה; מיט אים — זיין באַגלייטערין, די שיינע מאַרגי. — מיטן האַרץ, מיטן מוח זענען זיי אָבער ביידע דאָרטן, פון יענער זייט שטעכלדראָט, מיט זייערע צום אומקום געפייניקטע און צום אומקום געפירטע יידן.

נאָענט, פּנים־אל־פּנים מיט די מערדערס, זיצט מען ביי זאַטע טישן, פלעשער וויין. מע שפּילט מיט זיי אין קאָרטן. מען ‚אַמוזירט׳ זיך. די שיינע מאַרגי קאָכט פאַר זיי כּל־מיני מאכלים און פּאַטראַוועס. פרעגט זיך אַ שאלה: איז עס מעגלעך? איז בנימצא אַזאַ ייד — העלד צי אַנטיהעלד — וואָס זאָל האָבן געשפּילט אַזאַ ראָלע?

איז טאַקע אַזוי שווער געווען אַז אָסקאַר גריקס אויספאָרשער זאָל מיט איין באַפעל, אפילו אַ מאַך מיט דער האַנט, מגלה זיין אַז ער איז אַ ייד?

אמת, מיר טרעפן דאָרטן אַ סצענע, ווו אָסקאַר כאַפּט זיך אַראָפּלאָזן די הויזן און דער אויספאָרשער איז מוותּר. איז דאָס אַ גענוגנדיקער ענטפער?

מע דאַרף פון דעסטוועגן האָבן האַרץ, כּוח אויפצובויען אַזאַ גע־שטאַלט — אַזוי גאַנץ אין איר צעצווייטקייט.

און דאָך און פּאָרט איז עס דעם מחבר געראָטן. דער טראַגישער, „נאַטירלעכער" סוף פון אָסקאַר גריק און מאַרגי, וואָס די נאַצישע קויל האָט זיי דעריאָגט אין אַמאָקלויף, מאַכט אַזוי וואָר דעם גרויליק־גורלדיקן יידישן מהות פון העלד־קרבן אָסקאַר גריק.

מאיר יעלין איז דערמיט פון די געציילטע פּראָזאַיקערס, וואָס האָבן ניט מורא געהאַט אַנצורירן אַ טעמע, ווו איטלעכער ליטעראַרישער אָפּווייך, ליצענציאַ פּאָעטיקאַ, ווי מע רופט עס, איז בבחינת חילול־האָדם און חילול־המקום. ער ווייס ווויל: דאָ טאָר מען ניט באַניצן דעם דמיון. דאָס רעאַלע שטייגט דאָ אַריבער יעדן דמיון. און געשריבן איז די נאָוועלע מיט גייַסטיק־פּסיכישער גבורה און גבורהדיקער באַהערשטקייט.

פון דאַנען — דאָס הייס־אָטעמדיקע לשון, דער אימפּעטיקער טאָן פון דערציילן.

שרייַבנדיק די נאָוועלע איז, ווייַזט אויס, דער מחבר פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייַן אויטענטישן חומר, פון אימפּעטיקן דערציילן. פאַר זייַנע אויגן איז געשטאַנען דאָס גאַנצע בילד, וואָס האָט „פאַרליאַפּעט" (מ. יעלינס אויסדרוק) די חושים, אים אַרייַנגעשלעפּט אין „די מיראַזשן פון אַמאָק־לויפער". לויפנדיק פון כלל־בילד צום פרט, צו די פרטי־פרטים, איז זייַן סענסיטיוו אויג, זייַן שפּירעוודיקער אויער, אַריבער־געשפּרונגען ווי איבער אַ שטייענדיק־מוטנע וואַסערל, אייניקע נישט־וויכיקע שפּראַך־מכשלים.

אין גאַנצן גענומען איז דאָס בוך, פון קנאַפּע צוויי הונדערט זייַטן, פייַן סטיליזירט און עס ווילט זיך דאָ ברענגען אַ דוגמא:

„ניכטער־קלאָר, דורך און דורך האָב איך, אָסקאַר גריק, זיי געזען, די הונשקעס און אַנדערע. פון געל־ברוינע וואַטע־נעפּלען, געל־ברוין, ווי די עס־אַ־אוניפאָרעם, וואָס ער טראָגט, שיילט זיך אויס נעפּאָמוק הונשקע. האַלטנדיק זייַן דאַמע פאַר אַ האַנט, פירט ער זי אַרויף אויף דער אַרענע פון מייַן לעבן. ער — אַ פּולבלעכער, מיט אַ בירבייַכל, זי — אַ נידעריקע, זייער דאַרע און פלאַכע ווי אַ ברעט, מיט אַראָפּ־הענגענדיקע פּאַסמעס פלאַקסהאָר איבער אַ ווייַס לענגלעך פּנים, אויף וועלכן ס'ציטערן בערוועז צוויי אַגבערעמיקע גרויע אויגן, רויטלעכע ווי בייַ אַ קראָליק" („די מיראַזשן פון אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק", פאַרלאַג ה. לייוויק, ת"א 1981).

פאַראַן אַ סך אַזעלכע זײַטן פון שײנער שילדערונג, פון פּסיכאָלאָגיש־פּלאַסטישער בילדערישקייט, קרעפטיקע, קערנדיקע פּראָזע. מען דאַרף עס, מע מוז עס לייענען. איך קאָן זיך אָבער ניט באַגיין מיט איין דוגמא. וועל איך ברענגען כאָטש נאָך עטלעכע שורות: „ווערט ערנסט די מאַסקע [פון אויספאַרשער] און דערווידערט זאַכלעך: — דאָס איז אַ קלוגער ענטפער. אַ פּיפּיקער גאַנג. כ׳ווייס, דו האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ווען ניט, וואָלטסטו דען דערגרייכט דײַן פּאָזיציע? און וואָס אויף דיר איז נאָך אַרויפגעלייגט... אַ־פּראָפּאָ, ווער ט׳געגעבן די אָנווײַזונג, זאָלסט אין געטאָ ניט גיין? דאָס איז וויכטיק. די ווערסיע פון אַדאָפּטאַציע זעט מיר ניט אויס... מיר, דײַטשן, גלייבן דאָקומענטן. שוואַרץ אויף ווײַס. — — מיר ווייסן אויך, אַז יידן וועלן ניט אַדאָפּטירן קיין פרעמדשטאַמיקן גוי. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, ניט קיין געווייַנטלעכער ייִד ביסטו...״ (דאָרט).

אָט אַזוי רעדט אַ הויפּטשטורמפירער, אַ דײַטשישע חיה אונטער אַ מענטשמאַסקע. רייד פון אַ מאַניאַקישן עס־אַ־מאַן, אַ ,ווײסנשאַפטלעכער באַגרינדער׳ פון ייִדן־שינאה.

ווײַזן אָט די זײַטן פּראָזע אויף די גרויסע מעגלעכקייטן און אייגענע מיטלען, אויף די ראַציאָנעלע און איראַציאָנעלע כוחות און בעלעטריסטישע מעלות פון מחבר, אויף דעם אַליינקאָנטראָל און וואָרט־דיסציפּלין, וואָס האָט די אייבערהאַנט אין מאיר יעלינס שאַפן און שאַפונגס־פּראָצעס, איבערן תמצית פון געדאַנק און צימצום פון אַרויסברענגען אים.

מע פילט אויך דערבײַ דעם אויפריכטיקן ווילן זיך צו אידענטיפיצירן מיטן גורל פון צווייטן, בפרט ווען דער ,צווייטער׳ איז בלוט פון זײַן בלוט אוןביין פון זײַן ביין, דער געשלאָגענער, געררודפטער ייִד.

אַ סך ניט־דערזאָגטקייט רײַסט זיך פון דער אָנגעלאָדנקייט, פונעם אויסגעשטומטן דערווידער און נקמה־געפיל צו דער נאַצישער חיה, מיט וועלכער דער העלד איז אַזוי ,פאַרחברט׳. אָט דאָס ניט־דערזאָגטע וואָרט טוט זיך גיך אָן אויפן לייענער, וואַרעמט אָן די לופט, שאַפט אַטמאָספער. דער לייענער גייט מיט מיטן דערציילער אויף אַלע זײַנע מחשבה־און געפיל־וועגן. ער לעבט מיט אָסקאַר גריקס פחדים פאַרן אייגענעם גורל און פאַרן גורל פון דער שײנער מאַרגי, זײַן פרוי, און די צעצווייטקייט פון ביידע בעתן שפילן די מסוכנדיקע ראָלע פון ניט־ייִדן. זיי דאַרפן

כּסדר איבערחזרן אין די אויערן פון זייערע „חברים׳ די גיפטיקע רייד:
„פּריִער צי שפּעטער מוזן זיי [די יידן] פאַרטיליקט ווערן”.

אָן אַ דרויסנדיקן עפעקט, אָן האַקנקרייצן און טויטנקעפּ — נאַקעט
באַשרײַבט מאיר יעלין די פאַרשווינען מיט זייער שאַנטאַזש און צביעות,
געלט־ און גאָלד־גיריקייט, נאַקעטער תאווה צו ווײַב און ווײַן, ציניזשקייט
און ראַבאַטישן גלײַכגילט צו רויב און מאָרד.

דאָס אַלץ טיילט אויס די נאָוועלע פון אַנדערע ביכער אויף דער
דאָזיקער טעמע און מאַכט זי באַגלייבעוודיק, עכט. ס׳איז אַן אימפּעטיק
יאָגן און טראָגן זיך פון אַ זכרון — אַ זכרון פון טויטע — וואָס וועט
קיין מאָל ניט שטאַרבן, ס׳איז דער אײַזערנער רצון פון אָסקאַר גריק
צו לעבן.

אַ שליטן מיט יִישובניקעס

פון די ערשטע עטלעכע זײַטלעך גיט תיכּף אַ שלאָג מיטן אַראָמאַט און קלימאַט פון ז. שניאורס „שקלאָוווער״: קערנדיקע, געזונטע, האַרע־פּאַשנע ייִדישע שיינקייט. לייענט מען ווײַטער — שטאַרקט זיך דער אײַנדרוק. עס ווייעט אויך מיט עפּעס וואָס דערמאָנט, אין מהות און צײַטאָפּשניט, אין די „זעלמעניאַנער״ פון מ. קולבאַק, וואָס גיט אַ טיפן און ערנסטן אַרײַנבליק אין דער תּקופה פון ערב און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אַ תּקופה פול מיט צוזאַג, אומרו און שווידערלעכע אויפֿטרייסלונגען. אַ נײַע רעאַליטעט וואָס האַלט ערשט אין ווערן; אַ פּרוווּ־שטיין פאַר נײַע אידעען, פּראָבלעמען, לעבנס־פאָרמען אין אַן אויפֿלייזנ־דיקן, לויזן, באַוועגלעכן מצב. די פּראָבלעמאַטישע טעמאַטיק שטערט ניט דעם דערציילער יאַנקל יאַקיר אַרײַנצוקוקן אין דער טיף פון די אימפּעטדיקע געשעענישן און אַרויסצוברענגען פון דאָרטן עכטע, אמתע איבערלעבונגען. און דאָס אַ דאַנק זײַן קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע, דמיון און קאַלירפולן דיסציפּלינירטן וואָרט.

האָט טאַקע יאַקיר עפּעס סײַ פון זלמן שניאור, סײַ פון משה קולבאַק. קומען מיר דאָ צום עיקר־העיקרים פון יאַנקל יאַקירס פּראָזע: זײַן לשון — ניט נאָר ווי אַן אינסטרומענט, אַ שפּראַך־כּלי, נײַערט ווי אַ שרײַב־נוסח וואָס איז אויך תּוכן.

ניט נאָר מאָלדאַווישער הומאָר און חריפותדיקער, פעפערדיקער זאָג. עס איז אַ וואָרט־אוצר, שעפערישער מהות, אָריגינעל־קינסטלעריש פּנים.

„זיי טײַען אָן די רענדאַרעס. די הרובע איז אַ פּריסיק הייסע. די באַפּוטערטע און באַברינדזעטע מאַמעליגע און דער ווײַן צעגייען זיך ווי סאָלץ אין די ביינער. די בעל־הביתטע איז אַ קאַשיקע און אַ חנעוודיקע און פון יעדן קוק אירן ווערט ליכטיקער אויפן האַרצן... און דאָס רעכטע הייבט זיך ערשט אָן. והראיה... אָט כאַפּט טאַקע גיטל די שאַל אויף די פּלייצעס, גיט יצר־הרעדיק אַ וויג די באָקעס און לויפט אַראָפּ אין קעלער און באַווײַזט באַשײַמפּערלעך וואָס זי איז אויסן מיט דעם גרויסן

גאָט אירן, וואָס זי פּאַרמאָגט, זי ברענגט אַרויף פינף פלעשער אַלטן ווייַן, וואָס זי באַהאַלט נאָר אויף די געהויבענע ימים־טובים און אויף... מען זאָל נישט באַדאַרפן" („אַ שליטן מיט יישובניקעס", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א תשל"ד, זז' 13־14).

דאָס איז בלויז אַ קורצער ציטאַט פון אַ גרויספּאַרמאַטיקן בוך פון 234 זייַטן. דאָך שפּירט מען גלייַך די שרייַבערישע גבורה, דעם כּוח־הדיבור, בעתן מאָלן מענטשן, סיטואַציעס, האַנדלונג. וואָס מיינט דען גוטע פּראָזע? געשטאַלטיקן טיפּן, ריכטיק באַניצן זיך מיט קינסטלערישע מיטלען; עסטעטישע יסודות און אָריגינעלער אייַנפאַל; אומגעריכטער ווענד אין באַשטימטע סיטואַציעס; פּלאָנטער פון האַנדלונג.

נעמט מען אין אַכט אַז אַ שליטן מיט יישובניקעס פירט אונדז צוריק צו יענעם לעבנס־שטייגער וואָס איז אַזוי טראַגיש צעשטערט געוואָרן און איבערגעלאָזט אַזוי ווינציק פון די שאַפערישע כּוחות וואָס וואָלטן כאָטש טיילווייַז געבראַכט צום אויסדרוק יענע תּקופה — איז יאַקירס פּראָזע שוין גאָר אַ יקר־מציאות (אויסנוצנדיק דעם מחברס אַ גלייַכווערטל).

די העלדן און אַנטיהעלדן אין יאַקירס פּראָזע זענען ניט באַשריבן, נאָר דערלאַנגט לעבעדיקערהייט. מען זעט ווי זיי באַוועגן זיך; מען הערט ווי זיי טראַכטן; מען אידענטיפיצירט זיך מיט זייער אופן פון רעאַגירן, מיט זייערע אימפּולסן, זייער אַפּאַטיע און טרויעריקער פרייַלעכקייט, מיט דעם טראַגיש־גראָטעסקן פון דער רעאַליטעט אין וועלכער זיי זענען על־כּרחם אַרייַנגעשלייַדערט געוואָרן. מען שפּירט דעם ווייטיק און דעם צער, דעם בטחון און די האָפענונג פון דער שארית־האומה אויף די וויסטע וועגן פון נע ונד און פאַרשיקונג.

מען קומט אָן אין אַן אוזבעקישן קאָלכאָז:

„פון דער קאַראַקומער מידבר בלאָזט אַ פריסיקער, שרפעדיקער ווינט. אין זייַנע פאַלדן טראָגט ער, דער ווינט דער משחית, פעך און שוועבל. ס'אַ ווינט אַ מלאך־המוות. ער כאַפּט ביַי די העלדזער, ער קרעלט אונדז אָפּ די פּנימער. עס פּראָפּלען זיך אין זאַמד עופות, סע רעווען אייזלען און עס קאַוווטשען אימהדיק די הינט" (דאָרט, ז' 131).

אויך דאָ אין דער פאַרוואָרפנקייט איז וואַך דעם מחברס אויג, דער חוש פאַר פּייַסאַזש. פּסיכיש־גייַסטיקע און פיזישע לאַנדשאַפט ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט מיט אַ סך קאָלאָריט און מאָלערישקייט, מיט ראָמאַנטישן

רעאַליזם און היסטאָרישער פּערספּעקטיוו; מיט געזונטן הומאָר און אַ שפּע פֿאָלקסווערטלעך און גלײַכווערטלעך.

דאַרף פֿון דעסטוועגן דאָ געזאָגט ווערן: הומאָר, לאָקאַליזמען — מאָלדאַוויש, רוסיש, אוזבעקיש אין יידישער טראַנסקריפּציע — אַפֿילו ווען ס'איז געווירצט און געשמאַלצן מיט אידיאָמאַטיק פֿון וואָלעכישן קאַנט און „פֿאַרדרעלעוועט" מיט בעסאַראַבישן חן איז, לפּי עניות־דעתי, דער באַניץ מיט זיי אַ צו ברייטהאַרציקער. אַ צו געדיכטער אָנוואָרף פֿון פֿאַרבן, ניט תּמיד אין געהעריקער מאָס און פּראָפּאָרציע.

אָבער אַזאַ איז די אָריגינעלע פּראָזע פֿון יאַנקל יאַקיר. אַזוי זעט דער מחבר זאַכן, מענטשן, סיטואַציעס. דער אָבסערוואַטאָר־קינסטלער זעט די רעאַליטעט נאָך איידער ער קומט מיט איר אין ממשותדיקן באַריר. אַ דאַנק דעם אינעוויינייקסטן זע־כּוח, כאַפּט ער אויף דאָס דרויסנדיקע און גיט עס אַ סוביעקטיוון אויסדרוק. דאָס איז דער אמת וואָס יעדער קינסטלער טראָגט אים מיט זיך פֿון געבוירנשאַפֿט. דאָס איז זײַן „רעאַלע וועלט", וואָס אידענטיפֿיצירט זיך מיט דער דרויסנ־דיקער „אָביעקטיווער וועלט".

יאַנקל יאַקיר געהער בלי־ספֿק צו די אָבסערווירער־פּראָזאַיִקערס. ער האָט ניט נאָר אַן אינעווייניקסט אויג, נאָר אויך אַן אָפֿן יידיש האַרץ.

נאָך די דערציילונגען קומען אין בוך עטלעכע עסייען וועגן שרײַבערס וואָס האָבן געלעבט „אין דער געבענטשטער מדינה צווישן דניעסטער און דער טינע" — וועגן זיי בעט זיך צו שרײַבן באַזונדער.

שטערן פאַלן לײַכטנדיק

זע, אביבה, עס נייגט מײַן גרויער קאָפּ,
ווי די זון, צו מעריב.
טונקל ווערן מײַנע בלויע אויגן,
ווי אין האַרבסט דער ים.

די דאָזיקע שורות זענען גענומען פון לידערבוך „אין הויז פון חלו־מות", וואָס איז דערשינען מיט פערצן יאָר צוריק. דער פּאָעט שמואל טאַפּ האָט אַ סך גרעסערע, שטאַרקערע לידער. צו מיר רעדט אָבער דאָס קליינע זיבן־שורהדיקע ליד מיט דעם פּײַנעם, לירישן טאָן, עלעגישן טרויער און באַדויער. אמתע איבערלעבונג רײַסט דאָ אַדורך אַלע נשמה־העמונגען מיט אַן אומאָפּפרעגלעכן, שטילן, אָבער שטאַרקן כּוח נתגלה צו ווערן. דאָס איז תּמציתדיקער אויסדרוק פון מינוטן פון אינטימקייט צווישן דיכטער און ליד. בײדע זענען דאָ — איינס.

די טעמע איז דאָך אַלט ווי די וועלט. און די וועלט האָט אַזאַ פּנים אַזוי ווי דער מענטש. דער דיכטער זעט זי. מיט אַנדערע ווערטער: דער אָביעקט איז אַ סטאַטישער, אָבער דאָס סוביעקטיווע זען און דאָס אַרויס־ברענגען האָבן זייער אייגענע דינאַמיק. די דינאַמיק איז דער קינסטלער. דערפֿאַר איז די אַלטע טעמע — אײביק נײַ. נײַ און אַנדערש ווערט זי אויפגענומען און אַרויסגעברענגט אין טאָן, אין פאַרב און ליניע ווערליק דער מאָס און אויסמעסטונג פון קינסטלער.

אויך אין די שוואַכע לידער, וואָס זענען שטאַרק אַנזעעוודיק, שפירט מען דעם פּאָעט. ער שטאַמלט היפּש אונטער. עס איז אָבער אַ סימפּאַטיש שטאַמלעניש. שמואל טאַפּ, שײַנט מיר, שפירט עס דער ערשטער און דערפאַר איז ער, ווי אַלע שטאַמלערס, — אַ ריידער. אַ ליד האָט ליב ווייניק רייד און אַ סך זאָגן.

אלא־מאי? עס איז אַ פאַלקסטימלעך רעדן מיט אַ צומיש פון אינטע־לעקטואַליזם, וואָס גיט דער באַרעדעוודיקייט פּאָעטישן קאָלאָריט.

די גרויסע לידער אין די צוויי ביכער באַוועגן זיך צווישן אַבסטראַק־ציע און קאָנקרעטקייט. „אייביקייט", „וועלט און מענטש", „ליבע און שׂינאה", אָדער — „אַטאָם", „עקאָלאָגיע", „פּלאַקאַטן". דער מחבר דער־לאַנגט אונדז אַ ציקל לידער „נאָכן בלוטיקן מבול" אין צעשוווּמענע שורות מיט אַ סך געניצטע און איבערגעניצעוועטע ווערטער, וואָס קלינגען אַ ביסל צו באַקאַנט און צו הויך: „אומשולדיק בלוט פאַרגאָסנס", „פלעכט צונויף מיט קאַמף — אַ פרײַהייט־ליד דערפון וועט ווערן" אָדער: „אונטער גרויען אַש ליגן אַלטע פעלקער".

די בילדער זענען אַלגעמיינע, גאַרנישט־זאָגנדיקע. זיי זענען צו גרויס. איז דען נישט בעסער אַ קליינע טעמע זען פון דער נאָענט און פון אַלע זײַטן, איידער אַן אַלזײַטיקע, גרויסע טעמע — זען קליין און פון דער ווײַטנס.

און נאָך עפּעס:

ווידמונגען. צו וואָס אַזוי פיל ווידמונגען? „מײַן זון גבריאל", „מײַן ברודער גבריאל", „מײַן ברודער אינאַ טאָפּער", „צום אָנדענק פון פאַר־שטאָרבענעם פרײַנד" אאַז"וו. אַ בוך איז נישט קיין אַלבאָם. שמואל טאָפּ איז געבוג ערלעך אין זײַן נאָענטקייט, ליבשאַפט צו אַ חבר, אַ פרײַנד, אַ ברודער, אַ גוטן־ברודער. מ'קען אויך ווידמען אַ ליד אויף אַזאַ טעמע און דאָס ליד גופא, די אַטמאָספער, די לופט, מיט וועלכער ס'ליד אָטעמט — זאָל זײַן קודם־כל אַ ליד און — אַ ווידמונג. איז אפשר דאָ דאָס אָרט צו דערמאָנען דעם צו פיל דערמאָנטן באַנאַלן „כל המוסיף — גורע".

שמואל טאָפּ פאָעט „דעקט" זיך אָבער גלײַך מיט אַזעלכע גוטע, עכטע לידער, אַז דו ביסט אים מוחל. מיט אַזעלכע לידער, ווי „שעה פון בלויער שטילקייט", „טרערן", „ליבעשפּיל". טאַקע אָט־אָט די, ווי מיר האָבן געזאָגט, קליינע לידער אויף אינטימע, היימישע טעמעס זענען זײַן גרויסער איפּטו. שטילער, באַשיידענער טאָן. האַרציקע קלאַנ־גיקייט. עס זינגט אַרויס פון אים אויטענטיש און אינטים. אין די דאָזיקע קליינע־גרויסע לידער איז דער דיכטער מיט זיך. און ווײַל ער איז מיט זיך — איז ער אויך מיט אונדז. איז ער אונדזערער.

דאָס גלײַכן — דאָס ליד „מיט שלום־עליכמען". אַ פײַן־קאָנסטרויִרט ליד. ס'האָט אויך עפּעס פון הומאָר פון גרויסן מײַסטער. אַפילו די גראַמען „דאַטשע — קלאַטשע", „טעכטער — געלעכטער" זענען נישט קיין

אזוי צו זאָגן

שטער צום באַטירלעכן שמייכעלע, וואָס דאָס ליד רופט אַרויס ביַים לייענער. וויַיל ס׳איז אויפֿן אָרט.

אַז שמואל טאַפּ קען אָנשריַיבן אַ גאַנץ און גוט ליד דערוויסן מיר זיך פֿון ליד אויפֿן לעצטן זיַיטל פֿון בוך „שטערן פֿאַלן״.

און ווי זאָגט זיך ס׳ווערטל: אַז דער סוף איז גוט — איז אַלץ גוט.

איך אָונטשיַין\
ווערן בלאָס,\
צעברעכן זיך\
די שטריכן\
פֿון מיַין פּנים\
אין שפּיגל פֿון שקיעה\
— — — מיַין חלום,\
וואָס שלאָפֿט\
אין די ווייכע\
קנייטשן\
פֿון מיַין פּנים.

(„שטערן פֿאַלן״, פֿאַרלאַג ה. לייוויק, ת״א 1982)

דער פּאָעט שמואל טאַפּ שלאָגט דאָ אָן אַ טאָן אַ טיפּיש־טאָפּישן — זינגענדיק־שפּילעוודיק — פֿון אַ מאַני לייב, לייב נײַדוס, אַברהם רייזען. און געזאָגט ווערט דאָס לשבח, מחמת עס איז גוט־פֿאַרדיַיעטע השפּעה מיט אַ צוגאָב פֿון אַן אייגענעם ריטעם, אַן אייגענעם ריח און טעם פֿון אַלטן וויַין אין נײַע, אַליינגעפֿאַרעמטע מאָדערנע כּלים.

לייענענדיק מאַלטינסקיס לידער

לעבנס־נסיון און יאָרן שעפערישקייט, קומ גייען זיי האַנט בײַ האַנט, ווערן זיי אָפּט אַ קוואַל פון עכטן, דיכטערישן אויסדרוק.

גערעדט געוואָרן איז עס, ווען דער דיכטער העלפט זיך נישט אַרויס מיט רוטין — שונא נומער איינס — און מיט פּאַרטיקע סימבאָלן, מיט ווערטער־אָנוואָרף, אויסטײַטשן געדאַנקען, געפילן. אַדרבא: דאָס וועלן „פאַרשטענדלעך" מאַכן דאָס ליד, לאָזט איבער דעם רויען, גרויען שטאָף — מעג ער זײַן „דאַנקבאַר", ווי חורבן, אומקום, גבורה — אין זײַן אורפאָרעם, אורערשטן צושטאַנד. דאָס ליד לאָזט אונדז דעריבער קאַלט, אָפּט — אַנטוישט.

הרודעס גאָלד אויסגעשלאָגענע פון ערדישע אײַנגעווײדן שלאָגן מיט אינערלעכן ליכט ערשט דעמאָלט, ווען זיי ווערן גערייניקט און געשליפן.

ס׳קאָן אָבער בשום־אופן נישט געמאַכט ווערן מיט בונטע ווערטער, מיט רייד וואָס פאַרשרײַען, פאַרדעקן, ווי געדיכטע פלעקן — דאָס דיכטערישע בילד וואָס דאַרף אַ רעד טאָן צו אונדז מיט אוממיטלדיקן צאַפּל פון מענטשלעכן געמיט.

דער געזונטער חוש פון לייענער, ווי יעדער „קאָנסומענט", דער־שפּירט תיכף דעם אונטערשייד פון אמתן און פאַלשן גאָלד, פון עכטקייט און אימיטאַציע, וואָס נידערט אַראָפּ דאָס ליד צו דער מדרגה פון קינסטלערישקייט. זייגט אויס, ווי אַ שפּין, דאָס לעצטע ביסל בלוט, לאָזט עס מאַכטלאָז הענגען אין חלל — אָן ליכט, אָן לעבן.

איך האָב געלייענט ביידע לידערביכער, אַ קימאַ־לן פון קנאָפּע פיר הונדערט זײַטן. געגאַנגען איבער אַ סך זאַמדיקן באָדן. פאַרבעפלטע הימלען פון אומקלאָרקייטן. הרודעס גוזמא און סליאַדן פון שלעכט־פאַרדײַעטער השפעה — און פאָרט און דאָך געפונען אַ לעבעדיק גרעזל, אַ ווילד־שיינעם דאָרן, אַ גרינעם קוסט. האָב איך פרײַער אָפּגעאָטעמט. הנאה געהאַט פון אייניקע, נישט־ווייניקע לידער.

אזוי צו זאָגן

מיטגעבראַכט כ׳האָב אין דמיון מײַן שטעגל,
מײַן לעבן ווו אײַן און ווו אויס.
דאָ, צו פרעמדער עשירות, פאַרמעגן —
מיר ווערן די אויגן נישט גרויס.
גאָט, היט מיך פון נידעריקן פאַלן,
ווי דער שטיין באַרג־אַראָפּ פון איין שטויס...

באַזונדערש עכט און געלונגען איז דאָס ציקל לידער „אין שלאַכט״.

געפײַפט האָבן שפּליטערס, אויף מיר זיך געשאָטן,
און גראַד אַזאַ גלאַטקייט אַרום,
כאַטש פאַרקריך אונטער אייגענעם שאָטן...

...מיט מויל כ׳האָב זיך שטײַף צו דער ערד צוגעפּרעסט,
נאָך שטײַפער ווי צו מיידלשע ליפּן.
ס׳קריכט דער זאַמד אין די ציין, אויפן גומען,
און דאָס פײַער מיך דרעשט
און די שפּליטערס נאָך מער זיך צעזשומען.

(„די ערד פאַרשטייט״, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת״א 1976, ז׳ 89)

בעתן לייענען די אָ שורות ווערסטו אָ מיטגייער מיטן יידישן רויטאַר־מייער אויף די מלחמה־פעלדער, שלאַכטן, אין די טראַנשייען. דער כּוח פון פּשוטן וואָרט, דער אמת פון שוידערלעכע, איבערגעלעבטע רגעס אייביקייט — וועקט צוטרוי, באַגלייביקייט. ס׳וואַקסט די חשיבות פון דיכטער און ס׳רײַסט זיך בײַ דיר אַרויס אָ „כּי־טוב״.

צעטרייסלט, אויפגערודערט פון דער „פראַנטמוזיק״, פון דער וואָר־האַפטיקייט פון דער איבערלעבונג, היפּערסטו איבער אַלע כּללים פון ריטעם, קלאַנג, מעטריק און וואָרטמוזיק.

איז דאָס וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט — שעפערישקייט וואָס גייט האַנט בײַ האַנט מיט לעבנס־נסיון.

די גרויליקע, גורלדיקע רעאַליטעט פון שלאַכטפעלד, וואָס איז העכער דרײַסיק יאָר נאָך דעם קאַפּויער געקומען אין כּוח־הדמיון, אין פלייש און נערוון־געוועב פון פּאָעט — איז גובר אַלע קינסטלערישע שוואַכקייטן. די באַקעטע זאָגערישקייט פון ליד, די פאַרשטענדלעכקייט וואָס איז,

געוויינטלעך, אַ חסרון — איז דאָ אויסגעוואָקסן צו אַ מעלה־טובה. די מעלה פון אוממיטלדיקייט, וואָס וויל נישט און לאָזט זיך נישט „פּאַרגוואַל־דיקן".

די פּשטות און פּרעטענסיעלאָזיקייט — מענטשלעכע און קינסטלע־רישע — ווי אַן עיקר־עלעמענט אין מאַלטינסקיס שאַפן — מוז וועקן צו זיך סימפּאַטיע און חשיבות. דאָס איז אַ פּשטות, וואָס דערשלאָגט זיך צום אמת פון דער שוידערלעכער מלחמה־כראָניק מיט אַן אייגענעם היסטאָרישן און קינסטלערישן ווערט.

לאָמיר צום סוף נאָך אַ מאָל לאָזן רעדן דעם דיכטער:

כ'טו אויף הינטער אַ קער זיך
אויף מינסק הענגט אַ וואָלקן, אַ וואָלקן אַ רויטער...
און ביז מאָליעוו — אַ וועלט נאָך מיט גאַנג —
ס'קריכט טונקל אַ נאַכט, ווי אַ שלאַנג —
מיין ערשטע שוין היימלאָזע נאַכט...
און פאָרויס — אַ גרויסע מלחמה,
אַן ערשטע, פאַרביסענע שלאַכט.

(דאָרט, ז' 84)

שמחה פּאָליאַקעוויטש

„דער מדבר פאַרשווינדט", אויף וועלכן מיר וועלן זיך ברייטער אָפּשטעלן, איז דאָס זעקסטע בוך פון מחבר און דאָס (דערווײַל) ערשטע בוך, ווו ס'רעדט זיך וועגן הי.

אין די פריִערדיקע פינף ביכער: „אַ טאָג אין טרעבלינקע", „אין שאָטן פון טרעבלינקע", „אין אַ פרעמדער הויט", „טעג אָן ליכט", „אינעם פוילישן דזשונגל" — שילדערט, דערציילט דער שרײַבער וועגן חורבן, נע ונד, געראַנגל פאַר קיום, אומקום.

אין לעצטן בוך איז דער מחבר, ווי מ'זאָגט, אין דער היים. דאָ דערלאַנגט ער אַ שטיק שטיגער, יוּרנדיקע, היגע ווירקלעכקייט, וואָס האָט נאָך קיין פּנים נישט, אָדער — אַ סך פּנימער.

דאָ דערשײַנט ש. פּאָליאַקעוויטש מיט זײַן דערציילערישן אייגנאַרט, לטוב ולרע — אָבער ערלעך, קאָנצענטרירט אויף איין טעמע, איין שטח.

כאָטש דאָ און דאָרט ווערן אַרײַנגעוועבט אייניקע, קלייניקע פּרטים — מענטשן, געשעענישן פון „דאָרטן" — איז די עיקר־אויפמערקזאַמקייט פון פּראָזאַיִקער דער גורל פון די נײַע עולים, זייער קלאַמערן זיך אין היגן באָדן, זייער פרייד און האָפענונג דאָ, אונטערן בלויען אייגענעם הימל, אָפּצוגעפינען אפשר עפּעס פון דעם, וואָס מ'האָט דאָרטן פאַרלוירן.

נישט אָן הומאָר, ביטערן שמייכל, געלעכטער, רעדט ער וועגן אייגע־נעם גורל ווי אַן עולה־חדש: וועגן דער גורלדיקייט פון שארית־האומה, וואָס פּרוּווט דאָ, אין לאַנד, אויסטוישן אויסגערויכערטע האָפענונג אויף אַ שטיקל רוי, זאַמדיק ערד — די לעצטע סטאַנציע פאַרן אָפּגעראַטע־וועטן שטיקל לעבן.

נײַע סביבה. שפּראַך. פאַך. אָפּגעפרעמדקייט — נײַע שטיינער אויפן נײַעם וועג. מ'דאַרף זיי אָפּרייניקן, אָדער איבערשפּרינגען, און גיין ווײַטער.

שווער אין שטייגערישער פּראָזע, אויף וועלכער דער מחבר פאַר־נעמט זיך — און עס געלינגט אים — געבן קינסטלערישן אויסדרוק

רויען שטאָף פון אַ ווירקלעכקייט, נײַ אין פאָרעם און אין תוכן, בפרט פאַר אַ שרײַבער, אַ נײַעם עולה. ווי געזאָגט, געלינגט דעם מחבר אַרײַנ־לעבן זיך פיזיש און גײַסטיק אינעם אַלט־נײַעם לעבן דאָ הי. אין קורצע כאַראַקטער־שטריכן שטעלט ער אַוועק מענטשן — וותיקים און עולים — זייערע פירעכצער און טוונגען.

פּאַליאַקעוויטש זעט אויך די שאָטנזײַטן פון היגן לעבן און דאָך נעמען זײַנע ייִדן אויף באהבה די נײַע רעאַליע. בכלל זענען די געש־טאַלטן ליבהאָבערס פון לעבן.

„דער געלער יאַנקל מיט דער לאַנגער, רויטער באָרד, געדרייטע פּיאות". זיין שכן „דער שפּײַזקרעמער, יהודה, מיטן אַנגעלאָפענעם בויך און גוידער, עובדיה דער שוסטער, אַ טאַטע פון קליינע קינדער, וואָס האָט זיך זעלטן באַקלאָגט אויף זײַנע קאַרגע פאַרדינסטן". „די סימפּאַ־טישע רחל און איר מאַמע חוה, די פרוי פון ר' זלמן. אַ פּאָר קלוגע אויגן און בולטע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט מאַכן ייִנגער איר שוין פאַרעלטערט פּנים" („דער מדבר פאַרשווינדט", לייוויק־פאַרלאַג, ת"א 1982, ז' 120).

„ר' זלמן איז געווען פון די ערשטע שוחטים אינעם אויפקומענדיקן תל־אביב. רעדט אַ זאַפטיקן ליטווישן ייִדיש. תורה־און חכמה־ווערטן זענען אים נישט פרעמד" (דאָרט, ז' 104).

דאָס שילדערן, אַוועקשטעלן אַזעלכע טיפּן, דערלאַנגען היגע רעאַליע בשעת ער, דער מחבר, לעבט אַליין איבער און מאַכט מיט די חבלי־לידה פון אַן עולה־חדש — אַזוי סוביעקטיוו ווען און אָביעקטיוו שילדערן — איז קינסטלערישע יכולת פון בכבודיקער מדרגה.

איז דאָס נישט נאָר געדולדיקע פּשטות פון אַ דערציילער, אלא אויך דינאַמיק פון היגן לעבן. דאָס איז פּראָזע באַהויכט מיט אַ וואַרעמען אָטעם פון אויטענטישקייט און באַגלייביקייט.

אויך דעם יונגן דור, די סאַברעס, וואָס זענען דאָ אויסגעוואַקסן און אַרײַנגעוואַקסן אין היגן לעבן, פאַרזעט נישט דער מחבר. אַ נײַער דור — אייניקלעך פון „דור־המידבר" — דער מידבר פאַרשווינדט טאַקע אָבער דער נײַער דור ווערט דער גײַסטיקער און פיזישער יורש פון אַלטן.

אַ סך פּנימער האָט דער אמת. דער אמת פון דערציילן האָט איין פּנים: דאָס פּנים פון מחבר. שמחה פּאָליאַקעוויטש איז, ווי שוין דער־מאָנט, איינער פון די ניצול־געוואָרענע. דאָס וואָרט „ניצול געוואָרן" אַסאָציִירט זיך מיט „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען" פון ה. לייוויק. פאַרן גרויסן לייוויק איז דאָס געווען אַ פּראָבלעם פון געוויסן און פון פּחד פאַרן חילול־האמת. פאַר פּאָליאַקעוויטשן, וואָס איז „דאָרט" יאָ געווען, איז עס אַ שווידערלעכער אמת, וואָס ער באַמיט זיך אַרויס־ברענגען מיט ווערטער און בילדער. זענען דעריבער אַ סך שטעלן אין זײַנע ביכער פון „דאָרטן" אַדורכגעדרונגען מיט טיפער אמונה און — איבערצײַגנדיק.

לייענענדיק די הונדערטער בלעטער פון די פינף ביכער, שפּירסטו אַז ער, דער שרײַבער און מענטש — זענען איינס. ש. פּאָליאַקעוויטש איז אַ ייִדישער ייִד. טראַדיציע. אַנזעעוודיקער קולטור־באַגאַזש. קוואַלן בטחון און אָפּטימיזם, וואָס איז אים אַזוי צו ניץ געקומען אין יענע גיהנום־יאָרן.

די יכולת זיך אַליין אָוועקצושטעלן, אַזוי צו זאָגן, אין אַ זײַט און אַרויסברענגען די איבערלעבונגען און איבערשטאַרבונגען פון יחידים און אַ רבים אין אָביעקטיווער ליכט אָדער שאָטן — שטעלן אים אַוועק אין איין ריי מיט אייניקע באַקאַנטע פּראָזאַיִקערס פון פאַר דער צוויי־טער וועלט־מלחמה.

נאָך מער: נישט נאָר שטיקער לעבן פון פאַר דער מלחמה דערלאַנגט ער אונדז, אלא — און בעיקר — בולט זיך אויס אין זײַן פּראָזע דער קאָלעקטיווער העלד: דער גרויסער אַנאָנים פאַר און בשעת דער מלחמה און אויף זײַן לעצטן וועג.

✶

דער טויט געהערט צום לעבן — זאָגט ערגעץ דער עסײַיסט ש. ביקל. געהערן דען נישט אָט די אַלע טויטן צום לעבן? זענען זיי דען נישט אַ טייל פון אונדזער הײַנט? זיי זענען דאָס ברויט און זאַלץ אויף אונדזערע טישן: די וואָר פון אונדזערע חלומות, האַלוצינאַציעס און — שלאָפלאָזע נעכט.

„אַזוי לאַנג ווי מיר זענען דאָ איז דער טויט נישטאָ. ווען דער טויט דערשײַנט — זענען מיר שוין נישטאָ". איז דאָס אַ שיינער זאָג

פון גריכישן פילאָסאָף עפּיקור. אַ געווייינלעכער בשר־ודם קאָן אויך אַ מאָל אַרויסשלאָגן אַ מאָמענטאַלע באַרויִקונג בעת ער טראַכט וועגן טויט.

אַבסאָלוט פאַלש און פאַרזען איז דאָס געזאָגט, בשעת מיר טראַכטן וועגן צווישנצושטאַנד פון לעבן און טויט. אַ צושטאַנד פון אַ צוגעטראַכטער געניאַל־פאַרברעכערישער „פילאָסאָפיע" — אָפּנעמען דאָס לעבן און נישט לאָזן שטאַרבן.

אָט די מאָרד־פילאָסאָפיע, דער ראַפינירטער מאָרדמעטאָד מיט וועלכן היטלער האָט אונדז „מזכה" געווען — האָט נאָך קיין ענטפער אין דער אַלטער און נייער פילאָסאָפיע, אוודאי אין דער ליטעראַטור, נישט געפונען.

איז דען פאַראַן אַן ענטפער אויף אַ פּשוטן זאָג פון אַ ניצול־געוואָרענעם, וואָס מיר טרעפן אין די כראָניקעס און יזכור־ביכער?:

„דאָס, וואָס איז מיט אונדז געשען אין יענע יאָרן איז אוממעגלעך צו דערציילן און אוממעגלעך צו פאַרגעסן".

ש. פּאָליאַקעוויטשעס ביכער זענען אַ פּרווו קלאָר מאַכן יענעם פינצטערן אמת. למשל: אַ יונג מיידעלע, אַ יידיש מיידעלע, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ ייִנגל, אַ פּויליש ייִנגל. אַזוי אַרום אַריינבאַקומען זיך אויף אַן אַרבעטספּלאַץ צווישן פּוילישע אַרבעטערס. עס אַנדעקט זי דווקא אַ ייִד, וואָס האָט זיך אויך אַרייַנבאַקומען ווי אַ פּאָליאַק. אינסטינקט. גורלדיקייט. ייִדישער גורל, די דאַליע, די דאָפּלטע טויט־סכנה. אַ פינטל מיטן אויג. אַ זעקסטער (ווער ווייסט וויפלטער, נאָך נישט אַנטדעקטער) חוש — האָט זיי צונויפגעפירט.

איז אָט דער זעלבסדערהאַלטונגס־אינסטינקט נישט ספּעציפיש־ייִדיש?

— אַ ירושה פון דורות בגישות, גירושים, אינקוויזיציע, פּאָגראָמען?

נישט איין מאָל איז עס אויך דערגאַנגען צו ייִאוש.

„פאַר וואָס האָב איך נישט קיין מוט אַ סוף צו מאַכן מיט אַזאַ לעבן? האָב איך דאָך נישט איין מאָל געזען מענטשן נאָך זייער זעלבסט־מאָרד און אַפילו אין מיטן זייער פאַלן פון די הויכע וואַרשעווער הייַזער?"

— — — „וואָס פאַר אַ כוח האַלט מיך אויף בייַם לעבן. איז דאָס דער פּחד פאַרן טויט?" („אין אַ פרעמדער הויט", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1961, ז' 108).

און דאָך, און פאַרט: אַזוי פיל גבורה פון די שוואַכע, שוצלאָזע. גבורה ביז איבעררראַשונג: ביז וווּנדיקן וווּנדער.

איז טאַקע אַ רבותא: ווי אַזוי האָט דער מחבר פון אַזוי פיל פאַקטאָ־לאָגיע געשאַפן אַ קינסטלעריש ווערק? טיפע פסיכאָלאָגישע אמתן. פאַקטן. מעשׂים. איינפאַלערישקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט סימבאָליק, אַבסורד. פאַקטאָלאָגיע, וואָס בייטיקט זיך כּלל נישט אין פיקציע, שרייַ־בערישער סובלימאַציע.

און טאַקע אָט די מעשׂהדיקע פּרטים — נישט באַווײַנט, באַשײַנט, צי פאַרליטעראַטורעוועט — זענען אויך אמת־קינסטלעריש און — אָרגאַ־נישע, בעלעטריסטישע גאַנצקייט.

✶

דאָס זענען בלויז קלייניקע פאַקטן. ציגעלעך אין פעסטן גלויבנס־בנין, אין הארץ פון מענטש־ייִד, ייִד־מענטש, אין זייַן פאַרפּלאָנטערטן זיגזאַגן־וועג, אין טונעל פון לעבן צו דעם פאַרנעפּלטן ליכטשטראַל פון דער צווייטער זייַט. —

פון שלל פאַקטן בעטן זיך דערמאָנען כאָטש נאָך צוויי:

צוויי ייִדישע מיידלעך מיט אַרישע פּאַפּירן — אין אַ טראַנספּאָרט פוילישע מיידלעך, פרויען, קיין טיף דייַטשלאַנד אויף אַרבעט. דורך געהיימע, אפשר פאַר גאָט אַליין (אָדער טייַוול) באַוווּסטע וועגן, הינטער־וועגן, „דערשנאַפּט" איינע די אַנדערע און — גיבן זיך נישט צו דערקענען. און מיר ווייסן דאָך פאַר וואָס.

וויכטיק ביז גאָר איז דאָס טיפע דערקענטעניש־געפיל פון שרייַבער: דער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג בעתן שילדערן דעם נשמה־מצב פון די צוויי מיידלעך ביי יענע באַדינגונגען פון תּהומיקער ייִדן־שׂינאה, פון מסירה פאַר וועלכער מ׳קריגט אויך גוט באַצאָלט פון די היטלער־הענקערס. וויכטיק איז ווי אַזוי דער מחבר שילדערט זייערע פּנים־תּנועות, אָט די שטומע שפּראַך, דורך וועלכער זיי דאַרפן זיך מיט אויסגעהיטנקייט „דעררעדן". —

העכער צוויי יאָר אין איין אַרבעטס־לאַגער און קיין איין מאָל זיך נישט געטראָפן פּנים־אל־פּנים, שוין אָפּגערעדט פון אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט.

מען קאָן נישט נישט וווּנדערן זיך אויף דער גרויסער בריהשאַפט פון ש. פּאָליאַקעוויטשעס שרייַבערישן חוש פאַר סיטואַציע, אַטמאָספער,

פשוטע שפּראַך און קאָנפּוואַרטיקייט בעתן שילדערן סײַ די געשטאַלטן, סײַ די סביבה.

בעתן שילדערן דאָס טרעפן זיך פון צוויי ברידער אין וואַלד: ווינטער. שניי. ווילדגעהויל פון חיות, אָדער מענטשן געיאָגט פון פחד און מענטשן־חיות — דײַטשן און זייערע פּוילישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע מיטהעלפּערס — אין אַט אַזעלכע מאָמענטן איז דער געדיכטער שניי, וואָס האָט פריִער געשראָקן, „ווילד געהוליעט" — געוואָרן מילדער.

„די שניי־פליטערלעך האָבן פאַמעלעכקע אָנגעהויבן פאַלן צווישן די צווײַגן".

ווידער: פאַרשטענדעניש, געפיל פאַר מענטש און נאַטור און דער שײַכות צווישן ביידע.

ווי געזאָגט, זענען ש. פּאָליאַקעוויטשעס שילדערונגען, רעפּליקעס, נישט קיין גריבלערײַען, מעדיטאַציעס פון מענטש און ייִד־מהות: ייִד־קיום, ייִדישע קדושה.

ער איז נישט נאָר אַ גוטער אָבסערוואַטאָר, וואָס דאָס אַליין איז אַ וויכטיקער אַטריבוט אין דער דערציילקונסט. נײַערט אויך אַ שילדערער פון פּסיכאָלאָגיש־פּלאַסטישער בילדערישקייט.

ער האָט אַ שפּירעוודיק אויג און אַ גוטע מאָלערהאַנט. אין אַלגעמיין זענען עס קרעפטיקע שילדערונגען פון לעבעדיקע טיפּן. דאָרטיקע און היגע רעאַליע, געזען און מיטגעמאַכט פון מחבר גופא. אין ביידע פאַלן — געטרײַ צו זיך און צו די אָביעקטן, וואָס ווערן דורך אים באַשריבן.

בכלל צייכנט זיך פּאָליאַקעוויטש אויס מיט פּאָזיטיווקייט און מיט אַ שלל ליכטפּונקטן דאָ הי, ווו ער לעבט און שאַפט און בעיקר דאָרטן — אין יענע פינצטערע יאָרן, ווען אַלע ליכטער זענען אויסגעלאָשן געוואָרן.

מאיר זימל טקאַטש

פון אַ וואָרט צום באַקומען די פּרעמיע פון ייִדישן שרײַבער־
און זשורנאַליסטן־פאַראיין אויפן נאָמען פון מאיר זימל טקאַטש

מאיר זימל טקאַטש איז אַן איינזאַמער מענטש און אַן איינזאַמער פּאָעט. כ׳מיין נישט די אַזוי גערופענע געבענטשטע־פאַרשאָלטענע איינזאַמקייט פון אַ קינסטלער, פון אַ שעפערישן מענטש.

טקאַטשס לייט־און לייד־מאָטיוו איז די אַליינקייט. ער ציט זיך ווי אַ רויטער, אפשר גראָער פאָדעם אין געוועב פון זײַן דיכטונג. אין אַ סך פון זײַנע לידער טרעפן מיר דאָס וואָרט „אַליינקייט״, „איינאַליינקייט״.

ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד,
ווי אַ קוקאַווקע פרײַ:
נאָר, ווי ביין פון דײַן ביין
איז קיין פרײַנד נישט געטרײַ.

דאָס ליד איז דאַטירט 1927, ד״ה מיט קנאַפּע זעכציק יאָר צוריק. בשעת דער דיכטער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַנטשיק.

מאיר זימל טקאַטש איז אַ זינגער און אַ זאָגער. קליינע און גרויסע, גרעסערע לידער, פּאָעמעס — זאָגט ער זינגענדיק. ער איז דערציילעריש אין זײַן דיכטונג. אַזוי אין ענגן, הערמעטישן פערז, אַזוי אין פרײַען אַנגראַמיקן פערז, ווו ער שלאָגט פון מאָל צו מאָל אַן אַ וואָלט וויט־מאַנישן טאָן. ס׳איז אַ ברייט, אָפן געזאַנג צו מענטש, נאַטור: הימל, ערד, בוים, פעלד. ער איז אין מאָטיוו, אין תוכן — אוניווערסאַל און דערבײַ ייִדיש, פאָלקסטימלעך און עטיש־מסורהדיק.

טקאַטש איז אויך נישט קיין גר אין לאַנד פון תנ״ך. גענוג בלויז דערמאָנען די קעפּ פון לידער אויף דער תנ״ך־טעמע: „יונה הנביא״, „נאָכן מבול״, „אָדם רופט זיך אָפּ״, „משה שטראַלט״, „דער ערשטער חטא״, „לוטס ווײַב״, „ויצא יעקב״. דיכטער פון ייִדישער פרייד, וואָס גייט נישט אָן אַ טרער און — קאָסמישן צער. איז נישט קיין צופאַל

פון זײַן פּאָעטישער נאָענטקייט צו איינעם פון די שענסטע, עכטסטע רוסישע ליריקערס — סערגיי יעסענין. אַגב, אַ סך לידער פון דעם וווּנדערלעכן פּאָעט האָט ער איבערגעזעצט פון רוסיש, וואָס דאָס אַליין זאָגט שוין וועגן דער דיכטערישער קרובהשאַפט.ביידע פּאַראַייניקט די אינערלעכע צעריסנקייט און איינזאַמקייט. ביי ייִדן איז, ווי דאָס ווערטל זאָגט: — נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ. פּאַרטרינקט דער ייִדישער פּאָעט דעם טרויער מיט אַ ליד:

אָן אָן עול, קלאָפּאָט —
לעב און לאַך, לעב און זינג.
נאָר, וואָס יאָמערט מײַן ליד
פון ווײַן, וואָס איך טרינק.

יעסענין פּאַרטרינקט זײַן טרויער מיטן ביטערן טראָפּן. יעסענין איז איינזאַם, נישט ווי אַ קוקאַווקע, נײַערט ווי דער הונט וואָס בילט צו דער לבנה. —

מאיר זימל טקאַטש ליד איז נאָענט צום פֿאַבל, צום משל, אגדה, צום מעשׂהלע. טרעפן מיר טאַקע אַ סך לידער פון דיכטער אין די כרעסטאָמאַטיעס פון די ייִדישע פֿאָלקסשולן אין דרום־אַמעריקע: אַרגענ־טינע, בראַזיל, אורוגווײַ.

טאַקטש איז אויך אַ בריה אויף טריאָלן. אויסגעמײַסטערט אַ סעריע, אַ ציקל טריאָלן פון ענגער, שטרענגער רעם, פון וואָרט־דיסציפּלין, פון לײַכטן ריטעם און טיפער פילאָסאָפיע פון לעבן — גייט ער איבער צום מעשׂהלע, צום פֿאַבל פון פּועטע, מיין, מוסר־השכל.

אין אַלע פֿאָרמען געפינסטו דעם דיכטער. ער איז אינעווייניק. ער איז אויך אין דרויסן. ער דערווײַטערט זיך בכוונה, כדי צו קענען זען בעסער, אָביעקטיווער: כדי עכט, קינסטלעריש־אָביעקטיוו אויסדריקן זײַן סוביעקטיוון אײַנדרוק.

✶

מאיר זימל טקאַטש געהערט צו דער ראָמאַנטישער שול פון סוף 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויפן וועלטבילד לויטן אינדיווידועלן באַנעם פון מענטשלעכן חוש פון זשעני,

ווי אויך צום רעאַליזם פון סוף 19טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע, וואָס האָט געהערשט אין דער דערציילקונסט און אין ליד. רעאַליזם, וואָס איז אין אַ סך שטאַנדפּונקטן דער קעגנזאַץ פון ראָמאַנטיק, ווו דער הויפּמאָטיוו אָדער רעיון איז, אַז די וועלט זעט אויס אַזוי ווי דער מענטש זעט זי, פּאַסט אויך מיטן באַוווּסטזייַן און ווערדליך זייַנע באַגריפן.

מען דאַרף, בכן, לייענענדיק מאיר זימל טקאַטשן אין זינען האָבן די קינסטלערישע השפּעה פון זייַן צייַט, סביבה, געזעלשאַפטלעכן קלימאַט און בעיקר — די קינסטלערישע שטראָמען, ריכטונגען, סיגנון, פאָרעם.

לייענען טקאַטשן מיט מאָדערנעם, מאָדערניסטישן צוגאַנג — איז ווי דאָס קוקן אויף די בילדער פון רעמבראַנדט, למשל, מיט די זעלבע אויגן פון קוקן אויף די מאָלערייַען פון פּיסקאַסאָ, שאַגאַל.

דאָס איז עלול צו פירן דעם קונסט־געניסער צו פאַלשער, אָפּט פאַרקריפּלטער מיינונג. לייענען מיר, דאַקעגן, טקאַטשן, ווי אַ פּאָעט מיט אַ דור, צוויי צוריק — שלאָגן מיר אַרויס פון זייַנע לידער אַ פולע, עכטע, עסטעטישע הנאה.

מען קאָן, בכן, זאָגן, אַז דאָס בשותּפותדיקע פוןביידע שטראָמען, ראָמאַנטיק און רעאַליזם, קומען צום אויסדרוק אויף אַ הויכער פּאָעטישער מדרגה אין שאַפן פון מאיר זימל טקאַטש.

טקאַטש גייט איינער אַליין אין סאַמע מיטן גאַנג פון אַ גרופּע, אַ גרויסער גרופּע, אַליינגייערס וואָס האַלטן זיך צוזאַמען: גלאַטשטיין, לעיעלעס, מינקאָוו, לייוויק, למדן, לאַנדוי, יהואש און אַנדערע. זיי גייען צוזאַמענדיק. ער — סאָלאָ. נישט אָנגעשטעקט, נישט מיטגעשלעפּט מיטן כמו־און־ממשותדיקן מאָדערניזם.

מען דאַרף צו דעם אַ סך פּאָעטישן כוח. מאיר זימל טקאַטש שעפּט דעם כוח דווקא פון זייַנע שטילע, פרומע לידער. אַ פּאַנטעיִסטיש־פרומע וועלט. מיט פילאָסאָפיש־קינדישע אויגן און ליבשאַפט קוקט ער אויף אַלץ און אַלעמען.

בערג און שטערן אָן אַ סוף.\
בערג מיט שפּיצן ווייַז —\
דאָס איז נאָר אַן אָדערויף\
אויף גאָטס גרויסע מעשׂים

שלמה וואַרזאַגער

פרומע לידער; נאָך פיר שורהלעך:

און גאָט איז צו ווײַט און געהיים.
אַ מענטש דאַרף אַ גאָט אין דער היים.
אַ גאָט, וואָס איז אייגן, אינטים,
צו אויסטאָן זיך נאַקעט פאַר אים.

ליבשאַפט, ספק, פעסימיזם. זענען דען נישט אַלע דרײַ ווידעראַנאַנדיק און פאַרשײַיכותט ווי טאָג און נאַכט: ווי מאַן און פרוי — אין צנקריגשאַפט, און פאַרקניפטשאַפט?

ליבע און טײַערע פרײַנד, דאָס דאָ געזאָגטע איז אפשר צו פיל אין דעם מעמד. עס איז אָבער צו ווײַניק, וואָס עס לאָזט זיך, בעט זיך זאָגן וועגן שאַפן פון דיכטער.

דאָס איז — ווי זאָגט דער דיכטער אין ליד — אַן אַדערויף. אַ גרעסערע, אויספירלעכע אַרבעט וועגן דיכטער און זײַן שאַפן וועט אוודאי קומען. אַ דאַנק.

אַברהם רייזען

אַברהם רייזען. וואָס איז נאָך נישט געזאָגט און געשריבן געוואָרן וועגן אַברהם רייזען. וואָס קאָן מען נאָך צוגעבן און נישט איבערחזרן זיך און אַנדערע? רייזען אַ באַגריף? אַ תקופה? אַ קלאַסיקער? נישט נאָר אַ נאָמען פון אַ דיכטער, נאָוועליסט, נײַערט אַ מחנה שריפט־שטעלערס, וואָס יעדער איינער באַזונדער איז אַ שטיק טעריטאָריע אין דער ליטעראַטור־מדינה פון ביידע זײַטן אָקעאַן, ווי אַ שטייגער: ש. אַש, דוד פּינסקי, נאָמבערג, ש. פּרוג, לעסין? —

איז לאָמיר טאַקע זײַן קאָנקרעטער.

אַברהם רייזענס מעמד אין דער ליטעראַטור און זײַן פּאָפּולאַריטעט איז דערגאַנגען צו אַ מדרגה, וואָס ווייניק פון די אויסגערעכנטע (חוץ ש. אַש) און אוודאי די נישט־אויסגערעכנטע שרײַבערס, האָבן זיך געוווּנטשן צו דערגיין.

דער נאָמען רייזען ווערט אַרויסגערעדט כּמעט אין איין אָטעם מיט מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ. און דאָס איז נישט קיין צופאַל.

רייזענס ליד, נאָוועלע איז קודם־כּל צוגענגלעך צום לייענער פון אַלע קלאַסן און שיכטן פון פאָלק, צום פאָלקסמענטש. און דאָס — נישט פאַרן פּרײַז פון אַראָפּנידערן פון דער קינסטלערישער הייך אָדער ווען געפעלן ווערן דעם לייענער. פאַרקערט: ער הייבט אויף די אַזוי גערופענע קלייניקייטן, דאָס געוויינלעכע, קליינלעכע, טאָג־טעגלעכע צו דער מדרגה פון עכטער אמתער קונסט אַרײַנבלאָזנדיק סײַ שיינקייט, סײַ יאָמער־געזאַנג, וואָס נורקעוועט אין די הערצער, אין די געמיטער פון פאָלק: פון אָט דער „שטומער צונג”. ער איז זייערער, ווי משה דער כּבד־פּה האָט געזאָגט צו אַהרונען:

— תהיה לי לפּה (זײַ מיר אַ מויל).

אַברהם רייזען קומט אויך נישט מיט קיין זײַטיקע וועגן און השפּעות ווי, למשל, ש. פּרוג, וואָס איז געקומען אויף דער ייִדישער גאַס מיט אַ

נישט קליינעם רוסישן באַגאַזש: אַנלאַד פון רוסישער ליטעראַטור סיי אין סטיל, סיי אין תוכן.

הגם אַ גוטע השפעה, אַ פּראָקטיקע, וואָס האָט זיך גוט אָנגעטאָן אויף די יידישע מאַסן, אויפן יידישן אַרבעטער און אָרעמאַן צו יענער צייט, אָבער — השפעה.

ש. פרוג האָט אַפילו אָנגעהויבן אין רוסיש און „געגאַנגען צום פאָלק", ווי עס איז זיינער צייט געווען אָנגענומען, ערשט שפּעטער אַריבער צו יידיש.

רייזען, דאַקעגן, איז געקומען פון די סאַמע טיפסטע שיכטן, פון עמך: פון אים און פאַר אים געזונגען, געקרעכצט און — געוועקט האָפענונג.

רייזענס ליד איז פשוטער ניגון. ניגון פון פאָלקסליד, ווו ס'פעלט אויך נישט סאָציאַלער מאָמענט. שאַפּ־אַרבעטער, פּראָלעטעריאַט. אָרעמאַן.

דער דיכטער און נאָוועליסט אַברהם רייזען איז געוואָקסן צוזאַמען מיטן ייִד־מאָטיוו אין ליד און לידמאָטיוו אין יידישן פאָלקסלעבן, וואָס האָט געזוכט און געפונען אין זיין שאַפונג אי פּרעטענסיע, אי פּראָטעסט: ווי, פּחד פאַר קיום און בענקשאַפט צו שיינקייט, באַפרייונג און באַנייונג.

ער איז אויסגעוואַקסן און אַרויסגעוואַקסן פון אָט די טיפע שטראָמען פאָלקישקייט. געגעבן אָט די שטימונגען און געמיט־צושטאַנדן קינסטלערישן אויסדרוק.

„בויט־ברויט" קלינגט היינט אפשר באַנאַל. אָבער צו יענער צייט איז עס געווען דאָס גייסטיקע, דאָס נשמה־ברויט פון די שניידער־און שוסטער־געזעלן און פון זייערע אַזוי גערופענע באַלעבאַטים, פּרנסה־געבערס: דעם קליינבירגער, קליינהענדלער, בעל־מלאָכה.

פון דאַנען דער נאַטירלעכער גראַם און טעם וואָס, ווי מע זאָגט, לייגט זיך אויף דער צונג: דער ריטעם און מוזיקאַלישקייט אין זיין ליד און אין זיינע נאָוועלן וואָס אַ סך פון זיי, קאָן מען זאָגן — זענען ליד אין פּראָזע.

עס זאָגט און זינגט פון זיי אַרויס די פאָלקס־נשמה.

רייזענס פּערזענלעכקייט, דאָס פּערזענלעכע אין אים, איז געוואָרן אַ כלל־אייגנטום. דאָס כללישע — איז כולל דאָס פּערזענלעכע.

דער לייענער האָט קיין סך נישט באַדאַרפט זיך אָנשטרענגען, נישט מוטשען זיך צו פאַרשטיין דעם מיין פון דיכטער און זײַן ליד. דאָס גלײַכן — פאַרקערט.

אין אָט דער פּשוטקייט צו זײַן פאַרשטענדלעך סײַ פאַרן מאַסן־לייע־נער, סײַ פאַרן אויפגעקלערטן אַרבעטער, פאַרן אינטעליגענט און ליד־מפונק — איז דער סוד פון אברהם רייזענס מיוחד־במינו, פון זײַן גרויסער פּאָפּולאַריטעט.

פאַרשטענדלעכקייט אין ליד קאָן אויך זײַן — און איז אָפט — שונא נומער איינס פון ליד. קונסט, ווי באַוווּסט, איז נישט קאָפּירן ווייטיק, צער, פרייד.

גרויסע פּשטות מיינט: געבן דער פּשוטקייט פאָרעם, ריטעם, מוזיק, צאָם און צימצום: דעסטילירן און סטיליזירן דאָס געזעענע, געהערטע, די איבערלעבונג: די געפילן־וועלט, דעם גײַסטיקן כאָאָס פון בן־אָדם, זײַן סביבה: אין כאָאָס פון לעבן אַרײַנבלאָזן קינסטלעריש לעבן: לערנען אַזוי אַרום דעם מענטש — ווי אַזוי צו לעבן.

אָט, ווי עס זאָגט עס אַזוי וווּנדערלעך שיין און קורץ זשאַן קאָקטאָ אין פיר שורות פון אַ ליד (געמיינט פּיקאַסאָ. עס איז אָבער גילטיק אויף פאַר יעדן עכטן קינסטלער):

די מוזעס האָבן מיטגעפּירט אין זייער טאַנץ דעם מאָלער
און האָבן אים זײַן האַנט געבענטשט,
אַז דעם באַשאַפערס אומאָרדענונג די וווּנדערלעכע זאָל ער
פאַרבײַטן דורך דער אָרדענונג פון מענטש.

ערגעץ זאָגט אָסקאַר ווײַלד: „דאָס לעבן דאַרף זיך לערנען בײַ דער קונסט".

בײַ משה נאַדיר איז דאָ אַ מעשהלע, ווי אַזוי דאָס לעבן זיצט אין טעאַטער אויף אַ באַנק, קוקט זיך אײַן אין שטיק אויף דער בינע: טוט אַפילו אָן אַ פאָר שפּאַקולן, כּדי בעסער צו זען און זיך לערנען — לעבן. און אָט, פיר שורהלעך אין וועלכע מ'קען זען דעם „אַני־מאמין" פון אַברהם רייזען:

אַרײַן איז אין מײַן ווען
דײַן אומרו און דײַן רו:

שלמה וואַרזאַגער

וי איך וואַלט גאָר געוועזן
נישט איך אַליין — אויך דו.

אַט וואָס הייסט אויף אַזאַ קורצן, קינסטלערישן אופן פּאַראיכן, צו־אייגענען זיך רו און אומרו פון אַנדערע און פאַרקערט — דאָס אייגענע, איכיסטישע פּאַראַלגעמיינערן.

דאָס מיינט אויך ייִד־מאָטיוו מאַכן — מענטשמאָטיוו, אוניווערסאַל.

✶

די צענדליקער ביכער און הונדערטער לידער פון אַברהם רייזען זענען — הלוואי וואַלט עס אַנדערש געווען — אונטערן שטויב פון צײַט אוודאי פאַרטונקלט געוואָרן און אפשר אויך צעפּרעסן פון מילבן. אָבער אין דער אייביקייט — אין רעלאַטיוו־צײַטלעכן זין — האַלט רייזענס ליד און נאָוועלע אָן די פרישקייט און יונגקייט שוין קנאַפּע הונדערט יאָר.

צײַט, ווייסן מיר, איז פּרובירשטיין. דור הולך ודור בא: דער מענטש איז שטאַרביק, די קונסט — אומשטערבלעך.

אָט די איבערצײַטיקייט האָט געצײַטיקט אַברהם רייזענס ליד.

וועלט־מלחמות. רעוואָלוציעס. בײַט פון מלוכה־סיסטעמען. אויפשטײַג און אומברענג פון ייִדיש לעבן, פון ייִדישן גערעדטן און געשריבענעם וואָרט. אויפבליץ און וועלק פון אידעען, דאָקטרינעס, תּורות און טעאָריעס: אַ גאַנצער שווידערלעך־שיינער, טראַגישער יאָרהונדערט מיט אַ לעבעדיקן זכרון פון אַ פאַרשניטן ייִדן־פאָלק און רעשטלעך לעבעדיקע עדות און השארית־הרוח פון די אומגעבראַכטע אין די לעצטע קנאַפּע פופציק יאָר — און רייזענס ליד־בנין, נאָוועלע איז נישט צעשטערט געוואָרן. ער האָט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון צײַט.

איז דאָס אַ באַיאָונג פון זײַן שאַפן, פון זײַן פונדאַמענטאַלקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ווײַל רייזענס ליד־בנין איז געבויט פון, אַזוי צו זאָגן, רגע־ציגעלעך פון ייִד און מענטש־כאַראַקטער: פון קליינלעכע מאָמענטן אין מענטשנס פּסיכיק. פון דער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס ציט זיך אָן אייביקייט. פון קליינטשיקע שרײַפּעלעך פון דער קאָמפּליצירטער, נישט־שיפרירטער מענטש־מאַשין, מענטש־געווערק.

פון דינע, אָפט אומבאַמערקיקע קנייטשן און שטריכן פון מענטשלעכן פּנים — אפשר מאַסקע — מאָלט אַברהם רייזען דעם פּאָרטרעט פון מענטש, פון סביבה, צײַט און צײַטגײַסט.

ער האָט דעם כּוח, דעם מסוגל צו זען די אייביקייט אין דער מינוט און דאָס מינוטיקע, פאַרגענגלעכע אין דער אייביקייט.

אויך דער אָפּנעמער, דער אַזוי צו זאָגן לייענער־קאָנסומענט, איז געווען אַ רײַפער, ווי די נויט, די אָרעמקייט פון אַמעריקאַנער שאָפּ־אַרבעטער. זיי האָבן, ווי כ'האָב שוין פריִער דערמאָנט, געוואָרט אויפן וואָרט, אויף דער בשׂורה: אויף דעם קינסטלער וואָס וועט באַזינגען און באַווײַנען זייער מערכה, זיי ברענגען אַ טרייסטוואָרט.

איז רייזען דערמיט, אין אַ געוויסער מאָס, אויך געווען אַ באַנײַער. אויב נישט אין פאָרעם, איז — אין תּוכן. ער האָט געעפנט דאָס פענצטערל פון ענגן, דושנעם וואָרשטאָט: ער האָט דעם שאָפּ־אַרבעטער געברענגט אין פאַראיין אַרײַן, אויף דער גאַס, בשעת אַן אַרבעטער־יום־טוב: ער האָט אים אַרויסגענומען פון דער איינזאַמקייט.

י. ל. פּרץ, למשל, איז טראָץ זײַן גרויסקייט און זײַן גרויסער השפּעה סײַ אויפן לייענער, סײַ אויף שרײַבערס — אויך געווען אַ מושפּע. זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן:

י. ל. פּרץ איז אויך געווען אַ געניאַלער אָנהייבער, עקספּערי־מענטירער.

רייזען איז געקומען מיט זײַן אייגנס און אַזוי איז ער געוואָקסן צוזאַמען מיטן לייענער. אָט די מעלה איז אפשר שפּעטער, אין לעצטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן, געוואָרן אַ חסרון. ער איז שטיין געבליבן, בעת זײַן לייענער איז געוואָקסן אין כּמות און איכות. פּרץ, דאַקעגן, איז געווען און געבליבן אַ וועגווײַזער, און טאַקע צוליב זײַן זוכן, געזוכט און געפונען. פּרצעס געפינס איז געוואָרן — דער געווינס: דער גרויסער געווינס פון מער ווי איין דור שרײַבערס און לייענערס.

צוליב רייזענס מעלה און חסרון זענען אַ סך פון דער נײַער פּלעיאַדע דיכטערס און דערציילערס — זײַנע מיטצײַטלערס: גלאַטשטיין, מינקאָוו, לעיעלעס, למדן — פון תּלמידים, נאָכגייערס — געוואָרן אַליינגייערס.

אַליינגייערס און ממשיך געווען דעם וועג פון רייזענען לויטן באַדאַרף און, אַזוי צו זאָגן, לויט דער „באַשטעלונג" פון נײַעם דור אַרבעטערס, באַלעבעסלעך, אינטעליגענטן און פּאָעזיע־געניסערס.

בעת רייזען איז אַרויס פון שטעטל און אין גרויסן אַמעריקע שטיין געבליבן פאַרגאַפט — זענען די „יונגע" צו יענער צײַט, די אינזיכיסטן,

פון זיך אַרויס צו דער ברייטער וועלט: צו דער פרײַער וועלט מיט נײַע מעלאָדיעס און ריטמען, פאָדערונגען, אַמביציעס. דער נײַער דור דיכטערס און דערציילערס האָט אָט די שטרעבונגען פון דערוואַכנדיקן מענטש, ייִד — אויפגעכאַפּט. זיי זענען געוואָרן נישט נאָר אַליינגייערס, אַלא אויך — פאָרויסגייערס און וועגווײַזערס.

זיי האָבן דעם אויפגעאַקערטן באָדן באַפרוכפּערט מיט נײַער, מאָדערנער שאַפונג, וואָס האָט זיך גוט אָנגעמאָסטן אויפן לייענער.

צוריק צו רייזענען:

ניט שרעק זיך פרײַנד, עס איז קיין זאַך.
ניט טאַדל און ניט שעלט:
מען רײַסט אַראָפּ דעם אַלטן דאַך
פון אונדזער גרויסער וועלט.

רייזען איז, בכן, געווען צווישן די וואָס האָבן אַראָפּגעריסן דעם אַלטן דאַך. די נאָך אים געקומענע האָבן געבויט נײַע, מאָדערנע דיכטונג-בנינים פון העכערע שטאָקן און דעכער וואָס מען האָט באַדאַרפט צו זיי אַרויפרײַסן דעם קאָפּ. —

רייזען איז געווען און געבליבן דער שלאַנקער, מיט ליד און נאָוועלע באַבלעטערטער בוים אין ייִדן־וואַלד. ער איז געוואָקסן צוזאַמען מיט אַלע און איבער אַלע.

די פאַרשטענדלעכקייט פון רייזענס ליד איז געגליכן צו דער קלאָרקייט פון דעמער, פון געדעמפּטער פאַרנאַכט־שעה, וואָס גיט דעם אָביעקט אַ זינלעכע שיינקייט און אַלזײַטיקע ליכטיקייט: וואַרעמט אָן די אַטמאָספער, גיט צו ריח און טעם־השווה לכל נפש און איז דעריבער געבליבן דאָס אייגנטום פון פאָלק און פאָלקסמענטש.

זײַן דיכטונג איז דעריבער די סובסטאַנץ פון קאָלעקטיוון איינס, פון כלל־באַדערפעניש. צוליב דער אַזוי גערופענער קאָנקרעטקייט און פאַרגענגלעכקייט פון זײַן טעמאַטיק — איז זי פונדאַמענטאַל און דויערנדיק.

יעקב גלאַטשטיין

עטלעכע ווערטער צום דערשיינען „פון מײַן גאַנצער מי"

יעדעס גוט וואָרט וואָס ליגט דיר אויף דער צונג איז עלול צו ווערן — — שטרויכלשטיין. האָב איך זיך באַשווירן: נישט זײַן באַנאַל. וועגן גלאַטשטיינען דאַרף מען שרײַבן פשוט, קלאָר און קלוג, ווי ער אַליין טוט עס. איז פאָלג מיך אַ גאַנג.

גלאַטשטיין איז וואַריאַציע פון אַ סך קינסטלערטיפּן (וואָס יעדער פאַר זיך איז וואַריאַציע). ווילט איר, איז גלאַטשטיינס שירה — פּראָזע, ווילט איר, איז עס פּאָזע, ווילט איר איז עס פשוט. אַזוי פּראָסט און פשוט, אַז אַ גוטער פאַרערער גלאַטשטיינס, אָדער אַ האַרציקער גראַ־פאָמאַן כאַפּט זיך גלײַך צום שרײַבפּענדל.

לייוויקן, לעיעלעסן אָדער מינקאָוון וועט זיך קיינער נישט כאַפּן נאָכמאַכן, ווי מען האָט עס נישט געטאָן מיט פּרצן, פרישמאַנען, יהואשן. אָבער מיט שלום־עליכמען? — — וועלכער ייִד האָט לייענענדיק שלום־עליכמען זיך נישט געטראַכט: זע נאָר, ס'שרײַבט זיך דאָך אַליין.

אַדרבא: ווער נאָך איז אַזוי בריהש אין אַן אומיסטנדיקער אומגעג־ראַמטקייט, אין אַ געאָרדנטער אומאָרדענונג? און פילן פילט זיך דערבײַ אַזאַ קלוגע באַטעמטקייט.

מיט הייליקע קי אויף דער פּאַשע.
לאָמיר עסן קאַשע מיט מילך,
לאָמיר רייכערן שטינקענדיקע פּײַקעס
און דערציילן בײַקעס פון שרעטלעך.

דאָס איז נאָר אַ פּראָבעלע פון דער מוסטערהאַפטער אומאָרדענונג אין גלאַטשטיינס גראַמענוועלט. און נאָך אייניקע קלייניקע פּראָבעלעך פון גלאַטשטיינס בילד און צימצום.

ס'ביסל ליכט אין מיר, מישטיינס געזאָגט,
ווערט אַרײַנגעדרייט — —
...זע, ווי ס'חשכות טאָגט — —

ווען דער בראַצלאַווער פֿײַניקט זיך מיט הונגערגעפֿילן:

זע, די משוגענע נאָזלעכער, ווי זיי שמעקן
צו אויוון־בלומען.

און נאָך דרײַ שורהלעך:

קינדער זײַנען שטיל.
און אַז קינדער זײַנען שטיל,
איז מוראדיק שטיל.

עס שווידערט ממש אויף. עס ברומט אין די געדערעם פֿון אַזאַ שטיל־קייט. אַ פּשוטע איבערחזרונג פֿון אײַנפֿאַכע ווערטער, פֿון דרײַ שינען צום סוף פֿון די דרײַ שורהלעך — ש.ש.ש. דאָס רײַסט אויף דאָס געמיט פֿון רוחיקסטן מענטש. נו, וווּ ליגט דער עפֿעקט? אין וואָרט, צי אין וווּנדערלעכן ווערטער־אַפּקלײַב, אין וואָרט־צירוף? נישט גרינג איז מסתמא אָנגעקומען דעם דיכטער דאָס ספּראַוועון זיך מיט די שוועריקייטן, ביז ר׳איז געקומען צו דער ראַפֿינירטער פּשטות. דורך שווינדלטרעפּ פֿון זײַנע „אינזיך"־לידער, מיטן ברייטן שליאַך פֿון זײַנע „פֿרײַע פֿערזן" פֿון דרײַסיק יאָר צוריק, דורך זײַנע „קרעדאָס", ווו ער זאָגט ערגעץ:

„וואַקס פֿריִער אויף און וואַקס אַרײַן".

קלוגשאַפֿט, חכמה — — איז נישט אַזאַ חכמה אין ליד. ווי אַזוי ספּראַוועט זיך דערמיט גלאַטשטיין? זײַן חכמה איז — געמיט. ס׳איז מזג, ס׳איז חכמה פֿון אַ מאַמען, וואָס „דאָס האַרץ זאָגט איר". און אַז דאָס האַרץ זאָגט — איז אמת. גלאַטשטיינס גוטע, קלוגע, פֿאַרשטאַנ־דיקייט — איז נישט דאָס קליגלען און איבערקליגלען וועמען — ס׳איז דאָס אייביקע, פֿאַרליבטע, קלוגע נאַרן — נישט זעלטן זיך אַליין.

און אַז אַזאַ קלוגשאַפֿט נאַרט זיך אַרײַן אין אַ שורה (שירה), איז עס ווי אַ פֿאַרליבטער שאַרלאַטאַן אין האַרץ פֿון אַ יונג מיידל — און זי, דאָס פּאָעזיע־מיידל, האָט שוין צו זינגען און צו זאָגן...

קלאָרקייט. ווער ווינטשט זיך עס נישט? מען גייט צו דער קלאָר־קייט דורך געדיכטע ווערטער־וועלדער, דורך קינסטלעך באַלויכטענע אונטערערד־באַנען, מען זוכט זי אויף, און מיט אַלע קרומע וועגן און

אומוועגן. אָבער נישט דאָ ווו מען באַדאַרף — אין זיך אַליין. און אַזוי לאַנג ווי זי איז נישטאָ אין זיך גופא, וועט זי קיין מאָל נישט אַנטקעגנשטיין.

ערגעץ ווו זאָגט דער בראַצלאַווער צו נתנען: „דער ניגון איז לויטער פּראַסטקייט". גלאַטשטיין, וואָס „פּאַרייִדישט זיך דאָס לעבן", איז דווקא איינער פון די אוניווערסאַלע דיכטערס אין אונדזער ליטעראַטור. דאָס נאַציאָנאַלע בײַ אים איז אָרגאַנישער אונטערגרונט, פון וואַנען ס'וואַקסט אַרויס דאָס אוניווערסאַלע, מענטשלעכע.

משה וואַלדמאַנס „פון אַלע וויַטן"

א

אַראָפּבייגן דעם קאָפּ איז אַ מענטשלעכע זאַך, אָבער צו פיל אַראָפּבייגן און צו אָפט — דערשלאָגט און מאַכט אומפעיִק אויפצוהייבן די אויגן צו גאָט.

דער פּאָעט משה וואַלדמאַן האָט אויפן לאַנגן וואַנדער־ און וואַקל־וועג ניִשט איין מאָל געשפּירט דעם טעם פון אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, אָבער קיין מאָל ניִשט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון ניִשט קאָנען אויפהייבן די אויגן צו גאָט, צו מענטש, מחמת זיַין גלייביקייט און ליבשאַפט.

גלייביקייט און ליבשאַפט: די צוויי אַטריבוטן גייען אים נאָך עד־היום, ווי צוויי מלאכי־שרת און דאָס קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק אין זיַינע לידער.

זיבן בליצן וועלן די הימלען צעשפּאַלטן
און פון זיבן בלויע טויערן צעפּראַלטע,
קומען וועלן די אויף וועלכע מיר וואַרטן —
מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו בענטשונג,
מיט העלע שטראַלן זייערע ווערטער
לאָמיר וואַרטן.
לאָמיר וואַרטן.

(„פון אַלע וויטן", בית־לייוויק, ת"א 1980, ז' 116)

זיַין ערשטן דעבּיוט האָט דער דיכטער געמאַכט מיט העכער פערציק יאָר צוריק מיט אַ העפטל לידער „פּאַרטונקלטע פרימאָרגנס", — ווי עס דערציילט פּראָפ' דב סדן אין זיַין פאָרוואָרט צום בוך — און אַ דאַנק אים האָט דער דיכטער זוכה געווען אַריַינצוקומען מיט אַ ליד אין „דבר" אין דער איבערזעצונג פון בעל־הקדמה. —

היַינט, פערציק יאָר נאָך דעם, דערשיַינט ער פאַר אונדז אַ ריַיפער, אַ גאַנצער אין זיַין אמונה, אין זיַין ליבשאַפט צו מענטש.

פּערציק יאָר מידבר. גאָט האָט פאַרגעסן אין מענטש. מענטש האָט זיך אין אים געקלאָמערט, ווי אין אַ לעצטן רעטונגשטרוי־שטראַל... און אַלע ליכטער זענען מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. כבוד־מענטש און כבוד־גאָט האָט זיך געוואַלגערט אין בלוט, אין מיסט. דער ברוינער ראָק האָט געגעסן די בעסטע און גרעסטע חלקים פון ייִד און מענטש. סם־המוות, אַנטוישונג, האָט פאַרצערט דעם גוף און די נשמה פון בן־אָדם און זײַן שיינעם חלום.

און דער דיכטער משה וואַלדמאַן הערט נישט אויף צו זינגען. ערגעץ ווו, אין אַ פאַרשטויסענעם ווינקל פון רוסישן מיטל־אַזיע, תפילהט ער: „לאָמיר גיין איבערבעטן די געטער" —

עס זענען שיפן געקומען צום ברעג
און אַוועק.
אַ ווײַב האָט געבענקט,
אַ קינד האָט געוויינט...
מײַן חלום האָט געברענט — —
— — —
קומט —
מײַן פרײַנד, מײַן קינד
און דו בלינדער גייער.
לאָמיר גיין
צו פאַרטריבענע געטער אין היילן
און בעטן אויף גאולה.
יעדער וועט זײַן גאָט איבערבעטן.

(דאָרט, ז' 38)

סך־הכל געציילטע שורות פון אַ גרעסערער פּאָעמע און, ווי דער ים אין אַ טראָפּן וואַסער, שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ די גרויסע מענטשלעכע טראַגעדיע, וואָס האָט מער פון אַלע געטראָפן דעם ייִד. מ. וואַלדמאַן שרײַט נישט, בייזערט זיך נישט, קלאָפּט נישט טרעוואָגע. ער תפילהט צו די שערי־רחמים — ער רופט בלויז: „לאָמיר גיין איבערבעטן די געטער אין די היילן".

פאַר וואָס אין די היילן? ווײַל „בלינד איז דײַן טאָג". פון בלינדקייט

און אפשר פון חרפה האָט גאָט זיך אוודאי באַהאַלטן אין די היילן. אַ פײַנער דיכטערישער אײַנפֿאַל און אַזוי אומדערזאָגט — אַרײַנגעזאָגט...

משה וואַלדמאַן, דער האַרציקער מענטש, סענסיטיווער דיכטער, פילאָסאָפירט נישט. ער איז גרייט מוחל צו זײַן, איבערבעטן דעם כּביכול. מחילה און סליחה איז אַ יידישע מידה און נישט יעדער יידישער דיכטער איז געבענטשט מיט איר. אָט דער יידישער מהות איז דער דערקענצייכן פון זײַן ליד.

אַלע, אָדער כּמעט אַלע לידער פון בוך, אויף קנאַפּע דרײַ הונדערט און פופציק זײַטן, זענען געשריבן אָדער אויסגעטראָגן געוואָרן אין משך פון די פערציק יאָר מידבר.

איז דערפאַר די רבותא נאָך גרעסער.

וואָס איז יצירה אויב נישט דמיון אוןווירקלעכקייט, אָדער — פּשרה צווישן דמיון און ווירקלעכקייט? בײדע זענען אויף זיך קעגנזײַטיק משפיע. וואַלדמאַן ווייסט ווי אַזוי זיך אידענטיפיצירן מיט דער רעאַליטעט און זי פון ס'נײַ איבערשאַפן, באַלעבן. ערשט די קינסטלערישע ווירקלעכקייט, וואָס ער באַשאַפט, גיט אָן אמתדיק, באַגלייביק בילד סײַ פון קינסטלער, סײַ פון די געשטאַלטן, מעדיומס און זייער סביבה.

מ. וואַלדמאַן נייטיקט זיך נישט אין צואייגענען פרעמדן ווײי אָדער שימחה. אַדרבא, ער ראַנגלט זיך מיטן אָנשטראָם פון אייגענער איבערגעלעבטער טראַגיק און טרויער. ער האַלט מלחמה מיט זיך פאַר אָפּוואַרפן דאָס איבעריקע, אויסשיילן דעם יאָדער פון דער קליפּה, דעם עיקר פון טפל. און ער טוט עס מיט אַ סך חן און אַחריות, מיט פאַרזיכטיקייט נישט צו פאַרטשעפּען דעם עיקר — דאָס פלייש פון ליד — בעתן אוועקשנײַדן דעם אָנוווקס.

ב

פאַר משה וואַלדמאַן איז אייגנטימלעך דער שטילער, צאַרטער טאָן, דאָס געהאַמעוועטע געשריי, דאָס מוחל זײַן און קלאַפּן זיך אַל־חטא איידער ער האָט נאָך געזינדיקט — אויך אַ יידישע מידה. ער איז פאַרגלייבט און פאַרליבט אין לעבן, אין מענטש, אין דער נאַטור.

בהמות ברוינע צופוסנס די בערג,
פּאַשען זיך אָן פּאַסטעך — אַליין.

אַזוי צו זאָגן

— ווו זענען די מענטשן באַהאַלטן ? —
און ווו די בהמהשע היימען ?
דעם פרעמדן, וואָס גייט דאָ פאַרביי,
ווילט זיך פון איינזאַמקייט וויינען.
(דאָרט, ז׳ 190)

אַזוי פשוט און אייגן איז זיין ליבשאַפט צו דער נאַטור, צו דעם בעל־חי, צו דער גרינער פאַשע. ער ווייסט ניששט, דער דיכטער, ווו איז די היים פון דער קו. מיינט אפשר אויך די היים „פון פרעמדן", זיין אייגענע היים. און ס׳ווילט זיך מיטוויינען מיט דער איינזאַמקייט פון פרעמדן, „וואָס גייט דאָ פאַרביי".

וואַלדמאַן ווייסט אויך דעם סוד פון אָפּשווייגן. איז גוט וואָס דער באַריידעוודיקער מענטש שטומט ווען מע דאַרף און שווייגט אויס זיינע שטימונגען.

דאָס נישט־דערזאָגטע שאַטנט אַריין אַ זוניקן טרויער צווישן די שורות. אַ טרויער עלעהיי נאָך אַ שיינעם זונפאַרגאַנג, וואָס זאָגט צו אַן אויפקום פון אַ נייעם מאָרגן.

גייען מיר אַ ביסל ווייטער מיטן פאָעט, מיט זיין „פאַרקברטן טרויער" איבער זיין טאַטע־מאַמע, זיינע שוועסטער, וואָס זענען „אַן אַ לייטער געגאַנגען אַרויף, אַרויף, אַרויף" און שלאָגן זיך אָן אין דער ברוטאַלער שפּראַך פון דער צייט. פינצטערער הומאָר. איראָניע. איז דאָס, אַ פּנים, אַ פאַנצער קעגן שלעכטס פון נעכטן, קעגן היינט דעם אויסגעליידיקטן פון גוטס, און קעגן מאָרגן וואָס דריקט ס׳געמיט און לייב און לעבן פונעם דיכטער וואַלדמאַנס מענטשלעך־דיכטערישע אָפּנ־קייט, שלעפּט אונדז אַריין אין קרייז פון זיין פאָעטישער וועלט : —

אונדזערע טעג ריגען אָפּ — אין צער —
נאָך פּאָר פאַרגאַנג.
אין אבילות איז געהילט אונדזער זיין.
היינטיקע נאַכט —
ווער וועט קומען פון אַ שוואַרצן העק ? —
און ווער וועט בלייבן ?
ווער וועט בלייבן ?
(דאָרט, ז׳ 293)

אַ הערמעטישע וועלט פון אַ דיכטער אין שטעלן זײַנע ערשטע טריט. דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, אין בײַן הונדערט אַכט און דרײַסיק. און דאָס זענען בלויז זיבן שורות פון אַן איין און צוואַנציק־שורהדיק ליד.

מיט העכער פערציק יאָר צוריק זאָגן, פרעגן „ווער וועט בלייבן״ ?
— איז אַ סך מער ווי ליד. אַוודאי אַ סך מער ווי וויטיקלעכער אויס־געשריי, כאָטש ערלעכער, אויפריכטיקער — אחר־המעשׂה. דאָס איז פּאָעטיש פאָרגעפיל, פאַרטײַעטער פחד פון דער אָנקומענדיקער גרויסער טראַגעדיע און גרויזאַמען סוף.

איז אוממעגלעך און אויך נישט לטובת דעם מחבר אויסצושעפּן אין איין מאמר דאָס שאַפן פון אַ פּאָעט אין שטח, צײַט, אָרט און אין גרויסע היסטאָרישע געשעעענישן אין משך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט.

דאָס דאָ געזאָגטע איז אַ פּרווו בלויז, און אפשר אַן אַדערויף אויף אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס וועט אַוודאי קומען.

דער דיכטער פון פרומע לידער

יונה בערקמאַן, קאָן מען זאָגן, איז שפּעט נתגלה געוואָרן. ער איז אָבער גלייך אָנערקענט געוואָרן ווי אַ פּאָעט, וואָס האָט איכותדיק און כמותדיק אַ שפּאַן אַריין געטאָן אין היכל־הפּאָעזיע.

אויסער די צוויי לידערביכער „ווייפרייד" און „המשך" — העכער דריי הונדערט זייטן — פאַרעפנטלעכט ער אָפט אין דער פּרעסע און אין ליטעראַרישע צייטשריפטן און זשורנאַלן לידער, וואָס וועלן אַוודאי אַרייַנקומען צווישן טאָוולען.

כמעט אין אַלע לידער שפּירט זיך דאָס אויפהייבן זיך און אַריבער־הייבן זיך איבער זייַנע ראַנגלענישן, בלאָנדזשענישן און פּערזענלעכע ליידן; ער געפינט לירישן און עלעגישן אויסדרוק פאַר זייַן ליד, וואָס איז אידעיש, פּאָלקיש און פילאָסאָפיש: אַ מזיגה פון אינטויציע און באַוווסטזייַן, אַ קלוגשאַפט, אַ האַרציקייט, אַ צעבראָכן יידיש האַרץ.

> אַזוי פיל מאָל אין קלעטער כ׳בין געפאַלן
> צו מאָל געבראָכן האַלדז און נאַקן.

דיכטונג, ווי ליבע, ווי לעבן, לאָזט זיך נישט דעפינירן.

דאָס פּאָעטישע וואָרט דאַרף אַרויסבערענגען דאָס בילד, דעם נשמה־צושטאַנד, די שטימונג. נאָכדעם מעג עס נעלם ווערן, מחמת דאָס וואָרט איז בלויז דער אינסטרומענט, די כלי. די מוזיק, דאָס בילד, דער רעפלעקס, די מחשבה — בלייבט.

נישטאָ קיין עכטע קונסט אָן רעליגיעזן אויפציטער, אָן גלויבן, אמונה אין יידישן און במילא אין אוניווערסאַלן זין.

אָט די עלעמענטן געפינען מיר אין רוב לידער פון יונה בערקמאַן, ווייַל אין תוך געזומען איז דער דיכטער אַ מאמין. ער איז אַזעלכער געווען אויך ווען ער האָט זיך פון דער אמונה אָפּגעקערט, זי געפּרוווט פאַרלייקענען.

שלמה וואַרזאַגער

דער ברודער אַ מאַמין
אמונה — זײַן שוועסטער.
און זינט איך געדענק
כ'האָב זי תּמיד געטוליעט
אין שויס פון מײַן האַרץ
אַפילו בײַ גויִיש געלעסטער.

(„ווייפרייד", ז' 28)

*

ווען אַנדערע האָבן געבלאַנדזשעט פאַר אַלעמענס אויגן און בהדרגה געקומען — ווער מער, ווער ווייניקער — צום רעלאַטיוו גאַנצן, געפורעמטן ליד, האָט בערקמאַן געבלאַנדזשעט אינקאָגניטאָ, בחדרי־חדרים פון זײַן אינזיך. אַליין, אין דער שטיל, אין אַן אַטמאָספער פון נישט־געשריבענע לידער, אָדער — געשריבענע און נישט פאַרעפנטלעכטע — איז ער מיט אַ מאָל, ספּאָנטאַן אַרויסגעקומען אַן אויסגעשטאַנענער, אַ צעעפנטער פּעכער: אַ רײַפע בלום מיט אייגענער שיינקייט, מיט אייגענעם ריח.

יונה בערקמאַן איז אַ דיכטער מיט אַן אינערלעכער רײַכער וועלט פון ראַנגלענישן. עליות און ירידות. אמונה און כפירה. שטימונגען פון אַ חוזר־בתשובה: חוזר — אויף צוריק פון וואַנען ער איז אַוועק, אָפּגע־קערט זיך. צוריק צו ייִדישער ייִדישקייט נאָך אַ סך יאָרן גיין אויף „באַריקאַדן", וואָס ער האָט אַליין אויפגעשטעלט און אַליין צעבראָכן. צוריק צו ייִדישן מהות, צו שורשדיקייט, וואָס ווערט אין זײַן ליד שפּראַכלעך־אידעיִש אויפגעפרישט, נײַ־דימענסיעדיק.

די פאַרשניטענע ייִדישע וועלט, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, בליט אויף בײַ אים אויף היגער ערד אין אַ גאולה־חלום;

זיך אויסשפּרייטן אין שאָטן פון בוים
מיט די פייגל צווישן זײַנע צווײַגן — —
— — — דערגרונטעווען צום
האַרץ פון דורכזיכטיקן ניגון,
צום ניגון פון גאולה.

(דאָרט, ז' 20)

מ׳קאָן האָבן אַ טענה צום דיכטער וואָס דאָס פֿילאָסאָפֿיש־מעדיטירנ־דיקע האָט ביי אים די איבערהאַנט, שטופּט אָפּ, פֿאַררוקט אין אַ זייַט דאָס עמאָציאָנעלע. נעמט זיך עס אפשר פֿון שטאַרקן רצון אַרויסצובריינגען דאָס אידעיִשע, די מחשבה, דאָס ווילקעוודיקע פֿון אַ בן־תּורה, אַ בר־דעת ?

> געקרייצט איז דער שבת,
> פֿאַרשניטן איז זייַן אינדערוואָכן.

אויף פֿראָסט מאַמע־לשון הייסט עס אַ צעבראָכן לעבן. איז עס אויפֿריכטיקייט, אָפֿנהאַרציקייט, וואָס באַהנט זייַן ליד. עס איז אַ פּסיכיש־גייַסטיקער געמיט־צושטאַנד, וואָס דער פּאָעט פּרוווט אַפֿילו נישט באַפּוצן מיט אַדאָפּטירטן אָפּטימיזם, סובלימירטער פֿרייד, ווי עס טוען נישט ווייניק דיכטערס, וואָס ווייסן, אַז מען טאָר נישט צו פֿיל וויינען, קרעכצן, אומעטיק זייַן.

בערקמאַנס ליד איז אַ פּרוּוו פֿון דערהייבן זייַן נסיונות־וועלט, זייַנע חלומות, אַנוגגען צו אַ העכערער וועלט פֿון איבערחושימדיקער ווירקלעכקייט. הגם דאָס דאָזיקע מערקט זיך אין ווייניק לידער, וואַרפֿט עס אָבער אַ סך אינעווייניקסטע ליכט אויף זאַכן, געשעענישן, אויפֿן דיכטערס וועלט.

עס איז אַ געלונגענער פּרוּוו, וואָס לאָזט נישט ספֿקן אין בערקמאַנס דיכטערישע פּאָטענצן, וואָס זענען משפּיע לטובֿה אויפֿן דיכטערס קינסטלערישע מעגלעכקייטן און אויף זייַן פּאָעטישער שעפֿערישקייט.

פאָלקסטימלעכע לידער

פאָרעם איז נישט נאָר די כּלי, די ראַם, וואָס האַלט דעם תּוכן. פאָרעם איז אָטעם, נשמה: דאָס לעבן פון אינהאַלט.

דער געדאַנק איז מיר אויפן זינען געקומען לייענדיק ש. וואַסערמאַנס ביי בוך „פון מיין לייב און לעבן". זיין פּשוטע שורה, דאָס געוויינלעכע וואָרט, וואָס איז אָפט, דאַכט זיך, גענומען פון דרויסן, פון דער גערעדטער שפּראַך, איז אַזוי איינקאָנסטעלירט אין פערז, אין ליד, אַז עס שאַפט אייגענעם שפּראַכקלימאַט: קאָמפּאָזיציאָנעלע האַרמאָניע. עס ווערט דאָס לעבן פון ליד.

יאָ, אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך. אָבער דאָס אויטאָביאָגראַפישע ביי ש. וואַסערמאַנען איז נאָר דער קערן, די יאָדער. דערפאַר זענען די פּירות — דאָס עפּיש־דערציילערישע אין זיין שירה — דער שיינער צעוואַקסענער בוים. אַ בוים אין אַן אייגענעם וויינגאָרטן.

אַ באַשיידענער, אָבער אייגענער.

מיר טרעפן אין זיינע לידער און פּאָעמעס אַן אָנוווּנק אויף אַזעלכע גרויסע מייסטערס־פאָרגייערס, ווי ש. פרוג, לייב ניידוס, מ. ווינטשעווסקי, מ. בראָדערזאָן, ד. האָפשטיין און דערביי איז עס דאָך און פאָרט וואַסערמאַניש. ווייל עס וואַקסט אויף אייגענעם באָדן. נערט זיך דורך אייגענע וואָרצלען.

אויך טעכניק: די שרייבקונסט (אַזאַ אַנטי־פּאָעטיש וואָרט) וואָס איז ביי וויניק טאַלאַנטירטע אַ חסרון, איז ביי אַזעלכע עכטע זינגער — אַ מעלה. נישט וויניק צוליב דער ספּעציפישקייט, וואָס די דאָזיקע פּאָעזיע וואַקסט אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט: געדייעט אין דער פּסיכישער ספערע פון דער דרום־אַמעריקאַנער לענדערקייט, ווו תּנ"כיש־אָריענטאַליש און אייראָפּעיִשקייט שאַפן אייגענעם קאָלאָריט וואָס איז תּורם צו דער פאַרביקייט.

דאָס אַלץ — געזען, געשפּירט, אויפגעכאַפּט און אַרויסגעבראַכט מיט דער ראיה פון נאָסטאַלגישע אויגן פון אַ פּליט־פּאָעט:

אזוי צו זאָגן

מײַן וויגל איז דאָ נישט געשטאַנען.
מײַן פרילינג האָט דאָ נישט געבליט.
דאָך:
דאָ האָט מײַן ליד זיך געצײַטיקט
אין דערנערדיק־בלומיקן בלי.

(פון „מײַן לײַב און לעבן״, בוענאָס־איירעס 1972)

אַ פליט־פּאָעט, געבוירן, געוואַקסן און געצײַטיקט זיך — מענטשלעך און דיכטעריש — אין אַ סביבה פון קלאַסישער אָרעמקייט.

נויט, אונטערדריקונג, סאָציאַלע אומרעכט האָט דאָך — מיטן אויסבעם פון רעקוויזיט, קלימאַט און נאָך אייניקע אויסערלעכע קענצייכנס — אומעטום און אין אַלע לענדער, בײַ אַלע רעזשימען, איין פּנים...

דערפאַר איז ש. וואַסערמאַנס צײַטמאַטיוו אַלצײַטיק: דאָס טאָג־טעגלעכע, געוויינלעכע, ווערט נישט גלאָריפיצירט, נײַערט מיטן פּשטות פון וואָרט דערהויבן צום קינסטלערישן אמת.

נאָסטאַלגיע? היים? מאַמע? אַלטע טעמאַטיק? — דאָס קאָן מען וואַסערמאַנען פאַרוואַרפן. אָבער טאַקע דאָ איז זײַן כּוח: אין חידוש, אין דער געוואַגטקייט פון אַרויסברענגען נײַ, אינטערעסאַנט און אייגנאַר־טיק דאָס אַלטע. אין שלאָגן זיך מיט די־אָ שוועריקייטן, אויפן אויסגעטראָ־טענעם וועג פון לעבן, שלאָגן זיך און דערשלאָגן זיך צו אַן אייגן סטעזשקעלע. אין פּרדס פון פרעמדע ריחות און השפּעות — אַרויסגעבן אייגענעם אַראָמאַט און פאַרב.

און ווײַל זײַן קול איז אַ דורכויס אייגנס, רופט זיך עס איבער מיטן עכאָ פון די אַזוי באַקאַנטע, שוין געהערטע שטימען.

ווי געזאָגט, האָט ש. וואַסערמאַנען „צוגעהאָלפן״ דאָס אָביעקטיווע סביבהדיקע — די אַרגענטינער רעאַליטעט, וואָס איז אפשר אַ קאָפּיע, אָדער אַ נײַע אויפלאַגע פון זײַן היים, זײַן יוגנט־רעאַליטעט. אָדער — רעאַלע, רײַפע ריאה פון אַ דיכטער אין דער פרעמד, מיט דער פּערספּעק־טיוו פון אַריבער פופציק יאָר.

פון דאַנען דער חידוש, דאָס נײַע, מקורותדיקע וואַסערמאַנישע אין זײַנע „אַלטע״ היים־מאָטיוון.

באַזונדערס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף וואַסערמאַנס פּאָעמעס

און בעיקר אויף זײַן הויפּט־פּאָעמע „װאָרצלען". אַ בפירוש דערציילע־רישער טאָן, וואָס פאַרלירט אָבער נישט זײַן זינגעוודיקייט. אַ קערנדיק־פּאָעטישע שפּראַך. „לאָקאַליזמען", וואָס זענען „ס'אייגנטום" פון דער גרויסער, שרײַבערישער שפּראַכוועלט. אַלע ייִדישע היימען „רעדן" דורך זײַן היים. די געשטאַלטן זענען לעבעדיקע מענטשן. זיי באַוועגן זיך און מיט זיי — די צײַט. צײַטמאַטיוון און שטיקער לעבן אַרײַנפירן אין ליד און נישט אַרײַנפאַלן אין זאַגערישקייט — איז אמתע זינגעוודי־קייט. (נישט דאָס געזאַנג פון פייגל, וואָס פליִען אַזוי הויך, אַז מען קען נישט הנאה האָבן פון זייער זינגען...)

אָט זענען עטלעכע מוסטערן פון דער פּאָעמע:

דער טאַטע קרעכצט אונטער, ער האַלט זיך קוים־קוים,
ער דרימלט בײַ טאָג אינעם שאָטן פון בוים:
ער הוסט און זאָגט ווידוי בײַ נאַכט אין דער שטיל
און קראַבעט די לונגען אַרויס אויפן דיל...

און די מאַמע:

דערנאָך ווען עס נעמט זיך אויסבעטן די וועלט
אויף גרינעם געקאָסעטן היי אויפן פעלד,
און ס'זינגען די פייגל אַ וויגליד איר צו,
דעמאָלט ווען ס'קומען אָן שטראַלן פון ווו,
קומט אויך די מאַמע מיט באָרוועסע טריט
אַ מידע פון פרידלעכן פעלד, פונעם שניט.

(דאָרט, „װאָרצלען")

אַזאַ פאַרבונדנקייט מיט פעלד, מיט ערד. האַרעפּאַשנעקייט. גוייִשע אַרבעט און ייִדישע ווערדע, האַרטע, שאַרסטקע הענט און — אַזאַ ווייך ייִדיש האַרץ. ליבשאַפט צום לעבן, צו קינדער, צום מענטש. אַ ליבשאַפט, וואָס דער הויפּט־יורש אירער איז דער דיכטער ש. וואַסערמאַן, איינער פון די „צוועלף שותפים צום הונגער".

דאָס גלײַכן די ליבעלידער, וואָס זענען אַזוי אַלט און אַזוי נײַ, ווי די ליבע. אַזוי אויך — זײַנע קינדערלידער.

אַוודאי זענען די אַ לידער ווערט אַ באַזונדערע, ברייטע אָפּהאַנדלונג.

אין די ראַמען פון דעם מאמר איז עס נישט מעגלעך. וועל איך בלויז ברענגען איין קליינעם לידער־מוסטער:

זיבן גענדזלעך אין אַ שורה —
אַלע מיט דער זעלבער צורה:
ווײַס דאָס ערשטע, ווײַס דאָס צווייטע —
און זיי האָבן פליגל ברייטע.

מאַכט דאָס ערשטע גענדזל פּאַך,
מאַכט עס באַלד דאָס צווייטע נאָך:
און אַזוי — אַ דרײַ און פיר —
פאָכען פליגלען אָן אַ שיעור.
זיבן שנאָבלען — אַלע געלבע:
אויך דאָס לשון איז דאָס זעלבע:
איינס מאַכט — גאַ, דאָס צווייטע — גאַ
ס'איז אַ גענדזנשפּראַך אַזאַ.

(דאָרט, „זיבן גענדזלעך")

ש. וואַרסערמאַן האָט אָן שום ספק זיך אײַנגעקויפט מער ווי „אַ קריש עולם הבא" „דורך אַלע זעקס וואָכנטעג" פון זײַן שאַפערישן „לײַב און לעבן". ער האָט „נישט פאַרשפּעטיקט דעם שבת", ווי ער דריקט זיך אויס אין איינעם פון זײַנע קליינע־גרויסע לידער. ס'איז קיין מאָל נישט צו שפּעט.

דער דאָזיקער אָפּקלײַב איז אָן אָנזאָג אויף נאָך נײַע לידער און פּאָעמעס וואָס וועלן אים זיכער מאַכן „אַ וואָרע" צום „שבת" פון דער ייִדישער ליטעראַטור און בעיקר — פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

אליעזר אָלעי

3טער באַנד „די גאַרבער־גאַס"

...„די וואָליער גאַס איז געלעגן אַ שטילע, האַלב־פאַרדרימלטע. די הײַזער — אָרעמע, קלײנע, הילצערנע און אַלט־געטינקעוועטע. קראָמען. קרעמלעך. מען זעט כמעט נישט קײן גביריש הויז. אַלע אײַנוווינער — די אָרנטלעכע אָרעמקײט. פרומע ייִדישקײט האָט דאָ אַ נעסט געפונען".

...„בײם גרויסן טיש איז מען אויפגעהײטערט. דער כּיבוד צעוואָרעמט די געמיטער..."

אַ באַריכותדיק שילדערן. אויסערלעך און אינערלעך. אַ טאָן יאָגט אָן אין אָלעיס פּראָזע, ווי פון דער גוטער פּראָזע אין די שטײגער־ראָמאַנען פון פאַר דער ערשטער און צווײטער וועלט־מלחמה.

אַ באַלעבאַטישע געלאַסנקײט. סבלנות. אָרעמע סוחרים און רײַכע אָרעמקײט. גבירים און דלפּנים. לומדים און אויסגעאײדלטע עמכניקעס. האָרעפּאַשניקעס און „אויפגעקלערטע" אַרבעטערס.

די „אוניווערסיטעטן", סײַ פון די שרײַבערס, סײַ פון די לײענערס, זענען געווען: דאָס חדר, ישיבה, „שטיבל", דער וואָרשטאַט און דער מאַרק.

די נאָוועלע, דאָס ליד, בעיקר דער ראָמאַן אין יענער תּקופה האָט געטראָגן אין זיך פולע הויפנס צוזאַג פון אַן אַנדער ווירקלעכקײט, פון אַ חלום, וואָס איז גוט אויפגעגאַנגען אויפן „פעלד" פון ייִדישן לעבן. מיט אַנדערע ווערטער: ייִדישער תּוכן, שטײגער, איז געווען אַ גוט־באַמיסטיקטער באָדן (מ׳קאָן אויך זאָגן: מיסטישער באָדן) פאַר דער ליטעראַטור, פאַרן ראָמאַן, וואָס איז זיך ווי אַ בוים צעוואַקסן אין דער ברײט און אין דער טיף, אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע צווײַגן און אָפּצווײַגן ווי: אַש, ווײַסנבערג, אָפּאַטאָשו, בערגעלסאָן, דער נסתּר, יהושע פּערלע, בורשטין, סעגאַלאָוויטש א"אַנד.

א. אָלעי איז אַ געטרײַער און פאַרשפּעקטיקטער מיטגײער פון אָט דער פלעיאַדע פּראָזאיִקערס.

אַזוי צו זאָגן

איז גוט וואָס ער איז נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן הײַנטצײַטיקן מאָדערניסטישן פּראָזעשטראָם: מיט די בלאָנדזשענדיקע אַלץ־און גאָרנישט־ווייסער, וואָס זוכן, עקספּערעמענטירן מיט נײַע פאָרמען, תּוכנס, פאַרלירנדיק (האָבן קיין מאָל נישט געהאַט) אַחיזה אין אַלטן, יסודותדיקן.

דאָס נײַע לעבן אין ישׂראל האָט נישט קיין שטייגער און איז במילא נישט קיין באָדן פאַר שורשן און וואַקסן פון דער שטייגער־פּראָזע. דאָס אַלטע שטייגער־לעבן — די צושטעלערין און אָפּנעמערין — פון ראָמאַנשטאָף איז פאַרן עלטערן דור שרײַבערס אומגעבראַכט און פאַר די ייִנגערע — אומבאַקאַנט און אויסער די גרענעצן פון אַספּיראַציע און אינספּיראַציע.

איז ער טאַקע דער לעצטער דערציילער פאַר די לעצטע פון אַ פאָלק, רעשטלעך אויף היגער אַלט־נײַער ערד, אין אַ נײַער קאָנסטעלאַציע. זײַן שאַפן איז נישט קיין קינה אויפן לופט־קבר פון אַן אומה, וואָס איז נישטאָ מער, נײַערט — אַ נײַער צווײַג, אַ בלעטערקרוין אויפן אונטערגעהאַקטן שטאַמבוים.

א. אַלעי איז נישט און וויל נישט זײַן נײַ אין דער טעמאַטיק. און עס איז אפשר זײַן מעלה. ער וויל און איז, מעג מען זאָגן, איינציק אין אַרויסברענגען דאָס אַלטע.

ניין, נישט נאָסטאַלגיע אין קיטשישן זין פון וואָרט. טרויער און באַדויער. געטרײַשאַפט צום יש, וואָס איז נישטאָ מער. כּמעט וואַרשאַווסקישער נאַטוראַליזם און קלאַסישע ליבשאַפט צום העלד און צו זײַן סביבה.

הייסקייט און האַרציקייט. רעאַליזם דערלאַנגט מיט שרײַבערישן אמת, וואָס וואָרצלט אין וואָרן לעבן. ווו האָבן מיר הײַנט אַזעלכע ייִדן: בערד, יאַרמלקעס, קאַפּאָטעס און זשיפּיצעס. ייִדן אַרום „שולחן", איבער ספרים: שווערע סוגיות און פּשטלעך — אין די „שטיבלעך", אין די שטובן און אַלקערס. פרײַטיקצונאַכטסן מיט חלות איבערגעדעקטע מיט אַ ווײַס צוועלעכל. בענטשליכט. שענער, העכער, גרעסער זענען בײַ אים די ייִדן אין די שבתים, יום־טובים. שבתדיקע ייִדן מיט דבקות און ספקות צו תּורה, צו אַרבעט, צום לעבן. אָט די זעלבע קליינע ייִדעלעך, געבויגענע אונטער עול־פּרנסה, צער גידול־בנים: ייִדן צווישן גויים אַקציזניקעס, סעקוועסטראַטאָרן, פּאָליציאַנטן־אַנשיקענישן, הינט.

אין די דריַי ביז איצט דערשינענע ביכער („די שטוב", „די גאַרבער־גאַס", 2 בענד) טרעפן מיר אויך אויפגעקלערטע יונגע־לייַט, בחורים, מיידלעך. באַוווסטזיניקע אַרבעטערס, פּראָלעטאַריערס. מען רעדט פון סינדיקאַטן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון „אַ בעסערן מאָרגן". געהיימע אָרגאַניזאַציעס. „קעמערלעך".

אליעזר אָלעין איז אויך נישט פרעמד די אַלטע אייביק־יונגע שפּיל פון ער און זי: מאַן־פרוי. שלום־בית און קאָנפליקט.

אין אַלעמען און איבער אַלעמען — דער ייִדישער גייַסט. טראַדיציע. איסורים און היתרס געשריבענע און צוגעאייגנטע. זייַנע העלדן, ווי ער גופא, שטעקן אין ייִדישקייט. לייַדן דערפון און האָבן עס ליב. ייִדיש לעבן מיט דער ווייטיקלעכער שיינקייט פון לייַדנדיקע ייִדישע מאַמעס, ווייַבער פון מאַנען־לומדים, פרומע שלימזלניקעס, טויגעניִשטן אויף „קעסט" ביַי שווער און שוויגער: אויף קעסט ביַי די ווייַבער — קרעמערינס און מאַרקזיצערינס, וואָס טראָגן באַבה דעם עול־פּרנסה מיט דער שווערער קרוין פון תורה. טראָגן מיט גדלות, מיט אמונה און מיט מסורותדיקער ליבשאַפט כדי איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צו זייַן פוסבענקעלעך ביַי די מאַנען אין גן־עדן.

הייַנט די האַרעפּאַשניקעס: געזונטע ייִדן אין גייַסט און אין גוף. פּראָסטאַקעס מיט מאַזאָליעס אויף די הענט. ייִדן אין פאַרטעכער מיט שינדמעסערס איבער יוכטענע פעלן: רויע ריחות פון פעסער מיט דעמבקוואַס.

האַרטע הענט מיט ווייכע הערצער. בעלי־טובות און בעלי־תקיפס, בעלי־גאווהניקעס און בעלי־תאווהניקעס. כדאי זיך אָפּשטעלן אויף אַ נאָוועלע „באַלד ווערט טאָג" („די שטוב") פון אַ ייִד אַ גביר, אַ תקיף. דינע פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן. בקיאות אין הלך־נפש פון אַ בעל־טובה און בעל־תאווה. א. אָלעי ווייַזט אַרויס אין דער קורצער, פאַרגאַנצטער נאָוועלע גרויס קענטעניש אין דראַמאַטיזירן סיטואַציעס, אין דער האַנדלונג, אין פלוצעמדיקן ווענד — צום פאַרווונדערן. זייַן שרייַבערישע יכולת מערקט זיך אויך אין אויסשפּילן די סיטואַציעס ביזן סוף.

שווער זיך צו באַגיין אָן ציטירן כאָטש עטלעכע שורות:

„יודע־בער האָט מיטן גאַנצן מענערישן כוח, ווי באַהערשט פון אַ

בייזער קראַפט, זי אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, פאַרוואָרפן אויף זיך ווי אַ זעקל תבואה.

...אַצינד ערשט, ווי עס וואָלטן אין איר אויפגעשוומען נייַע כּוחות — האָט זי זיך געפילט געשטאַרקט. זי האָט אים מיט איר קליינער, שטייַפער פויסט אַ קנאַק געטאָן איבערן נאַקן. יודע־בער האָט זיך ווי אַ וואַקל געטאָן. זי פון זיך אַראָפּגעלאָזט.

...זי איז גיך צו זיך געקומען. גלייַך געמאַכט דאָס טיכל אויף די אַקסלען.

אַהיים איז זי נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אויף אירע באַקן האָט געברענט אַ פייַערל אי פון בושה, אי פון נצחון. די האַנט, וווּ זי האָט פריִער געהאַלטן דאָס געלט איז געווען ליידיק. נישט מער ווי אַ קליין פּאַפּירל איז געבליבן פאַרשטעקט צווישן די פינגער.

...האָסט גוט געטאָן, גוט געטאָן, האָט זי צו זיך אַליין גערעדט — פאַרן פּאַפּירל וועסטו קויפן עפּעס עסן פאַרן קינד".

שטילע דראַמאַטישקייט. נישט דווקא אין דיאַלאָג, אין דער האַנדלונג. אדרבא: דאָס איז שטילער קאָנפליקט מיט זיך: מיט די אינערלעכע כּוחות — טומאה און קדושה, מיט דער צעריסענער וועלט פון גוטס און שלעכטס. די דראַמע איז אין דער אַטמאָספער, אין דער אָנגעגליטקייט פון די צוויי צעהיצטע גופים און נשמות: יודע־בער — די תּקיפות און תּאווה צו אַ פרעמדער, יונגער פרוי, וואָס איז געקומען בעטן אַ גמילת־חסד און — אין דער שיינער, צניעותדיקער שבען — דער פאַרדראָס און די בושה.

שטילע ייִדישע גבורה. מיהו הגיבור ?... ייִדיש־גורלדיק־גבורהדיקס: די גבורה פון אַ מוראַשקע, וואָס טראָגט אויף זיך אַ לאַסט זיבן מאָל שווערער פון — איר וואָג.

דאָס איז די לאַסט פון ייִדישן לעבן.

א. אַלעיס יכולת איז נישט אַזוי אין וואָרט, ווי אין כּוח, אין דער אמונה מיט וועלכער ער שטעלט אַוועק דאָס וואָרט, דעם זאַץ: אין זייַן ווילן (וואָס מאַכט אים אָפט באַרעדעוודיק) צו באַשרייַבן אַזוי, אַז עס זאָל גלייביק מאַכן דעם לייענער. ער וויל אים, אַ פּנים, אויך גרינגער מאַכן, דעם לייענער, און לאָזט נישט איבער קיין ספק אויף באַכצוטראַכטן.

און דאָך, פון דעסטוועגן — אַלעיס באַריכותדיקייט איז מוסיף.

זײַן דערציילן — אַ היפּוך צו דער מאָדערנער אימפּרעסיאָניסטישער שיל־דערונג מיט חיפּזוניקן, רמזדיקן אָנוואָרף, מיט אַ שפע פון אומדער־זאָגטקייט.

מיט באַשיידענע אָבער קרעפטיקע מיטלען שילדערט אָלעי חיים־בינען, חיים־אַלטערן, יודע־בערן, אַברהם לאַוואָקין, פאַניען מיטן „אויפ־געגאַנגענעם אומעט אין אירע אויגן", ריוול אין דער „געבלימלטער כלאַפּקע מיט די ווייכע מיידלשע דלאָניעס".

זיי דערשײַנען פאַר אונדז ווי שטיקער ווירקלעכקייט, לעבעדיקע מענטשן מיט ענגענישן און דרענגענישן, מיט אַ שוואַכקייט צו שטאַרקן זיך, ראַנגלען זיך מיט די אינערלעכע און אויסערלעכע כוחות.

דאָס איז דער שטייגער־ראָמאַן.

א. אָלעי איז דער רעסטאַווירירער פון דעם סאָרט שרײַבן — עמאָ־ציאָנעל און וויזועל. אים איז נישט וויכטיק דער„ צענטראַלער געדאַנק". די אידעע פון דער שאַפונג. תּופס זײַן די וועלט פון חושים איז בײַ אים, ווי בײַ יעדן בעלעטריסט, דער עיקר. עמאָציע איז בײַ אים בעסער פון מחשבה.

א. אָלעי גייט פון איראַציאָנעלן צום קאָנקרעטן. פון גענאַנטן, כאַאָס — צום אויסגעפורעמטן. פון די קאָנטורן — צו דער בולטקייט, צום פאַרשטענדלעכן.

א. אָלעי איז אַן עפּישער דערציילער, דאָך שלאָגט ער אָן אַ וואַרע־מען, פּערזענלעכן טאָן. זײַן לשון האָט סײַ סטיכיע, סײַ שרײַבערישן באַוווסטזײַן. זײַן פּראָזע שטעלט אים אַוועק אין איין ריי מיט די שרײַ־בערס — זײַנע גרויסע פאָרגייערס — פון ערב ביידע וועלט־מלחמות.

אויף פרעמדער ערד

ס׳איז אַ פּשוטער סיפּור־המעשה, שכיח אין דער פּראָזע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ מעשה פון אַ ייִדישן פּליט, אַ פּוילישער ייִד — איינער פון אַ סך פּליטים, בעזשענצעס. רוסלאַנד. ווײַטער קאַ־זאַכסטאַן. אַ באַקאַנטער סוזשעט, טיפּאַזש, באַקאַנטע בילדער. געשעענישן. באַקאַנט און דאָך — נײַ אין באַנעם, אין אָנלויף פון געשעענישן, פון זייער אַנטוויקל און סוף, וואָס האָט קיין סוף נישט.

נײַ אויך די אינערלעכע וועלט פון די העלדן, אייגנטלעך — אַנטיהעלדן. אַנאָנימע איינסן אין דער גרויסער מחנה אויסגעוואָרצלטע, נע ונדניקעס. פרעמדע מענטשן מיט אייגענעם שטייגער־לעבן און טראַ־דיציע אויפן פאָן פון אַ מלחמה־ווירקלעכקייט, פּנים־אל־פּנים מיטן גרוי־ליקן גורל. שטיקער לײַוונט, גאַנצע בילדער פון יענער צעריסענער צײַט: גאַנץ — ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ.

אין דעם בוך, ווי אין די פריִערדיקע ביכער — פינף בענד פּראָזע — אַ ברייטע יריעה פון אַ פולבלוטיקער וויטאַליטעט — ייִדישע גאַס פון פאַר דער מלחמה. אַ טייל פון די ייִדן טרעפט אַלעי דאָ „אויף פרעמדער ערד”. געטרײַ זײַן שרײַבאַרט, שטייגער־ראָמאַן, — פּרוווט ער און עס געלינגט אים אויך דאָ צו שילדערן — אומשטייגער.

ער שילדערט נישט מיט בונטע פאַרבן, געדיכטע פלעקן, וואָס פאַר־שטעלן אָפט דאָס בילד. מענטש איז בײַ אים נישט קיין מעדיום דורך וועמען דער מחבר לאָזט זיך אַרײַן אין פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס. זײַן פּשטות פון דערציילן איז פון גרויסער אהבת־הבריות, רחמים, אײַנזען און נאָך אַזעלכע מידות־טובות, וואָס וואָרצלען אין דער ייִדישער מסורה און זענען דער יסוד פון זײַן שאַפן. זײַן גאַנג אין דער ליטעראַטור איז פון אַ רעאַליסט־ראָמאַנטיקער. אַ מענטשן־קענער מיט אַ טיפן אַרײַנ־בליק אין דער ייִדישער נשמה און געמיט: אין דער פּסיכאָלאָגיע פון סביבה און צײַט.

פּליטים־רעשטן, האַלבע און גאַנצע משפחות, וואָס דערציילן פון אַ גאַנצן, גרויסן קיבוץ ייִדן, וואָס זענען אָקערשט, מיט אייניקע יאָר צוריק, געזעסן פאַרפונדעוועט און פאַרוואָרצלט אין דורותדיקן שטייגער־לעבן.

אַלעיס אופן פון דערציילן, הגם אַ פּשוטער, האָט אָבער אינערלעכע אינטענסיווקייט. ערגעץ זאָגט מאַקס פריש, אַז אַ קינסטלער דאַרף זײַן נאַיִוו. ווייל איך צוגעבן, אַז ער דאַרף אויך פאַרמאָגן אין זיך דאָס, וואָס די גמרא טײַטשט אויס: „טעם זקנים”. דאָס הייסט: לעבנס־חכמה, נסיון. א. אַלעי האָט בײדע.

....„האָט מען געשפּונען אין די וואַרעמע כאַטעס פאַכטע, געוואַשענע וואָל. צוגעגרייט היימישע שטאָפן אויף קליידער, דעקעס, דיוואַנעס, קישנס אויף זאָטלען. דערבײַ געזונגען אַ זיס־פאַרבענקטן, אומעטיקן

מיזרח־ניגון, וואָס דערציילט פון דער וויינענדיקער אוראַלסקער אָזערע וואָהין ס׳קומט נאָכט ביי נאַכט דעם פירשטס טאָכטער, די שיינע פּאַטי־מאַ, אויסקלאָגן אויף אירע יונגע, נישט אויסגעלעבטע יאָרן. ווי אַזוי זי איז פאַרטריבן געוואָרן אין אירע טיפע וואַסערן — ווייל דער פאָטער האָט איר פאַרבאָטן צו נעמען איר האַרץ־געליבטן. מען האָט זיך דער־ציילט מעשׂיות, לעגענדעס פון פרינצעסינס, וואָס ווערן אָוועקגערויבט אין מיטן נאַכט דורך זייערע ריטערס. שיינע טענצערינס און שיינע שקלאַפינס...״ („אויף פרעמדער ערד״, ראָמאַן, ערשטער באַנד, ת״א 1979).

איז דאָס אַ פּאַסטאָראַלישע און גלייכצייטיק פּסיכאָלאָגישע לאַנדשאַפט פון לעבן אין טיפן, ווייטן מיטל־אַזיע. דער טאָן, די מיליע, די פּרטימדיקע שילדערונג אויף פרעמדער ערד וואָלט מען מיט קליינע קאָרעגאַציעס געקענט אַריינוועבן אין די ווערק פון אַזעלכע בעלעטריסטן, ווי י. פּערלע, ש. האָראָנטשיק, מ. בורשטין. אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרייבערס פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

כדאי ביי דער געלעגנהייט זיך אָפּצושטעלן אויפן ערשטן בוך דער־ציילונגען פון א. אָלעי — „די שטוב״. אַ בוך וואָס איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן. די קורצע דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט טראַדיציאָנעל־יידישן תּוכן און עפּיש־לירישן טאָן.

קורצע דערציילונגען וועגן פּשוטע, האָרעפּאַשנע מענטשן. קאָמפּאַקט יידיש לעבן. אָרעמקייט. „תּורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול״.

מ׳קאָן, בכן, מיט זיכערקייט זאָגן, אַז א. אָלעי איז איינער פון די לעצטע שרייבערס פון שטייגער־ראָמאַן — אָנהייבנדיק פון די קלאַסיקערס ביזן פאַרמלחמהדיקן דור פּראָזאַיקערס, וואָס זענען צוזאַמען מיטן מיליאָ־ניקן לייענער־עולם אומגעבראַכט געוואָרן. יאָ, אָלעי גייט אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג פון די טאַטעס און זיידעס פון יידישן ראָמאַן. אַ שאָד בלויז, וואָס די מעלה ווערט ביי אים אָפט אַ חסרון: פאַרעלטערטע אויסדרוקן, אומקאָנטראָלירט לשון. איבערלאָדונג פון וואָרט, וואָס באַשווערן דעם נאַטירלעכן לויף פון דערציילן אויף קנאַפּע דריי הונדערט זייטן. לאַנגער אָטעם פון שרייבער מיינט נישט דווקא לאַנג־אָטעמדיקע זאַצן און לאַנגע רייד, און איז אַוודאי נישט דער צד־החיוב פון זיין גוטער פּראָזע.

זיכער פילט דער מחבר די אַ בלויזן און סטיל־אומפּינקטלעכקייטן. אלא־מאי? פֿאַר איינעם וואָס זעט פֿאַר זיך דאָס כוללדיקע בילד און דער עיקר גייט אים אין מתקן זײַן דאָס שלעכטס, ברענגען טרייסט און האָפֿענונג פֿאַר די וואָס נאָכן מבול — זענען די אַ בלויזן אַ דבר של מה בכך, דברי־טפל. נישט כדאי זיך אָפּצושטעלן, אָפּהאַלטן „ס׳פּאַמע־לעכע יאָגן״ זיך.

אָשר שטשוטשינסקי

אַ פאַרגעניגן, אַ גרויסער פאַרגעניגן צו לייענען אַ בוך פון אַ מחבר וואָס איך קען נישט ווי אַ שרײַבער און נישט פערזענלעך — און בין נישט אַבסאָרבירט פון אַן אַפּריאָרי־מיינונג לטוב־ולרע — און איבערראַשט ווערן צום גוטן.

אימפּולסיוו נעמסטו די פען אין האַנט און שוין ליגט פאַר דיר ס׳בייגעלע פאַפּיר, ווי אַ ווײַסער אָנגעצויגענער לײַוונט — נעם דעם פּענדזל און מאָל.

ווי זעלנערס צו אַן אַפּעל, קומען צו לויפן די מחשבות, בילדער, ווערטער. צוליב דער אײַליקייט שטעלן זיך די „זעלנערס" נישט תּמיד אויף די ריכטיקע פּלעצער. אָבער דאָס איז שוין אַ שפּעטערדיקער ענין. מחמת נאָכן ערשטן שטורעם קומט די זון — די באַזינונג — די געדאַנ־קלעכקייט און מאַכט אָרדענונג אין די שורות.

אַט אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט לייענענדיק „האַרבסטיקער שניט" פון אָשר שטשטשינסקי (מיר דאַכט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען און אַ בוך לידער, אָבער צו מיר זענען זיי נישט דערגאַנגען).

דרײַ טיילן האָט דאָס בוך און האַלט צוויי הונדערט און איין און פופציק זײַטן. כמעט אַ העלפט כאַפּט די ערשטע טייל — „היים און שטעטל". „קובאַ — מײַן צווייט לאַנד" און „אַמעריקע — מײַן איצטיק היימלאַנד" — די צווייטע העלפט פון בוך.

די טעמאַטיק, אין פלוג, אַן אַלטע. אפשר אויך — מיט אַדער אָן באַדויער — אַ באַנאַלע: באַזונדערס אין די לעצטע נאָכמלחמה־יאָרן. וואָס קען שוין דאָ דער מחבר מחדש זײַן — טראַכסטו זיך. בפרט ווען עס רעדט זיך נישט וועגן מלחמה.

מ׳הערט נישט קיין שאָס. נישט קיין יאָגעניש. פּלאָגעניש. הרג. רציחה. חורבן. עס געשעט גאָרנישט קיין אויסטערלישס. וואָס עס געשעט יאָ — קען מען דערציילן אין עטלעכע זאַצן.

אַ באַקאַנטע מיליע: היים, סביבה, אָרעמקייט, ייִדישע פּרנסות, גוייִשע רישעות.

פון דאַנען — די רבותא:

שוין אין אָפּקלײַב, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע אַטריבוטן, זעסטו די יכולת פון שרײַבער. הײַנט דאָס אויסטיילן און אויסשיילן דאָס עיקרדיקע פון טפלן. די באַזונדערקייט פון יעדן פרט און זײַן כלל־כאַראַקטער, זײַן באַדײַטונג און אָרט אין דער קייט פון פרטים און געשעענישן: זייער שותפותדיקייט און קעגנזײַטיקע באַווירקונג. קליינלעכע, געוויינלעכע פּרטים. יעדער פּרט, פון אַ שטיין ביז אַ מענטש, האָט דאָך אין זיך כּוללדיקס. דאַקעגן דאָס כּוללדיקע, דאָס אַלגעמיינע בילד בולט נישט תּמיד אויס דאָס אינדיווידועלע, פּרטימדיקע. מ'דאַרף אויך געדענקען, אַז דאָס כּוללדיקע איז גרינג נאָכצומאַכן און איז אין רוב פאַלן — פּנימלאָז, בעת דאָס פּרטימדיקע האָט אַן אייגן פּנים, אייגענעם קאָלאָריט, לאַנדשאַפט פון געמיט. אַלץ צוזאַמען שאַפט דאָס, וואָס מיר רופן אַט־מאָספער.

שטילער, מינאָרער טאָן פון דערציילן, שילדערן, שרײַבן און באַשרײַבן. אַ קאָמפּאַקט לשון. לעבעדיקער דיאַלאָג. שטיל לעבן. באַרעניש מיט טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון ייִדן אין אַ סביבה פון נישט־ייִדן. גבורה פון שוואַכע און שוואַכקייטן, פון שטאַרקע, פאַרקאָרומפּירטע כּוחות, וואָס האָבן געהערשט און הערשן אין לעבן. קליינע מענטשן — שוין גאָר נישט אַזוי קליין אין זייערע השגות, אין מעשים־טובים, און כאָטש מיר האָבן זיי שוין געזען, געהערט: מיר קענען די ייִדן פון לעבן און פון דער ליטעראַטור — קומען זיי דאָ אַרויס אייגן, אַנדערש ניואַנסירט און נײַ־געשטאַלטיקט.

דאָס ווייניקע וואָס געשעט — און ס'געשעט מיט אים, דעם מחבר גופא, אַפילו געשריבן אין איך־פּערזאָן — הערט זיך, גיט זיך איבער דעם לייענער אוממיטלדיק אַ דאַנק דעם אינטימען טאָן און סובטילן סיגנון און טאָן.

דו פילסט באַשײַמפּערלעך — ווי ס'וואָלט געשען, אָדער געקענט געשען מיט דיר, מיט מער ווי איינעם: מיט אַ רבים.

אַן אייגענער טאָן פון דערציילן, מאָלן, אַרויסברענגען פון די תּהומען טרויער און באַדויער, פּחד און אומרו. דאָס וואָרט — ס'פּשוטע וואָרט און נישט אָן הומאָר און לײַכטער איראָניע. אָשר שטשוטשינסקי דאַרף נישט, וויל אפשר נישט, אַרויסהעלפן זיך מיט אויספאַנטאַזירטע געשעע־

נישן, װאָס קאָנען אויך זײַן אמת אָדער אמתע, װאָס זענען הוילע פֿאַנטאַזיע.

איז נישט נייטיק צו קלאַסיפֿיצירן די פּראָזע פֿון אָשר שטוטשינסקי: רעאַליזם, נאַטוראַליזם אָדער שײַכות צו װעלכן ס׳איז צווישן־,,איזם״. ער קומט אויס אָן דעם. דער מחבר איז — דאָס װאָס ער איז.

און אַז אַ שרײַבער, אַ קינסטלער איז דאָס װאָס ער איז — איז אַ מדרגה.

אַ פּנים קעגן אַ פּנים — זעט מען נישט דאָס פּנים — האָט געזאָגט דער גרויסער רוסישער פּאָעט סערגיי יעסענין. זײַענדיק אין שטעטל האָט מען דאָס פּנים פֿון שטעטל אפֿשר נישט געזען. ערשט שפּעטער, װען ס׳פּנים פֿון שטעטל מיט די ייִדן און הײַזער איז אָפּגעמעקט געװאָרן — זעט מען אַלץ בולטער, נישט נאָסטאַלגיש. נישט בענקשאַפֿט נאָך יענער ענגשאַפֿט און תּחום־המושב: נאָך יענעם שװערן, מאַטערנדיקן לעבן און באַרעניש פֿאַר קיום. דאָ אין בוך רעדט זיך, זעט זיך דורך די קליינע פּרטים־רינגעלעך פֿון דער גרויסער לעבנסקייט — דאָס גײַסטיקע פּנים פֿון שטעטל:

דאָס אָרעמע לעבן רײַך אין שיינע חלומות, אין מאָראַלישע כּוחות, אין װערטיקייטן, אין גלויבן — רעליגיע און אַנטי־רעליגיע —ביידע מיטן זעלבן ברען און אייפֿער, דאָס מסורהדיקע און אַנטי־מסורהדיקע. אַ צעריסנקייט, װאָס פֿאַראייניקט, בינדט מיט גאָלדענע פֿעדעם פֿון װײַטן עבר און װײַס־בלויע, רויטע פֿעדעם ס׳געװעב פֿון ייִדישן לעבן — דאָס שטעטל של־מעלה.

מיר לייענען אָט די קליינע, פּשוטע, אָפֿט אומבאַדײַטנדיקע פֿאַר־לויפֿענישן — אומבאַדײַטנדיק אין פֿאַרגלײַך מיט דעם װאָס איז נאָך דעם געשען — און גאַנצע בילדער, בילדער־גאַנצקייט פֿון שטעטל של־מטה לעבן װידער אויף אין זכרון — רעאַליטעט, הײַנטצײַטיקייט.

איז דאָס אפֿשר דער איינציקער מקור װוּ דער שרײַבער — לויט די פּרטים אין איינע פֿון די דערציילונגען, שוין נישט קיין יונגער־מאַנטשיק — שעפּט כּוחות אויף מאָרגן און איבער מאָרגן. פֿון דאַנען דער יונגער, װאָרעמער אָטעם פֿון דערציילן, פֿון באַגלייביקייט.

אין אייניקע דערציילונגען ווי, למשל, „היים און שטעטל", „דער גורל", „די ווידוי פון אַ געליבטער" — איז דער מחבר שוין צו פיל שפּאָרזאַם אין דיאַלאָג, צו פיל צימצום אין בילד. אָט דער צימצום טוט דעם מחבר אַ בערישע טובה. אַ סך געשעענישן בעטן זיך ממש אויסשפּילן, אַנטוויקלען, פאַרגאַנצן. די אַקציע איז אַ סך מאָל ווי אָפּ־געהאַקט אין מיטן. די אינערלעכע דינאַמיק פון דער אַקציע, פון דיאַלאָג ליידט פון דער אָפּגעהאַקטקייט. אויף אייניקע שטעלן ליגט דער שטאָף, — ווי רויער אָנוואָרף פון אַ דערציילונג. נישט וועגן אינטריגירנדיקן, אָדער וועגן סוף סיפּור־המעשה רעדט זיך דאָ. באַדויער און מיטגעפיל צום געליטענעם, צום אומגליקלעכן („די ווידוי פון אַ געליבטער") וואָס דרינגט אַרויס פון סיפּור־המעשה, וואָס רופט אַרויס ביים לייענער — איז נישט דערפירט, נישט גענוג אויסגעשפּילט — איז קינסטלעריש אַ שטער. און — אפשר נישט.

אויב ס'איז דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט מיין מאַמעס — אפשר אַ סך מאַמעס — אַ ווערטל — „בילכער צוויי לעפל ווייניקער איידער איין לעפעלע מער..." ווילט זיך עס דאָ זאָגן לחסד דעם מחבר. כדי צו קומען צום טעם — אויף וויפל מ'קען אַרויסבאַקומען טעם פון ציטאַטן — איז כדאי צו ברענגען עטלעכע שטעלן, שורות פון דיאַלאָגן, וווּ עס רעדט זיך דווקא פון אַן אַלט, תמיד ניי פּראָבלעם — ליבע. מיט וואָס פאַר אַ באַטירלעכער, צניעותדיקער שיינקייט דער מחבר ברענגט אַרויס די איידעלע געפילן־וועלט פון צוויי יונגע מענטשן: אַ ייִדישער בחור און אַ שפּאַניש מיידל. דאָס מיידל ברענגט אים אַ בוקעט ווייסע בלומען.

„די ווייסע לאַנגע בלעטעלעך רינגלען אַרום דעם געלן קאָפּ, וואָס איז באַוואָקסן מיט דינע זוימען־פעדעם. עס שלאָגט אַ ריח פון פּערפיום.

— צו וואָס?

— פאַר דיר.

זי וויל עפּעס זאָגן. די ליפּן באַוועגן זיך. זי שווייגט.

מאַרסעל (ס'מיידל) טראָגט אַ ווייסע בלוזקע. זי האָט ליב ווייס. זי האַלט די בלומען אין איר האַנט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון איר.

— אַ דאַנק פאַר די שיינע בלומען.

— דאַנק מיר נישט... זאָג מיר עפּעס... זאָג מיר!

שלמהקע שוויַגט" („האַרבסטיקער שניט", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1983, ז' 185).

נאָך אַ קליינע שטעל אויף דער „באַנאַלער" ליבע־טעמע. אין גע־געבענעם פאַל — בלויז אַ קוש.

חוה איז געטריַי בלב־ונפש איר מאַן אַלטער. אַ שוסטער. אַ קראַנקער מענטש. אַן עלטער קינדערלאָז פּאָרפאָלק. דער בעלעבאָס ביַי וועמען חוה האָט מיידלוויַיז געדינט האָט פון מיט יאָרן צוריק געוואָרפן אַן אויג אויף דער „שיינער חוה".

האָט ער זיך איין מאָל אַריַינגעכאַפּט צו איר ווען אַלטער איז נישט געווען אין שטוב.

„— אַלטער איז נישטאָ — האָט אַ שטילן קלינג געטאָן חוהס שטים.

— איך דאַרף נישט אַלטערן — האָט שלמה (דער געוועזענער בעלע־באָס) געענטפערט הייזעריק, מיט אַן אַנגעשטרענגטן קול.

חוה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. שלמה האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו איר.

אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— אוי! טוט דאָס נישט!

שלמה האָט זיך האַסטיק אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

אויפן וועג קומט אים אַלטער אַנטקעגן.

— אַלטער?

— שלמה.

ווען אַלטער איז אַריַינגעקומען אין שטוב האָט אים חוה באַגעגנט:

— אַלטער. שלמה איז דאָ געווען. איך האָב אים געזאָגט, אַז דו וועסט באַלד קומען. אַלטער האָט איר אַנגעקוקט מיט אומרויִקע אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן שוסטערבענקעלע און געשוויגן". (דאָרט, ז' 26).

★

שטילע פּראָזע פון אַ שטילן, ווייניק באַקאַנטן שריַיבער. אַ שטילער טאָן און אַ תּוכן — וויַיט פון נאָסטאַלגיע און וויַיט פון נאָענטן חורבן, וואָס איז שוין היפּש אַנזעעוודיק אין דער יידישער (אויך אין דער נישט־יידישער) ליטעראַטור פון די נאָכמלחמה־יאָרן.

אַזוי צו זאָגן

קיין שום אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, גרוילטאַטן: „דאַנקבאַרער" שטאָף, וואָס ווערט אָפּט — דאַרף ווערן — אויפרײַסשטאָף אין געמיט פון לייענער. שטילע פּראָזע אין אַן אומשטילער צײַט. אַ צײַט וואָס מאָדערניזם, סימבאָליזם, אַבסורד און אַנדערע „איזמס", אופנים, מאָדעלן רײַסן אבער מן החי פון רעאַליטעט, כדי אַרײַנברענגען קלאָרקייט און אמת אין מבולבלן מוח און נשמה פון לייענער — קומט דער מחבר און ברענגט אַרויס גראָד מיט אַלטע שעפּ־כלים מים־חיים פון לעבנס־ברונעם: ברענגט אַרויס מיט האַרץ — דאָס האַרץ פון זאַכן, געשעענישן, שטיקער לעבן און לעבעדיקע מענטשן פון אַ חרוב־געוואָרענער, טויטער וועלט.

יוסף שטשאַווינסקיס פּראָזע

די טעמע איז אויפגעכאַפּט און באַאַרבעט מיט אַ סך דרייסטקייט, שרייבערישער אַמביציע און מיט נישט ווייניק טאַלאַנט. זי איז אָבער אויפגענומען געוואָרן אויבנאויפיק, פון דרויסן. נישטאָ די אינערלעכע אַנטוויקלונג, די אָרגאַנישע, נשמהדיקע, נישט רעכנענדיק געלונגענע שטעלן דאָ און דאָרט.

ס׳איז דאָ טענדענצן: אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס דערמאָנט אין מיטן־טאָג־ליכט. דאָס „ליכט" מאַכט צו קלאָר זאַכן, צו בולט פּגמים. אַ ביסעלע געדעמפּטקייט, רמז, אומדערזאָגטס, וואָס זאָל וועקן אָנונג, נאָכטראַכטונג, נייגער ביים לייענער צום סוד פון דער מיסטעריע שאַפונג. איך האָב געזוכט דאָס וואָס מען געפינט אין עכטער שאַפונג. עכטע שאַפונג העלפט זיך נישט. איז נישט סובל קיין טענדענץ. זי איז אַליין — טענדענץ: אויפכאַפּן די וועלט פון חושים, געדאַנקען בעתן געשטאַלטיקן כאַראַקטערס, געשעענישן, האַנדלונגען. דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער עיקר־עלעמענט אין קונסט. עמאָציאָנעלער עלעמענט, וואָס גרענעצט זיך ערגעץ ווו מיט עקסטאַז, רעליגיעזיטעט. ביידע, דער לייענער און דער שרייבער, זענען אַדורכגענומען מיט דעם הייליקן ציטער־געפיל און דערפאַר — די קעגנזייטיקע באַווירקונג. נישט מער, דער קינסטלער האָט די יכולת צו פאַרפיקסירן, „דיסקאָנטירן" דעם רוישטאָף, לעבנס־כאַאָס אין יצירה: איבערלעבונגען פון אַ יחיד, פון יחידים אין קונסט.

מען געפינט אָבער ביי שטשאַווינסקין גרויס בקיאות אין באַשרייבן מאָדערנע טעכנאָלאָגישע פּלענער און אויפטועז. די אויסדרוקן „אַטאָם־אויוונס", „קערנקראַפט", „קוואַנטומס אָרגאַניום" זענען נישט קיין פרעמד־ווערטער אין זיין בעלעטריסטישער שפּראַך. ער ווייסט ווו און ווי אַזוי זיך צו באַניצן מיט פאַכמענישע באַצייכענונגען, מיטלען, בעתן „אַריינ־וואַרפן" אַ באַרג אין טאָל אַריין: טעאָרעטישע און פּראַקטישע באַגרינ־דונגען פון רעאַליזירן די פּלענער פון יונגן, באַגאַבטן אינזשעניר יורם.

ער איז אויך אַ מומחה פון צונויפפירן מענטשן, געבן זיי ס׳געהעריקע

לשון בײַ באַשטימטע סיטואַציעס, וואָס ער, דער שרײַבער, אַנטוויקלט און דראַמאַטיזירט. לאָזט זיי, די מענטשן, ערגעץ ווו איבער און בעת דער לייענער מיינט אַז ער האָט זיי פאַרגעסן — דערשײַנען זיי ווידער. עס ווערן אַזוי אַרום צוריק צונויפגעבונדן די „עקן" און די אָרגאַנישע גאַנצקייט געווינט דערפון. מעג דאָס געמאַכט ווערן מיט כוונה, מיט אַ בולטן זען „די שטעך" — ווײַזט עס דאָך אויף אַ סך התמדה, און נישט אָן הצלחה, אין דער קאָנסטעלאַציע פון ראָמאַן, וואָס פאַרנעמט אַרום דרײַ הונדערט און פופציק זײַטן.

דאָס איז אַ גרויסער פאַרדינסט און שטאַרקט דעם בטחון, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָזע־שרײַבער, אַן עפּיקער.

עדות דערויף זענען די שילדערונגען פון ירושלימער לאַנדשאַפט, די בערג, וואָס רינגלען זי אַרום: די קיבוץ־פעלדער בעתן אומבײַט פון טאָג און נאַכט, וואָס זענען באַזונדערס שיין אין ישראל בעת מען קוקט אויף זיי פון די בערגהויכקייטן. בערג און בערגלעך — מלאכת מעשי־בראשית, וואָס דאַרפן ווערן כחומר ביד היוצר — בײַם צבור־דערפינדער, דעם באַרגרײַסער יורם.

די נאַטור־שילדערונגען זענען שיין, עכט, ליריש און זענען תּורם אַ סך פרישקייט צו דער בעלעטריסטישער אַטמאָספער.

הײַנט די הויפטהעלדן: יורם און צילה.

צילה איז אַן אורטיפּ פון אַ מאָדערנער, יונגער פרוי אַנגעשטעקט מיט „נײַער לינקס"־אידעען. איינע פון די סאַלאָן־קאָמוניסטינס, וואָס זענען נישט נײַ אין דער פּאָליטיש־גײַסטיקער לאַנדשאַפט אין די אַמע־ריקאַנער לענדער. נישט צופעליק האָט דער מחבר „איבערגעפלאַנצט" דעם טיפּ דאָ בײַ אונדז, ווו אַזאַ „פלאַנץ" איז שוין נישט קיין „עקזאָ־טישע" דערשײַנונג: זי איז אויך נישט די איינציקע צווישן די „פאָר־געשריטענע", וואָס וואַקסן אויף אונדזער היימישער ערד.

מיט אַ סך שרײַבערישער ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש ווערט אַרויס־געבראַכט די יונגע, פיזיש און גײַסטיק רייצנדיקע פרוי בײַ דער זײַט (אָדער ער בײַ איר זײַט) פון אַ ביסל צו תּמעוואַטן און קינסטלעריש בלאַסן מאַן אירן, דעם דראַמאַטורג.

יורם דאַקעגן, איז אויסגעהאַלטן אין זײַן אַרט לעבן, התנהגות, אַ סאַברע אין אַלע רמ"ח אברים.

באַזונדערס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף די אינטימע־און ליבע־באַציונגען פון יונגן דערפינדער און יונגן שיינעם בחור יורם מיט דער פיקאַנטער צילה. מעג די עקסקורסיע קיין ראַטן־פאַרבאַנד זיַין אַ צוגעטראַכטע, איז דאָ זייער געלונגען דאָס „צופעליקע" באַזאָרגן בײדע מיט רײַזע־בילעטן: געלונגען אויך (טאַקע צוליבן בכיוונדיקן) „אַדורכלופטערן" צילעס „פּראָגרעסיווע" געדאַנקען און פאַרן אַלגעמיינעם געדאַנקען־גאַנג פון דער לינקער גרופּע, ווו צילה איז דער לעבעדיקער נערוו.

פאַרכאַפּנדיק לייענען זיך די היפּשע עטלעכע זײַטלעך פּראָזע פון בײדנס סטאַציאָנירן אויף אַ טאָג (אייגנטלעך: אַ נאַכט) אין פּאַריז, אין רעסטאָראַן, אין האָטעל, אַפילו אין דער טעקסי וואָס פירט זיי ביידן אין האָטעל אַרײַן.

אַ דאַנקבאַרע טעמע, די ליבע. שטעקט אָן מיט שיינקייט און כּוח יעדן קינסטלער וואָס רירט זיך צו צו איר. י. שטשאָווינסקי ווייסט אויך, אַ פּנים, דעם סוד פון צימצום דווקא דאָ, ווו מען קען געשטרויכלט ווערן מיט צו פיל אָפּגעדעקטקייט. — זענען טאַקע די ליבע־סצענעס אייגנאַרטיק, יונג און דערפרישנדיק.

און ווידער:

די נסיעה פון צילהן קיין דײַטשלאַנד, אירע וויזיטן בײַ די פּריוואַט־אַגענטן, דער טראַסק מיטן אַראָפּבריינגען יאַניען קיין ישראל — איז שלעכט קאָנסטרויִרט, שרײַבעריש אומגייטיק. די שפּראַך, די דיאַלאָגן — עקספּאָזיציע. צו פלינק און צו גרינג. צילה און יאַניע, די גאַנצע סביבה — ווי אַרויסגענומען פון אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן.

דאָס שוואַכט אָפּ דעם אײַנדרוק פון די גוטע שטעלן אין ראָמאַן.

און דאָך דאַרף געזאָגט ווערן:

„דער באַרגרײַסער" איז טעמאַטיש און אין אָרט און צײַט — אַ ישראל־ראָמאַן. באַקאַנטע און באַגאַבטע פּראָזאַיקערס אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור האָבן אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט זיך פאַרמאַסטן מיט דער פּראָבלעמאַטישקייט בײַם שרײַבן דעם היגן שטייגער־ראָמאַן (אויב מען קען בכלל וועגן אַזעלכן רעדן). עס זענען פאַר אונדז אַלעמען באַקאַנט און פאַרשטענדלעך די סיבות און די שוועריקייטן בײַם געשטאַלטיקן — אין פאָרעם און אין תּוכן — די

היגע ווירקלעכקייט, וואָס איז מיט איר ספּעציפישקייט אַליין בבחינת־יצירה.

דער קינסטלער שטייט נאָך דערוויַיל פאַר דער דאָזיקער דערשייַנונג אָן אָנגעגורטער מיט ליבשאַפט און יראה.ביידע שעפּטשען: תּפסת מרובה — כלום תפסת.

י. שטשאַווינסקי האָט, ווי יעדער קינסטלער, אַוודאי געזען די סכּנה און פונדעסטוועגן בּישט אָפּגעהאַלטן זיך פון דערלאַנגען אַט דעם ווערב־דיקן יוירבנדיקן שטאָף אין אַ ראָמאַן־פאָרעם: פּילפּנימדיקן שטאָף — מיט קאָנטורן פון אַן אייגן פּנים.

דער געוואַגטער שריט וועקט אינטערעס און איז אויך אַ גוטער צוזאָג.

הינדע דעמבאָלעצקי

אַנדרע מאָלראָ האָט אין דער הקדמה צו זײַן אויטאָביאָגראַפיש בוך געשריבן, צווישן אַנדערע, אַז דער פּאַקטישער אמת אין יעדער ביאָגראַפיע פון אַ קינסטלער איז דאָס וואָס מען דערציילט נישט.

לייענענדיק „אין שפּליטערס פון צײַטן" פון הינדע דעמבאָלעצקי האָב איך זיך דערמאָנט אין אָט דעם זאָג.

די מחברטע, פאַרקערט, דערציילט דאָס וואָס אַנדערע באַהאַלטן. דערפאַר איז איר סיפור־המעשה שהיה פון גאָר וויכטיקער באַדײַטונג. סײַ די פאַקטן, „שפּליטערס" און שפּליטערלעך, סײַ דער אופן, די פּראָסט־פשוטקייט פון אַרויסברענגען, ווי דאָס פאָלקסווערטל זאָגט: וואָס אויף דער לונג — אויף דער צונג, דעקט אָפּ, דעקט אויף אַן עולם־ומלואו פון נאַקעטע אמתן, וואָס תּמיד בעתן שרײַבן ביאָגראַפיעס בלײַבן זיי אויפן דנאָ פון דער שיכחה.

פּרוידיאַניש דערקלערט זיך עס בערך אַזוי:

אויך די שיכחה האָט אַ זכרון — סאָרטירט, סעגרעגירט אויף אַ סע־לעקטיוון אופן.

דאָס וואָס לוינט זיך, אַזוי צו זאָגן, דעם „איך" אין מענטש צו גע־דענקען — האַלט דער זכרון אויף דער אייבערפלאַך. דאַקעגן דאָס אומאָנ־גענעמע, דאָס ווידערווילִיקע ווערט פאַרשטויסן אַראָפּ, אַראָפּ צו די סאַמע נידעריקסטע שיכטן פון דער שיכחה.

מיט אַ סך שרײַבערישער און מענטשלעכער ערלעכקייט, אויפ־ריכטיקייט און ערנסטקייט — און נישט אָן הומאָר — רעדט די מחברטע פון איר אייגן לעבן, פון אירע דורכפאַלן זינט איר פריסטער קינדהייט. „לעבן"? ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — דאָס איז אַ קייט פון עוולות, באַ־לידיקונגען און ביטערנישן, וואָס דאָס קליינע, צוועלף־יאָריקע מיידעלע איז אויסגעשטאַנען, איבערגעלעבט. מיר זעען באַשײַמפּערלעך, ווי אַזוי אָט דאָס, אויפן הײַנטיקן לשון „שלינגען זשאַבעס", האָט פאַרעקשנט,

פּאַרהאַרטעוועט איר כאַראַקטער, איר ווייכע און רײַכע קינדנאַטור; אַרויס־גערופן רעאַקציעס פון דווקא און צו להכעיס צום צד השני — צו חברה, סביבה. און דער צד השני האָט איר, ווי דער שטייגער, „אָפּגעצאָלט" מיט דער זעלבער מטבע.

אָט די קעגנזײַטיקע „חשבונות" — ווידער קומט אויפן זינען פּרויד — וואָס די צײַט האָט געקריצט אין געדעכעניש פון דעם צוועלף־יאָריקן מיידעלע ווען די חברה איז געבליבן אַ בעל־חוב — פּילן אויס קנאַפּע צוויי הונדערט זײַטן פון דאָזיקן בוך.

דאָס זענען בישט קיין זכרונות, דאָס איז אַ טאָגבוך פון אַן אונ־טערוואַקסנדיק מיידעלע ווען די נאַטור האָט, אַזוי צו זאָגן, באַוואָלט — און די סביבה האָט צוגעהאָלפן — און די זעלבע נאַטור האָט רעקאָמ־פּענסירט מיט גײַסטיקער רײַפקייט פון אַ קינד־באַוווסטזײַן, פּילפּאַכיק העכער אַנטוויקלט פון אירע חברטעס אין איר עלטער.

ווערט ביסלעכווײַז פײַנלעך־קלאָר פאַר וואָס דאָס צוועלף־יאָריקע מיידעלע הייבט זיך אָן חברן מיט ביכער און „רעדן" צו „שטיקלעך פּאַפּיר".

„איך האָב ליב ביכער. ווען כ'לייג זיך שלאָפן, לייג איך מיר אונטערן קישן אַ בוך" — — — „איך ווייס, אַז ביכער זענען נישט קיין לעבעדיקע באַשעפעניש — דאָך באַצי איך זיך צו זיי, ווי זיי וואָלטן געלעבט". „אין די פּאַפּירלעך שרײַב איך וועגן זיך. כ'וויל מײַנע געדאַנקען וועגן לעבן, וועגן מענטשן — אויסלאָדן אין בוך" („שפּליטערס פון צײַטן", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1981, זז' 62, 67).

פון דאָנען די אמתן, די „שפּליטערס" און צויטן פון אַ גאַנצן קאָמ־פּלעקס־געוועב, וואָס האָט „געדעקט", אײַנגעהילט דאָס באַוואָלטע געמיט פון מיידל: מיטן וואַקסן, לערנען און לייענען ביכער — האָט זיך דאָס אַלץ געלייגט און באַשווערט, פאַרעקשנט איר כאַראַקטער.

איר צעוווּנדיקטער ציפּור־הנפש האָט דאָס „אויסגעזונגען" אויף די בלעטלעך פון אַ טאָגבוך, ווי אויף אַ טייפלענטע און אַצינד — זיבן צענד־ליק יאָר שפּעטער — וויקלט זיך די „לענטע" פונאַנדער און דער טייפ „רעדט" מיט אַן אויטענטיש לשון ערלעכע, ראַיעלע רייד ביז וויטיק.

זענען דאָס רעוואָלטירנדיקע רייד און אַ התנהגות פון אַ געקריוו־דעט מיידעלע, וואָס סײַ די בני־בית, סײַ די לערערינס, חברטעס, קערן

זיך אום צו איר מיט דער פּלייצע. אַט די שׂינאת־חינם פאַרשטאַרקט נאָך מער אין איר די איינזאַמקייט. די איינזאַמקייט אַנטוויקלט אין איר דאָס געפיל פון פּראָטעסט.

אַ פאַרכישופטער קרײַז פון קעגנזײַטיקע „קלעפּ" פון אַ רבים קעגן אַ יחיד, אַ נעבעכדיקן, שוואַכן, וואָס שטאַרקט זיך, נישט צו בלײַבן הינטערשטעליק, „באַשטראָפט" צוריק די שולדיקע. — דאָס איז דער לעבנסקרײַז פון דער מחברטע.

פון דאַנען די פּילבאַרע טעמאַטיק, די אמתן, וואָס שווימען אויף אויפן כוואַליענדיקן, שוימיקן וואַסער פון לעבנס־ים. ווילסטו, איז עס אַ שפּיגל. דו זעסט זיך מיט אַלע נשמה־קנייטשן און קנייטשעלעך. אַ נאַקעטער שטייסטו און דערקענסט און דערקענסט נישט דײַן אייגן פּנים. און ווײַל די מחברטע דערציילט אַלץ אָפן, פרײַ, אָן ליטעראַרישע באַפּוצונגען, אָן ליטעראַרישע פּרעטענסיעס — איז עס עכטע פּראָזע. אין אַט דער אָפנקייט ליגט געוואָגטקייט פון אַ קינסטלערישער נשמה.

הײַנט, אין די עלטערע יאָרן, ביז 120, מעג מען שוין אַלץ דערציילן: מעג מען אויך פון דער שיכחה אַרויסבאַקומען אַלץ וואָס זי, די שיכחה, „געדענקט" צו פאַרגעסן, צו פאַרשטויסן. —

הײַנט, ווען מען שטייט שוין פאַרן „העכערן געריכט" — בית־דין של־מעלה — מעג זיך שוין די מחברטע דערלויבן דערציילן דעם אמת, ווי מען שווערט אין געריכט מיט דער האַנט אויפן תנ"ך — את כל האמת ורק את האמת.

הינדע דעמבאַלעצקי זאָגט עס מיט דער האַנט אויפן האַרץ. זי דערציילט דאָס, וואָס יעדער בן־אָדם האַלט בסוד אַפילו ווען ער איז מיט זיך אַליין: אַליין מיט זײַן „איך", מכל־שכן ווען ער איז מיט אַנדערע.

נאַקעטע אמתן, וואָס דער מענטש וויל זיך אין זיי נישט מודה זײַן. שעמט זיך, עלעהיי ער טראָגט אויף זיך אַ מלבוש — מיט דער פּאָדשעווקע אַרויף...

ווי דען אַנדערש זאָל מען פאַרשטיין אַזאַ שטעל, למשל:

„פּערל (אירס אַ חברטע) איז גאָר אַ שיינע. פײַן אַנטוויקלט. מ'זאָגט אויף איר, אַז זי איז אַ שיינהייט. זי האָט געקרײַזלטע קאַשטאַנהאָר, אַ רונד פּנים און גרויסע, גרויע־בלויע אויגן, אַ שיינע נאָז און אַ קליין

מויל". — — — „איך זע אויס ווי אַ קינד קעגן זיי. אויף מיר קוקן נישט קיין ייִנגלעך. אויף זיי — יאָ" (דאָרט, ז' 55).

✶

די מחברטע באַשרײַבט און באַמאָלט ערלעך און געטרײַ אירע געשטאַלטן און דער עיקר — איר אייגן געשטאַלט...

לעבעדיקע, קאָליריקע בילדער פון דער סביבה. ייִדיש שטייגערלעבן, ייִדישע פּרנסות און פּרנסהלאָזיקייט. פּייזאַזש פון נאַטור און מענטש. פּופּציק משפּחות סך־הכּל אין קליינעם שטעטל. מען קאָן זיי כּפלען אויף צענדליקער און הונדערטער משפּחות פון אַלע שטעטלעך אין פּוילן און אויך אין אַנדערע מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער ווו ייִדן האָבן געלעבט.

אַ וואַרעמער, האַרציקער אָטעם, ווי אַ ליכטיקער מאָרגן־נעפּל, גייט אויף פון די בלעטער פּראָזע. אַזאַ קאָלירפול און קלאַנגפול אידיאָמאַטיש לשון. פּאָלקסווערטלעך און לעבנס־חכמה. ליבשאַפט. רחמים. אַ מכפּר־געפיל אויף אַלץ וואָס איז געשען, אויף אַלץ וואָס איז געווען און איז נישטאָ מער. אַ סטאָיִש געפיל און אַ פּיקחותדיקער קוק איבער אַלץ און אַלעמען פון אַ זקניש גוט אויג און קלוג האַרץ.

זענען, בכן, ריכטיק און אויפריכטיק די וואַרעמע ווערטער אין דער קורצער הקדמה צום בוך פון ישראלדיקן משה זאַלצמאַן, וואָס האָט צוגעגרייט דאָס בוך צום דרוק, אַז עס „זענען די אַכט דערציילונגען, לויט זייער אינהאַלט און לויטן סטיל זייערן — הויך קינסטלערישע ווערק, וואָס זאָגן עדות אויפן זעלטן רײַפן טאַלאַנט".

דער פּרץ־פאַרלאַנג האָט גוט געטאָן, וואָס ר'האָט דערמעגלעכט דאָס דערשײַנען פון דאָזיקן בוך.

אין פשוטע ווערטער

עס גלוסט זיך ממש אָנהייבן מיטן נאָמען פון בוך עסייען מיט אַ קליינעם שינוי, ניט „אין", אלא — מ י ט פשוטע ווערטער האָט זיך דער מחבר פון צוויי ביכער פּראָזע, „אין וואָגל" און „איינער פון אַ סך" פּאַרמאָסטן — און ס'איז אים טיילווייז געלונגען — אַרויסזאָגן זיך וועגן פּופּצן שרײַבערס, דיכטערס, עסייסטן.

אין עס אַ געוואַגטקייט, בפרט ווען צווישן די פּופּצן טרעפן מיר אַזעלכע נעמען ווי ש. אַש, פּ. מאַרקיש, מ. בראָדערזאָן און, להבדיל לחיים ארוכים, ע. שעכטמאַן.

באַהאַנדלען די ווערק פון אַזעלכע שרײַבערס און נישט פּאַרשלעפּן, בהיסח־הדעת, צוגעאײַגנטע מיינונגען, מחשבות, דעפיניציעס, אַרויסגעב־ראַכטע אין אַ פּילצאַליקער רײַכער לעקטור — קריטישע אַרבעטן און מאָנאָגראַפיעס — איז אַוודאי אַ מעלה. די צווייטע מעלה באַשטייט אין דעם וואָס ש. מיצמאַכערן איז מן־הסתם ווויל באַקאַנט די סכּנה פון פּאַרקריכן אין „פרעמדע גערטנער", האָט ער אויסגעמיטן פּראָנטאַלן גאַנג און זיך געלאָזט מיטן וועג פון תּמציתדיקן איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון די באַהאַנדלטע ווערק. מיט פשוטע, אייגענע ווערטער איבערדער־ציילן און צוגעבן פּירושים, צעקייען דאָס גײַסטיקע שפּײַז אַזוי, אַז דער לייענער זאָל עס גרינגער פּאַרדײַען. ער העלפט, בכן, דעם לייענער אויפ־נעמען סײַ דאָס באַשיידענע קריטישע וואָרט, סײַ באַקענען אים מיט די ווערק פון גרויסע מײַסטערס, מיט דער תּקופה, מיטן לאַנד און לאַנדשאַפט, מיט די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע פּאַרהעלטענישן און סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געשאַפן.

ווערט שוין קלאָר פון דעם אַליין — און כ'זאָג עס נישט לגנאי — אַז נאָכן אָפּלויפן אַ מהלך, אויספּילן היפּשע גאַנצע קאַפּיטלען פון דער עסיי מיט אַ פּרטימדיק איבערגעבן סיטואַציעס, האַנדלונגען — סטײַעט אים שוין נישט קיין סך כּוח זאָגן אַן אייגן וואָרט. ער באַגנוגנט זיך מיט צוגעבן אייניקע, זײַניקע קריטישע באַמערקונגען.

אַ שטייגער, ווען ער רעדט וועגן ש. אַש:

„ער איז נישט מדקדק אויף דער שפּראַך. אָט די שוואַכקייט לאָזט זיך פאַרענטפערן מיטן ריזיקן כּוח פון אַשס טאַלאַנט. פון זײַן פּראָזע טראָגט זיך אַ דורכגעלײַטערטע, לירישע וואַרעמקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן שרײַבערישן סטיל און זײַן שאַפן". אָדער — ווידער וועגן אַשן — „אין סך־הכּל איז ,חיים לעדערס צוריקקומען' אַן אינטערעסאַנט ווערק, הגם דער מחבר דערלויבט זיך דאָ אויף איבערמאָסיקער בעלעטריזאַציע". דאָס גלײַכן, ווען ער רעדט וועגן פּ. מאַרקישעס „טראָט פון דורות" לאָזט ער פאַלן אַזאַ אָנמערק: „דער עיקר־חסרון אין דעם ווערק איז, וואָס פאַר די הויפּט־אָנפירערס פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט מאַרקיש נישט אויסגעשטעלט די אַנילעוויטשעס און צוקערמאַנס, נאָר טאַדעוש און באַלעסלאַוו" („אין פּשוטע ווערטער", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1979, זז' 17, 20, 41).

וועל איך זיך נישט אַרײַנלאָזן אין דער אַ סוגיא פון אל תדון את חברך כּל עוד לא באת במקומו — ס'ווילט זיך נאָר זאָגן, אַז ווען ש. מיצמאַכער, וואָס איז אין טרעבלינקע (לייען רוסלאַנד) נישט געווען, וואָלט זיך טיפער אַרײַנגעטראַכט אין דער קינסטלער־טראַגעדיע פון אַ יידישן שרײַבער, און נאָך פון אַזאַ מדרגה ווי פּ. מאַרקיש, דאָרטן און אין יענע יאָרן — וואָלט ער זיכער אויף אַזעלכע קריטישע באַמערקונגען מוותּר געווען.

בדרך־כּלל מײַדט אויס מיצמאַכער אין זײַן עסיי אינטערפּרעטאַציע, קריטישן אַנאַליז. פּרווווט כּלל נישט אויסשיילן ס'מקורותדיקע. בפירוש אַ שאָד, וואָס אַ. מיצמאַכער טוט זיך נישט די מי, מחמת אין אייניקע מאמרים איז צו זען, אַז ער האָט יאָ די כּלים פון פאַרטיפן זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין כאַראַקטער סײַ פון שרײַבער, סײַ פון ווערק.

אמתע קריטיק מיינט קודם־כּל אַליין זײַן אַ שעפערישע נאַטור: מענטש פון העכערער פּילבאַרקייט, פון אייגענעם אופן אין אויפכאַפּן, באַנעמען זאַכן, בילדער, סיטואַציעס, דערגרונטעווען זיך צו די אורסיבות פון קינסטלערישע אימפּולסן, שטימונגען התנהגות — נישט תּמיד לויט די אָנגענומענע כּללים — וואָס איז אַ פּסיכיש־אָרגאַנישער טייל פון זײַן שעפערישן איך.

אָט די אייגנשאַפט פון קריטיקער איז כּמעט אומבאַדינגלעכער תּנאי

פאַר קינסטלערישן אויסדרוק. אַן די דאָזיקע עלעמענטן אין דער עסיי ווערט פון פשוטן וואָרט — פשטות.

נישט ווייניקער וויכטיק איז אויך שפּראַכלעכע געשטאַלטונג. שפּראַך איז נישט נאָר לבוש. עס איז אַ הויט אויפן פלייש און נערוון־געוועב, וואָס גיט צו דער שאַפונג אַ לעבעדיקע מראה. נישט נאָר שיינקייט, פאַרב, קאָליר, אלא — ס׳פאַראינטענסיווט דעם בלוטשטראָם אין די אָדערן, אין לעבעדיקן אָרגאַניזם פון דער עסיי. אמתע קונסט — אין אַלע זשאַנערס — ברייטערט אויס און פאַרטיפט דאָס נאָרמאַטיווע. גיט דער ווירקלעכקייט נייַע דימענסיעס, עפנט דעם וועג צו דער ווירקלעכקייט פון מאָרגן, פון דער סביבה, וועלט, מענטש: פּילט אויס זייַנע האָפענונגען, חלומות.

איינע פון די שווערסטע דילעמעס פון מענטש — לויט סאַרטער — איז זייַן מער ווי דאָס וואָס ער איז און — די מורא פאַרן שינוי פון זייַן אַנדערש.

✶

פשוטע ווערטער מיינט נישט קיין פשוטע רייד. אויך און אפשר טאַקע, פשוטע ווערטער מיינט — געדעמפּט לשון מיט טעמפּעראַטור און אינערלעכן פלאַם: אַ זינגעריש־זאָגעריש וואָרט, וואָס דערהייבט און באַפליגלט. דאַקעגן אַזעלכע אויסדרוקן ווי „ערפורכט״, „אַנטשפּרעכט״ אָדער אַזעלכע זאַצן ווי „יעדע דערשייַנונג אין לעבן איז באַדינגט פון דער באַשערטקייט״; „אַכפּערן די הייליקייט פון קורבן״; „איינשטייַגן אין אויטאָבוס״ (דאָרט, ז׳ 63) — זענען נישט תּורם צו דער שיינקייט און מהות פון דער עסיי.

ש. מיצמאַכער האָט יאָ די כּלים, האָבן מיר אויבן געזאָגט, און געמיינט די אייגנשאַפט פון אַ מקורותדיקן צוגאַנג. עס מערקט זיך תּיכּף אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן ש. אַש, און אין גרעסערן מאמר „גלויבן און יִאוש אין ב. שלעווינס שאַפן״ און בעיקר אין דער עסיי וועגן „אַ נישט־אָפּגעשאַצט בוך פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער מ. וויטעס״. דאָס איז אַן אָריגינעלע, געלונגענע אַרבעט מיט אַלע וואַלאָרן פון אַן ערנסטער קרי־טישער עסיי. עס איז נישט, ווי ש. מיצמאַכער דריקט זיך ערגעץ אויס, „אַ שרייַבן עסייִסטיש״, נייַערט אַ שרייַבן מיט קינסטלערישער יכולת פון אַרויסזאָגן זיך אייגנדיק, אָריגינעל אין דער מחשבה און אין אויסדרוק.

למשל:

„דער ליטעראַטור־עקספּערט באַווײַזט מיט בײַשפּילן, אַז די אומ־געפּעלשטע דיכטערישע שאַפונג איז אַ פּועל־יוצא פון אומגעוויינלעכן, באַפּליגלטן טראַנס, וואָס שטײַגט אָפּט מאָל איבער די גרענעץ פון ראַציאָ. דאָס מיינט נישט זאָגן, אַז דער דיכטער פאַרלירט אין זײַן רוח־הקודש־דיקער דערהויבונג די ניכטערע קאָנטראָל איבער זײַן שאַפן. בילדער, אימאַזשן און שטימונגען זענען עיקרדיקע עלעמענטן אין דער דיכטע־רישער שאַפונג".

לייב פּאָפּיק — מענטש און דיכטער

ניט פאַרענדיקט איז דער בנין. —
ווידער דאַרף מען אָנהייבן פון פאַרנט
אַרויף־אַרויף צו שלעפּן
די משא איבער אַלע טרעפּן...

און דאָרטן פון אויבן —
אַ ווידערקול פון אַ געזאַנג:
אַזוי אַ לעבן לאַנג.
אַזוי אַ לעבן לאַנג.

דאָס זענען אַכט שורות פון בוך „שטאַפּלען".

אַ לעבן לאַנג פּירט זיך אַזוי דער דיכטער, דער בן־שמונים — עד מאה ועשרים! — שלעפּט, שאַפט; גייט איבער שטאַקן אויפן בנין און אויך — אין בנין פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער ייִדישער דיכטונג. העכער זעכציק יאָר גייט ער אָן מיט דער מי פון בוי און שאַפן. און עס ציט דעם מחבר „צום ווידערקול פון געזאַנג", ווי ער זינגט דאָס, אַ געזאַנג צום מענטש פון אַרבעט, צו בנין־הארץ און צום בויען זיך אַליין ווי אַ דיכטער, און אפשר ווי אַ גרונטלייגער פון ייִדישן ליד אין ישראל.

ל. פּאָפּיק האָט אויף אַ ביז גאַר אָריגינעלן אופן איבערגעזעצט די באַקאַנטע פּאָעמע „דער פּאַטער פון די פּאַרפּעסטיקטע", פון פּוילישן קלאַסיקער יוליוש סלאָוואַצקי, לידער פון היינריך היינע, פון ריינער מאַריאַ רילקע און אַנדערע.

ער איז מחבר פון פינף לידערביכער און, ווי זאָגט מען עס, עוד ידו נטויה...

צו ניינצן יאָר געקומען אין לאַנד מיט די ראשונים פון דער דריטער עליה. אָנגעהויבן ביי לאַנדווירטשאַפט, אַריבער צו בויאַרבעט.

ל. פּאַפּיק, דער בויאַרבעטער, דער פּאָעט, דער מענטש, אַלע דריי זענען איינס און דאָס איז אַ זעלטענע זאַך, אַ זעלטענער זיווג ביי אַ קינסטלער.

מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ שטער אין זיין שאַפערישקייט. און פון דאַנען די פאַרהעלטעניש־מעסיקע אומבאַקאַנטקייט זיינע פאַר דעם ברייטן לייענער־עולם. ס'קאָן אויך זיין — אַ בכיוון־אומבכיוונדיקער אומבאַמערק פון דער שרייבערוועלט, פון דער קריטיק.

איך זאָג אַ שטער, מחמת אַ סך, אפשר די מערהייט פון יידישע שרייבערס, קינסטלערס בכלל, האָבן אָנגעהויבן ביי פאַכן. דורך אַלייג־בילדונג און כסדרדיקן דראַנג צו שאַפן האָט מען הינטער זיך געלאָזט די אָנהייבן און אַריבער צו דער „ערשטער ליבע" — קונסט. אַוודאי איז דער פּריז פון אַריבערגיין געווען אַ טייערער. מען האָט געצאָלט און מען צאָלט עד־היום מיט פיזישע און גייסטיקע ליידן. אָבער דער ווילן וואָס איז, לויט מ. גאָרקי, ניינציק פּראָצענט פון טאַלאַנט, האָט גובר געווען די ליידן.

ל. פּאַפּיק האָט עס געטאָן מחמת זיין ליבשאַפט צו בײדע — סיי צו אַרבעט, סיי צו ליד. אָט די דאָפּלטע ליבע שפּירט זיך שטאַרק אין זיין שאַפן און דאָס איז זיין מעלה: די אויטענטישקייט. דאָס איז זיין „אויב נישט נאָך העכער"...

דער דיכטער ל. פּאַפּיק האָט די לינקע ליבע, וואָס מען רופט „האָבי" אָדער, אין עברית, תחביב, דערהויבן צו דער אמתער, געזעצלעכער ליבע. און מיט דער זעלבער פריידן און מיטן זעלבן כוח פון ליבשאַפט דערהויבן די אַרבעט, די טאָג־טעגלעכע פּראַצע צו געזאַנג, צו ליד און צו לויב פון נייעם, קומענדיקן טאָג דאָ הי, אויף אייגענער ערד, אונטער אייגענעם פּאַסיקל הימל.

אין דער פּאָעזיע איז באַקאַנט דער זאָג: „מיטב השיר — כזבו". ביי פּאַפּיקן איז — מיטב האמת — דער שיר. די רעאַליע רעדט צו אים און פון אים מיט בוים, מיט בלום, מיט פויגל־געזאַנג: מיטן אמת פון דער נאַטור און מיטן נאַטירלעכן אמת. — אָט די מענטשלעכע, שרייבערישע אַרבעטלעכקייט, די ראַיעלקייט טוט זיך אָן אויף אַ סך פון זיינע לידער וואָס גיבן זיך איבער אין געמיט פון לייענער.

אזוי, למשל, לייענט זיך „אַ פאַרגעסן ליד" („שטאַפּלען"). ס'רעדט

זיך װעגן טײַבעלעך, װי „אַ מחנה שוין פֿאַרגעסענע לידער״. זענען דאָס לירישע שורות און ליבשאַפֿט צו בעלי־חי, צו נאַטור. און אָט גייט דער דיכטער איבער צום מענטש און צו „אל־נקמות״: אַ שטאַרק ליד פֿול מיט אויפּברויז און צאָרן און — אַ גלויבן, אַז דער „אל־נקמות״ קאָן אויך זײַן אַן אל־רחום־וחנון: —

ס׳דונערן דײַנע װערטער — די צען געבאָט —
מתנות װיגן זיך, װי פֿון װינט־געבײַטשטע לאַנען.
— — — גאָט, װאָס איז געשען מיט דיר,
האָסט אַ דרימל געכאַפּט און אפֿשר געשלאָפֿן?
אָדער האָסט זיך דערשראָקן און געמאַכט עוקר?

סײַ מאַקאַברישער הומאָר, סײַ אַ מלמד־זכות זײַן. איז דאָס סײַ כּפֿירה, סײַ אמונה, מחמת אויב גאָט שלאָפֿט אָדער איז עוקר, מיינט דאָך עס, אַז ער עקסיסטירט... רעדט דאָך דער דיכטער צו אַ לעבעדיקן גאָט.

עס בעטן זיך ציטירן כאָטש נאָך עטלעכע שורות פֿון לעצט־דערשי־נענעם בוך לידער „פֿון מײַנע שײַערן״:

װייסט איצט װאָס עס איז דײַן שׂכר דיר,
אויסגעשיילט האָסט אויך פֿאַר דיר
אַ פּענעץ פֿרייד — אַזאַ מין לעבן
דײַנס געװען איז: שאַפֿן — געבן.

אַװדאי װאָלט כּדאי געװען — און דער דיכטער האָט זיך עס כּשר פֿאַרדינט — ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויפֿן שאַפֿן פֿון ל. פּאַפּיק. עס װילט זיך בלויז צוגעבן אָט װאָס: נישט דווקא מיטן נײַעם װאָרט און װאָרטגיװאַנס, מאָדערנעם זאַצבוי און ליד־קאָנסטרוקציע צייכנט זיך אויס ל. פּאַפּיק. פֿון זײַנע לידער רעדט אַרויס אַן ערלעך, אינטים געפֿיל: דברים היוצאים מן הלב — נכנסים ללב. ער איז אייגן אין באַנעם, אין דער מחשבה, אין דער דיכטערישער אײַנפֿאַלערישקייט. פֿון זיך אַליין, פֿון אייגענעם ברונעם שעפּט ער. די אייגענע עטלעכע מאָרג פֿעלד פֿאַר־זייט ער און שנײַדט — װי מען זאָגט דאָס: אַז מ׳זייט מיט טרערן, שנײַדט מען מיט געזאַנג. און אפֿשר מיט טרערן פֿון פֿרייד. ער האָט אָבער די

גרויסע מעלה פון נישט שפּרינגען איבערן גדר פון פרעמדע פעלדער... ער האָט נישט קיין גרויסע אויגן אויף פרעמדע, רײַכע גיטער... פון דאָנעט זײַן אינטימער, היימישער, ערלעכער טאָן: פון דאָנעט זײַן אמת ליד.

ווינטשן מיר אים, דעם דיכטער, אריכת־ימים, ער זאָל ווײַטער אָנגיין מיט זײַן שאַפערישקייט און ממשיך זײַן מיט אַזעלכע קליינע־גרויסע לידער, ווי:

שאַ — שטיל.
טיף אין מיר,
אַ קערנדל פּלאַצט,
און קוים
זײַנע פעדעם צום וואָרצל
שפּראָצן.
דערקענסט גאַנץ —
דעם בוים.

דאָס איז דער בוים פון לעבן. דער בוים פון דעת און — דער עץ־הדעת.

✶

עטלעכע ווערטער וועגן דער איבערזעצונג:

מיט אַ סך יידישן חן און יידישן טעם האָט דער איבערזעצער, איבער־גיסנדיק פון איין שפּראַך־כּלי אין דער צווייטער, איבערגעגאָסן די יידישע ווערטער אין עברית. קיין טראָפּן איז נישט געגאַנגען אין ביוועץ, אַזוי איבערזעצן לידער איז ממש — מעשה־יצירה. איז עס יאָ און נישט קיין וואונדער. מחמת עס איז קיין סוד נישט, אַז ד״ר אוריאל אופק איז נישט נאָר אַ זון פונעם דיכטער, אלא — אויך און טאַקע אַ פּאָעט, אַ קענער. ער איז אַ שאַפערישע פּערזענלעכקייט בזכות־עצמו. ס׳קומט זיי, בכן, אַ יישר־כּוח.

דוד שטאָקפיש

פאָרוואָרט צום בוך „אין גאַנג פון געשעענישן"

איידער מען עפנט אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם אין טעמאַטישן זין פון מדינה־געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן כאַראַקטער: אַלגעמיינע פּראָבלעמען, גרעסערע און קלענערע געשעענישן און זייערע אויסווירקונגען; מדינת־ישראל און די תפוצות; חורבן און חורבן־ליטעראַטור, קולטור־פּראָגעס — איז כדאי קודם אַ קוק טאָן אין דער מעטריקע פון מחבר. און דער פּובליציסט און זשורנאַליסט דוד שטאָקפיש מאַכט כּלל נישט קיין סוד דערפון. פון זיין קורצן פאָרוואָרט דערוויסן מיר זיך, אַז „אָט־אָט דער־נעענטערט מען זיך צו די זיבעציק".

דאַרף מען, בכן, צוגעבן, אַז עס רעדט זיך אויך וועגן אַ שטיקל — אפשר מער ווי אַ שטיקל — פּערזענלעכן חשבון־הנפש פון אַ מענטש, וואָס אויסער זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, איז ער איינער פון די אָנפירערס און אַקטיווע חברים פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין יסוד־לייגן און אין אויפבוי פון מדינת־ישראל.

העכער דרייסיק יאָר — און אויך ביזן קומען אין לאַנד — ווידמעט זיך דער מחבר מיט ראָט און טאָט, בעל־פה און בעל־פען, בלב־ובנפש דער דאָזיקער זאַך. מ׳קאָן דעריבער דרייסט זאָגן, אַז אָט דער פּערזענלע־כער „חשבון־הנפש" איז אויך, און אפשר בעיקר, אַ כּללישער און פון אַ דור פון מחבר, און במילא — פון היסטאָרישער חשיבות.

דאָס איז אַן איינזאַמלונג פון בעסטן וואָס דוד שטאָקפיש האָט עד־היום פאַרעפנטלעכט: דאָס סאַמע תמציתדיקע פון זיינע וויכטיקע און וואָגיקע מאמרים, ווי געזאָגט — פון ברייטער פאַרנעמיקייט און פון פאַרשידנאַרטיקער פּראָבלעמאַטיק, פון דאָ און דאָרטן, העכער אַ יובל יאָרן.

דער מחבר „מאַכט אַ נורעק" אין שטח און אין צייט, אַזוי רייך אין געשעענישן. שילדערט, דערציילט, קאָמענטירט, טייטשט אָריין און

טײַטשט אַרויס, מיט וויסן און געוויסן פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער פון בכּבודיקער מדרגה און שרײַבערישער יכולת.

געלעבט, געלערנט, זיך דערצויגן אין אַ לינק־ציוניסטיש־סאָציאַליסטי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער מחבר, צו זײַן געירשנטער פעיִקייט צו זען זאַכן אין זייער אמתער ליכט, אויך דעראָבערט אָט די קינסטלע־רישע יכולת און דעם חוש פון דערגרונטעווען זיך צום שורש פון זאַכן. עס דינט אים דערצו זײַן שאַרף אויג, דער שׂכל־הישר, זײַן פּאָליטישע השקפה און די מידה פון גערעכטיקייט. אָט די עלעמענטן זענען בײַ אים געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אַ צווייטע נאַטור אין זײַן אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דוד שטאָקפיש האָט אויך אַן אויער פאַר אַ גוט ליד, אַ שיינע דער־ציילונג. רעדאַקטאָר פון אַ 20 יזכּור־ביכער, ניִשט נאָר רעדאַקטירט און קאָרעגירט, אלא אויך זײַן שרײַבערישן חותם שפּירט מען אין זיי. אויסער דעם האָט ער איבערגעזעצט פון עברית אויף ייִדיש:

א. „די זעקס טעג פון יד־מרדכי״, פון מאַרגאַרעט לאַרקין.

ב. „דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט״, פון מרדכי אורן (2 בענד).

ג. „שיח לוחמים״ („שמועסן פון קעמפערס״), כּמעט אַ העלפט פון 320־זײַטיקן בוך.

דער מחבר איז וויל באַקאַנט דעם לייענער־עולם פון דער ייִדישער פּרעסע אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אין זײַנע שליחותן פון דער באַוועגונג פּלוס „טרעמפּן״ פון קולטורעלע, ליטעראַרישע קערפּערשאַפטן, וואָס ער פירט אויס מיט אַחריות פון אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן — האָט ער געהאַט די געלעגנהייט נענטער באַקענען דאָס לעבן פון די ייִדן אין די תּפוצות און אויך איבערגעבן זיי אַ לעבעדיקן גרוס פון ישׂראל.

דוד שטאָקפיש האָט וואָס צו זאָגן און ווייסט ווי אַזוי צו זאָגן. אויב ער האָט ביז הײַנט געוואַרט מיטן אַרויסגעבן די זאַמלונג, איז עס נישט עפּעס אַנדערש ווי מחמת באַשיידנקייט. ערשט אַז די מעטריקע האָט אים דערמאָנט, אַז אָט־אָט ווערט ער אַ בן־שבעים און — עבודה רבה והזמן קצר — איז רײַף געוואָרן בײַ אים דער באַשלוס פון געבן זײַנע מאמרים אַ „היים״ צווישן טאָוולען.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען בפּרטיות די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און געשעענישן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן בשעתו אויפגעו־

רודערט די געזעלשאַפטלעכע עפנטלעכקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אַגב, דער מחבר האָט געזאָרגט דערויף און דערלאַנגט אין בוך אַן אויס־שעפּלעכע רשימה פון אָפּטיילונגען און אינהאַלט־פאַרצייכעניש.

דאָס בוך „אין גאַנג פון געשעענישן" איז נישט קיין באַשרייבונג פון „אַ גאַסט אויף אַ ווײַל וואָס זעט אויף אַ מײַל", אלא אַן אויסדרוק און פּועל־יוצא פון לאַנגע יאָרן מיפּולע, ברייט פאַרצווײַגטע אַרבעט פון אַ מענטש, וואָס איז פון זײַן פריסטער יוגנט געוואָקסן צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי, מיט דער אידעע, מיט דער באַוועגונג און פון איר שעפּט ער עד־היום אַספּיראַציע. זײַן זען, שרײַבן און באַשרײַבן איז, בכן, פון אינעווייניק — און פון דאַנען דאָס אָטעמען פון זײַנע מאמרים מיט טיפער חברשאַפט, מיט צוגעבונדנקייט צו דער אידעע, צו דער באַוועגונג מיט וועלכער ער איז געוואָקסן.

עס איז אַ האָרעפּאַשנע און אויפריכטיק בוך, אַרומנעמיק אין געזעל־שאַפטלעכן און פּערזענלעכן זין און טראָגט דעם חותם פון אייניקייט און האַרמאָניע.

לייב רובינליכט און זײַן ליד

צווישן ווערטער שטילע,
דווקא, דווקא דאָרט
זוך און וועסט געפֿינען
דאָס גרױלנדיקסטע וואָרט.

(„אַ שמועס מיטן האָרץ", לידער, תל־אביב 1981, ז' 54)

איז גוט וואָס דער שטילער מענטש און דיכטער פֿון שטילן וואָרט ווייסט, אַז דאָס גרױלנדיקסטע, אפֿשר אויך דאָס גורלדיקסטע וואָרט געפֿינט מען נישט אין „שטורעם", אין „דונער", „בליצן" — ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס אין זעלבן גרויסן־קליינעם ליד מיט צוויי שורות פֿריִער. רובינליכט שאַפֿט זײַנע לידער, ווי „באַשאַפֿן אַליין איך האָב מיר מײַן גאָט" — זאָגט ער אין אַ צווייט ליד.

בײַ רובינליכטן איז דיכטונג — גאָט. ער געהערט צום דור אידעאַ־ליסטן, גלייביקע מענטשן. מוז עס נישט זײַן דווקא דער מאָנאָטעיִסטי־שער גאָט.

ס'קאָן אויך זײַן נאַציאָנאַל־סאָציאַל־באַפֿרײַערישע אידעע. ער האָט פֿאַר דער אידעע אָפּגעגעבן לעבן און נשמה. פֿאַר אַ דיכטער מיינט לעבן — שאַפֿן.

יאָרן נע ונד. סיביר. „פֿײַערדיקע" טעג און נעכט. אויסגערייכערטע חלומות. אַש פֿון אידעען.

ל. רובינליכט איז, קאָן מען זאָגן, אַ לעבן לאַנג געגאַנגען אין אידעען־וואַלד אויף אַן אויסגעטראָטן סטעזשקעלע — די סטעזשקע פֿון אַ דור — זײַן דור, וואָס האָט אים געפֿירט צו אַ ליכטיקן האָריזאָנט.

איז גוט וואָס ער איז פֿיזיש און גײַסטיק נישט געפֿאַלן.

ער לעבט — ביז הונדערט און צוואַנציק — און שאַפֿט. ווי מיר איז באַוווּסט גרייט ער אַ נײַ בוך לידער. ער לייגט אַוודאי, ווי אין די פֿריִערדיקע לידערביכער, אַרײַן יוגנטלעכן גלייבן, פֿאַעטישע נשמה און

האָפּענונגען, אַז דער שׂכל־הישר וועט זיגן, באַזיגן דעם חיהשן אינסטינקט אין מענטש.

אַ זון פון אַ געליטן, געטריבן פאָלק, לעבט ער מיטן בטחון, אַז איבער דער ייִדישער גאַס און איבער אַלע גאַסן, ווו מענטשלעכע טריט באַרירן די ערד — וועט אויפגיין די גרויסע זון פון גערעכטיקייט.

דערוויַיל — און ווער ווייסט ווי לאַנג דער „דערוויַיל" וועט אָנהאַלטן — שטייט דער דיכטער אַ פאַרלאָרענער אין זיַין חרובער אידעען־וועלט, ווי אַן אָפּגעברענט הויז. ער זינגט:

> אויב בענקשאַפט קאָן פירן צום ראַנד פון דעם וועג
> ווי וויַין קאָן דערפירן צום כוס ביזן ברעג,
> טאָ ווייס, פון די שורות וועט יעטווידער אות
> דערציילן דעם אמת, אַז פול איז מיַין כוס.

(דאָרט, ז' 97)

דיכטונג איז ביַי רובינליכטן גאָט, רעליגיע. עס איז באַוווסט: פאַראַן אַ שיַיכות צווישן קונסט און רעליגיע, רעליגיעזיטעט. שוין אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע געפינען מיר די שיַיכותדיקייט. געטער און געטשקעס. געמעלן פון געטינס אין געשטאַלט פון חיות, נימפעס, פיגורן, סטאַטועס.

נישט איין מאָל שטייסטו פאַר דער פליאה: באַוווּנדערסט די מוסטער־האַפטע קונסט, די אַרכיטעקטאָנישע שיינקייט פון די היכלס און געטער אין מענטש־חיה־געשטאַלט. היַינט די אָדעס צו זייער שיינקייט און גבורה? און דאָס צושריַיבן די געטער מענטשלעכע מידות?

זעען מיר, די לעצטע פופציק יאָר ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נישט קיין עדות פון צושריַיבן געטלעכע מידות דעם מענטש? — „די זון פון די פעלקער", „וועלט־באַפריַיער", ביזן אויפדעקן זיַינע געניאַלע פאַרברעכנס?

אויב רעליגיע איז עקסטאַז, איז קונסט, דיכטונג — אויסגעדריקטער עקסטאַז. עס איז רעליגיעזער געפיל „אָנגעטאָן" אין קינסטלערישן לבוש: וואָרט, קלאַנג, פאַרב, ליניע.

וואָס פערזענלעכער דער אויסדרוק, די אויסמעסטונגען — אַלץ אייגע־נער, איכיסטישער דער קינסטלער.

אָן רעליגיעזן ציטער איז נישטאָ קיין אמתע יצירה. דער דראַנג צו גלייביקייט איז ווי דער דראַנג צו שיינקייט. פון דאַנען די אָרנאַמענטיק, די פּלעריי צייכענונגען אין פאָרעם פון בלומען, בלעטער, געוויקסן, חיות: מיט איין וואָרט — סימבאָליק. סימבאָלן, וואָס האָבן באַפּוצט די היכלס, די געבעטהייזער, ווו מען פלעגט אָפּריכטן תפילות.

הײַנט די וווּנדערלעכע כּתבן אין ביזאַנטישן סטיל, די פאַרווײַלונגס־ און עפנטלעכע פּלעצער?

אַפילו אויף די אַראַבישע און האַלב־אַזיאַטישע פעלקער מיט זייער נטיה צו ליד, אַגדה, צו תפילה און תהילה — אוממיטלדיקער אויסדרוק פון מיזרח־פאַנטאַזיע — בײַ זייער אַכזריותדיק־אויפגעהעצטן רעליגיע־געפיל — זענען זיי סענטימענטאַל און ליריש געשטימט („טויזנט און איין נאַכט").

אַפילו דער רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון קונסט האָט נישט „אויסגעשאַלטעט" דעם „געטלעכן פונק", דעם רעליגיעז־קינסטלערישן עקסטאַז — דעם פאַרבינדער פון רעליגיע און קונסט.

בשײַכות מיט דעם בעט זיך ציטירן דרײַ סטראָפעס פון אַ ליד ווו ס'איז שטאַרק אָנזעעוודיק דער בונד, אָדער פאַרבונד פון דיכטער־געמיט מיט גאָט, זון, אוניווערס:

זינט זיי זענען אומגעקומען
וווּנדערשיין און ליכטיק ביסטו, לעבן,
נאָר בײַ מיר פאַרלאָרן האָסט דעם חן
זינט אומגעבראַכט מען האָט זיי אַלע,
זינט געבליבן אין גאַנצן כ'בין אַליין.

אויך דו, זון, פון גאָט געבענטשטע,
וואָס שטראַלסט מיט פרייד און שײַן,
דו וואַרעמסט מײַן געמיט נישט מער
זינט אָן זיי געבליבן כ'בין אַליין.

אַ לעבן אַרום מיר ברויזט און זשומעט
מיט פרילינג, זומער, זון און בלומען.

שלמה וואַרזאַגער

נאָר אין מיר עס „טאָגט” דער אומעט
זינט אַלע מײַנע זענען אומגעקומען.

ווי אין לעבן, אַזוי אין שאַפן, איז רובינליכט אַ שטילגייער. ער סימבאָליזירט נישט זײַנע ווערטער־בילדער. ער וויקלט נישט זײַנע שטילע ווערטער אין קאָלירקע פּאַפּירלעך — אויסערלעכע שיינקייט. אויך פּילגאָרנדיקע, געדרייטע טרעפּ פון וואָרטקונסט זענען אים פרעמד. פרעמד איז אים דער ביודעין פאַרנעפּלטער אימאַזש, וואָס פאַרשטעלט נישט איין מאָל דאָס בילד. ער איז נישט מאָדערן. און אויב יאָ — איז ער עס מיטן אויפלעבן אין זײַן פּירסטראַפּיקן ליד, מיט זײַן פּשוטן מוזיקאַלישן גראַם און זײַן קלאָרקייט, דעם אַלטן, תּמיד־נײַעם נוסח און פאָרעם פון אברהם רייזען, מאַני לייב.

זיי האָבן געזונגען פון און צום אַרבעטער, אָרעמאַן, פאָלקסמענטש. אמת, די אַ אַלע זענען שוין נישטאָ. אָבער דער ניגון איז געבליבן. ער איז אין זכּרון פון די אומגעקומענע, וואָס לעבט אייביק. — ער איז אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע וואָס קאָנען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן. דער ניגון לאָזט נישט אָפּ אויך בײַ די שבתדיקע טישן און בײַם ברויט און זאַלץ אויף די וואָכעדיקע טישן.

ווי קאָן אַזאַ דיכטער ווי רובינליכט — אַלט אין צער און וויי, יונג אין גלויבן — אָט דעם ניגון נישט אויפכאַפּן אין זײַן ליד? דאָס פּשוטע ליד, קליין ווי אַ טרער: די טרער, וואָס איז אַזאַ אָפטער גאַסט אין ייִדישן לעבן, גייט מיט מיטן ייִד ווו ער זאָל זיך נישט געפינען. די ייִדישע טרער — געמישט מיט פרייד.

איז דאָס די גבורה פון געהעמטקייט, לייב רובינליכטס קאָנען גובר זײַן דאָס געשריי, דעם אינערלעכן ווייטיק — מיט אַ שטילקייט וואָס רייסט אויף פון אינעווייניק.

אָט דאָס פּשוטע, פּאָעטישע אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ געפינט אַ סך הערצער אַנגעווייטיקטע, וואָס עפענען זיך ווי אַ מימאָזע מיטן ערשטן באַריר פון אַ זונענשטראַל.

דאָס איז דער באַטירלעכער כּוח פון קערנדל — קערנדל אמת — וואָס נאָכן קומען אין קאָנטאַקט מיטן באָדן, מאַמע־ערד, — וואָרעמען זיי זיך אויס און נעמען וואַקסן.

אַזוי צו זאָגן

אויך היינט, ווען מיין ליד איז באַשוועררט,
וויל איך נישט וויסן, צי האָט אַזוי גורל באַשערט
מיר יאָרן פון אומעט, צי אויך פריידיקע טעג.
כ'שטיי ווייטער ביים בראשית פון זוניקן וועג,
שפּאַן איך ווייטער, ווי נעכטן — אויך היינט
אויפן וועג מיט בלאָ־גאָלדיקן הימל באַשיינט.

(דאָרט, ז' 49)

אין בוך „אַ שמועס מיטן האַרץ" מערקט זיך אויך דעם דיכטערס נטיה צו משל, אַגדה און לייכט־פילאָסאָפישער מעדיטאַציע. „דער סקאָר־פּיאָן און די זשאַבע", „דער אומגליקלעכער", „דער בער און דער מיסיאָ־נער", „דער הונט און די טויב", „גמילת־חסדים" און אַנדערע. אויך דאָ געפינט מען אַן אָנשפּאַר, ענלעכקייט, השפעה פון די גרויסע משלים־מייסטערס: עזאָפּ, לאַפאָנטען, קרילאָוו און בעיקר — פון יידישן ערשט־און אייגציק־מאָליקן — אליעזר שטיינבאַרג. ענלעכקייט און ברייטשקייט אין דער פּועגטע, טעמע, שפּראַכשיינקייט און הומאָר. אַ ליכטיקער הומאָר שיינט אַרויס פון די שורות און פון דעם כאַראַקטעריסטיש־יידישן, טרויעריק־באַחנטן שמייכעלע. זענען אַוודאי אָט די לידער און משלים אַ צוזאָג, אַז דאָס דריטע בוך, וואָס מיר דערוואַרטן, וועט דעם דיכטער אַ הייב טאָן העכער און העכער.

פיר בענד ירושלימער אַלמאַנאַך

קאַרגע אַכט הונדערט זײַטן פּראָזע, ליד, עסיי, קריטיק, מעמואַריס־טיק, פּאָלעמיק, ליטעראַטור־פאָרשונג און ליטעראַרישע כראָניק. ס׳איז דאָ וואָס צו לייענען. נעמען — מער און ווייניקער באַקאַנטע. אינטע־רעסאַנט דער עצם פאַקט פון אַרויסגעבן אַזאַ אַלמאַנאַך. מיט זײַן דער־שײַנען ווערט אַוודאי אויסגעברייטערט, פאַרפעסטיקט די מערכה פון ברענגען דעם „דאָרטן״ און דעם „דאָ״ — יעדער לויט זײַנע קינסטלע־רישע מעגלעכקייטן און כּוחות. אַלע צוזאַמען מיט זייערע באַזונדערקייטן — אַ טעפּעך אַ פּילפאַרביקער, פילזײַטיקער, פילבאַדײַטיקער. אַ שלל פון קאָליר, קלאַנג, מחשבה, עמאָציע און — אויסדרוק. וואָס אינדי־ווידועלער, סוביעקטיווער די שאַפונג, אַלץ אָביעקטיווער, פולדיקער דאָס בילד.

געלייענט אין דער „ברייט״, אין דער „טיף״ — האָט זיך פאַמעלעכקע גענומען אויסשיילן ס׳פּערזענלעכע, פּרטימדיקע, דאָס פּנים און דער כאַראַקטער פון שאַפער. מחמת רוב פון די שרײַבערס, וועמעס נעמען ס׳פיגורירן אין אַלע בענד פון אַלמאַנאַך, ווייניקער און מער באַקאַנטע מחברים פון ביכער — ראָמאַנען, לידער, עסייען — איז מיטן לייענען דער נײַגער געוואַקסן.

אַלע אונטער איין דאַך, אין איין אַכסניה — ווערט דער כּמות אויך אַן איכות. דער אײַנדרוק — פולער, גאַנצער. עס איז, בכן, כּדאַי זיך אָפּשטעלן אויף אַ נײַער, וויכטיקער און וואָגיקער דערשײַנונג: דאָס באַזונדערע, אייגנאַרטיקע, וואָס די גרופּע עולם־שרײַבערס פון ראַטן־פאַרבאַנד און מיזרח־אייראָפּע ברענגט מיט זיך, שטעלט מיט זיך פאָר.

דאָס איז אַ גרופּע שעפעריש־וויטאַלע, לעבנספעיִקע און לעבנסווי־ליקע קינסטלערס, וועמעס מויל און צונג איז געליימט געווען צענדליקער יאָרן. די שטים, דאָס וואָרט וואָס האָט זיך יאָ געהערט, איז געווען קול יעקב, וואָס די ידי עשיו האָבן געהאַלטן בײַם גאָרגל און געליימט די

פינגער. איבערגעשראָקענע ווערטער — אַ שוואַכער פליגלפּאָך פון אַ טײַבעלע אַן אַנטלאָפנס פון אַ ברענענדיקער שטײַג. ווײַל וואָס פאַר אַ לשון קאָן דאָס זײַן, אַז די נשמה איז געפאַנגען און ס'האַרץ וויינט אָן טרערן.

זענען זיי געקומען אַהער, די ווייניקע, גליקלעכע, פיזיש און גײַסטיק געשטאַרקטע און געשטאַלטיקטע פון שווערע נסיונות. געקומען מיט הערצער וואַרעמע, אויסגעברייטערטע אין פײַער פון פּײַן און יסורים. איז דאָס אַ נײַער, רייַנער קוואַל פון געפילן, אַנונגען, איבערלעבונגען. אַ שטראָמיקער קוואַל פון אוממיטלדיקער ליבשאַפט. אַ טײַך אַ צעגאָסע־נער איבער ברעגעס פון דויער און אויסדויער. אויפגעבונדענע ציגער פון אַ דור מידבר־גייערס. העכער פערציק יאָר גײַסטיקער מידבר. איז נאַטירלעך די פרייד אין ליד פון מאיר חרץ:

וויפל באַדן דאַרף דען גאָט ?
אים איז גענוג אין מידבר אַ באַרג
צו מאַכן איין־איינציקן געטלעכן טראָט,
דעם שׂטן — די גאַנצע וועלט איז קאַרג.

(„ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ' 3־2, ז' 49)

ווײַל שעצן דיך, היימלאַנד, קאָן נאָר דער, ווער ס'האָט דיך פאַרלאָרן — זאָגט ערגעץ דער מחבר פון „פאַן טאַדעוש". איז דערפאַר, נאָכן אָפּגעפינען די היים, איז דאָס געזאַנג פון דוד ספאַרד אַזוי היימיש און נאָענט:

מײַן קינד,
מיר האָבן שוין אַצינד
אַ ברעקל הימל,
וואָס בלויז צו אונדז געהערט
און אַ ברעקל ערד
וואָס באַוויליקט אונדזער טראָט.

...אַזוי איז אונדז באַשערט
סײַ אין פרעמד און סײַ אין אייגן לאַנד —

שלמה וואָרזאָגער

> דעם ספר האַלטן אין איין האַנט
> און אין דער צווייטער אויך אַ שווערד.
>
> (דאָרט, נומ׳ 3־2, 1974, ז׳ 78)

איז נאַטירלעך די פולע אידענטיפיקאַציע נאָך יענער שוידערלעכער אָפּגעפרעמדקייט, נאָכן אַרײַנגעשלײַדערט ווערן על־כרחם אין מידבר פון ייִדיש־נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג — סיבירישער גלײַכגילט צו מענטשלעכע לײַדן, צום גורל פון אַ פאָלק — די ערשטע אויף די באַריקאַדן פון פרײַהייט, די לעצטע צו אייגענער אויסלייזונג.

✶

אויב אײַנטיילן דעם אינהאַלטרײַכן, פאַרשיידנאַרטיקן און פיל־תּוכיקן חומר אין די פיר בענד „ירושלימער אַלמאַנאַך" לויט די זשאַנערס, כאַפּט די עסייִסטיק, קריטיק און מעמואַרן עפּעס ווייניקער פון אַ העלפט. פּראָזע און לידער (די ערשטע — ווייניקער) — אומגעפער אַ פערטל. די רעשט: פּובליקאַציעס, פאַרצייכענונגען (חורבן־טעמאַטיק), ביאָ־ביבליאָגראַפיע, פאָלעמיק, קולטור־נאָטיצן, אינפאָרמאַציעס וועגן ליטעראַרישע טעטיקייטן, אָוונטן און סימפּאָזיומס.

גראָד די נײַעס וועגן דער טעטיקייט פון קולטור־שעפערישן כאַראַקטער, ווי אויך די פאָלעמיק פון ל. פּאָדאָליער (אַלמאַנאַך נומער 3־2) מיט פײַנעם געשמאַק, הויכן ניוואָ און פּראָפאַרץ — אינטערעסירט, איינטריגירט, איז גוט צום גומען סײַ דעם שרײַבער, סײַ דעם לייענער.

יותר משהעגל רוצה לינוק הפרה רוצה להיניק — זאָגט אַ תּלמודיש ווערטל (מער ווי דאָס קעלבל וויל זייגן וויל די קו געבן צו זייגן). פאַר אונדז שרײַבערס — עלטערע עולים און יונגע וותיקים — פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור דאָ, אין ישראל, איז אָט דער צופלוס פון שעפערישע כּוחות — אַ געבענטשטער. מיר נייטיקן זיך אין אַזאַ פרישן שטראָם, כּדי די מאַמע־ייִדיש אַרויסשלעפּן פון די הינטערגעסלעך פון דער העברעיִשער ליטעראַטור: זי, די מאַמע־ייִדיש, זאָל זיך נישט פילן ווי אַן אָרעמע, פאַרעלטערטע, ווײַטע קרובה בײַם רײַכן משפחה־טיש פון אַ פעטער אַ גביר, אַ בעל־תּקיף.

העברעיִשע ליטעראַטור: בעיקר די פּאָעזיע אין לעצטן פערטל יאָהונדערט נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה.

פון דעמאָגראַפישן שטאַנדפונקט האָט דאָך די יידישע באַפעלקע־רונג דאָ אין ישראל אַדורכגעמאַכט אַ גוואַלדיקע ענדערונג: אַ גייַסטיק־פיזישע מעטאַמאָרפאָזע אין זין פון פסיכאָלאָגישער איבערלעבונג, פון אידענטיפיקאַציע מיטן יידישן מהות — אַלט־נייַער תוכן און פאָרמען — מיטן עצם צוזאַמענגעוואַקסן זיך די נייַע ישראלדיקע קולטור־ווירקלעכקייט אין אַלע אירע צווייַגן און פאָרמען. עס רעדט זיך דאָך וועגן אַ פּראָבלע־מאַטיק פון אַ דור, אָדער — אַ פּראָבלעמאַטישער דור, וואָס זוכט זיך גופא אויף דער טאָפּאָגראַפיש־היסטאָרישער מאַפּע צווישן פעלקער. אַ דור וואָס טוט אַלץ, כדי פיזיש און גייַסטיק — נישט פאַרלייקענענדיק פון איר ייִחודישן גאַנג און מהות — זיך אַרייַנגלידערן, אַרייַנברידערן צווישן די שכנים.

דער קינסטלער, ווי אַ פאַרויסגייער פון זייַן דור, דאַרף געפינען די געהעריקע פאָרעם, די נייַע כלי איבערצוגיסן דעם אַלטן ווייַן (און פייַן) און העלפן דעם לייענער פילן, פאַרשטיין אָט דעם פסיכאָ־ביאָכעמישן פּראָצעס וואָס אין אים און אויסער אים.

זענען אָבער די הי־געבוירענע שרייַבערס, בעיקר פּאָעטן, אָפּגע־ריסן פון עבר. און ווייַל זיי האָבן נישט הינטער זיך „דאָס שטעטל", וואָס אַ סך פון די יונגע אידענטיפיצירן עס מיט גלות און ווייַכן דערפון — זענען זיי נישט ביכולת דערגרונטעווען זיך צום שורש פון אָט דעם פּראָצעס, פון דעם געשיכטלעכן גאַנג פון אַ פאָלק, פון גלות צו גאולה, זענען אַוודאי וויַיט פון געפיל, וואָס באַגלייט דעם דור שרייַבערס פון סטרא אחרא.

זענען זיי, אָדער דער רוב פון זיי, אין רוב פון די לידער — עזאָטעריש. פאַרהוילענע שורות, בכיוונדיקער, וואָלט איך געזאָגט, אומגעאָרדנטער צונויפשטעל פון ווערטער: עסטעטישע פאָרמולעס. „מאָדערנע", אומפאַר־שטענדלעך אויף פאַר די ווייניק־לייענערס פון פּאָעזיע.

מאָדערניזם קאָן, מעג אפשר, זייַן אומפאַרשטענדלעך (הגם דער אינ־טעליגענטער לייענער און פּאָעזיע־געניסער דערפילט אין דער אומפאַר־שטענדלעכקייט טעם, ריח און באַהויך פון עסטעטישער שיינקייט און פּאָעטישער קראַפט). אָבער אומפאַרשטענדלעכקייט איז נישט תמיד — מאָדערניזם. אַזוי ווי, למשל, אַ באָהעם קאָן זיך וואַלגערן אין רינשטאָק, אָבער נישט יעדער וואָס וואַלגערט זיך אין רינשטאָק — איז אַ באָהעם.

ווי אַ פּלאַנעט אַ ווײַטער דרייט זיך דער פּאָעט אין זײַן אָרעאָל בעת זײַן ליכט איז — פֿאַרנעפּלטע בלענדיקייט...

מיין איך, ווי געזאָגט, בעיקר דעם היגן, יונגן דור פּאָעטן (אַן אויסנאַם איז דער דור־הפּלמח־פּאָעטן, אַדורכגענומענע מיטן גײַסט פֿון חלוציזים, ייִדישער מסורה און מסירת־נפש, וואָס האָט נישט ווייניק תּורם געווען צום גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישן געשטאַלט פֿון דער ליטעראַטור פֿון פֿאַר און נאָך דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה). איז דערפֿאַר אַ נחת־רוח צו לייענען צוויי סטראָפֿעס פֿון אַ סאָנעט („ט״ו בשבט״) פֿון אַ (געוועזענעם) ייִדיש־סאָוועטישן פּאָעט שלמה רויטמאַן:

ווײַל גליקלעך איז דער טאָג אונדז אויסגעפֿאַלן,
איז הײַנט פֿאַר פּלאַנצןביימער מילד דער וועטער,
סע זעצט דאָס פֿאָלק, סע שרײַבט מיט יונגע בלעטער,
מיט וואָרצלען־פּענעס, אײַנגעטונקט אין קוואַלן,

זײַן גרינענדיקן גורל אונטער שטראַלן,
מיט זײַנע הענט, ווי שאַפֿנדיקע געטער,
סע קערט שוין איבער גלײַך ווי מאָרגן־בלעטער,
די שיכטן ערד, ס׳זאָל גאָרניט גיין פֿאַרפֿאַלן,

(דאָרט, נומ׳ 4, ז׳ 56)

*

אָוודאי וואָלט מען זיך באַדאַרפֿט ברייטער, אויספֿירלעכער אָפּשטעלן אויף אַלץ וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין די פֿיר בענד פֿון אַל־מאַנאַך. עס איז אָבער אוממעגלעך אין די ראַמען פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, בפֿרט ווען אויך די כּוונה פֿון דער אַרבעט איז צו געבן בלויז אַ תּוכיקן איבערבליק וועגן דעם עצם אויפֿטו פֿון אַזאַ אַלמאַנאַך, וואָס דאַרף זײַן און איז אַ וויכטיקער צושטײַער סײַ פֿאַר די שרײַבערס־עולים, סײַ פֿאַר די ייִדיש־ריידנדיקע אין לאַנד, וואָס ווילן נישט און קענען זיך נישט שיידן מיט ייִדיש.

איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס דער רעדאַקטאָר פֿון אַלמאַנאַך יוסף קערלער איז בשעתו אַזוי וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן סײַ פֿון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין, סײַ פֿון ייִדיש־ליבהאָבערס בײַם צוטיילן אים דעם מאַנגער־פּרײַז. לייענען מיר אין נומער פֿיר פֿון אַלמאַנאַך:

אַזוי צו זאָגן

כ׳וואָלט זיך אפשר פאַרזייט ערגעץ אַנדערש,
ווען איך וואָלט זיך אַזוי נישט פאַרזאַמט
ביז צום קומען אַהער פון מײַן וואַנדער,
פון מײַן לויפן פון פײַער און פלאַם.

(דאָרט, נומ׳ 4, ז׳ 45)

שלאָגט ער דאָ, דער דיכטער, אָן אַ טאָן פון אויסגעשטאַנענער ליבשאַפט, דויערהאַפטיקייט, וואָס גיט כּוח אויך בײַשטיין די סכּנה: „אויב איך וועל פאַלן, וועל איך אויפגיין אַפילו דורך שטיין".

מ׳קאָן האָבן טענות צו דער זאָגערישקייט (שטאָט זינגעוודיקייט) פון דער שורה אָדער אַזעלכע שורות פון פּאָעט זיאַמע טעלעסין:

אַוווּ אָן אומגליק נאָר, ווי נאָר,
האָט מיך געטראָפן, ווי אַ דונער,
עס האָט מיר קאַלך־אויוונס געסטײַעט,
נאָר נישט געבערענט האָב איך אין פײַער.
— — —
מײַן רוף צעטראָגט זיך איבער לענדער:
גענוג, גענוג, גענוג געווען דאָרט!

(דאָרט, נומ׳ 4, ז׳ 97)

אַפילו נישט קיין שלעכטער גראַם: „לענדער" — „געווען דאָרט". אַפילו אויך די בענקשאַפט, דער אויסגעשריי איז אַן אויפריכטיקער — האָט עס מיט פּאָעטישער עכטקייט נישט צו טאָן.

קאָנווענציאָנעלע גראַמען, אויסגעשטאַנצטע צוויי־און פיר־שורהדיקע סטראָפעס, וואָס אַ סך פון זייערע ריטמען, אַקצענטן זענען אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן צווישן בײדע וועלט־מלחמות שוין געווען נישט נײַ. צו אָפטע געסט זענען אָט די קאָנווענציאָנעלע ווערטער און גראַמען אין די בלעטער פון „ירושלימער אַלמאַנאַך".

אַכיבע, מלמד־זכות זײַן. מישפּטן די לידער מיט מידת־הרחמים, באשר „העכער פערציק יאָר גײַסטיקער מידבר". אַכיבע, די אָפּגעריסנקייט פון דער פרײַער וועלט, פון דער יידישער און נישט־יידישער קולטור און ליטעראַטור.

דאָך און פאַרט — איז דאָס אַלט־יונגע בענקשאַפט עלעהיי התפּע־לות פון אַ קינד, וואָס אַנטציקט זיך מיט:

די מילדע בלויקייט פון כּנרת,
די ווילדע גרויקייט פון די הרודעס,
געוואַלגער־שטיינער פון יהודה, —

(דאָרט, נומ׳ 4, ז׳ 96)

אַלץ וואָס זיי זעען, הערן, שפּירן איז מבחינת־נײַ און פול מיט וווּנדער, עלעהיי אַ קינד, וואָס שטעלט די ערשטע טריט און קומט צום ערשטן מאָל אין באַריר מיט זאַכן.

יונגער אַראָמאַט שלאָגט פון דער ייִדיש־סאָוועטישער דיכטונג. דאָס געזאַנג פאַלט ווי טוי אויפן צעאַקערטן פעלד פון ייִדיש־שאַפונג אין ישראל.

און די פּראָזע אין אַלמאַנאַך?

זעענען דאָך די צוויי פאַרהעלטענישמעסיק קורצע דערציילונגען פון יהושע וויגאָדסקי „וואָס אַ מאָל לענגער ווערט די נאַכט" און „דאָס ייִנגל מיטן ראָווער" פון די זעלטענע שאַפונגען אויף חורבן־טעמאַטיק און ישראל־רעאַליטעט (אין איר סאַמע הייסן, ווערנדיקן צושטאַנד), וואָס גיט אַזאַ שוידערלעך שיינעם, טיף מענטשלעכן עטיש־ייִדישן אויסדרוק. אויב מען קאָן הנאה האָבן פון אַזאַ שאַפונג איז עס נאָר אַ דאַנק דער הויכער קינסטלערישער פּשטות (וואָס נישט אַזוי פּשוט איז דער וועג צו איר) פון דערגרונטעוועוען זיך צום תּהום פון מענטשלעכער טראַגיק און — אַרויסברענגען פון דאָרטן עפּעס פון יענעם שוידערלעכן אמת.

אָדער, אַ שטייגער, דער אָריגינעלער, מאָדערנער טאָן און תּוכן אין דער ליריש־עפּישער פּראָזע פון קלמן סעגאַל; די עסייען פון ד״ר דוד ספּאַרד געשריבן מיט אַ סך ליבשאַפט און וואַרעמקייט, ערודיציע און אַנאַליטישן חוש.

עס בעטן זיך נאָך נעמען, וואָס זייער עצם דערשייַנען אין אַלמאַנאַך איז מוסיף צום ניוואָ, צום גײַסטיקן פּנים פון דער חשובער און וויכטיקער אויסגאַבע. דאָס איז בראָש־ובראשונה דער באַליבטער פּראָפעסאָר דב סדן, פּראָפ׳ סאָל ליפּצין, פּאָעט־עסייִסט יצחק יאַנאַסאָוויטש, פּאָעט־פּראָזאַיִקער

נחמן ראַפּפּ, לייב ראָכמאַן, יחיאל גראַנאַטשטיין, רחל בוימוואָל, שמחה סנה, אברהם ביק, מלכה לאָקער, בנימין באַסמאַן, אַסיאַ, יאָסל חריף, אפרים שעדלעצקי, ש. שחריה, ד״ר יוסף קערמיש, עליע ווערבלון, רבקה מרים (פּאָעטין, מאָלערין), יונה בערקמאַן, פרומע יאַקובאָווסקי־בעקער (מאָלערין). אויב ס׳זענען — און אַוודאי זענען — אַדורכגעלאָזט געוואָרן נעמען, איז עס די שולד פון מײַן זכרון, מחמת בעתן שרײַבן זענען נישט אַלע פיר בענד „ירושלימער אַלמאַנאַך״ געווען אונטער דער האַנט.

קאַפֿקאַ

צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג

שווער צו רעדן וועגן קאַפֿקאַ. אַ גאַנצע ליטעראַטור, און אין אַ סך שפּראַכן, און פֿון געלערנטע, קאָמפּעטענטן, ערודיטן־קריטיקערס — איז שוין דאָ וועגן אים, זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפֿן. וואָס מען זאָל נישט זאָגן, האָט אַ ברירה צו זיין אַן איבערחזרונג אָדער — נישט ווייניקער אומווערטיק — גאָרנישט מחדש זיין.

און כאָטש אַ תּלמודיש ווערטל זאָגט „האומר דבר בשם אומרו — מביא גאולה לעולם", איז עס אין דעם פֿאַל — פֿאַרקערט.

איך וויל פֿון דעסטוועגן פּרוּוון אַרויסברענגען אייניקע שטריכן, וואָס וועלן אפֿשר עפּעס מוסיף זיין צו קאַפֿקאַס פּערזענלעכקייט און צו זיין שאַפֿן.

שוין די נעמען פֿון אייניקע ביכער זיינע טראָגן אויף זיך דעם חותם פֿון דער קינסטלער־פּערזענלעכקייט — אַפֿילו די נעמען פֿון די העלדן אָדער אַנטיהעלדן זענען כאַראַקטעריסטיש. אין „דער שלאָס" און „דער מישפּט" טראָגט די הויפּט־געשטאַלט דעם נאָמען „ק": יוסף ק און דאָס זאָגט אויך דרשני...

ס'איז אויך אַלעמען באַקאַנט, אַז די וויכטיקסטע ביכער זיינע זענען דערשינען נאָכן טויט און דאָס אַ דאַנק זיין פֿריינד, דעם באַקאַנטן געלערנטן און שרייבער מאַקס בראָד — אַ גייסטיקער ברודער זיינער, אַ קינד פֿון זיין צייט און אַ קינד פֿון זיין שטאָט פּראָג.

נישט אין וואָרטשאַפֿט, אין פֿאַרבנרייכן אימאַזש, אין די שילדערונגען דאַרף מען זוכן די גרויסקייט, די אַנדערשקייט פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ. אָט די געוויינטלעכע מעלות־טובות פֿון דער דערציילקונסט זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין אַרט שרייבן און נישט דער צד החזק פֿון זיין פּראָזע. ער איז אַנדערש. און אויף דער אַנדערשקייט וועלן מיר זיך פּרוּוון אָפּשטעלן.

אין זיין פּראָזע דאָמינירט אינערלעכע אַקציע, דיאַלאָג מיט זיך

אַליין: פּרווידיאַנישע נשמה־גריבלעניש ביז די טיפסטע נשמה־לאַבירינטן. אַ גריבלעניש, וואָס דערגייט אָפּט צו אַ תּהום־פּאַנאָראַמע. און, ווי געזאָגט, די נעמען פון די ביכער:

„דער שלאָס", „דער מישפּט", „נעבן דער כינעזישער וואַנט". אַ מין פאַרשלאָסנקייט. סוד. מיסטעריע. פאַרשלאָסענע טיר און טויער. טונקעלע פּרוזדורן. די מענטשן, די פּנימער אויף וועלכע ק. טרעפט אָן — אומהיימלעכע געשפּענסטער. די תּשובות אויף זײַנע פראַגעס — קורצע, שאַרפע. אַ מין סטאַקאַטאָ־לשון, וואָס טרייבט דעם ק. אַרײַן אין אַ מרה־שחורה, אין אַ וועלט אָן אָפּגעפרעמדטער, קאַלטער, אוממענטשלעכער. אוממעכטיק, הילפלאָז בלײַבט ער שטיין קעגן אָט דער שטומער מענטש־מאַשין, פּרעציזירטן, מאָדערניזירטן בן־אָדם — אָן אָדער מיט אָפּגעטעמפּטע געפילן, חושים און גרויזאַמער גלײַכגילטיקייט.

אין „דער מישפּט" קען זיך יוסף ק. נישט דערשלאָגן צו קיין שום תּשובה, וואָס זאָל זײַן מתקבל־על־הדעת בנוגע זײַן באַשולדיקונג. אַלע פראַגעס בלײַבן כּמעט הענגען אין דער לופטן אָדער באַקומען לאַקאָנישע, צינישע תּשובות. ס׳איז, ווי מען זאָגט אויף פּראָסט לשון: רעד צו דער וואַנט.

בכן, תּהומיקע אָפּגעפרעמדקייט פון מענטש צו מענטש.

קאַפקאַ איז אַנדערש מיט זײַן קריסטאַליזירטן געדאַנק, וואָס האָט געפיל און לעבנסקראַפט. זײַנע געשטאַלטן — געקווּעלטע און פאַרדרעגנטע — זענען פול מיט לעבן און אינערלעכן פּראָטעסט, כאָטש זיי ברענגען פון זייערע מײַלער נישט אַרויס קיין וואָרט. עס איז אַ שטומער פּראָטעסט קעגן קאַלטער, בלוטלאָזער ביוראָקראַטיע, קעגן יוסטיצמאָרד. טאָקע אָט דאָס נישט רעדן שאַפט, באַשאַפט דעם אינערלעכן נשמה־קאָנפליקט, דעם דיאַלאָג מיט זיך אַלײַן.

איז נישט יוסף ק. אַ מין באַנטשע שווײַג? אַ שווײַג אין יידישן און אוניווערסאַלן זין? סימבאָל. אָן איינס. אַ רינגעלע אין דער גרויסער מענטשנקייט, אפשר — פּעלקערקייט פון די פּשוטע, קליינע בני־אָדם — נישט דווקא קליין אין זייער מענטשלעכקייט. דער קליינער מענטש קעגן גרויסן, קאָמפּליצירטן מלוכה־אַפּאַראַט, מלוכה־מאַכט.

און אַז יוסף ק. דערשלאָגט זיך שוין יאָ צו אַ טיר, צו אַ מענטשלעך פּנים אין דער דערציילונג „דער שלאָס" — אַגב, איינס פון זײַנע וויכטיקס־

טע ווערק — און ער בעט זיך: „קענט איר מיר דערלויבן אַרײַנגיין אויף א ווײַלע?״ — באַקומט ער די סטערעאָטיפּע תשובה: „דאָ קאָנט איר נישט בלײַבן״, אָדער: „מיר דאַרפן נישט קיין אורחים״. איז דאָס שוין נישט קיין טראַגעדיע פון אַ יחיד. ק׳ איז דער סימבאָל פון פּראָטעסט פון אַ רבים.

פאַראַן אויך אַ מיינונג אין דער קריטיק — אגב, פון יחידים — וואָס פאַרגיינט אָט די שטומקייט, די פּאַסיווקייט פון קאַפקאַס העלדן און פון קאַפקאַ גופא, באַצייכענענדיק אים ווי אַ דעמאָנישן דעקאַדענט, באשר דער מחבר באַפרוכפּערט נישט זײַנע מענטשן מיט העלזעווישקייט, מיט וויזיע פון האָפענונג און שימחת־חיים.

זאָגן מיר: ניין און ניין. אין דעם באַשטייט דאָך די אַנדערשקייט סײַ פון דער קינסטלער־פּערזענלעכקייט, סײַ פון זײַן אַרט און אופן פון דערציילן. ער געהער נישט צו די שרײַבערס, דענקערס, פילאָסאָפן, וואָס האָבן פאַרטיקע רעצעפּטן פאַר באַפרײַונג און אויסלייזונג פון גײַס־טיקער־און נשמה־קוועלעניש. מיר ווייסן וויל, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די גרויסע באַפרײַונגס־טעאָריעס און תורהס...

קאַפקאַ לאָזט זײַנע מענטשן אין דזשונגל פון מענטשנוואַלד. מאָלט זיי שווײַגנדיקע, פּאַסיווע (אויך באַנטשע שווײַגס פּאַסיווקייט איז אויסדרוק פון אַקטיוון ווילן צו עפּעס שענערס, בעסערס). בײַ קאַפקאַ איז דאָס פאַרטיפעדט און פאַרפולקומט, אויסגעברייטערט. בײַ אים איז דאָס אַ הויך האַרצרײַסנדיק שווײַגן.

מ׳דאַרף נישט זאָגן דעם מענטש — שלאָג. געגנוג אים אָנשיכּורן — וועט ער שוין אַלײַן טאָן וואָס מען דאַרף. די קאַפקאַשע פּראָזע איז דער פאַרשיכּורונג־געטראַנק. דאָס ווייטיקדיקע, שטילע געשריי איז — כל עצמותי תדברנה אין פאַרקערטן זין... אין זין, אַז אַלע אברים שוידערן אויף פון אַרומיקן שלעכטס: זיי וועלן שוין רעדן... טאָן ס׳זייעריקע...

קאַפקאַ קאָנפראָנטירט דעם בן־אָדם מיט דער טראַגישער, נאַקעטער ווירקלעכקייט, מיטן שלעכטס, וואָס איז — ווי ער האָט עס געזען — אומפאַרגענגלעך און פעוונע, בעת דאָס גוטע, דאָס גאולהדיקע איז נישט בנימצא אָדער אין ספק. דעריבער איז בײַ קאַפקאַ, נישט ווי בײַ אַנדערע, אַפילו גרויסע שרײַבערס, דער גאַנג אין דער פּראָזע ווײַט פון סובלימאַציע.

פון דאַנען די אַנדערשקייט. פון דאַנען די אומפּאָפּולערקייט אין די ערשטע יאָרן פון זײַן שאַפן.

אמת, קונסט מיינט שאַפן, פורעמען כאַאָס. קאַפקאַ באַשאַפט עפּעס מער; ער באַשאַפט נשמה, נשמה־פּייזאַזש. זײַנע מענטשן זענען גרויסע נשמות אין שוואַכע גופים, פיזישע שברי־כּלים, אָבער שטאַרק אין דער וויזיע, אין די האַלוצינאַציעס, אין שדים־גײַסטערס — אַלעגאָריע אויף מענטשן־שדים. קאַפקאַס צעבראָכענע מענטשן זענען גאַנצע טיפּן: לעבע־דיקע, עמפּינדלעכע. דאָס איז דער קאַפקאַ־טיפּ — די נײַע, אפשר עקספּע־רימענטאַלע פאָרעם, וואָס זעט זיך, לכאורה, אויס פאָרעמלאָז.

די מיסטעריעזע אַטמאָספער אין פּראָג איז — רעאַליע, לעבעדיק לעבן. די יסורים פון ק. זענען קאָלעקטיווע יסורים: דאָס איז דער טשע־כישער מיצקעוויטש מיט זײַן „איך בין א מיליאָן...״ דורך זײַן פּריזמע זעט ער אָט די פּראָגערווירקלעכקייט, די וועלט־ווירקלעכקייט, און ס׳איז כּדאַי נישט צו פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אויפן שוועל פון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, פאָרן אין גאַנג לאָזן די טויזנטער קאָמפּיו־טערס, פאַר דער היטלער־אינוואַזיע אויף איראָפּע און דורך איראָפּע אויף דער וועלט, פאַר דער ציוויליזירטער וועלט פון הײַנט און פון מאָרגן, וואָס קלאַפּט שוין אין די טויערן פון הײַנט און אין די הערצער פון אונדזער דור.

קאַפקאַ טוט, בכן, נישט אָן קיין פליגל זײַנע מענטשן. עס הערט זיך אָבער בײַ אים פּראָטעסט און אומווילן צו די, קעגן די, וואָס קריכן ווי ווערעם...

✶

מענטשן, זייער אינעווייניק, און דער אָרום — די דאָזיקע פּראָבלע־מאַטיק איז די אָקס אויף וועלכער עס דרייט זיך פראַנץ קאַפקאַס וועלט. אָט די אינערלעכע און ויסערלעכע רעאַליטעט דערלאַנגט אונדז קאַפקאַ, ווי געזאָגט, אַלעגאָריש. ער דערלאַנגט זי אין איר אַבסורדאַלן, גראָטעסקן אמת. דאָס איז זײַן קינסטלערישער אמת — טיף פערזענלעך און כּולל׳דיק. דער אמת טוט זיך אָן אויף יעדן איינעם — ייִד און נישט־ייִד, איז אַפּאָ־ליטיש און אוניווערסאַל.

פראַנץ קאַפקאַ האָט נביאיש פאָרויסגעזען אָט דעם „ציוויליזירטן״ באַר־

באַריזם, װאָס איז אין זײַן צײַט נאָך געװען אין די װיקעלעך און ערשט שפּעטער אױסגעװאַקסן צו די ברױנע און אַנדערש־קאָליריקע מאָנסטערס... אַזאַ קוק, אַזאַ אױפֿנעמען אַ װירקלעכקײט איז פֿאַר זײַן צײַט נישט געװען אין דער מאָדע. אַגב, מאָדע איז אומשעפּעריש. דאָקעגן מאָדערניזם מײנט — באַנײַונג. און דאָס איז חל אױף קאַפֿקאַ דעם מענטש און שעפּער. קאַפֿקאַ האָט אין זײַן קורץ, קראַנק לעבן זוכה געװען צו אַ קאַלטן „ברוך־הבא" פֿון דער דעמאָלטיקער אָפֿיציעלער קריטיק. די קאָמפּעטענטע קריטיק פֿון דער בכבודיקער מיטלמעסיקײט איז, װי איר שטײגער, צו ענגהאַרציק און גײַסטיק באַגרענעצט (אפֿשר איז אױך דאָ דערבײַ אַ באַשטימטע אײגננוציקײט) אױפֿצונעמען אַ נײַ װאָרט, אַ נײַעם פֿאָרױס־גײענדיקן און פֿאָרױסזעענדיקן אינטעלעקטועלן כּוח.

עס איז שױן כּמעט אַן אַקסיאָמע: קײנער װיל זיך נישט זען אין קרומען שפּיגל. דאָס איז אױך נוגע פֿאַרפֿונדעװעטע געזעלשאַפֿטלעכע סיסטעמען און די אַזױ גערופֿענע װאָרט־און װאָר־טרעגערס, די קינסטלע־רישע, אינטעלעקטועלע װעלט, װאָס דולדן נישט פּראָטעסט — אין אַלע פֿאָרמען און תּוכנס — קעגן די קאָנװענציעס און ליגנס.

פֿראַנץ קאַפֿקאַס לעבן און שאַפֿן איז געװען אידענטיש: טראַגיש־אידענטיש. טראַגיזם איז אַ פּרײַז, װאָס נישט אײן באַפֿליגלטער גײַסט באַצאָלט פֿאַר זײַן אַנדערשקײט.

אַ טראַגיש־קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקײט. קרענקלעך־בערװעז אַלס מענטש און הױך מאָראַליש־עטיש אין זײַן שאַפֿן (פֿאַראַן אפֿשר אַ שײַכות־דיקײט פֿון בײדע: זײַן פֿיזישער קראַנקײט און גײַסטיקער לױטערקײט. אָבער דאָ דאַרפֿן מיר אַרײַנלאָזן זיך אין אַ פּלוגתא — פֿרױד. מיר װעלן עס איבערלאָזן אױף אַ צװײט מאָל און — פֿאַר אַנדערע). קאַפּשװינדלע־רישע דערהױבנקײט, נשמה־פּײַזאַש האָבן מיר געזאָגט. און באַלױכטן איז דאָס מיט אַן אינערלעכער, פּאַרכּישופֿטער, טונקעלער שײַן, װאָס װעקט מחשבה און עמאָציע. אַ פֿאַנטאַסטיש זען פֿון אַ רעאַליטעט, אַ קינסטלע־ריש־אַנאַליטישע, פֿון װיכטיקער מענטשלעכער און ליטעראַטור־היסטאָ־רישער באַדײַטונג.

אודאי איז עס אַ סוביעקטיװיזאַציע פֿון אַ רעאַליטעט.

לײענענדיק פֿראַנץ קאַפֿקאַ קומט, אפֿשר נישט צופֿעליק, אױפֿן זינען דער שריפֿטשטעלער ב. טראַװען, דער אמתער נאָמען: געױלס טאָרסמאַן.

געבוירן אין שיקאַגאָ. געלעבט און געשאַפן אין דײַטשלאַנד ביז האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויך ער האָט שטיל געלעבט און ליטעראַריש געגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אינקאָגניטאָ. נישט ווי קאַפקאַ, אָבער אויך באַהאַלטן אונטער אַ פּסעוודאָנים. אויך טראַווען האָט דערקלערט, אַז זײַן ליטעראַריש שאַפן איז גענומען פון זײַן פּריוואַט לעבן און באַזירט אויף פּערזענלעכע דערפאַרונגען.

דאָס וואָס עס האָט געטאָן די אַלמנה פון טראַווען מיטן אויפהייבן דעם שלייער פון די געהיימעניש פון זײַן לעבן און שאַפן — האָט פאַר קאַפקאַ געטאָן מאַקס בראָד. אין טראַווענס באַרימטן ווערק „די טויטנשיף“ שפּיגלט זיך אָפּ דער געראַנגל פון מענטש מיט די מעכטיקע נאַטור־כּוחות. בײַ קאַפקאַ — אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויפן באָדן פון בין אָדם לחברו: געזעץ, פּאַראַגראַפן. ביוראָקראַטיע. בײַ טראַווען — מענטש אין נאַטור־דזשונגל. בײַ קאַפקאַ — מענטש אין מענטשן־דזשונגל. בײַ טראַווען — רציחה בפועל־ממש, בײַ קאַפקאַ — אַ רוצחיש שווײַגן און רוצחי־נפש.

קאַפקאַ האָט אַוודאי געוואָלט, געשטרעבט, מיטן דערלאַנגען די קאָמיש־טראַגישע, אַבסורדאַלע רעאַליטעט, וועקן בײַם מענטש די האָפע־נונג צו אַ שענער, העכער מאָראַליש, האַרמאָניש לעבן. דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט קיין נײַער. מיר טרעפן די דאָזיקע מחשבות, אידעען, אין דער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע צײַטן בײַ שרײַבערס, דענקערס, פילאָסאָפן. פראַנץ קאַפקאַ ברענגט דאָס צום אויסדרוק מיט זײַן עקספּרע־סיוון, אייגנאַרטיקן סטיל וואָס קלינגט ערטערווײַז אַפילו טרוקן. אָבער עס קלינגט. קלאַנג איז מוזיק, איז ריטעם. אָט איז אַ בײַשפּיל פון קאַפקאַס אינערלעכן ריטעם:

„ווען דו לויפסט פאָרויס, בלינד, צאַפּלדיק, אין אַ געדעמפטער לופט, פאָכענדיק מיט די הענט, ווי מיט פליגל, און קוקסט זיך צו אין האַלבשלאָף צו אַלץ וואָס דו לויפסט פאַרבײַ — וועסטו זען ווי אויך דער לעבנסוואָגן לויפט דיר אַוועק“ („דער שלאָס“).

דאָס איז אינערלעכער ריטעם פון גײַסטיקער גרויסקייט, פון אינטע־לעקטועלער, שעפערישער פאַנטאַזיע. וואָס מער פאַנטאַזיע — אַלץ מער רעאַליטעט פון קאַפקאַ־שטייגער.

שרײַבערס, קינסטלערס בכלל, גריבלען זיך אין דער פּראָבלעם רום,

אומשטערבלעכקייט. יעדער קינסטלער איז באַהערשט — אָדער נישט פרײַ — פון אייטלקייט (עס קלינגט אַזוי נאָענט פון „איידלקייט״ און איז פונקט דאָס פאַרקערטע), וואָס מ׳קאָן נישט זאָגן אויף פראַנץ קאַפקאַ, נישט אויף זײַן לעבן און נישט אויף זײַן שאַפן. אויך דערמיט איז ער אַנדערש, און אפשר אויסנאַמלעך. ער איז באַהערשט פון אַ מין פעסימיזם, געגליכן צו אַ דין אײַזפּרעסטל. הינטער דעם פרעסטל ריזלט אַ וואַרעם שפּרודלדיק, ריין וואַסערל, אַ מין מים־חיים. מיר זעען, קאָן מען זאָגן, דאָס טרויעריקע פילאָסאָפיש־קלוגע שמייכעלע אויף זײַן אַסקעטיש פּנים.

פראַנץ קאַפקאַ איז, בכן, ווי געזאָגט, נישט קיין באַנײַער אין אידעיש־הומאַנישן זין, נישט אין טעמאַטישן זין, מחמת קיין שום אויסטערלישעס געשעט נישט אין זײַן דערציילקונסט. אויסטערליש איז דער מעטאָד: דער קינסטלערישער אופן פון דערציילן, פון אויסשווײַגן, וואָס לאָזט נישט פאַרשווײַגן.

זאָלן מיר פּרוּוון באַרירן אַן אַפּיקורסישן געדאַנק: נאַרציסיזם? אַ סך האָבן שוין פאַרגעוואָרפן יידן דאָס פאַרקוקן זיך אויף זיך אַליין. אויך דאָס איז נישט חל אויף קאַפקאַ. צו דעם איז ער געווען צו ווייניק ייִד. צו ווייניק ייִדישקייט טרעפן מיר אין זײַנע ווערק. נישטאָ בײַ אים קיין שטאַרקע וואָרצלען צו ייִדישער טראַדיציע, ייִדישער פאַרגאַנגענהייט. מיר ווייסן וועגן זײַנע עלטערן, ווי ערלעכע, איידעלע מענטשן. אָבער כּמעט גאָרנישט ווערט דערמאָנט וועגן ייִדישער היים, ייִדישע אַספּעקטן. אַפילו ווען מ׳זאָל צורעכענען דאָס לערנען אַ ביסל עברית, דאָס אינטערעסירן זיך מיט חסידות, ווי די ביאָגראַפן גיבן איבער, און אין זײַן פּרוּוון זיך דערנענטערן צום ייִדנטום — איז ער נאָך אַלץ צו ווייניק ייִד אין זין פון נאַרציסיזם און בכלל האָט עס ווייניק וואָס צו טון מיטן פּינטעלע ייִד, ווי אייניקע קריטיקערס ווילן האָבן און נעמען אַרײַן קאַפקאַ אין פּאַנטעאָן פון רעפּרעזענטאַטיווע ייִדישע דענקערס און דיכטערס.

אויב ער איז פאַרקוקט אין זיך אַלײַן, איז עס צום ווייניקסטן ווי אַ ייִד.

זײַנע העלדן, צי אַנטיהעלדן זענען — ער אַליין. ער אַליין — זענען מיר אַלע. דאָס איז אַן אַנשאַטענען פון געשטאַלטן. אָפט זענען די שאָטנס גרעסער פון די געשטאַלטן. דאָס איז די קאַפקאַ־אַטמאָספער. אָט אין וואָס עס באַשטייט זײַן אַנדערשקייט. אָט וואָס טיילט אים אויס, טיילט

אים אָפּ פון אַנדערע שרײַבערס, פּראָזאַיִקערס. אַ פּראָזע, וואָס זעט זיך הײַנט, — צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג, ווען דאָס פּיזישע לעבן איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט זעכציק יאָר צוריק — אַ פעלדזנשפּיץ איבערן ים פון דער דערציילקונסט פון אַנדערע, מיטצײַטלערס און נאָכצײַטלערס זײַנע.

ווי די ביאָגראַפן גיבן איבער, איז קאַפקאַ געשטאָרבן מיט אַ פּאַראַדאָקס אויף די ליפּן. ער זאָל האָבן געזאָגט צו זײַן דאָקטאָר אין שפּיטאָל אין די לעצטע שעהען פון זײַן יסורים־מדיק לעבן:

— דאָקטאָר, איר האָט מיר צוגעזאָגט מאַכן אַן אײַנשפּריצונג, וואָס וועט מיך אויסלייזן... הרגע מיך, דאָקטאָר. קוים נישט — זענט איר אַ רוצח...

דרײַ פּראָזאַיקערס

איסאַק יצחק באַבעל. אַ רוסישער ייִד. געבוירן אין אָדעס. דער מײַסטער פון דער קורצער דערציילונג. ווען ער וואָלט נישט געטיילט דעם גורל פון די ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס פון מיט צען־צוועלף יאָר שפּעטער (ער איז פאַרשיקט געוואָרן און אומגעקומען אין די לאַגערן אין די יאָרן 1940/41) — וואָלט ער הײַנט אַלט געווען נײַנציק יאָר.

מיט צען יאָר ייִנגער פון דוד בערגעלסאָן און מיט אַ וועלכע צען יאָר עלטער פון יצחק באַשעוויס, אויף צו לאַנגע, לעבעדיקע, שעפערישע יאָרן.

די דיפערענץ אין יאָרן, אויב זי שפּילט אַ ראָלע אין לעבנס־עלטער פון אַ מענטש — איז אין דער ליטעראַטור־געשיכטע, אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור היפּש נישט־אַנזעעוודיק. אָבער נישט אָט דער אויטאָביאָגראַפישער פּרט פאַראייניקט זיי.

אין דער אַ צײַט האָבן געלעבט און געשאַפן אַ סך שרײַבערס, דיכטערס, קינסטלערס — יעדער אויף איין אָדער מער ווי איין געביט, יעדער לויט זײַנע גײַסטיק־קינסטלערישע כּוחות, באַווירקונגען און אויסווירקונגען.

איך בין זיך מתכוון אָפּצושטעלן אויף די דרײַ שרײַבערס — אויך נישט צוליב די דרײַ מאָל „בית" — באַבעל, בערגעלסאָן, באַשעוויס — מיך אינטערעסירט דאָס געמיינזאַמע אין דער שאַפונגסוועלט פון די דרײַ פּראָזע־מײַסטערס, איינער — באַשעוויס, ווי מיר ווייסן, שאַפט עד־היום; אָפּשטעלן זיך אויף די קינסטלערישע מיטלען, וועגן, מעטאָדן און מאָדעלן פון יעדן איינעם באַזונדער, אויף וויפל עס לאָזט זיך, אויף וויפל ס'איז מעגלעך אין אַזאַ אַרבעט באַגרינדן, דערגרונטעווען זיך צו די וואָרצלען און השפעות פון און אויף יעדן איינעם פון זיי — און דאָס בשותפותדיקע פון די דרײַ.

אַלע דרײַ — קינדער פון אַ צײַט, פון אַ היסטאָריש־מאַכנדיקער תּקופה. זיי האָבן געלעבט, מיטגעגרוילט און מיטגעשטאָרבן — מענטשלעך

און קינסטלעריש — די ערשטע וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע, די פּאָג־ראָמען בשעת און נאָך דער רעוואָלוציע, דורכגעליטן דעם לעצטן חורבן. די ערשטע צוויי פון דער נאָענט, דער דריטער — פון דער ווײַטנס, געווען לעבעדיקע עדות פון די ראַנגלענישן פון די ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין זײַן ווערנדיקן, יווירנדיקן צושטאַנד, אין זײַן מעטאַמאָרפאָזע אויף אַלע געביטן פון לעבן. דער עיקר וואָס אונדז אינטערעסירט אַצינד — זייער שותפות צו די האַפּענונגען און ביטערע אַנטוישונגען. ווי אַזוי האָט זיך די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק, אין שאַפן פון די דרײַ שרײַבערס.

באַבעל, בערגעלסאָן — אויפן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט — ביזן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַשעוויס — מעבר־לים.

און ווי אַזוי האָט זיך אָט דער געראַנגל, די תקופה אָפּגעשפּיגלט אויפן גורל פון די שרײַבערס, אויף דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס די שרײַבערס רעפּרעזענטירן ?

אַלע דרײַ, ווי געזאָגט, קינדער פון אַ תקופה, ווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן — מיט היפּשער פאַרשפּעטיקונג לגבי דער אייראָ־פּעיִשער ליטעראַטור — אַ שטראָם געטאָן צוויי קעגנזעצלעכע שטראָמען: א) אויפוואַך פון מאָדערנעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן אין ייִדישן לעבן; ב) דער אַרײַנדרינג פון סאָציאַלער אידעע. צוויי צדדים, צוויי פאַקטאָרן, וואָס שטויסן זיך אָן און יעדער באַזונדער וויל ווערן דער מושל בכיפּו. אַרויסגעוויזן האָט זיך פאַרקערט. דער סאָציאַליזם האָט משלים געווען, בעסער געזאָגט: אָנערקענט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, און די סתירה איז כמעט פאַרשוווּנדן.

סאָציאַלע גערעכטיקייט און ייִדיש־נאַציאָנאַלער אויפבלי, אויפלעב זענען געוואָרן שותפים פון נאַציאָנאַל־סאָציאַל־באַפרײַערישער אידעע.

איסאַק יצחק באַבעל, דאָס ייִדישע ייִנגל, וואָס האָט מיט אייגענע אויגן צוגעזען ווי דאָס געוועלבל פון וואַנען זײַן טאַטע האָט געצויגן חיונה ווערט דעמאָלירט, חרוב, צערויבט פון קאָזאַקן בשעתן בירגעקריג: זײַן טאַטע קניט, בעט זיך בײַם עלטסטן, דעם אַטאַמאַן, וואָס רײַט פאַרבײַ רויִק, ווי נישט אים מיינט מען, אַן אויסגעפּרייגטער אויפן פערד, קוקט נישט־רעכטס, נישט־לינקס, זעט לחלוטין נישט די באַרויבטע — זײַן, יצחק באַבעלס משפּחה.

דאָס יינגל וואַקסט שפּעטער אויס צו אַ שרייבער און באַשרייבער, שילדערער פון די געשעענישן, פון די מלחמה־און פּאָגראָם־גרוילן. אַ יידישער שרייבער אין רוסיש. אַגב, ס׳איז אויך באַוווסט, אַז באַבעל האָט אויך גערעדט און געשריבן אין יידיש. געקענט עברית. אַ פּנים די יאָרן, די סביבה, זיין מיליטער־דינסט, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, רעוואָלוציע און בירגערקריג ביזן איינשטעלן זיך פון דער סאָוועטן־מאַכט, ווען ער איז געווען אַ סאָלדאַט, און אַלץ וואָס נעמט אַרום יענע יאָרן, באַזונדער — יידישער גורל אין די סאָלדאַטסקע רייען צווישן קאָזאַקן — האָבן אים אַטמאָספּעריש־שפּראַכלעך דערנענטערט צו רוסיש. אָבער אין מהות — יידיש.

דער יידישער סאָלדאַט „מיט ברילן אויף דער נאָז און האַרבסט אין האַרצן" — (אַ ציטאַט פון באַבעלס אַ דערציילונג „די קאַוואַלעריע") איז אין אַטריאַד פון קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון בודיאָניען. ער נעמט אָנטייל אין אַ סך קאַמפן, וואָס דערגייען אָפט צו פּנים־אל־פּנים, אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, ווערט אַ באָלשעוויק און מאַכט מיט אַלץ וואָס האָט זיך צו יענער צייט אָפּגעשפּיגלט אויף די טעריטאָריעס פון די דאָזיקע לענדער.

אָט די מלחמה־איבערלעבונגען קומען שפּעטער צום אויסדרוק אין זיינע מייסטערהאַפטע דערציילונגען אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן.

באַבעל איז — לויט דער מיינונג פון דער אָפיציעלער קריטיק — מיט זיין טאַלאַנט (אַנטדעקט און געמוטיקט פון מאַקסים גאָרקי) דער נאַטירלעכער יורש פון טורגעניעוו און טשעכאָוו.

דער אייגנאַרטיקער אופן פון זיין פּראָזע — רוי, ערדיש, פּראָנטאַל און איינצייטיק קאָמפּאַקט און פּאָעטיש פּאַרוויכט: דינע איראָניע. גע־העמט. מיט אַן אייגענער לאָגיק פון טיפער משמעות. עס שלאָגט פון דער פּראָזע אַ ריח פון פעלד — און פון שלאַכטפעלד — בלוט, שוויס, טויטאַנגסט, אַכזריות און — מענטשלעכע שיינקייט. צייטגייסט. גייסט פון טראַדיציע. יידישער אָטעם. יידישער גורל.

אייגנטלעך זענען, אויב נישט אַלע, ס׳רוב יידישע קינסטלערס, שריי־בערס, אין אַלע צייטן און אין דער אויפלעב־תקופה אוודאי — געקומען פון קליינעם שטעטל. טראַדיציאָנעל־יידישער חינוך, חדר, ישיבה. אין

דעם זין וואָרצלען אַלע דרײַ אין מסורהדיק־ייִדישן באָדן. פון דאַנען זייער יניקה.

ערשט נאָכן באַקענען זיך מיט דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור האָט יעדער אויף זײַן שטייגער, ווי מ׳זאָגט, הציץ ונפגע, און מיט אייגענע קינסטלערישע כּוחות אויסגעברייטערט די תּחומים טעמאַטיש און בכלל — די שעפערישע האָריזאָנטן. נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט אַלע כּתובים באַבעלס, וועלן מיר דאָ פאַרצייכענען בלויז אייניקע פון זיי: „אָדעסער דערציילונגען", „ייִדישע דערציילונגען" — און „השקיעה" („אונטערגאַנג" ?) (אַ דראַמע, איבערגעזעצט פון א. שלונסקי), אַגב, דאָ אין לאַנד אויפגעפירט געוואָרן אין יאָר 1928.

כּמעט אַלץ וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1924, 1927, 1928 איז שפּעטער, — שוין נאָך זײַן אומקום, איבערגעזעצט געוואָרן פון א. שלונסקי.

אין אַ רעדע אויפן ערשטן שרײַבער־קאָנגרעס אין מאָסקווע, אין 1934, האָט באַבעל זײַן אָרט שרײַבן אָנגערופן: „די ליטעראַטור פון שווײַגן".

בעיקר האָט ער געשאַפן אין צײַטאָפּשניט פון פאַר, בשעת, און נאָך דער רעוואָלוציע און אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון סאָוועטישן רעזשים. אין יענער צײַט האָט אָנגעהויבן אימפּולסירן אַ נײַער הומאַניזם. די ערשטע וואָס האָבן דאָס אויפגעכאַפּט אין דער רוסישער ליטעראַטור איז געווען שאָלאָכאָוו מיט זײַן „שטילן דאָן", אויף דער ייִדישער גאַס — צווישן אַנדערע, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן — יצחק באַבעל, דער טיפער ליריקער אין פּראָזע.

ער האָט כּמעט מעטעאָריש אויפגעלויכטן אין דער יונגער, נײַער נאָכמלחמה־ליטעראַטור.

✶

איראָניע פון גורל. פּאַראַדאָקס. דאָפּלטער פּאַראַדאָקס: ער, דער שרײַבער פון ליטעראַטור פון שווײַגן שילדערט, באַשרײַבט דאָס לעבן פון די קאָזאַקן. אין איינע פון זײַנע שילדערונגען מאָלט ער מיט אַלע דעטאַלן, פּיטשעווקעס, אַ קאָזאַק אויף אַ פערד. זײַן שלאַנקע פיגור, ס׳שטאָלצע זיצן אויפן פערד, די לאַנגע פיס אין געפּאַסטע שטיוועלעך — אפשר ייִדישער רויב — שפּאָרן, שאַבלע, פּאַגאָנעס, ס׳שטײַפע סאָלדאַטסקע

היטל אויפן שײנעם קאָפּ פון קאָזאַק. גראַציעז רײַט ער אויפן פערד פּאָרויס פון זײַן ראָטע. לײענסט און שפּירסט די קינסטלערישע התפּעלות פון שרײַבער, התפּעלות וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיט מענלעך־מענטשלעכער קינאה צום שײנעם קאָזאַק. דאָפּלטע איראָניע, ביטערער פּאַרדראָס, וואָס בלוטיקט אין ייִדישן האַרץ פון אַ ייִדישן סאָלדאַט צווישן גויים, קאָזאַקן, באָלשעוויקעס, וואָס אַלע, אַזוי צו זאָגן, קעמפן פאַר איין זאַך, פאַר איין גרויסער באַפרײַערישער אידעע: און ס׳קאָן גרינגלעך זײַן, אַז דער דאָזיקער קאָזאַק, דער ראָטע־אָפיציר, אָדער אײנער פון זײ, האָט אַזוי שוידערלעך־שײן, גרויזאַם־גלײַכגילטיק, גראַציעז פאַרבײַגעריטן אויף זײַן פערד בשעת זײַן טאַטע האָט אַ געשלאָגענער, באַרויבטער געקנײט פאַר אים.

★

דוד בערגעלסאָן. ס׳איז אַלעמען פון אונדז באַקאַנט, אַז דוד בערגעל־סאָן איז אײנער פון די אָנזעעוודיקע פון דער פּלעיאַדע ייִדישע שרײַבערס, קינסטלערס, וואָס האָבן אין דער זעלבער צײַט געלעבט, געשאַפן און געשעפּט סײַ פון לעבן, סײַ פון זעלבן ייִדיש־טראַדיציאָנעלן ברונעם וואָס יצחק באַבעל. בערגעלסאָנען האָט נאָך צוגעשפּילט ס׳מזל — אַז ווײ צו אַזאַ מזל — ווײַטער אָנגײן מיט דער פען און מיטן פּחד פאַרן גײַסטיקן און פיזישן לעבן. אָבער כּדי נישט אָפּצוווײַכן פון דער טעמע, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן ווײַטערדיקן לעבן און שאַפן פון בערגעלסאָנען און דעם איבעררוף אין זײַן שאַפן מיטן ערשטן, באַבעלן, און מיטן דריטן, באַשעוויסן. איך וועל זיך באַמיִען פירברענגען דאָס בשותּפותדיקע בײַ זײ — אויף וויפל דער שײַכות איז בנימצא און לאָזט זיך, אויב נישט דעפינירן, כאָטש אָנוואַרפן אײניקע שטריכן — טעמאַטיש און קינסטלעריש.

בערגעלסאָן, ווי ש. אַש, י. אָפּאַטאָשו, ז. שניאור און אַנדערע מער־ווײניקער באַקאַנטע שרײַבערס — איז אַרײַן אין דער ליטעראַטור, אַזוי צו זאָגן — ווי אַ בן־בית. אַרײַן מיטן „אַרום וואָקזאַל״, „נאָך אַלעמען״, „פּענעק״, „דער טויבער״, „דער קברן״, „דרויב״, „שבת־גדליה״, די דערציילונגען „בײַם דניעפּער״ און אַנדערע. אויך זײַן ביאָגראַפיע איז אונדז אַלעמען באַקאַנט און נישט דאָ איז דאָס אָרט און די נײטיקייט אויף די פּרטים זיך אָפּצושטעלן.

ווי באַבעל, איז אויך בערגעלסאָן מושפּע געווען פון דער רוסישער

ליטעראַטור (און נישט־רוסישער): טורגעניעוו, טאָלסטאָי — באַזונדערס פון זײַנע „סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען" — און טשעכאָוו — מיט זײַן איראָניע, ביטער־זיסן, גראַטעסקן שמייכל, מיט זײַן עלעגישן טרויער, זײַן אינטענסיוו־עקספּרעסיוון סטיל, זײַנע טיפע פּסיכאָלאָגישע נשמה־גריבלענישן, נשמה־עקסקורסיעס, הומאַניזם און געפיל פאַר גערעכטיקייט, און זײַן לײַכטער, אָפּט שפּילעוודיקער סאַרקאַסטישער אָפּשפּאָט פון די נאַטאַשאַלסטווע־לײַט, טשינאָווניקעס און אַנשי שׂררה. און פון דער אייראָפּעיִשער, בעיקר פראַנצייזישער ליטעראַטור: מאָפּאַסאַן — דער, קאָן מען זאָגן, פראַנצייזישער טשעכאָוו (אָדער טשעכאָוו — דער רוסישער מאָפּאַסאַן), פלאָבער און אפשר מער פון אַלע — פון פּראָזע־מײַסטער, דעם מחבר פון „די ברכה פון דער ערד", „וויקטאָריאַ", „פּאַן" — קנוט האַמסון, — זײַן השפּעה מערקט זיך צום בולטסטן אין בערגעלסאָנס סטיל אין די ערשטע אָנהייב־יאָרן פון זײַן שאַפן.

השפּעה איז אייגנטלעך אַ געזונטע דערשײַנונג. ווי האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט שלאָנסקי, בשעת ס'איז צו אים געקומען אַ יונגער שרײַבער מיט אַ פּעקעלע לידער אין בוזעם־קעשענע? נאָכן איבערלייענען איינס, צוויי פון די לידער, פרעגט אים שלאָנסקי, וועלכע פּאָעטן לייענט ער און צי איז ער פון עמעצן פון זיי מושפּע.

דער יונגער־מאַן ענטפערט אַ דערשראָקענער:

— פון קיינעם נישט.

— וואָס? — מאַכט שלאָנסקי — איר זענט אַ באַלאָטע?

השפּעה איז אַפילו אַ פּאָזיטיווע דערשײַנונג. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען דער שרײַבער, קינסטלער ווייסט ווי אַזוי דאָס גענומענע איבערשאַפן. אַרײַנבלאָזן אייגענעם אָטעם, כּוח, פאָרעם, סטיל — אַזוי, אַז מען זאָל זען, הערן דאָס אייגענע קול.

אָט וואָס עס דאַרף געזאָגט ווערן וועגן בערגעלסאָנען: אַז דו לייענסט אים, טוט ער זיך גלײַך אָן אויף דיר, ווי אַ כּישוף־רייף. אָטעמסט מיט זײַן, בערגעלסאָנס, לופט: מיט דער פּאָעטישער אַטמאָספער אין זײַן פּראָזע (טויזנט הבדלי־הבדלות צו שלעכטער השפּעה אויף שרײַבערס און נאָשערס, נעמערס פון אַנדערע, אַז דו לייענסט זיי, מערקסטו גלײַך, אַז וואָס עס איז גוט איז נישט זײַנס און וואָס ס'איז זײַנס — איז נישט גוט).

בערגעלסאָנס ייִדישקייט וואָרצלט אין אוראַלטן עבֿרית, אין ספֿר־הספֿרים. ער האָט אַפֿילו אין אָנהייב געשריבן אין עבֿרית. אַ דערציילונג „ריקות" א"אַנד. בערגעלסאָנס סטיל איז געוואָרן אייגן און אייגנציק אין דער ייִדישער ליטעראַטור: זײַן ליכטיקער טאַלאַנט — כאָטש אַ פֿאַרנעפּלטע, דעמערדיקע „נאָך אַלעמען"־ליכט — איז מיט אַ באַזונדערער טיפֿער שײַן אויפֿגעגאַנגען אויפֿן ייִדישן ליטעראַרישן הימל ווײַט אַריבער די גרענעצן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ווי אַ דעמב אַ פֿאַרצווײַגטער האָט ער זיך צעוואָקסן, אַרײַנגעוואָקסן אין ייִדישן לעבן. וואָרצלט אין לופּטיקן באָדן אויך מעבר־לים, ווו ייִדישע ליטעראַטור איז דערגאַנגען — לויט ב. ריווקינס טעאָריע — צו אַ ליטעראַטור־טעריטאָריע.

בערגעלסאָן איז דער מײַסטער פֿון געמיט־לאַנדשאַפֿט: פֿון טיפֿן פּסיכאָלאָגישן אַרײַנדרינג ביז די פֿאַרבאָרגנסטע נשמה־לאַבירינטן. דאָס בשותּפֿותדיקע פֿון ביידע — באַבעל מיט זײַן פֿראַנטאַלן שילדערן די מענטשן און בערגעלסאָן מיט זײַנע פּראָפֿיל־געשטאַלטן — באַשטייט אין דיאַמעטראַלן קאָנטראַפּונקטאַלן איבעררופֿן זיך.

בערגעלסאָן שטייט מכלומרשט פֿון דער זײַט, קוקט מיט אַ זײַטיקקלוגן קוקעלע: באַלכסוניש (בערגעלסאָנס אַן אויסדרוק), אָבער אַ דורכבעמיקער און אַרומנעמיקער קוק. ער שטעכט זיך אַרײַן אין פֿלייש פֿון דער שילדערונג ווי אַן אײַנשפּריץ־נאָדעלע: טוט וויי און — היילט. ער איז געגליכן צו אַ גוטן שווימער, וואָס שטייט, דאַכט זיך, לענגער ווי מ'דאַרף און שפּיגלט זיך אין וואַסער און, אַז ער מאַכט אַ נורעק, לאָזט ער זיך ווײַט און טיף אין ים — ים פֿון לעבן: ייִדיש־חסידיש, סוחריש־נגידיש, אָרעמדאָרן, מעקלערס, מיל־אייגנטימערס, וואַלד־דזשערזשאַווניקעס, בני־תּורה און ווילגעלערנטע: ייִדישע ייִדן, לערערס, איבּטעליגענטן און ווי ער דריקט זיך אויס, — אויסגעאיידלטע עם־הארצים. עס דינט אים דערצו געטרײַ זײַן סטיל, זײַן שפּראַך־אינסטרומענט — עלאַסטיש־סאַרקאַסטיש־איראָניש וואָרטבילד, די געדעמפּטע נישט־דערזאָגטע פֿילזאָגעוודיקייט.

מען טרעפֿט בײַ בערגעלסאָנען ווייניק נאַטור־שילדערונג. ער שילדערט די נאַטור פֿון מענטש. אים אינטערעסירט דער מענטש, זײַנע מעשׂים. אויך דערמיט רופֿט ער זיך איבער מיט זײַן פֿאַרגייער — יצחק באַבעל. מ'קאָן אויך, אין דעם זין, ציִען דעם פֿאָדעם צום דריטן, יצחק

באַשעוויס. אויך דאָס וויניק פּלאַסטישע (אין קעגנזאַץ צו זײַנעם אַ מיט־צײַטלער, ש. אַש מיט זײַן מאַלפּענדזל און פּלאַסטישער שיינקייט) — איז בײַ בערגעלסאָנען פּערזאָניפיצירט. אין מיטן פון אַלץ, איבער אַלץ שטייט בײַ בערגעלסאָנען — דער מענטש.

יוסף שור איז בײַ בערגעלסאָנען אַ מין יחזקאל גאַמבינער פון ש. אַש. אלא־מאי? יחזקאלס שטוב איז פול מיט אורחים, מיט סוחרים, מיט קינדער, שנורן, איידעמס, בעת יוסף שור האָט ליב שטילקייט און אַליין איז ער אַ שווײַגער. אַזוי אויך יעקב־נתן ווידערפּאַלער. אַ ציטאַט פון „יוסף שור": „מיט אַ געדאַנקען־פּאַפּיראָס, וואָס נאָכן אויסרייכערן ביזן שפּיגעטער, קערט ער זיך באַלד איבער אויף אַ זײַט. דאָס שטאַרקע גלעזל ווײַן מיט דער בעכטיקער נישט־דערשלאָפענער נאַכט פּאָדערן אַ געשמאַקן שלאָף. דער גוף פּאָלגט". בעת אין אַשס שטעטל איז אַלץ שיין, אַ חן ליגט אויף אַלץ אויסגעגאָסן — יאָגט אָן בערגעלסאָנס לאַנדשאַפט אָן אומעט, אַ פאַרבאַרגענעם טרויער, אַ בענקעניש באַלויכטן פון אַ דעמערשײַן. איך ציטיר:

„דעם רבינס גרויסער הויף האָט שוין זיבט עטלעכע יאָר געהאַלטן אין איין וועלקן. יעדער צימער איז פול מיט דורותדיקע סודות, מיט צו־להכעיסן און מיט קריג".

נישט דאָ איז דאָס אָרט, ס'איז אויך נישט מײַן כוונה צו קאָנפראָנטירן ביידע גרויסע פּראָזאַיקערס. איך וויל באַטאָנען דעם שינוי, דאָס קינסט־לערישע וואַקלען זיך און פאַלן פון גרויסן, אָריגינעלן בערגעלסאָן אין לעצטן עטאַפּ פון זײַן לעבן און שאַפן און די סיבות דערצו, וואָס זענען אונדז גוט באַקאַנט. כּדי דאָס צו באַשטעטיקן וועלן מיר זיך דאָ אַ ביסעלע ברייטער אָפּשטעלן.

אַפילו מע זאָל אָננעמען, אַז דוד בערגעלסאָן האָט באמונה־שלמה געגלייבט, דיכטעריש אויפגענומען און געוואָלט אַרויסברענגען די נײַע סאָוועטישע ווירקלעכקייט אין איר פּסיכאָ־עקאָנאָמישער מעטאַמאָרפאָזע און גיין אויפן דינעם שטריק פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם" — איז עס אים קינסטלעריש נישט געלונגען, ווײַל — עכטע קינסטלערס קאָנען פון זיך נישט אַוועק.

נײַ־געשטאַלטונג מיט יידישער אינטערפּרעטאַציע, אַלט־נײַער יידי־שער נוסח: סאָציאַליסטישער בוי און איבערבוי, שינוי, אַזוי צו זאָגן,

פון יידישער פּסיכיק לויטן באַקאַנטן זאָג „שרײַבערס דאַרפן זײַן די אינזשענירן פון דער מענטשלעכער נשמה" — האָט זיך נישט נאָר נישט אַנגעטאָן ווי אַ כּישוף־רייף אויפן לייענער, נײַערט — דאָס פאַלשע כּישוף־וואָרט האָט זיך געשיילט, אָפּגעטאָן פון תּוכן, געפעלשט דעם טאָן. און דער טאָן מאַכט דאָך די מוזיק...

נישט געווינג, אַ פּנים, שפּראַך־אינסטרומענט און קינסטלער־סובלימאַציע צו קאָנען ספּראַווען זיך מיט אַ נײַער רעאַליע, וואָס האָט זיך צום דיכטער, שרײַבער גופא נישט געקלעפּט, איז פרעמד געווען זײַן גײַסטיק־פּסיכישער וועלט: ייִד און מענטשבאַנעם.

אין יענע יאָרן האָט מען זיך וויניקער — און נישט אָן כּוונה — אָפּגעשטעלט אויף דער ליטעראַריש־קינסטלערישער ווערט פון שאַפן. באַזונדערס אויף דער יידישער גאַס, סײַ אין דער דיכטונג, סײַ אין דער פּראָזע, וואָס זייער קינסטלערישע ירושה האָט באַדאַרפט פאַרקערפּערן די העכסטע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און פון דער קלאַסישער רוסישער און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט. דער ליטעראַריש־קינסטלערישער דויערנדיקער ווערט פון בערגעלסאָנס פּראָזע פון לעצטן פּעריאָד איז דעריבער שטאַרק געפאַלן.

וואָס מער, וואָס נענטער די טעמאַטיק איז געהאַלטן געוואָרן אין די גרענעצן פון דער מדינה, אין וועלכער די ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, אַלץ מער האָט זי זיך דערווײַטערט טעמאַטיש און קינסלעריש פון די פאַר־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור־שטרעמונגען און שטרעבונגען.

די נײַע אידעאָלאָגישע פאָדערונגען האָבן דערפירט צו סכעמאַטישקייט: צו אידעאָלאָגישער און אַקטועל־טאַקטישער צילבאַוווסטקייט. דאָס האָט צוגענומען דאָס אָרט פון עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט, פון באַנײַערישער מעטאַפאָריק, פון פּאָעטישן ליריזם.

✶

שפּראַך פון אַ פאָלק איז אַ סך מער ווי אַ שלל ווערטער. שפּראַך איז אויסדרוק פון פאָלקס נשמה.

איך וועל פּרווון אילוסטרירן דאָס אויבן געזאָגטע מיט עטלעכע, ווי ווײַט מעגלעך קליינע ציטאַטן פון דרײַ דערציילונגען פון די יאָרן 1935—1945, די דערציילונגען „אַ צענגרובלדיקער", „גראָד זי", „אַן עדות".

דערציילונגען אויפן פאַן פון סאָוועטישן לעבן: קאָלכאָז, מושב, דאָרף. די געשטאַלטן זענען געטריַי געשילדערט. בערגעלסאָנס וואָרט־אינסטרו־מענט שפּילט, אָבער — האָסט דעם איַינדרוק, — אויף אַ פרעמדער חתונה... ס'איז דער בערגעלסאָנישער גאַנג אָבער אַ ביסל אַ... וואַקלדי־קער. די פּאָעטישע אַטמאָספער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, איז דאָ — דעקאָראַציע, אַז איר ווילט — וואָרט־אָרנאַמענטיק. די בילדער, די מענטשן — רעדן נישט צו דיר. דו הערסט רעדן דעם דיכטער, אָבער זיַינע ווערטער האָבן נישט אין דיר קיין אָפּקלאַנג. וויַיל ס'איז שווער, למשל, פון אַזאַ טיפּ, ווי אַ שטייגער ש. אַשס יחזקאל גאַמבינער, צי פון תהילים־ייִד, צי פון שלום־עליכמס אָדער אברהם רייזענס אָרעמע־לייט, וואָס דערהייבן זיך בנשמה־יתרהדיק ביַי שבתדיקע טישן — מאַכן פון זיי קאָלכאָזניקעס, ייִדישע מושבניקעס אויף רוסי־שער ערד.

דאָס עלעגיש־טרויעריקע, דאָס קלוגע באַלכסונישע קוקעלע בערגעל־סאָנס ווערפט אָן אַן אמתן טרויער, גרויען ערדישן אומעט און וועקט אַ מיטגעפיל צום קינסטלער... ווי געזאָגט, ס'איז דער זעלבער בערגעל־סאָן, אָבער דאָס איראָנישע שמייכעלע איז טעאַטראַליש, טראַגיש־קאָמיש. ס'איז בערגעלסאָנס גאַנג, אָבער אַן אַנדער הילוך. אין דער דערציילונג „אַ פרומע פריצה" האָבן מיר אַ קו פון דאָרף, וואָס גייט פאַרלוירן. מע געפינט זי אָפּ. דער צער פון פאַרלוירן גיין, די פרייד פון אָפּגעפינען זי — איז קיין צער נישט, איז קיין פרייד נישט, וויַיל, ווי האָבן געזאָגט אונדזערע מאַמעס:

„ניע מאַי קאָן, ניע מאַי וואָז".

דאָס פעלד, די קו, די באַלעבאַטישקייט — אַלץ איז דעם שריַיבער פרעמד און פרעמד צום געמיט פון לייענער. ס'איז נישטאָ קיין קינסטלערישע איבערלעבונג. ס'קומט נישט פון איַנעווייניק. ס'קומט פון אויבן... ווי קאָן אַ קינסטלער, אַ שריַיבער זיך אידענטיפיצירן מיט אַזאַ רעאַליע, דינען מיט זיַין פען אַ באַשטימטן אידעיִשן לאַגער אין אַנבליק פון אַזוי פיל לאַגערן?...

נישטאָ דאָ די „אַפּגאַנגישע" וואַרעמקייט פון מירעלע און מלך, פון דעם אינטעליגענטן, מעלאַנכאָלישן פּענעקן. נישטאָ די דין־ביוואַנסירנדיקע, מיַיסטערהאַפטע רעאַליזאַציע פון קינסטלערישן וואָרט, פּראָזע. דער מוח־

עלעמענט, דער בערגעלסאָנישער, איז דאָ נישט פאַרווייכט און באַהאַרצט מיט ליריזם, מיט איראָניע, מיט קלוגן צערפולן שמייכעלע, ווי אין „ביים דניעפּער", „נאָך אַלעמען", „יוסף שור".

נישטאָ דאָ דער כּוח פון פּסיכאָלאָגישן ראַעליזם. כּדי נישט צו פיל אוועק אין אַ זייט פון דער טעמע — ווען מיר אַריבערגיין צום דריטן „בית" — באַשעוויס, ס'זאָל אים קיין בייז נישט שאַטן — וואָס לעבט און שאַפט.

יצחק באַשעוויס איז געבענטשט נישט נאָר מיט טאַלאַנט, וואָס דערהייבט ס'וואָרט, דאָס פּשוטע יידישע וואָרט, יידישן גורל, שטייגער, צו העכסטער דערגרייכונג פון יידישער ליטעראַטור, יידישער פּראָזע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מיט זיין ממשיך זיין די קינסטלערישע ירושה — האָט יידיש־שאַפן דערוואָרבן אַן אָרט אין פּאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

זיינע שדים, רוחות, פּיפּערנאָטערס, די זאַבאַבאָנעס זענען אַזוי אַלט, ווי די וועלט, ווי דער מענטש זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די צוויי פיס:

זינט דער האָמאָ־סאַפּיענס האָט מיט זיין וואָרט אָדער ערב־וואָרט־ציטער אויסגעדריקט זיין פּחד פאַר דער נאַטור און גאָט־דערשיינונג — בליץ, דונער, רעגן, זון, לבנה, שטערן. דערפאַר איז זיין וואָרט, וואָס עלטער — אַלץ ניי־מאָדערנער און תּמיד — אַקטועל.

באַשעוויסעס פּראָזע געהערט, בכן, צו דעם מין קונסט — כאָטש פון אַלטע, און אפשר מחמת די אַלטע פאָרמען — וואָס ווערט קיין מאָל נישט פאַרעלטערט.

מען געפינט אין זיינע ווערק פּראָבלעמען פון אַנגסט, פאַרלאָרנקייט, אַ באַרען זיך פון מענטש מיט אינערלעכע מיסטעריעזע כּוחות, וואָס האַלטן אַלץ נאָך דעם בן־אָדם אין דער מורא פון קדמון־מענטש. זענען דאָך אָט די פּלאָנטערנישן, וואָס באַשעוויס ברענגט אַרויס מיט איראָניע און דינעם הומאָר — אגב, דאָ רופט ער זיך שטאַרק איבער מיט בערגעלסאָנען — אַמאַליק, הײַנטצײַטיק און אַלמענטשלעך.

זיינע פאַנטאַסטישע מעשׂיות, די פאַנאַטישקייטן, וואָס נורקעווען טיף אין דער מענטשלעכער עמפּינדונג, די זיטן, איינגנשאַפטן, זענען די

נחלה פון יעדן מענטש אומאָפּהענגיק פון צײַט, אָרט, פאָלק. אָט דאָס אוניווערסאַלע וואָס ווערט מיט אַ סך דערפאָלג, קינסטלערישן אייגנאַרט, ייִדיש־שטייגעריש אַרויסגעבראַכט דורך באַשעוויסן — איז אויך כאַראַקטע־ריסטיש פאַר בערגעלסאָנען ביזן לעצטן פעריאָד פון זײַן שאַפן און וואָרצלט אין דער רויער ערדישקייט פון יצחק באַבעלס ייִדישקייט. און דאָס איז: טרויער, באַדויער, אמונה, כפירה, סתירה, ספקות.

אין די ראָמאַנען: „דער שטן פון גאָרײַ״, „פאַמיליע מושקאַט״, „דער הויף״, „דער קנעכט״, כמעט אין אַלע דערציילונגען — איז דער מעטאָד, ווי בײַ באַבעלן, אַ פראַנטאַלער.

אויב עס גייט אין ליטעראַרישער פאָרעם, געפינט מען סײַ בײַ באַבעלן, סײַ בײַ בערגעלסאָנען, סײַ בײַ באַשעוויסן דעם קורצן זאַץ, די פּראָזע וואָס מאַכט קרעפטיקער דעם סטיל, אידעע און בילד — קאָנצענטרירט אין אַ שמאָלער ראַם. דאָס מאַכט מעכטיקער, ווירקזאַמער דאָס דער־ציילטע. בכלל איז ס׳איינפּרעסן אַ גרויסן געדאַנק אין אַ קליינעם פאָרנעם — אַ צייכן פון הויכער חכמה. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש, אייגנטימ־לעך פאַר אַלע דרײַ.

אויך תוכנדיק קאָן מען געפינען בײַ די דרײַ, — דער עיקר בײַ בערגעלסאָן־באַשעוויס — דאָס גריבלען זיך, פּרוּוון דערגרונטעווען זיך צום מענטשנס פּסיכאָלאָגישן מעכאַניזם מיטן אַנטפּלעקן די פאַטאַליטעט אין דער מענטש־עקסיסטענץ: אין זײַן גורלדיקייט, אין זײַן הילפלאָזיקייט. ווי געזאָגט — יעדער איינער אויף זײַן שטייגער, מיט זײַנע קינסטלערישע מיטלען, מעגלעכקייטן, לויט זײַנע מאָדעלן.

באַבעל מיט זײַנע רויע שטיקער לעבן און לעבעדיקע, באַוועגלעכע מענטשן. בערגעלסאָן מיט זײַנע פּראָפיל־געשטאַלטן, מיט זייער קנאָפּ־וואָרטיקייט און געהעמטע, כמעט סטאַטישע מעשׂים, האַנדלונגען. באַשע־וויס מיט זײַנע שוסטערלעך און שנײַדערלעך, מיט זייער שוין נישט־קליינער לעבנס־פילאָסאָפיע: מיט זייערע קלענערע און גרעסערע תאווה־געפילן, נשמה־ראַנגלענישן.

נישט נאָר תאווה־געפילן, אלא — תאווה בפועל־ממש טרעפן מיר בײַ באַשעוויסן. איז אפשר ריכטיק די מיינונג פון אונדזער באַקאַנטן פּאָעט־קריטיקער יאַנאַסאָוויטש וועגן באַשעוויסן, אַז „אָפט מאָל דאַכט

זיך אויס, אַז באַשעוויס וויל זאָגן, אַז די מאָראַלקייטן, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם מענטשנס נאַטור, פירן נאָר צו פאַרקריפּלונג". וועלן מיר זיך נישט אַרײַנלאָזן אין דער סוגיא באַשעוויסעס העלדן, הויפּט־העלדן מיט זייערע תאווה־אינסטינקטן. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און איז לגמרי נישט נייטיק, נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזי־קער אַרבעט.

נאָך אַ מאָל איז יאַנאַסאָוויטש גערעכט ווען ער זאָגט: „סעקס פאַר־נעמט אַ הויפּטאָרט אין באַשעוויסעס שאַפן, אָבער נאָר ווי אַ פּריזמע דורך וועלכער מיר זעען די מענטשלעכע נאַטור אין איר פּיַיער־נסיון".

*

באַשעוויסעס געשטאַלטן — באַוועגלעך, אימפּולסיוו. ער איז אָפּע־נער פון בערגעלסאָנען אין דער ליבשאַפט צו זיי.

בערגעלסאָן, וואָס סימפּאַטיזירט נישט צו פיל מיט זײַנע העלדן בכלל — איז אין זײַן אַזוי גערופענער „אומליבע" — די צווייטע זײַט פון דער מטבע ליבשאַפט. אַזוי, אַ שטייגער, ווי ס׳בייזערן זיך פון ממו״ס, וואָס האָט טיף אין האַרצן ליב געהאַט די יידן. דווקא בײַם שילדערן די סאָוועטיזירטע יידן באַמיט זיך בערגעלסאָן פּראָנטאַלער זײַן אין זײַן סימפּאַטיע צו די מענטשן. עס געלינגט אים אָבער ווייניקער, מחמת — דאָס איז די צווייטע זײַט פון דער מטבע פון זײַן אומליבע צום סאָוועטישן רעזשים.

דאָ בעט זיך ציטירן איינעם פון די קריטיקערס־קאַפּאַציטעטן — שלמה ביקל — וואָס זאָגט צווישן אַנדערן אין זײַן עסיי „אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור": „באַשעוויס און בערגעלסאָן זענען צוויי שטראָמען, וואָס צעטיילן דאָס לאַנד פון יידישער פּראָזע אויף צוויי גרויסע השפּעה־ספערעס פון סטיל און געשטאַלטונג" און איך גיב צו: דאָס בשותּפותדיקע פון ביידע באַשטייט אויך אין גריבלען זיך, אין וועלן אונטערציִען סך־הכּלען — אין אַלע זייערע קנייטשן און קנייטשעלעך — און קיין מאָל קומט מען נישט צו אַ טאָלק. ס׳באַקומט זיך אָפּט, אַז נישט דער סך־הכּל איז וויכטיק, נאָר — ס׳גריבלעניש.

דאָס בשותּפותדיקע אין אַלע דרײַ (אויב מ׳קאָן נעמען אונטערן טלית „עם כל הנערים" דרײַ שרײַבערס בכלל, און אַזעלכע בפרט) — באַשטייט

אין קינסטלערישן אַרויספּרעסן דאָס סאַמע עסענציעלסטע, דאָס סאַמע תמציתדיקע פון דער מענטשלעכער נשמה.

בערגעלסאָן — קאָנצענטרירט אין בילד, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין געפיל, אין געדאַנק. ס׳בערגעלסאָנישע בילד, וואָס מ׳קאָן פאַרגלײַכן צו אַ גאָלדיק, דעמערדיק־פאַרנעפּלטער, קילער אָזערע מיט איר טיפן וואַסער־שפּיגל.

באַשעוויס — אַ ריזלדיקער קוואַל מיט וואַרעם־צעזונגענע כוואַליעס, וואָס מיניען מיט זייער טיפער קלאָרקייט און יאָגן מיט באַרגיקן אימפּעט, צילבאַוווסט, צום גרויסן ים פון וויסן און מענטשלעכער חכמה.

האַלט מען שוין בײַ אַנאַלאָגיעס — קאָן מען באַבעלס שאַפן פאַר־גלײַכן צום רוישן פון אַ טײַך בשעת אַ שטורעם. אַ רוישיקער טײַך אין שטראָמיקן לויף, אין אַן אייגענער אַרביטע, יאָגט צום מקור, צום אַרויס־קוועל און אויסשפּרייט פון יידישן שאַפן מיט אַ צופלוס פון נאַטירלעכן כּוח און קאָלאָריט. נישט אמת, אַז ווען דאָס געוועט האָט דאָס וואָרט — שטומען די מוזעס. אלא־מאי? מען הערט נישט די ווערטער פון די מוזעס.

פאַרשטומט באַבעלס מוזע האָט די צוווילדעוועטע האַנט אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט. די זעלבע האַנט, וואָס האָט פאַרשטומט די מוזע פון בערגעלסאָן און אַנדערע — צען, צוועלף יאָר שפּעטער. די לעצטע צוויי — בערגעלסאָן און באַשע־וויס — זענען, קאָן מען זאָגן, מוסטערן פון שעפערישן אָנרעג אין סטיל און סטימולירונג. זייער השפּעה איז אַ גרויסע און אַ דויערנדיקע.

באַבעל מיט זײַן יידישקייט, פּלוס צײַט און אָרט־אַטמאָספער, סביבה פון גויִיש־עטנישן אַרום — איז מוסיף צו אָט דער דויערנדיקער השפּעה. און אויב ס׳טרעפן זיך נישט זייערע וואָרצלען אונטן אויף דער ערד — טרעפן זיך ווײַט איבער די ספערעס און ספירות, אויפן ליטעראַריש־היסטאָרישן הימל, אַריבער און איבער די וואָלקנס פון רישעות, קרומקייטן און פאַרקריפּלטקייטן — די קרוינען פון די דאָזיקעביימער. דער רויש און דער ריח פון זייערע בלעטער — בלעטער וואָס גרינען און בלעטער וואָס מיר לייענען — רייניקן די פאַרפּעסטעטע לופט, וואָס מיר אָטעמען אַרײַן אין זיך: ס׳רוישן — מוזיק פאַרן אויער און אַ היילונג פאַר די נשמות, אויסגעהונגערטע נאָך שיינקייט און זאַט מיט אַנטוישונג.

אַלע דריַי פּראָזאַיִקערס, מיט זייער רעאַליזם און אידעאַליזם — אין פלוג קעגנזעצלעכע שטראָמען, אין מהות — איינס, ווי גוף און נשמה — אַלע דריַי וואָרצלען ערגעץ אין מענדעלע־שלום־עליכם־סטיַיל.

פון באַבעלן ביז באַשעוויסן — אויף לאַנגע, שעפערישע יאָרן — מערקט זיך אַ שטאַרקער אויפשטיַיג פון יִדישער, מאָדערנער פּראָזע.

אַלע דריַי זענען היסטאָריש־נאַציאָנאַל, יִדיש־פאָלקיש.

די מערכה פון ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער טעמע וועל איך הײַנט פּרוּוון זיך אָפּשטעלן סײַ אויפן ליד אין עבֿרית און אין ייִדיש, סײַ אויף דער פּראָזע אויף דער ייִדישער און נישט־ייִדישער גאַס: דאָס וואַרצלען און וואַקסן, די ירושה און השפּעה פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור אין ישׂראל און מעבֿר־לים — בעיקר אין אַמעריקע.

עס איז זיך נישט צו באַקלאָגן אויף דער ליד־גערעטעניש. דער בוים פון ייִדישן ליד וואַקסט און בליט אויפן היגן באָדן מיט אַלע ריחות און טעמים.

איז נישט גענוג צו זאָגן: „מה נאה אילן זה״. ביז וואַנען גרייכן די וואָרצלען פון בוים? פון וואַנען ציט ער יניקה?

מוז מען אויף אַ ווײַלע זיך אומקערן צום נאָענטן עבֿר: צו דער התחלה פון דער התישבֿות, צו דער חלוצישער באַוועגונג, ווען זי איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך. די פּאָעזיע איז געווען סײַ דאָס וויגליד, סײַ דאָס קינד — אויסגעטראָגן און געבוירן פון יונגן ייִשובֿ. דאָס איז געווען אַ זאָרגלאָז, געזונט געזאַנג פון אַן אויפגײַענדיקן טאָג: אַ שווערער, האָרעפּאַשנער טאָג מיט אַ מודה־אני פון אַן אויסגעחלומטער ווירקלעכקייט. אַ וואָרער חלום פון מענטשן, מיט צעאַקערטע הערצער פון ליבשאַפט צו לאַנד און ערד. רויער פּײַזאַזש. געדולדיק־שווערלײַבי־קער גאַנג פון קעמל. האָפּסלענדיקער טראָט פון אײזעלע. די פּירדה בײַם אַקער אויף שטיינקע און באַרגיקע פעלדער. ייִדישע פּויערים גייען נאָך דעם אַקער און דרייען נישט אָפּ דעם קאָפּ אויף צוריק. — די וואָס האָבן יאָ אָפּגעדרייט די קעפּ אויף צוריק — אַזעלכע זענען תמיד געווען בשעת און נאָך אַלע עליות — האָבן דאָ געלאָזט זייערע הערצער און זייערע האָפענונגען.

ביזן אויפקום פון מדינת־ישׂראל איז דאָס ליד, בכן, געווען אַדורכגע־דרונגען מיט אידעאַלן, רײַך אין נשמה־דערהויבנקייט. מאָראַלישע גבורה און גבורה פון — און פּאַר — טאָג־טעגלעכן קיום.

דאָס איז געווען דער, אַזוי צו זאָגן, ראָמאַנטישער טעפּעך אויפֿן היגן באָדן, אויף היגער לאַנדשאַפֿט: לאַנד — שאַפֿט.

מיטן אויפֿקום פֿון דער מדינה, ביי זאַטער זאָרגלאָזיקייט און כּמעט פֿאַרפֿונדעוועטע היימען — טראָץ און אפֿשר מחמת די מלחמות און אומרוען, וואָס האָבן אין סך־הכּל געפֿירט צו נצחונות — האָט דאָס ליד פֿאַרלוירן פֿון דער יסודותדיקייט. אָט דער לאַנגער וועג פֿון בויען און קעמפֿן, פֿון פֿרייד און יסורים, פֿון אַבדות צו זעלבשטענדיקייט, דער וועג פֿון אַ דור — האָט, פּונקט פֿאַרקערט ווי מ'האָט געמיינט, פֿאַרקירצט דעם זכּרון פֿון דור „תּוצרת־הארץ" און די פֿאָעטן צווישן זיי. נישט דאָ איז דאָס אָרט פּסיכאָלאָגיש, ברייטער זיך אָפּשטעלן אויף דער דערשיינונג, וואָס האָט אויך אירע, אפֿשר באַרעכטיקטע סיבות. עס איז אָבער אַ פֿאַקט:

דאָס ליד האָט אָפּגעוויינט פֿון וועג: אָפּגעשיילט, אויסגעשיילט דאָס וואָרט פֿון תּוכן, פֿון מהות און אמתדיקער ממשות, פֿון פּשוטן קינסטלע־רישן לשון פֿון מענטש צו מענטש.

לייענענדיק ס'רוב פֿון היינטיקע לידער, דאַכט זיך, אַז די טרינקסט פֿון אַ ליידיקער כּלי פֿון וואַנען עס שלאָגן — ווו נישט ווו — אויסגע־דעמפּטע ריחות פֿון אַלטן גוטן ווײַן. און מיינען מיין איך בעיקר דאָס העברעישע ליד: דאָס ליד אויף דער העברעישער גאַס.

אַנדערש איז דער ריטעם פֿון יידישן ליד נאָך דער באַפֿרייונגס־מלחמה. דער דיכטער, דער נײַער עולה — אַ פֿאַראַנקערטע שיף געלאָדן מיט בענקשאַפֿט, קרענקשאַפֿט. טרויער און טרייסט. ווער מיט אהבת־ישראל, ווער — מיט שינאת־מרדכי, ווער — מיט ביידע. מאָסן־עליה. פֿון ווײַטן און „ווײַסן" אייראָפּע, וווּ כּבוד־אָדם און כּבוד־אלוהים האָבן זיך געוואַלגערט אין בלוט, אין מיסט, אין צואה. און קליינע, רויטע יידעלעך פֿון אָריענט אויף כּנפֿי־נשרים — פֿליגל פֿון חלום און וויזיע. צווײַגן פֿון איבערגעהאַקטעביימער. אַ וואַלד פֿון געזאַנג און געוויין. טרערן פֿון פֿרייד און האָפֿענונג האָבן באַרעגנט ס'געוואַסער אַ צעשניטענס פֿון צעבראָכענע שיפֿלעך מיט צעבראָכענע לעבנס. פֿון אַ באַרג מענטש־שנוואַרג האָבן זיך אויסגעוויקלט קעפּ, פּנימער, אויגן — האַלאָוועשקעס מיט אָפּגלאַנץ פֿון געלאָשענע פֿײַערן.

צווישן אַלע, מיט אַלע, שטייט ער — דער דיכטער — מיד פון גענאַרטקייט און פון — גלויבן: זאַט מיט מרידה און פֿרעמדקייט — הונגעריק־פאַרבענקטער צו מענטש און צו גאָט, וואָס האָט אים פאַרגעסן.

אַ ריטעם פון אַ נײַ לעבן דערגייט צו זײַנע אויערן. העכער פון קעמל־און אייזל־טריט און האַסטיקער הערט זיך ס'איבעררופן פון אַרבע־טערס אויף רושטאָוואַניעס: ס'קלאַפּן פון שווערע האַמערס. מען גראָבט פונדאַמענטן. מען גיסט דעכער. מען האַקט אויס פרדסים. מען קאַרט־שעוועטביימער (ווען די ביימער וואָלטן געקענט רעדן? ווען די ביימער און ביימעלעך וואָלטן געקענט דערציילן מיט וויפל מי און שווייס און בענקשאַפט, מיט וויפל האָפענונג און געזאַנג אויף ליידיקע מאָגנס, מיט מאַלאַריע־קראַנקייטן — מען האָט זיי אויף דער דאַזיקער ערד געפלאַנצט?...)

שווערע בולדאָזערס רײַסן, בײַסן דעם באָדן, אַ ברוין־פאַרברענטער, אַ צעשפּאָלטענער פון באַקנדיקער חמימה.

דאָס פּנים פון דער לאַנדשאַפט — אַ מעטאַמאָרפאָזע. נײַער פּייזאַזש. אַנדערש דער מענטש און זײַן מראה.

דער טראָט אויף דער ערד ווערט פעסטער, זיכערער. ס'בלויע פּאַסיקל הימל איבערן קאָפּ וואַרעמט דאָס האַרץ — אַ צעאַקערטס פון ווי און ליבשאַפט.

דאָס נײַע לעבן — אַ צעבראָכענער שפּיגל קעגן דער זון. דער דיכטער קלײַבט ברעקלעך ליכט.

די יונגע שירה איז, ווי אין חזון פון יחזקאל:
„און אַ נײַע נשמה וועל איך אײַך געבן".
פול מיט עמאָציע און וויזיע איז די נײַע שירה.

די ווערנדיקע, געבערנדיקע כּוחות פון היגן לעבן הימלען אויף אין דיכטער דעם געווירשנטן גלויבן פון ווידערגעבורט, פון אַ נײַעם בראשית. אַ נײַער בראשית מיט אַלע חנען און חטאים. און גוט אַזוי, מחמת גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און דעם חטא, כּדי דאָס לעבן זאָל האָבן אַ קיום. — אָנעם חטא וואָלט אפשר קיין המשך נישט געווען. —

נישט פאַראַן בלויז גוטס. כּולו טוהר און תום מיינט — סטאַגנאַציע. מען טאָר אָבער נישט און מען קאָן נישט אויפנעמען אַ געזאַנג, אַ ליד, וואָס איז פול מיט פאַרניינונג אָדער — ליידיק פון תּוכן.

איך מיין, ווי געזאָגט, ס׳רוב פון די לידער אויף דער העברעיִשער גאַס: די שירה פון לעצטן נאָכפלמ״ח־דור.

אַנדערש איז די מערכה פון ראָמאַן. מיטן פאַרשניטן ווערן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, איבערגעהאַקט גע־וואָרן דער אָטעם פון ייִדישן שטייגער־ראָמאַן. ייִדישער שטייגער איז געווען שפּרודלדיקער קוואַל פאַר ליד און בעיקר פּראָזע פון ביידע זייטן אָקעאַן זינט דער השכלה־עפּאָכע, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען פאַרשפּעטיקטער רענעסאַנס אויף דער ייִדישער גאַס.

ביזן חורבן איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די פּראָזע־ירושה פון די קלאַסיקערס, פּראָזע־מייַסטערס, בערגעלסאָן, דער נסתּר, אַש, וויַסנבערג, שניאור, אָפּאַטאָשו, פּינסקי, קולבאַק, טראַץ און אפשר צוליב דער אַנדער־שקייט פון די לעבנס־פאָרמען, באַדינגונגען און רעזשימען בײַ וועלכע די קינסטלערס האָבן געלעבט און געשאַפן.

און דאָ? — נישט וויכטיק איז די שפּראַך — ברענער, ביאַליק, בערדיטשעווסקי, עגנון: בײַ אַלע, בײַ וועמען מער, בײַ וועמען ווייניקער, בײַ אַלע טרעפן מיר גלחים, סטראַזשניקעס. מיר הערן אַ בילן פון הינט אין גויִישע פאָדווירעס. פּחד, גבורה פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידער־שטאַנד: גירוש, עמיגראַציע. ביטערע ייִדישעווירקלעכקייט און — זיסע חלומות. ייִאוש און גלויבן. ייִדישע העוויה און ייִדישער רעקוויזיט. טראַדיציע. מיט איין וואָרט: ייִדישער שטייגער אין העברעיִשן לבוש.

קליינע און ווייניק — אויך ווייניק־געלונגענע — זענען געווען די אויסנאַמען פון פּרווון דערלאַנגען ייִדישן שטייגער אויפן פּאָן פון אַמע־ריקאַניזירטן ייִדישן לעבן: ש. אַש בעת זיַין זיצן עטלעכע יאָר אין אַמעריקע. אָפּאַטאָשו מיט זייַנע דערציילונגען פון אַמעריקאַנער לעבן. פּינסקי — „נח עדאָן״, „דער אוצר״ און די נישט־פאַרענדיקטע משיח־דראַמע.

דאָס גלייַכן דאָ — איז די מערכה פון ראָמאַן, פון ייִנגערן דור שרייַבערס, נישט בעסער אויף דער העברעיִשער גאַס: עמוס עוז, משה שמיר, אַהרון מגד, חנוך ברטוב, נתן שחם, מוסנזון. די סיבה — דאָס פעלן פון שטייגער.

סײַ דער היסטאָרישער ראָמאַן „מלך בשר ודם״, „הוא הלך בשדות״ פון שמיר, „יהודה איש קריות״ פון מוסנזון, „פצעי בגרות״ פון ברטוב

און „החי על המת" פון מגד — באַוויַיזן ווידער און אָבער, אַז קיין ניַיער שטייגער איז דאָ־הי נאָך נישטאָ.

ניַיער תּוכן, וואָס זוכט תּיקון, פאַרעם איז נאָך לעת־עתּה נישט קיין שטאָף אויף שטייגער־ראָמאַן. דער חלל־ריק, וואָס איז געבליבן נאָכן אומברענג פון ייִדיש לעבן, לאָזט זיך נישט פאַרפּילן מיט אָנוווּרף פון ניַיער ווירקלעכקייט.

צו שוואַך און צו פלאַך איז דער דינער שיכט פון היגער ווערנדיקער, יווירנדיקער רעאַליע פאַר שטיַיגער־ראָמאַן. ראָמאַן איז בנין. בנין דאַרף באָדן. באָדן פאַר פעסטע, טיפע יסודות פון דורות לעבן, פון גורלדי־קייט.

און דער ייִדיש־ענגלישער ראָמאַן? סאָל בעלאָ, פיליפּ ראָט, בערנאַרד מעלאַמוד — פאַרבינדט נישט אַלע — צי זיי ווילן, צי נישט — די על־כּורחודיקע שיַיכותדיקייט צום שטאַם און אָפּשטאַם, ייִד און ייִדישקייט?

אַלע פאַרבינדט — טראָץ דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער טעמאַטיק, קינסטלערישער ניוואָ און כּוח פון אויסדרוק — דער ייִדישער מאָטיוו: דאָס נישט קענען, אפשר נישט וועלן אַנטלויפן, זיך דערוויַיטערן פון דער מסורה, וואָס וואָרצלט אין זיי און איז אַ חלק פון זייער שעפערישן מהות.

פון דאַנען שפּירט זיך אין זייערע ביכער דאָס ליַידן פון אויסגעוואָרצלטקייט, פון אָפּגעפרעמדקייט, פון זוכן אידענטיטעט: בענקשאַפט צו ייִדישקייט, צום שורש. צו דעם, וואָס זיי פעלט. ווילן עס פאַרלייקענען, פאַרשריַיען, פאַרביַיטן מיט פרעמדן, אַדאַפּטירטן כּמו־שטייגער: ווילן זיך באַפריַיען פון אַלטן און קיין ניַיס איז נישטאָ.

פון דאַנען ס׳קראַצן זיך אין די אייגענע ווונדן מיטן דערלאַנגען ייִדיש לעבן אין קרומען שפּיגל. פון דאַנען די רעטאָריק, דאָס עקסטראַ־וואַגאַנטע, עקספּערימענטאַלע אין סטיל, פאַרבראַקט מיט עראָטישן רעאַ־ליזם, אַזוי צו זאָגן, עולם־הזהדיקייט און שאָטן פון ניהיליזם. חוץ מזה — די אַלגעמיינע סיבה: דער דעמער, די שקיעה פון ייִדישן שטייגער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די אַמעריקאַנער חלב־ודבש־פּריַיוויליקע אַסימילאַציע־אַטמאָספער און אַסימילאַציע בפועל: גיַיסטיקער שמד.

די פּילפּעלקערדיקע אַמעריקע, אַגב, וויַיניקער האָמאָגעניש פון די ייִדישע ייִשובים אין אייראָפּע. די אַלגעמיינע סיבה איז, אייגנטלעך, אַ

קנויל פון סיבות, וואָס וויקלען זיך און אַנטוויקלען זיך צום רוע־מזל פון דער נאָכמלחמה־פּראָזע.

היינטיקע רעאַליטעט: דער מיזרח האָט אַנטוישט. אויפן מעריב פאַנעווען צעהוליעוועטער לאַנגווייל מיט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון ציניש צו נישט מאַכן מאָראַלישע ווערטן. אַזאַ פּענאָמענאַלער זכרון צו פאַרגעסן, וואָס איז ערשט נעכטן געווען און, וואָס קאָן זיין מאָרגן. — אַ נאָכמלחמה־דור און אַ נאָכוווּקס, וואָס דינט צום גאָלדענעם קאַלב און רוישט ווי דאָס ליידיקע פאַס אין קרילאָווס משל. —

קען אַזאַ דור זיין אַ גלייביקער, געדולדיקער לייענער פון שטייגער־ראָמאַן? גראָב־בענדיקע, לאַנגאָטעמדיקע ראָמאַנען, וואָס זענען געווען אַ קוואַל פאַרן דאָרשטיקן לייענער? ליכט און וואָרעמקייט האָבן די ביכער אַריינגעבראַכט אין די שטיבער: אָרעמע קעלערס־און בוידעמ־שטובן, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט „מאַרקס׳ קאַפּיטאַל״, דיסקוטירט איבער זאַקס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע״. אַ בוך דערציילונגען פון מאַקסים גאָרקי, בונין, „דער בלויער פויגל״ פון מעטערלינג און „די קליאַטשע״ פון מענדעלע מוכר־ספרים.

קען אַזאַ דור, וואָס האָט נאָך אין עמבריאָן איינגעזאַפּט און אַריינ־געזויגן אין זיך דעם פּחד און איצט — נערוועז־איבערגעשראָקן — אָטעמען מיטן קאָסמישן יאוש, וואָס אין דער אָנגעגליטער ערב־מלחמה־לופט, זיך צוקוקן צו דער אומבאַהאָלפנקייט פון בן־אָדם קעגן אַניאָגנ־דיקן שלעכטס — קען אַזאַ דור זיין אַ באַשטעלער, אַן אָפּנעמער פון שטייגער־ראָמאַן?

✶

איז געבליבן דאָס ליד, די דערציילונג, די נאָוועלע. בעסער געזאָגט: ס׳איז געבליבן די דערציילונג, וואָס האָט, דאַרף האָבן, די עלעמענטן פון ליד, עסיי. קלאָר, אַז אויך דער סטיל דאַרף זיין אַדעקוואַט פאַר דער פילדימענסיעדיקייט פון דער דערציילונג. פון דאַנען דער מאָדער־ניזירטער סיגנון, דער עקספּרעסיאָניסטיש־אימפּולסיווער זאַצבוי און די רעטראָספּעקציע. פון דאַנען אויך דאָס זוכן נייעם לבוש פאַרן דינאַמישן שטאָף, וואָס דאַרף זיך בעלעטריסטיש „אַנטאָן״ אויפן לייענערס געמיט: אויף די ווייניק־לייענערס, וואָס זוכן אינעם קורצן ראָמאַן אָדער לענגערער

דערציילונג דאָס אינטערעסאַנטע, אינטריגירנדיקע, דאָס שיינע, אַכזריות־דיק־נאַקעטע. נאַקעט, ווי דאָס לעבן, ווי די חי־שעה־צײַט, וואָס האָט מיטן אויפרײַסן די פריִערדיקע לעבן־פאָרמען, אויפגעריסן אויך די אַלטע פאָרעם פון ראָמאַן.

קיין נײַע פאָרמען זענען נאָך נישטאָ. נײַע דאַרף מען באַשאַפן. אַן אויסנאַם — און אפשר אַן אָנהייב — זענען אייניקע, דערוווּיל ווייניקע פּראָזאַיִקערס, וואָס זענען זיך בולט אַרויס ווי פעלדזנשפּיצן אין ים פון דער עקספּערימענטאַלער פּראָזע און פון היסטאָריש־אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן.

דער רוסישער סאָלזשעניצין, הײַנריך בעל און גינטער גראָס פון דײַטשלאַנד. אויף דער ייִדישער גאַס — די פינף בענד פון „ייִדישן ראָמאַן" פון מרדכי צאַנין, „ערב" פון עלי שעכטמאַן. דאָס זענען, קאָן מען זאָגן, באַגײַערס און באַפרײַערס פון אונטערגייענדיקן שטייגער־ראָמאַן, וואָס הייבן זיך אַרויס מיט זייער רעאַליזם און פּאָזיטיווער סימבאָליק: אַנטדעקערס און אויפדעקערס פון עוולה, שלעכטס און קרומקייטן פון די עקסיסטירנדיקע סיסטעמען: הומאַנע, גרויסע קעמפערס פאַר גוטס, שיינקייט, אינדיווידועלער, כּללישער און סאָציאַלער פרײַהייט.

איך ריזיקיר צו זאָגן: מען וועט נאָך צוריקקומען צום שטייגער־ראָמאַן, ווי מען קומט צוריק צו אַ מאַמען. אַן אַלטע מאַמע, אַ קראַנקע מאַמע, אַ צעבראָכענע מאַמע: מאַמע מיינט פונדאַמענט, יסוד און אפשר סוד פון סטאַבילקייט.

אָט וואָס שטייגער־ראָמאַן איז אין אַ ליטעראַטור.

פאַרן ייִדישן לייענער איז נאָך לעת־עתּה דאָס ייִדישע וואָרט — קדושה. די ליטעראַטור — קדשי־קדשים. ייִדיש איז סײַ די כּלי, סײַ דער ווײַן, אַ מאָל — אַ טרער. אַ טרער, וואָס דאַרף, ווי אַ דימענט, פאַלן און שנײַדן דאָס קאַלטע גלאָז פון גלײַכגילט פון אונדזער אומראַיעלער, מבולבלער צײַט.

מיר לעבן און שטיקן זיך אין אַ וועלט פון מאַשינען, קאָמפּיוטערס: איבערגעטריבענע מאַטעריעלע באַדערפענישן. די וועלט פון אידעען איז אַן אויסגעברענטע. פּוסטע חורבות פול מיט געפּלען און רויכן פון נאָך נישט אויפגעריסענע אַטאָמען. זיי סמען די נשמות. לינקע און רעכטע דאָקטרינעס זענען, ווי בערג, צעשאָטן געוואָרן פון די „ערדציטערנישן"

שלמה װאָרזאָגער

בשעת און נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה. מיר לעבן אין אַ תקופה פֿון בילבול המוחות און עירבוב התחומים.

יידיש שאַפֿן איז נישט איבערגעזױפּט פֿון שפֿע און שװוּל: רײַסט נישט אָבער מן החי פֿון הומאָרדיקן לעבן און שלעפּט נישט מיט דעם לײענער אין די לאַבירינטן פֿון מענטשלעכע שװאַכקײטן און נידעריקײטן פֿון פּרעס, סעקס און פּערװערסיע. װילט זיך דאָך און פּאַרט גלײבן אין מענטש, װאָס פֿאַלשקײט, אומצוטרױ צו אײנאַנדער איז בלױז אַ מאַסקע, אַ קליפּה. הינטער דער קליפּה, דעם מכלומרשטן פּאַנצער קעגן אַרומיקן שלעכטס באַהאַלט זיך אַ רײנע נשמה, אַ געלײַטערטע אין די גיהנום־פֿײַערן אױף זײַן בלוטיקן און מוטיקן זיגזאַגן־װעג: אַ פּינטעלע פֿון נצח־מענטש — באַהערשט פֿון אַ געטלעכן װילן און גלױבן, אַז:

יצר לב האדם טוב מנעוריו.

אין אַ פֿאַרהאַרטעװעטער צײַט לעבן מיר. פֿײַערן זענען איבער אונדז אַריבער. אומזיכער, מיסטעריעז איז דער מאָרגן. ער קלאַפּט אין די טױערן פֿון טעג: אין די טױערן פֿון אונדזערע הערצער. אָבער, װי האָט געזאָגט אַ פּאָעט:

װאָס געדיכטער די כמאַרעס, אַלץ שטאַרקער די בליצן: עס װעט דאָך בײַם רודער פֿון דער געשיכטע קײן סקעלעט נישט זיצן.

פון זעלביקן מחבר:

זנין, לידער, פאַרלאַג „פרײַהייט", מינכען 1948
ברויט, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1960
זאַמד, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1963
גורלות, ראָמאַן, פאַרלאַג „המנורה" תּל־אביב 1967
יאָרן, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1973
דאָ גייט אויף די זון, לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1975
9 סיפּורים (עברית), פון ייִדיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תּל־אביב תשל"ט, 1979
הי, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1982
אַזוי צו זאָגן, עסייען, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב 1985
אין טאַטנס שאָטן, פּאָעמע, גרייט צום דרוק